STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06396

GEFENGNIS-ERINERUNGEN FUN AN ANARKHIST

Alexander Berkman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



Alexander Berkman

אַלעקסאַנדער בערקמאַן

געפענגניס-ערינערונגען פון אַן אַנאַרכיסט

איבערזעצט פון מ. קאַטץ און א. פרומקין

ערשטער באַנד

ארויסגעגעבען פון מ. ע. פיטצדזשעראַלד
857 בראַדוויי, ניו יאָרק
1920

ארויסגעגעבען אין מאַי 1920

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 241

GRAPHIC PRESS, NEW YORK

צו די אַלע, וועלכע קעמפען אין און אויסער דעם
געפענגנים געגען זייער קנעכטשאַפט

פאָררעדע

איך ווינש, אַז יעדער איינער אין דער וועלט זאָל לייענען דיזען בוך. און ניט דערפאַר ווייל איך וואָלט וועלען, אַז מען זאָל זיך אָנשליסען אַן אירגענד וועלכער גרופּע פון סאָציאַל־פילאָזאָפען אָדער רעוואָלוציאָנערען. איך ווינש, אַז דאָס בוך זאָל פאַרשפּרייט ווערען און געלעזען ווערען פון אַ סך מענשען, דערפאַר ווייל דאָס וואָלט באַשטימט געווען אַ ביטראַג צו אמת׳ער קולטור.

בערקמאַנ׳ס בוך איז אַ בייטראַג צו די שריפטען, וועלכע פאַר־שפּרייטען ציוויליזאַציע; צוליעב פאָלגענדע אורזאַכען.

דאָס איז אַ מענשליכער דאָקומענט. ס׳איז אַ שווערע זאַך צו זיין אויפריכטיג. מעהר ווי דאָס, ס׳איז אַ ווערטפולע זאַך. זיין אויפריכטיג, הייסט האָבען אומגעוועהנליכע אייגענשאַפטען פונ׳ם האַרץ און פונ׳ם קאָפּ; אומגעוועהנליכע אייגענשאַפטען פון כאַ־ראַקטער. די ביכער, וועלכע פאַרמאָגען די דאָזיגע אייגענשאַפט, זיינען אומגעוועהנליכע ביכער. עס זיינען ניטאָ קיין סך אויס־דריקליכע אויטאָ־ביאָגראַפישע שריפטען, וואָס זיינען אויף אַ קענט־ליכען אופן אויפריכטיג; עס זיינען ניטאָ קיין סך דירעקט מענש־ליכע דאָקומענטען. דאָס איז איינס פון די דאָזיגע געצעהלטע ביכער.

ניט נאָר האָט דאָס דאָזיגע בוך דעם אינטערעס פונ׳ם מענש־ליכען דאָקומענט, נאָר ס׳איז אויך אַ שלאָגענדער באַווייז פאַר דער מאַכט פון דער מענשליכער זעעלע. אַלעקסאַנדער בערקמאַן האָט פאַרבראַכט פערצעהן יאָהר אין געפענגניס; אונטער פּיליכט מעהר ווי געוועהנליך־שווערע און שטרענגע באַדינגונגען. דאָס געפענגניס־לעבען איז עלול צו פאַרניכטען דעם קערפּער, אָפּשוואַכען דעם גייסט און פאַרדאַרבען דעם כאַראַקטער. בערקמאַן האָט באַוואוסט־זיניג זיך געראַנגעלט מיט דיזע בייזע, צושטערענדע אומשטענדען. ער האָט אָפּגעהיט זייַן קערפּער. ער האָט אָפּגעהיט זיין גייסט. ער האָט דאָס געטאָן מיט אָנשטרענגונג. ס׳האָט זיך געפאָדערט אַ מאָראַלישער כח דערצו. ער האָט געפיהלט, אַז וואַהנזין־אידעען פּרובירען איהם אַריינצונעהמען אין זייער מאַכט. וואַהנזין איז אַ

פֿאָררעדע

נאַטירליכער רעזולטאַט פונ׳ם געפענגנים־לעבען. ס׳איז שטענדיג עלול צו קומען. אַט דער מאַן האָט עס געפיהלט, האָט מיט אַלע כחות געקעמפט געגען דעם, און עס בייגעקומען. אַז דאָס געפענגנים האָט איהם ניט געלאָזט אומבאַריהרט איז אמת. אָבער אין עצם האָט ער זיך געראַטעוועט. די געזעלשאַפט האָט זיך געסטאַרעט איהם צו פאַרניכטען, אָבער זי איז דורכגעפאַלען.

אַז מענשען וועלען לעזען דיזען בוך אויפמערקזאַם, וועט עס פיהרען דערצו אַוועקצומאַכען מיט געפענגניסען. קוים וועט נאָר דאָס פאָלק זיין באמת באַוואוסט, וואָס דאָס געפענגנים־לעבען איז און מוז זיין, וועט עס ניט וועלען מעהר אויפהאַלטען קיין געפענגניסען. דאָס איז דאָס איינציגע בוך וואָס דרינגט, לויט מיין וויסען, טיעף אַריין אין דער קאָרומפּירענדער, דעמאָראַליזירענדער פּסיכאָלאָגיע פונ׳ם געפענגנים־לעבען. און בילד נאָך בילד, סקיצע נאָך סקיצע, ווייזט עס ניט בלויז די אויגענשיינליכע ברוטאַליטעט, דומהייט, העסליכקייט וואָס פילט אָן די אינסטיטוציע, נאָר עס ווייזט אויך אויף אַ זעהר ריהרענדען אופן די גוטע אייגענשאַפטען און אינסטינקטען פונ׳ם מענשליכען האַרץ, פאַרדאָרבען, דעמאָראַליזירט, הילפלאָז ראַנגלענדיג זיך פאַר׳ן לעבען; שעהנע שטרעבונגען וואָס דריקען זיך אוים אויף אַ נידעריגען אופן. און די פּערזענליכקייט פון בערקמאַן געהט דורך דורך דעם אַלעם; אידעאַליסטיש, מוטיג, אומקאָמפּראָמיסליך, אויפריכטיג, אמת׳דיג; ניט אומבאַריהרט, ווי איך האָב געזאָגט, פון זיין אומגעבונג, אָבער אין עצם בלייבענדיג דערזעלבער וואָס געוועזן.

וואָס פאַר לעסאָנס עס זיינען דאָס דאָ אין דיזען בוך! ווי אַלע אמת׳דיגע דאָקומענטען מאַכט עס אונז צו ליעבען און האַסען אונזערע מיט־מענשען, צווייפלען אין זיך אַליין, צווייפלען אין אונזער געזעלשאַפט; עס טרייבט אונז אָנצונעהמען אַ פעסטע, ערנסטע שטעלונג צום לעבען און ניט צו שנעל, צו איבעראייל׳ט צו אורטיילען, איידער מיר געהען אַריין אין אַ סיטואַציע גרינדליך, טיכטיג. עס שטרעבט צו קאָמפּליצירען די איצטיגע איינפאַכקייט פון אונזערע מאָראַל־שטעלונגען. עס שטרעבט אונז צו מאַכען רייפער, דערוואַקסענער.

האַטשינס האַפּגוד.

אינהאַלטס־פאַרצייכנים

ערשטער טייל: די ערוואַכונג און איהר פּרייז

קאַפּיטעל		זייט
1	די שטימע פון האַמסטעד	1
2	דער מלחמה־פּלאַץ	26
3	דער גייסט פון פּיטסבורג	32
4	דער אַטענטאַט	38
5	„דהי טוירד דיגרי"	41
6	דאָס געפענגניס	49
7	דער פּראָצעס	100

צווייטער טייל: דאָס צוכט־הויז

1	פּאַרצווייפעלטע געדאַנקען	107
2	דער ווילען צו לעבען	128
3	גייסטערהאַפטע שטילקייט	137
4	אַ שטראַהל פון ליכט	142
5	די ווערקשטאַט	147
6	מיין ערשטער בריעף	156
7	וויִנגיע	161
8	צו דער מיידעל	171
9	פערפאָלגונג	177
10	דער „יעגג"	185
11	דורכ'ן אונטערערדישען וועג	202
12	„צוכטהויז־בליטהען"	205
13	דער יודאַס	215
14	דער „דיפּ"	226
15	דער דראַנג פון געשלעכט	232
16	די „קאַרב"־צעלע	252
17	די איינצעלהאַפט	255
18	עראינערונג־געסט	267

ערשטער טייל

די ערוואַכונג און איהר פּרייז

אלעקסאנדער בערקמאן אין צייט פון
האָמסטעד סטרייק

קאפיטעל 1.

די שטימע פון האָמסטעד.

1.

בולט איז יעדע איינצעלהייט פון יענעם טאָג איינגעקריצט אין מיין מח. עס איז דער זעקסטער יולי, 1892. מיר זיצען רוהיג אין הינטער־צימער פון אונזער קליינער דירה — פעדיא און איך — ווען פלוצלונג קומט ז י אריין; איהרע נאטירליכע שנעלע, ענער־גישע טריט קלינגען מעהר ענטשלאָסען אלס געוועהנליך. איך גיב זיך צו איהר א קעהר און ווער געטראָפען פון א בעזונדער פונק אין איהרע אויגען און ערהיצטען פנים.

— האָט איהר דאָס געלעזען? — שרייט זי אויס, אנווייזענדיג די האַלב־צועפּענטע צייטונג.

— וואָס?

— האָמסטעד, סטרייקערס דערשאָסען. די פּינקערטאָנס האָ־בען דער'הרג'עט פרויען און קינדער.

זי רעדט שנעל, רייסענד. איהרע ווערטער קלינגען ווי דאָס געשריי פון א פערוואונדעט טהיער, איהר מעלאָדישע שטימע איז בעצויגען מיט א הייזעריגקייט פון ערביטערונג — די ביטערקייט פון הילפלאָזע יסורים.

איך נעהם פון איהרע הענד די צייטונג. מיט שטייגענדער אויפרעגונג לעז איך דעם שניידענד־קלאָהרען בעריכט פון דעם גרויסען קאַמפּף, דעם האָמסטעדער סטרייק, אדער ריכטיגער גע־זאָגט, דעם האָמסטעדער לאָקאוט. דער בעריכט גיט איבער מיט איינצעלהייטען די פערשוועררונג פון דער קארנעגיע קאָמפּאַניע מיט דעם צוועק צו צוברעכען דעם פערבאַנד פון די אייזען און שטאָהל ארבייטער; די ערוועהלונג, צוליעב דיזען צוועק, פון הענרי קלעי

פריק, וועמעס בעציהונג צו ארבייט איז לחלוטין א פיינדשאפט־ליכע; זיינע געהיימע מיליטערישע פארברעכונגען, בעת ער האט אומיסטנע פערצויגען די פרידענס־פערהאנדלונגען מיט דעם פער־באנד; די בעפעסטיגונג פון די האמסטעדער שטאהל־פאבריקען; די אויפשטעלונג פון הויכע פארקאנס פון ברעטער בעצויגען מיט שטעך־דראטען און איינגעריכט מיט שלופ־לעכער פאר ציעל־שי־סער; דאס דינגען פון א מחנה פינקערטאן־באנדיטען; דער פערזוך אריינצושמוגלען זיי ביינאכט, ווען עס איז טויט־שטיל, קיין האמסטעד; און ענדליך די שוידערליכע הריגה.

איך דערלאנג פעדיא׳ן די צייטונג. דאס מיידעל קוקט אויף מיר. שווייגזאם זיצען מיר, יעדערער פערנומען מיט זיינע געדאנ־קען. בלויז ווייליוויז בייטען מיר זיך אום מיט א ווארט, מיט א פארשענדרען בעדייטענדען בליק.

.2

אין צוג איז היים און שטיקענד. די לופט איז דורכגענומען מיט טאבאק־רויך. די קולות פון די מענער, וואס זיצען דא און שפילען קארטען, רעגען מיך אויף. איך קעהר זיך אום צום פענס־טער. א שטראם פון פערפיומירטע לופט, דורכגענומען מיט דעם געשמאקען ריח פון פריש־געקאסעטע היי גיט אן אנגענעהמע קרעפ־טיגונג. גרינע וועלדער און געלע פעלדער קרייזען זיך אין דער ווייט, דרעהען זיך צו נעהענטער, גאנץ נאהענט, פליהען פערביי און מאכען פלאץ פאר אנדערע קרייזענדע פעלדער. די דארפישע לאנדשאפט זעהט אויס יונג און אנציהענד אינ׳ם זונען־שיין פון פריהמארגען. אבער מיינע געדאנקען זיינען פערנומען מיט האמ־סטעד.

די גרויסע שלאכט איז אויסגעקעמפפט געווארען. קיין מאל פריהער אין איהר גאנצער געשיכטע, האט ארבייט אין אמעריקא ניט געוואונען אזא בעדייטענדען זיעג. מיט בעוואפענטער מאכט האבען די ארבייטער פון האמסטעד געצוואונגען דריי הונדערט פינקערטאנישע אנפאלער אונטערצוגעבען זיך, און אונטערצוגע־בען זיך אזוי אונטערטעניגליך, מיט הכנעה, מיט חרפה. וואס פאר אן ערנידעריגענדע מפלה פאר דער הערשענדער מאכט! שטעלען דען די פינקערטאן־יאניטשארען מיט זיך ניט פאר די ארגאני־

זירטע אויטאָריטעט, וואָס אונטערדריקט תמיד דעם אַרבייטער פאַר די אינטערעסען פון די עקספּלואַטאַטאָרס? מיט רעכט מע־גען איצט די שונאים פון פאָלק ציטערען פאַר דער אונערוואַרטע־טער ערוואַכונג. און דאָס פאָלק, די אַרבייטער פון אַמעריקא, האָ־בען מיט שמחה אַנערקענט די רעבעלירענדע מענליכקייט פון האָמ־סטעד. די שטאָהל־אַרבייטער זיינען נים געווען די אַנגרייפער. נעדולדיג האָבען זיי געפּראַצעוועט און געליטען. פון זייער בלוט און שוויים איז אויסגעוואַקסען די גרויסע שטאָל־אינדוסטריע; פון זייער מאַרך איז פעט געוואָרע די מעכטיגע קאַרנעגיע קאָמפּאַ־ניע. און דאָך האָבען זיי געדולדיג געוואַרט אויף דעם פערשפּראָ־כענעם גרעסערען לוין אַלס חלק פונ׳ם רייכטהום, וואָס זיי האָבען בעשאַפען. ווי אַ בליץ־שלאַג פון קלאָהרען הימעל איז געקומען דער קלאַפּ: דער אַרבייטס־לוין וועט רעדוצירט ווערען! די שטאָל־מאַגנאַטען האָבען זיך אַבסאָלוט ענטזאָגט אַנצוהאַלטען ווייטער דעם לוין לויט דעם פריהערדיגען אָבמאַך אַלס אַ גאַראַנטיע פאַר פרידען. פון זייטענס דער קאַרנעגיע קאָמפּאַניע איז דאָס געווען אַן אַרויסרוף צו דעם פערבאַנד פון די אייזען־אַרבייטער, ווייל די קאָמפּאַניע האָט געוואוסט, אַז די פאָרגעשלאָגענע קאָנדיציאָנען קענען די אַרבייטער נים אָננעהמען. זעהענדיג פאָראויס, אַז די אַרבייטער וועלען דאָס צוריקווייזען, האָט די קאָמפּאַניע געמאַכט אַלע פאָרבערייטונגען פאַר מלחמה, כדי צו צוטרעטען די יוניאָן אונטערן אייזערנעם קנאַפּעל. דער פאַלש־פּנים׳דיגער קאַרנעגיע האָט זיך צוריקגעהאַלטען פון אַזאַ אויפגאַבע, האָבענדיג ערקלערט ערשט ניט לאַנג די תורה פון גוט־הארציגקייט און האַרמאָניע. „איך וואָלט׳ס אָוועקגעשטעלט אַלס אַ כלל" — האָט ער ערקלערט — „אַז אַ סטרייק אָדער אַ לאָקאוט איז אונפערצייהליך, ווי לאַנג איין צד האָט ניט פאָרגעשלאָגען צו אַרביטרירען דעם סכסוך און דער אַנדער צד האָט זיך דערפון ענטזאָגט. דאָס רעכט פון די אַרביי־טער צו אָרגאַניזירען זיך און בילדען טרייד־יוניאָנס, איז ניט ווע־ניגער הייליג, אַלס דאָס רעכט פון דעם פאַבריקאַנט צו מאַכען פער־בינדונגען מיט אַנדערע פאַבריקאַנטען, און פריהער אָדער שפּע־טער מוז דאָס אַנערקענט ווערען. אַרבייטסגעבער מוזען בענוצע־נען זייערע אַרבייטער מ ע ה ר ו ו י א ו י פ ׳ ן ה א ל ב ע ן ו ו ע ג".

מיט גלאטע ריידעלעך האט דער גרויסער פילאנטראפ איינ־געשמועסט די ארבייטער זיי זאלען אינדארסירען דעם הויכען טאריף. האבענדיג אזוי אלע פראדוקטען פון זיינע זאוואדען אונ־טער פראטעקציאן, האט ענדריו קארנעגיע אויסגעפיהרט, אז די צאלל־שטייער אויף שטאל־שטיקער זאל רעדוצירט ווערען, און דאס האט ער בעקומען אלס צוריקגאב פאר די ברייט־הארציגע ביישטיי־ערונגען צו די וואהלען פאר דער רעפובליקאנישער פארטיי. קאנ־טראלירענדיג פאלשטענדיג דעם מארקעט פון שטאל־שטיקער, האט די קארנעגיע פירמא אראבגעזעצט די פרייזען אלס אן אויגענשיינ־ליכע פאלגע פון די נידריגע שטייערען דערויף. אבער דער מארק־פרייז פון שטאל־שטיקער איז געווען די איינציגע מאס ארבייטס־לוין אין די האמסטעדער פאבריקען. דער ארבייטס־לוין מוז אלזא רעדוצירט ווערען! דער פערבאנד פון די אייזען און שטאל אר־בייטער האט פארגעשלאגען, אז דאס זאל ארביטרירט ווערען, אבער מען האט זייער פארשלאג מיט פעראכטונג צוריקגעוויזען: ניטא וואס צו ארביטרירען; זיי מוזען זיך אונטערגעבען גאר אהן שום טענות; זייער יוניאן מוז אויסגעראטעט ווערען. און קאר־נעגיע האט אויסגעקליבען הענרי פריק, דעם בלוטיגען פריק פון דעם קויהלען־ראיאן, אויסצופיהרען דאס פראגראם.

זאלען די אונטערדריקטע תמיד זיך אונטערגעבען? די מענ־ליכקייט פון האמסטעד האט רעבעלירט. די פאבריק־ארבייטער האבען צוריקגעשליידערט דעם דעספאטישען אולטימאטום. אור־מעטום אין לאנד איז ביטערליך פערדאמט געווארען די טיראנישע האנדלונג פון דער קארנעגיע קאמפאניע; פריק'ס אונגעהייערע רציחה האט איבעראל ארויסגערופען האס און צארן.

איך האב מעהר ניט געקאנט פערבלייבען גלייכגילטיג. דער מאמענט איז דרינגענד. די הארעפאסנע ארבייטער פון האמסטעד האבען זיך אוועקגעשטעלט געגען זייערע אונטערדריקער. זיי הא־בען אנגעהויבען צו ערוואכען. אבער נאך אלץ האבען די שטאל־ארבייטער בלויז בלינד רעבעלירט. דער טרוים פון אנארכיזם נור קאן בעלעבען אונצופרידענהייט מיט דעם בעוואוסטזיין פון א רע־וואלוציאנערען צוועק; נור ער קאן בעפלינלען די בעשטרעבונגען פון ארבייט. די פערשפרייטונג פון אונזערע אידעען צווישען דעם האמסטעדער פראלעטאריאט וואלט בעלויכטען דעם גרויסען

קאמפף, וואס העלפט קלאהר צו מאכען די פראגע און וואלט אנ־וויזען דעם וועג צו א פאלשטענדיגער, ענדליכער בעפרייאונג.

מיינע טעג זיינען געווען פיבערהאפט אונרוהיג. דער וועקער־רוף: „ארבייט, וואך אויף!” וואלט אויפפלאמען די הער־צער פון די ערבלאזע און וואלט זיי בעגייסטערען פאר נאבעלע טהא־טען. דאס וואלט זיי געבראכט די בשורה פון א נייעם טאג און וואלט זיי צופערטיגען צו דער קומענדער סאציאלער רעוואלוציאן. אפשר וועט זיך האמסטעד ווייזען אלס די ערשטע רויטליכקייט פון דעם גלענצענדען פריהמארגען. ווי אויפגערעגט איך פלעג ווערען פון די שטערונגען, אויף וועלכע מיין פראיעקט האט זיך אנגעשטויסען! אונערווארטעטע שוועריגקייטען אויף יעדער שריט. מיינע בעמיהונגען צו קריגען איבערזעצט דעם פלוג־בלאט אין פאפולערען ענגליש האבען זיך בעוויזען ניט אויספיהרבאר. פער־שפרייטען אזא פייערדיגען אויפרוף וואלט מיך שטעלען אין גע־פאהר, האט גע'טענה'ט מיין פריינד. מיט אונגעדולד האב איך אבגעווארפען אן א זייט זיינע רייד. אזוי ווי מען וואלט געקענט נעהמען אין אנבעטראכט פערזענליכע אנגעלעגענהייטען, ווען עס האנדעלט זיך וועגען דער גרויסער זאך! אבער מיינע ארגומענטען און מיינע בקשות זיינען געווען אומזיסט. און דערווייל זיינען אומזיסט פערשוואונדעט געווארען די טהייערע מאמענטען און נייע שטערונגען האבען פערשטעלט דעם וועג. איך פלעג לויפען אן אויפגעבראכטער פון דעם דרוקער צו דעם זעצער, האב געבעטען, גע'טענה'ט. קיינער וויל ניט דרוקען דעם אויפרוף. און די צייט פליהט. פלוצלונג האט א בליץ געטהאן די נייעס פון די פינקערטאנישע רציחות. די וועלט איז געשטאנען פערגאפט.

די צייט פאר רייזען איז אריבער. איבער'ן גאנצען לאנד האט אבגעהילכט דער ווידערשטאנד, וועלכען די האמסטעדער אר־בייטער האבען בעוויזען. די שטאל־ארבייטער האבען זיך בראוו גענומען פאר דער פערטיידיגונג; די מערדערישע פינקערטאנס זיינען פערטריבען געווארען פון שטאדט. אבער אויף די ברעגען פון דער מאנאנגאהילא האט געשריען הויך דאס בלוט פון מאנ־מאנ'ס קרבנות. הויך שרייט דאס בלוט. דאס איז דאך דאס גע־שריי פון פאלק. א, דאס פאלק! דאס גרויסע, מיסטעריעזע, און דאך אזוי נאהענטע און ווירקליכע פאלק...

אין מיינע געדאנקען זעה איך זיך ווידער אין׳ם קליינעם רוסישען גימנאזיאל־שטעדטעל, אינ׳ם קרייז פון פעטערבורגער סטודענטען, וועלכע זיינען געקומען אויף וואקאציע אהיים, ארומ־גערינגעלט פונ׳ם שיין פון דאס נעבעלהאפטע און וואונדערליכע עפעס, וואס מיר האבען גערופען „ניהיליסט״. דער לויפענדער צוג, האמסטעדע, די פינף יאהרען וואס איך האב פערבראכט אין אמעריקא, אלעס דאס פערוואנדעלט זיך אין א טומאן, עפעס ווי א וויט־ווייטע פערגאנגענהייט און ניט א געגענווערטיגע ווירק־ליכקייט. און עס דוכט זיך מיר, אז איך זיץ ווידער צווישען יענע העכערע בעשעפעניסען און הער זיך צו מיט פערגעטערונג צו די היציגע דיסקוסיעס איבער הויכע דונקעל־פארשטענדליכע טהעמאס, אין וועלכע עס ווידערהאלען זיך אפט די ווערטער: „באזאראוו, העגעל, פריייהייט, טשערנישעווסקי, וו׳נאראד.״ צום פאלק! צום ליעבען, איינפאכען פאלק, וועלכעס איז דאך אזוי־נאבעל ניט קוקענדיג אויף יאהרהונדערטע פון ברוטאליזירענדע יסורים! ווי א טרומייטען־רוף, אזוי קלינגט דאס אין מיינע אוי־ערען פון צווישען דעם גערויש פון די פערשידענע דיסקוטירטע אנשויאונגען און דונקעלער פראזעאלאגיע. דאס פאלק! מיינע שטימונגען פון דער גריכישער מיטהאלאגיע פלעגען מיר א י ה ם אפט אויסמאלען אלס דעם מעכטיגען אטלאס, וועלכער האלט אויף זיינע פלייצעס די משא פון דער וועלט: זיין רוקען געבויגען, זיין פנים א שפיגעל פון שטומע ליידען, אין זיינע אויגען דער בליק פון האפנונגסלאזע יסורים, א דומפער, רחמנות׳דיגער רוף נאך הילף. א, העלפען דיזען האפנונגסלאז־ליידענדען גבור, ערלייכטערען זיין לאסט! דער וועג איז דונקעל, די מיטלען אונבעשטימט, אבער אין דער היציגער דעבאטע פון די סטודענטען קלינגט דאך דער רוף: צום פאלק, ווערען איינער פון זיי, טהיילען זייערע פריידען און ליידען, און אויף אזא׳ן אופן זיי לעהרנען. יא, דאס איז די לייזונג! אבער וואס טענה׳ט דאס דער רויט־האריגער מישא פון אדעס? „דאס איז אלץ גוט און שעהן, געהן צום פאלק, אבער די ענערגישע מענשען, די מענער פון טהאט זיינען דאך די ר א ב ־ מ ע ט א ו ו ס , זיי ברעכען דורך דעם וועג פון אלגעמיינער רע־וואלוציאן דורך זייערע אינדיווידועלע רעבעלישע טהאטען געגען...״

„טיקעט, פליעז!" א שווערע האנד איז אויף מיין אקסעל. איך האב זיך אנגעשטרענגט צו קומען ווידער צו דער ווירקליכ־קייט. די קארטען־שפילער ווארפען זיך איבער מיט זידעל־ווערטער. מיט א שטומער בעוועגונג קייטעלט אב דער קאנדוקטאר דאס טיש־ברעטעל, אויף וועלכען זיי האבען געשפיעלט, און געהט זיך רוהיג אוועק, טראגענדיג עס אונטער זיין פאכווע. א ברויזענדער געלעכטער בעגריסט די קארטען־שפילער. זייענדיג אויסגעפייפט פון די אנדערע פאסאזשירען, האבען זיך די שפילער אין גיכען איינגעשטילט און אין וואגאן איז געווארען רוהיג.

מיר איז שווער אבצוהאלטען זיך פון ארייןפאלען צוריק אין טרוימעריי. איך מוז דאך אויסארבייטען ביי זיך אין קאפ א בע־שטימטען פלאן ווי צו האנדלען. מיין צוועק איז פאר מיר קלאהר. אין האמסטעד געהט אן א געוואלטיגער קאמפף: דאס פאלק ווייזט ארויס דעם ריכטיגען גייסט, קעמפפענדיג געגען טיראניי און אריינ־דרינגונג. מיין הארץ טריאומפירט. דאס איז דאך, ענדליך, אויף וואס איך האב תמיד געהאפט און וואס איך האב ערווארט פונ'ם אמעריקאנער ארבייטס־מאן. און איין מאל האט ער שוין ער־וואכט, דאן וועט ער זיך שוין ניט לאזען פון קיינעם שטערען אין זיין וועג, ער וועט אראבשארען אלע הינדערניסען, און וועט אויס־קעמפפען זאגאר מעהר אלס זיינע אורשפרינגליכע פאדערונגען. דער גייסט פון זייער העלדישער פערגאנגענהייט האט ווידער אויפגעלעבט ביי די האמסטעדער שטאהל־ארבייטער. וואס פאר אן אונגעהייערע פרייד דאס איז צו העלפען אין אזא ארבייט! דאס איז דאך מיין נאטירליכע מיסיאן. איך פיהל אין זיך די קראפט פאר א גרויסער אונטערנעהמונג. ניט דער מינדעסטער שאטען פון צווייפעל קומט מיר ארויף אויפ'ן זינען. דאס פאלק — דער וועלט'ס שאפערס, די פראדוצירער — זיי זיינען פאר מיר דער גאנ־צער אוניווערזום. בלויז זיי אליין דארפען גענומען ווערען אין אנבעטראכט. די ערד בעלאנגט בלויז צום פאלק, אויב ניט פאק־טיש, אבער על פי יושר. אום צו מאכען, אז עס זאל זיין אויך פאקטיש אזוי, זיינען אלע מיטלען בערעכטיגט; ניין, ראטהזאם, ווען אפילו עס זאל נויטיג זיין לעבענס צו נעהמען. די פראגע וועגען מאראלישען רעכט אין אזעלכע אנגעלעגענהייטען, האט אפט אויפגערעגט די רעוואלוציאנערע קרייזען, וועלכע איך פלעג בעזו־

כען. איך האב אלע מאל געהאלטען זיך פאר דער עקסטרעמער מיינונג. וואס ראדיקאלער די מיטלען, איז געווען מיין מיינונג, אלץ שנעלער די היילונג. די געזעלשאפט איז קראנק; קראנק קאנסטיטוציאעל און פונקציאנעל. אן אפעראציע איז אפט אובעדינגט נויטווענדיג. דאס אבראמען פון א טיראן איז ניט בלויז בערעכטיגט, נאר איז אויך די העכסטע פליכט פון יעדען אמת'ען רעוואלוציאנער. מענשליכעס לעבען איז געווים היילינג און אונפערלעצבאר, אבער טויטען א טיראן, א שונא פון פאלק, דארף בשום אופן ניט בעטראכט ווערען אלס נעהמען עמיצענס לעבען. א רעוואלוציאנער וואלט ליעבערשט פערלירען זיין אייגענעם לעבען טויזענד מאל, איידער זיין שולדיג אין דאס, וואס מען רופט געוועהנליך מארד. באמת זיינען פאר מיר מארד און אטענטאט צוויי געגענגעזעצטע טערמינען. אבראמען א טיראן איז אן אקט פון בעפרייאונג, דאס הייסט, געבען לעבען און מעגליכקייטען פאר אן אונטערדריקטען פאלק. זיכער, די זאך פאדערט אמאל פונ'ם רעוואלוציאנער, אז ער זאל בעגעהן אן אונאנגענעהמע טהאט; אבער דאס איז דאך די פראבע פון אן אמת'ען רעוואלוציאנער — ניין, נאך מעהר, דאס איז דאך זיין שטאלץ — אויפצוגעבען אלע געוועהנליכע מענשליכע געפיהלען, ווען די זאך פון פאלק פאדערט עס. און אויב די זאך פאדערט זיין אייגענעם לעבען, דעסטא בעסער.

איז דען פאראן א נאבעלערע זאך, איידער צו שטארבען פאר א גרויסען, הייליגען אידעאל? דאס סאמע לעבען פון א ווירקליכען רעוואלוציאנער האט דאך קיין אנדער צוועק ניט, האט קיין שום אנדער בעדייטונג ניט, ווי נור אויפצואפפערען זיך אויף דעם מזבח פונ'ם געליעבטען פאלק. און וואס קען נאך זיין העכערעס אין לעבען, איידער צו זיין אן אמת'ער רעוואלוציאנער? דאס הייסט, זיין א מ א ן, א פאלשטענדינער מ א ן. דאס הייסט זיין אזא מענש, וואס האט קיינע פערזענליכע אינטערעסען ניט און קיינע פאדערונגען, וואס זאלען זיין העכער פון די פאדערונגען פונ'ם אידעאל; אזא מענש, וואס האט זיך בעפרייט פון צו זיין בלויז מענשליך, און האט זיך דערהויבען העכער דערפון, זאגאר צו דער הויכקייט פון יענער איבערצייגונג, וועלכע שליסט אויס יעדען צוויפעל, יעדע חרטה; קורץ, זיין אזא, וואס פיהלט אין דער סאמע

טיעפעניש פון זיין נשמה, אז ער איז פריהער פון אלעס א רעוואָ־לוציאָנער, און א מענש שוין דערנאך.

אזא רעוואלוציאָנער פיהל איך, אז איך בין.ווירקליך, ניט דער ערך מעהר אלס אפילו די עקסטרעמע ראדיקאלען פון מיין אייגענעם קרייז. מיר קומט ארויף אויפ'ן זכרון א כאראקטעריס־טישער אומשטאנד אין פערבינדונג מיט דעם פאעט ערעלשטאט. דאס איז געווען אין ניו יארק, אין 1890. ערעלשטאט, איינער פון די צערטליכסטע נשמות, איז געווען בעליעבט ביי יעדען פון אונזער קרייז, פון דער גרופע „פיאָנערען דער פרייהייט", די ער־שטע אידישע אנארכיסטישע ארגאניזאציאָן אין אמעריקא. אין א געוויסען אבענד האבען זיך ערעלשטאט'ס נאהענטסטע פריינד פער־זאמעלט אויסצוארבייטען א פלאן, ווי צו העלפען דעם קראנקען פאעט. עס איז געווען בעשלאסען, צו שיקען אונזער קאמעראד קיין דענווער; עמיצער האט פארגעשלאגען, אז געלד דערויף זאל מען נעהמען פון דער רעוואלוציאנערער קאסע. איך בין געווען דאגעגען. ניט קוקענדיג דערויף וואס ער איז מיר טהייער און וואס איך בין זיינער א פערזענליכער פריינד און זאגאר געוואוינט מיט איהם צוזאמען אין איין צימער, פונדעסטוועגען קאן איך ניט ער־לויבען — האב איך ארגומענטירט — אז געלדער וואס בעלאנגען צו דער בעוועגונג, זאלען געברויכט ווערען פאר פריוואטע צוועק־קען, ווי גוט און ווי נויטווענדיג דער צוועק זאל ניט זיין. און ווען מען האט שטארק אוועקגעשטעלט זיך געגען מיינע געפיהלען אין דער אנגעלעגענהייט, האב איך דערויף אזוי געענטפערט: „מיינט איהר צו העלפען ערעלשטאט דעם פאעט און מענש, אדער ערעלשטאט דעם רעוואלוציאנער? רעכענט איהר איהם פאר א ווירקליכען, טהעטיגען רעוואלוציאנער? זיין פאעזיע איז פרעכטיג־שעהן, געוויס, און אינדירעקט קאן זיך זיין פאעזיע זאגאר האבען א פראפאגאנדיסטישען ווערטה. העלפט דארום אונזער פריינד פון אייער פריוואטער קעשענע, אויב איהר ווילט; אבער קיין געלד פון דער בעוועגונג טאר ניט געגעבען ווערען, א חוץ סיידען פאר דירעקטע רעוואלוציאנערע טהעטיגקייט."

„הייסט עס, אז פאר איך האט דער פאעט ווענינער בעדייי־טונג, אלס דער רעוואלוציאָנער?" — האט מיר א זאג געטהאן טיכאן, א יונגער מעדיצינישער סטודענט, וועלכען מיר האבען אין

שפאס געדופען „לינג“, דערפאר וואס איהם איז געלונגען אויסער־ליך אויסצוזעהן אזוי ווי דער בעריהמטער רעוואלוציאנער.

„איך בין פריהער פון אלעם רעוואלוציאנער, און מענש דער־נאך“ — האב איך איהם געענטפערט מיט איבערצייגונג.

„זייט איהר ענטוועדער א לומפ, אדער א העלד“, האט ער זיך אבגערופען.

„לינג“ איז געווען גערעכט. פון וואנען האט ער מיך געזאלט קענען? פאר זיין בורזשואישען פערשטאנד, ניט קוקענדיג אויף זיין אויסזעהן ווי דער שיקאגא׳ער מארטירער, האבען מיינע ווער־טער געקלונגען לומפיש. נו, וועט ער זיך אין א שעהנעם טאג דערוויסען וואס איך בין, א לומפ אדער א רעוואלוציאנער. דער נאמען „העלד“ קומט מיר אויפ׳ן זינען ניט ארויף, דערפאר וואס הגם דער טיפ פון א רעוואלוציאנער, ווי איך פיהל זיך, מעג זיך פאפולער אזוי בעצייכענט ווערען, פאר מיר האט אבער דאס ווארט קיין בעזונדער בעדייטונג ניט. דאס מיינט פשוט א רעוואלוציא־נער, וואס ערפילט זיין פליכט. דערין איז ניטא קיין העלדישקייט: דאס איז ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי א רעוואלוציאנער דארף טהאן. ראכמעטאוו האט געטהאן מעהר, ניט דער ערך פיעל מעהר, שוין צופיעל. ניט קוקענדיג דערויף וואס איך האב פערגעטערט טשערנישעווסקי׳ן, וועלכער האט געהאט אזא שטארקען איינפלוס אויף דער רוסישער יוגענד פון מיין צייט, קאן איך ניט אונטער־דריקען אין זיך דעם ווידערגעפיהל געגען דעם, וואס דער פערפא־סער פון „טשטא דיעלאט?“ האט פארגעשטעלט זיין ארכי־רעוואלו־ציאנער ראכמעטאוו אלס איינעם, וואס איז דורכגעגאנגען א גאנצע סיסטעמע פון אונבעשרייבליכע יסורים און זעלבסט־פייניגונג, כדי צו פערפערטיגען זיך, ווען עס וועט נויטיג זיין, אויסצושטעהן אזעלכעס אין דער צוקונפט. דאס איז געווען א צייכען פון שוואכ־קייט. דארף א ווירקליכער רעוואלוציאנער דען זיך פערפערטיגען, פערהארטעווען זיינע נערוועו און מאכען זיין קערפער ווי שטאל? איך פיהל אזוי ווי דאס וואלט פאר מיר געווען א פערזענליכע בע־ליידיגונג, דיזער געדאנק וועגען דעם רעוואלוציאנער אלס בלויז א בשר ודם.

ניין, דער אמת׳ער רעוואלוציאנער דארף ניט צווייפלען אין

זיך אליין און מאכען אזעלכע פערפערטיגונגען. ווארום איך ווייס, אז איך דארף עס נים. דאס איז נים קיין פערזענליכעס געפיהל, ווי זאנדערבאר דאס זאל זיך נים דוכטען. מיין אייגענע אינדי־ווידואליטעט איז אין גאנצען אין הינטערגרונד; יא, ניטא ביי מיר קיין פערזענליכער בעוואוסטזיין אין זאכען וואס האבען צו טהאן מיט דער בעוועגונג. איך בין איינפאך א רעוואלוציאנער, א טעראריסט אום איבערצייגונג, אן אינסטרומענט אין דיענסט פון דער מענשהייט; קורץ, א ראכמעטאוו. ווירקליך, איך וועל זיך אזוי א נאמען געבען, ווען איך קום צו פאהרען קיין פיטסבורג.

. . . .

דאס שניידענדע פייפען פון׳ם לאקאמאטיוו האט מיך פלוצ־לונג אויפגעוועקט. מיין ערשטער געדאנק איז געווען מיין רייזע־טאש, אין וועלכען עס זיינען געווען וויכטיגע אדרעסען פון גענא־סען אין אלעגהעני, וועלכע איך האב געזוכט צו געדענקען אויך אויסוועניג און האב דערוויל געמוזט איינשלאפען. ניטא מיין רייזע־טאש! אויף א מאמענט בין איך געבליבען א דערשראקע־נער: וואס טהו איך אויב ער איז פערלארען געגאנגען? פלוצלונג האט מיין פום אנגעטראמען אויף עפעס א ווייכע זאך. איך הויב אויף און עס איז מיר געווארען גרינגער אויפ׳ן הארצען, ווען איך האב געפונען, אז אלעס אינוועניג איז גאנץ: די טהייערע אדרע־סען, א שטיקעל צייטונג מיט פריק׳ס ליטאגראפישעס בילד און א דאלאר מזומן. מיין שמחה וואס איך האב געפונען דעם רייזע־טאש, איז נים קלענער געווארען פון דעם פאקט, וואס מיינע פינאנסען זיינען אזוי מאגער. דער דאלאר וועט זיין גענוג פאר א צימער אין א האטעל אויף איין נאכט, און אין־דער־פריה וועל איך אויפ־זוכען גאלד׳ן אדער באוער׳ן. זיי וועלען שוין געפינען פאר מיר א פלאץ, וואו איך זאל קענען איינשטעהן א טאג אדער צוויי. „לאנג וועט מיר דארט נים אויסקומען איינצושטעהן", האב איך אין זיך א שמייכעל געטהאן.

מיר דערנעהנטערען זיך צו וואשינגטאן. דער צוג וועט זיך דא אבשטעלען אויף זעקס שטונדען. איך פערשילט דעם אונזין פון אזא פערשפעטיגונג: עס קאן נאך דערוויל עפעס פאסירען אין פיטסבורג אדער אין האמסטעד. און א חוץ דעם, ווען מען

דארף געבען א רעכטען קלאפ טאר מען קיין צייט ניט פערלירען. בעת די עפענטליכע מיינונג איז אויפגעבראכט געגען די מעשים פון דער קארנעגיע קאמפאניע און געגען פריק׳ס רציחות.

מיין אויפרעגונג האט זיך אבער זאנדערבאר איינגעשטילט פונ׳ם שעהנעם בילד, וואס האט בעגריסט מיין בליק, אבגעהענדיג פונ׳ם צוג. די זון איז אויפגעגאנגען, א גרויסע געדיכט־רויטע קויל וואס האט ארויסגעשטראמט א גאלדענעם שטראם אויף דעם קאפיטאל. דער קופאל ערהויבט זיין שטאלצען קאפ מאיעסטעטיש איבער דעם הויפען פון שטיין און מארמאר. דאס ליכט בעוועגט זיך ווי א לעבעדיג וועזען, ציטערענדיג מיט ליידענשאפט צו קאשען דעם העכסטען שפיץ, טרעפענדיג איהם מיט בלענדענדען גלאנץ, און שפרייט זיך דערנאך אויס אין א ברייטער אומארמונג ארום די שולטערען פון דעם הויך־שטעהענדען גיגאנט. די ברושטינענע כוואליעס כאפען ארום זיינע זייטען מיט א ווייכען גלעט און דאן פליסען זיי אראב רעכטס און לינקס, אלץ ברייטער און נידריגער, בעלייכטענדיג די שטאאטליכע בוימער, דורכשייגענדיג צווישען די בלעטער און צווייגען און צוגיסענדיג זיך איבער דער ברייטער עווענין, ווערענדיג אלץ גאלדיגער און בריט־הארציגער אין זייער אויסשפרייטונג. און דער קופאל־קאפיגער גיגאנט, די שטאאטליכע בוימער און די ברייטע עוועניוס בויגען זיך מיט א נייע־געבוירענעם רייץ, די גאנצע נאטור שטראהלט מיט זעגען־רייכער צופרידענהייט, און טוליעט זיך נעהענטער צו דעם גאלדענעם לעבענס־געבער.

איך בעגרייף אין דיזען מאמענט, מעהר אפשר אלס ווען ניט איז פריהער, די גרויסע פרייד, די איבערוועלטיגענדע שמחה פון ז י י ן. אבער באלד ענדערט זיך דאס בילד. פאר מיינע אויגען ערשיינט דער מאנאנגאהעלא טייך, פיהרענדיג בארזשעס מיט בעוואפענטע מענער. און איך דערהער א שאס. א איינגעל פאלט אנידער ביים צוגאנגס־בריקעל, דאס בלוט שטראמט פון מיטען זיין שטערן. די לאך פון דער קויל שרייט שווארץ ארוים פון זיין בלוט־בעגאסענעם פנים. געשריי און יאמער קלינגט אין מיינע אויערען. איך זעה ווי מענשען לויפען צום טייך און ווייבער קניען ביי דער זייט פונ׳ם טויטען.

דאס שרעקליכע בילד רופט אין מיינע געדאנקען ארוים די

עראינערונג פון אן עהנליכען פאל, וועלכען איך האב שוין אמאל דורכגעלעבט אין מיין פארשטעלונג. דאס איז געווען דאס בילד פון א הינגעריכטעטען ניהיליסט. די ניהיליסטען! וויפיעל פון זייער שעצבארעס בלוט איז פערגאסען געווארען, וויפיעל טויזענדער פון זיי בעזוימען דעם וועג פון רוסלאנד'ס יסורים! איך פיהל ווי אונבעשרייבליך נאהענט מיין נשמה איז אין פערוואנדשאפט מיט יענע מענער און פרויען, די פערגעטערטע, די געהיימניספולע פון מיין יוגענד, וועלכע האבען פערלאזען זייערע רייכע פאמיליעס, זייער הויכע שטעלונג אין געזעלשאפט אום „צו געהן אין פאלק", ווערען איינער פון זיי, ווען אפילו ערוועקענדיג געגען זיך די פער־אכטונג פון די, וואס זיינען זיי אזוי טהייער, ווען אפילו פערפאלגט און פערלאזט פון יענע גופא, פאר וועמען זיי האבען זיך אזוי אויפגעאפפערט.

בולט לעבט אויף אין מיין זכרון מיין ערשטער איינדרוק פון ניהיליסטישער רוסלאנד. איך האב ערשט דורכגעמאכט מיין עק־זאמען פון צווייטען יאהר גימנאזיום. איבערפילט מיט גליק־ליכער אויפרעגונג בין איך אריינגעלאפען אין שטוב אנזאגען דער מאמען די פרעהליכע בשורה. ווי גליקליך זי וועט זיין דערפון! קומענדע וואך וועט זיין מיין צוועלפטער געבורטסטאג, אבער די מאמע וועט מיר ניט דארפען געבען קיין מתנה. איך האב בעסער פאר איהר א מתנה. „מאמא, מאמא!" רוף איך, דערהערענדיג פלוצלונג איהר קול, ווי זי רעדט מיט כעס. עפעס האט געמוזט פאסירען, טראכט איך זיך, ווארום די מאמע רעדט קיינמאל ניט מיט א געשריי. איך האב דערפיהלט עפעס זאנדערבארעס, דער־זעהענדיג, אז די טיהר פון ברייטען קארידאר צום עס־צימער איז פערמאכט, וואס דאס איז קיין מאל אזוי ניט געווען. איך בין א צוטומעלטער געבליבען שטעהן ביי דער טיהר, און איך הער ווי די מאמע זאגט: „שעהמען דארפסטו זיך, נאטאן, דיין אייגענעם ברודער פערדאמען דערפאר, וואס ער איז א ניהיליסט. ביזטו דאך ניט בעסער פון —" איהר שטימע איז פערשטיקט געווארען ביז צו שעפטשען, אבער מיין אנגעשטרענגטער אויער האט קלאהר געכאפט דעם שרעקליכען ווארט, וואס זי האט ארויסגערעדט מיט האס און צארן — „א פאלאטש".

איך בין געבליבען א פערציטערטער. דער מאמע'ס טאן,

מיין רייכען אנקעל נאטאנ׳ס אונגעוועהנליכער בעזוך ביי אונז אין הויז, דאס שוידערליכע ווארט פ א ל א ט ש — עס האט געמוזט עפעס שרעקליכעס טרעפען. איך בין אויף די שפיץ פינגער שטי־לינקערהייט ארויסגעלאפען פון קארידאר און אריינגעלאפען אין מיין צימער. טרייסלענדיג זיך פון שרעק האב איך זיך א ווארף געטהאן אויפ׳ן בעט. וואס האט דער פאלאטש געטהאן? האב איך געיאמערט. „דיין ברודער“, האט זי געזאגט צום אנקעל. איהר איינענער אינגסטער ברודער, מיין געליעבטער אנקעל מאק־סים. א, וואס האט עס מיט איהם געטראפען? מיין אויפגערעגטע פאנטאזיע האט מיר פארגעשטעלט שרעקליכע בילדער. אט שטעהט דארט די אימה׳דיגע פיגור פון דעם ריזיגען פ א ל א ט ש, דורכ־אויס אין שווארצען, זיין רעכטע האנד איז נאקעט ביז צום אקסעל און ער האלט אין דער הויך די האק. איך האב געזעהן דאס בלאנקען פון דעם שארפען שטאהל, ווי דאס האט זיך גענומען אראבלאזען לאנגזאם, לאנגזאם, אזוי פייניגענד לאנגזאם, אז מיין הארץ האט אויפגעהערט צו קלאפען און מיינע אויגען האבען פי־בערהאפט נאכגעפאלגט, ווי פער׳כשופ׳ט, די גליהענדע שווארצע קויהלען אין דעם פ א ל א ט ש ׳ ס קאפ. פלוצלונג האבען זיך די צוויי פייערדיגע אויגען צונויפגעגאסען אין איין גרויסער פלא־מיג־רויטער קויהל; די פיגור פון דעם מורא־דיגען איין־אויגיגען ציקלאפ איז אויסגעוואקסען העכער און האט זיך געצויגען אלץ העכער און העכער, און דער ריעז איז שוין געווען אומעטום — פון אלע זייטען איז ער געווען ארום מיר — דאן א פלוצלונגער בלאנק פון שטאל און אין זיין מאוים׳דיגער האנד האב איך געזעהן, ווי ער האט אויפגעהויבען א קאפ, אבגעשניטען ביים סאמע נאקען, און דעם קאפ׳ס אויגען פינטלען נאכאנאנד, דאס רויטע בלוט גיסט זיך פון מויל, פון די אויערען און פון האלז. עפעס אייגענעס, בעקאנטעס האט זיך געזעהן אין דעם קאפ מיט דעם ווייסען ברייטען שטערן און אויסדרוקספולען מויל, וואס איז אזוי זאנפט און אזוי טרויעריג. „א, מאקסים! מאקסים!“ האב איך געוויינט א צושוידערטער פון שרעק: א שטראם פון ליידענשאפטליכען האס צום פ א ל א ט ש האט מיך אנגעכאפט באלד, און איך האב זיך א לאז געטהאן מיט אן איינעבויגענעם קאפ צו דעם איין־אויגיגען מאנסטער. נעהענטער און נעהענטער בין איך צו

איהם צוגעקומען — נאך איין שנעלען לויף און דער מעכטיגער שטויס פון מיין קערפער האט איהם געטראפען אין רעכטען מיטען און ער איז אנידערגעפאלען פארווערטס און שווער, גלייך אויף מיר, און איך האב דערפיהלט ווי זיין מאוס'דיגע מאסע צודריקט מיינע ארעמס, מיין ברוסט, מיין קאפ...

„סאשא! סאשענקא! וואס איז דיר, ג א ל ו ב ט ש י ק?" איך האב דערקענט מיין מוטער'ס זיסע צערטליכע שטימע, וואס קלינגט צו מיר עפעס פון אזוי וויים און אזוי פרעמד, קומט אבער אלץ נעהענטער און ליעבליכער. איך עפען מיינע אויגען. מיין מוטער קניהט לעבען מיין בעט און איהרע שעהנע שווארצע אויגען בעגיסען זיך מיט טרעהרען, זי בעדעקט ליידענשאפטליך מיט קושען מיין פנים, מיינע הענד: „ג א ל ו ב ט ש י ק, וואס איז מיט דיר?"

„מאמא", פרעג איך איהר, „וואס האט געטראפען מיט אנקעל מאקסים?" און איך שפיר נאך אהן אטהעם דעם אויסדרוק פון איהר פנים.

די פלוצלונגע ענדערונג אין דעם אויסדרוק פון איהר געזיכט כאפט ארום מיין הארץ מיט שרעק. זי ווערט בלייך, גרויסע שוויים־טראפענס ווייזען זיך אויף איהר שטערן און איהרע אויגען ווערען קיילעכדיג־גרוים פון שרעק. „מאמא!" צוואויין איך זיך, ארומ־כאפענדיג זי מיט מיינע ארעמס. איהרע ליפען מורמלען און איך פיהל איהר ווארעמען אטהעם אויף מיינע באקען; אבער נים ארויסריידענדיג קיין ווארט, ברעכט זי אוים אין ביטערליכע שלוכצען:

„ווער—ווער—האט—דיר—געזאגט? דו—ווייסט?" שעפטשעט זי ארוים שלוכצענדיג.

. . . .

דער טרויער פון טוים האט זיך אפנים ארויבגעלאזען אויף אונזער הויז. אין שטוב איז א דריקענדע שטילקיים. יעדערער געהט ארום אין שטעק־שיך, און די פיאנא איז שטענדיג געשלאסען. ביים טיש צום עסען ביים מען זיך אום מיט איין־זילביגע ווערטער, ריידענדיג זעהר שטיל. דער מאמע'ס שטוהל איז ליידיג. זי איז זעהר קראנק, זאגט אונז די וואכטערין; קיינער דארף צו איהר נים ארייז.

די לאנגע צורודערט מיך. איך האלט אלץ אין איין וואונדערן זיך, וואס האט געקענט טרעפען מיט מאקסים׳ען? איז מיין פאנטאזיע וועגען דעם פ א ל א ט ש געוועזן א פארגעפיהל, אדער די עכא פון א טראגעדיע וואס האט שוין פאסירט? אונקלאהר פיהל איך, ווי איך וואלט געוועזן שולדיג אין מיין מוטער׳ס קראנקהייט, דער שלאג פון מיין פראגע איז אפשר פעראנטווארטליך פאר איהר לאנגע. אבער עס מוז דאך עפעס זיין נאך וואס דערצו, זוך איך איינצושמועסען מיין אונרוהיגען געמיטה. איין נאכמיטאג, ווען מיין עלטערער ברודער מאקסים (דערזעלבער נאמען וואס מיין מוטער׳ס געליעבטער ברודער) איז עפעס געווארען בעזונדער גוט אויפגעלעגט, רוף איך איהם אב אן א זייט און גיב איהם א פרעג אויף א דרייסטען, פערטרוילינבען אופן: „מאקסימושקא, זאג מיר, וואס איז א ניהיליסט?“

„געה צום טייפעל, דו מאלאקאסאס!“ האט ער אויף מיר אנגעשריען מיט כעס. און מיט א רציחה, וואס איז געווען פאר מיר אונערקלעהרליך, האט ער א שליידער געטהאן זיינע פאפיערען אויף דער ערד, איז אויפגעשפרונגען פון שטוהל, וועלכער איז אומגעפאלען, און איז ארויסגעלאפען פון צימער.

. . . .

אנקעל מאקסים׳ס שיקזאל בלייבט א געהיימניס, די פראגע פון ניהיליזם בלייבט ניט פערענטפערט. איך בין פערטיעפט אין מיינע שטודירונגען. און דאך שלומערט אין מיין בעוואוסטזיין א טיעפער בעגעהר, א נייגעריגקייט וועגען דאס מיסטעריעזע און פערבאטענע, ווען גאנץ אונערווארטעט פאסירט א פאל אין גימנאזיע, וואס טרייבט דיעזען געפיהל צו טהעטיגקייט. איך בין שוין פופצעהן יאהר אלט, בין אין פערטען קלאס פון קאוונער גימנאזיע. לויט דער פארשריפט פון דעם אונטעררינכט־מיניסטער מוז רעליגיעזע אונטעררינכט אין רעגירונס־שוהלען זיין פערפליכטענד. ספעציעלע קלאסען זיינען ערעפענט געווארען אין גימנאזיע פאר לעהרנען רעליגיאן מיט די אידישע שילער. די עלטערן פון די שילער זיינען געגען דער נייער איינפיהרונג; כמעט יעדער אידישער אינגעל קריגט רעליגיעזע ערציהונג אין דער היים אדער אין חדר. אבער די שוהלען־פערוואלטונג האט געגעבען דעם בעפעהל,

אַז די אידישע גימנאַזיסטען מוזען בעזוכען די קלאַסען פון רע־ליגיאָן.

ביים אויסרופען די נעמען פון די שילער דעם ערשטען טאָג האָב איך געפעהלט. ווען איך בין אויפגעפאָדערט געוואָרען צום דירעקטאָר צו געבען אַן ערקלעהרונג, האָב איך געענטפערט איהם, אַז איך האָב ניט בעזוכט דעם קלאַס דערפאַר, ווייל איך האָב אַ אידישען פּריוואַט־לעהרער אין דערהיים, און — יעדענפאַלס גלויב איך ניט אין קיין רעליגיאָן. דער ווירדיגער דירעקטאָר קוקט מיך אָן ערשטוינט.

„יונגער מענש," ווענדעט ער זיך צו מיר מיט דער געקינצעל־טער האַלז־שטימע, וועלכע ער געברויכט אין בעזונדער געהויבענע געלעגענהייטען. „יונגער מענש, ווען, ערלויבט מיר צו פרעגען, זייט איהר געקומען צו אַזאַ טיעפזיניגען בעשלוס?"

זיין בענעהמונג קימערט מיך ניט; אָבער דער סאַרקאַזם פון זיינע ווערטער און דער אָנגרייפענדער טאָן רופט אין מיר אַרויס ווידערשטאַנד. האַסטיג, אויף צו להכעיס ענטדעק איך איהם מיין טהייערע געהיימנים: „זינט איך האָב אָנגעשריבען די אָב־האַנדלונג „ניטאָ קיין גאָט", ענטפער איך איהם מיט בעהאַלטענער שמחה. אָבער איך האָב באַלד זיך געכאַפּט, ווי אונפאַרזיכטיג עס איז געווען מיין געשטענדניס. איך הויב אָן צו פיהלען, אַז עס וועט קומען אונאַנגענעהמעס אי אין שוהל, אי אין דער היים. און דאָך פיהל איך, אַז איך האָב געהאַנדעלט ווי אַ מאַן. אָנקעל מאַקסים, דער ניהיליסט, וואָלט אויף מיין פּלאַץ אויך אַזוי גע־האַנדעלט. איך ווייס, אַז ער האָט אַ נאָמען פאַר זיין קאָמפּראָ־מיסלאָזער אָפענקייט און איך ליעב איהם פאַר זיין געוואַגטער, אָפענער האַלטונג.

„אַ, דאָס איז אינטערעסאַנט", הער איך ווי אין אַ חלום דעם דירעקטאָר'ס אונאַנגענעהמע האַלז־שטימע, „ווען האָט איהר עס געשריבען?"

„פאַר דריי יאָהרען."

„ווי אַלט זייט איהר דאַן געווען?"

„צוועלף."

„האָט איהר אייער אַרטיקעל?"

„יאָ."

„וואו?“

„אין דערהיים.“

„ברענגט איהם מיר מארגען. ניט אנדערש, געדענקט“.

זיין שטימע איז געווארען שטרענג. די ווערטער האבען אב־געקלונגען אין מיינע אויערען מיט דעם הארטען מעטאלישען קלאנג פון מיין שוועסטער'ס פיאנא אין יענעם פערגעסענעם אבענד פון אונזער הויז־קאנצערט, ווען איך האב אלס שטיפעריי בעהאלטען א שטיק אייזערנע רעהר אין דעם אינסטרומענט, וועלכען מען האט געטאנט פאר דיזער געלעגענהייט.

„מארגען, הייסט עס. איהר זייט ענטלאסען.“

דער פערזאמעלטער שול־ראטה האט א זיצונג און לעזט מיין ארטיקעל. מיין פארשונג ווערט איינשטימיג פערדאמט. מען מוז מיך בעשטראפען אלסביישפיעל פאר אנדערע אזעלכע „אונ־ציימיגע אפיקורסות, געפעהרליכע טענדענצען און אונגעהארכזאמ־קייט.“ איך ווער עפענטליך אויסגעשטראפט און מען זעצט מיך אראב צוריק אין דריטען קלאס. דיזע זאנדערבארע שטראף רויבט פון מיר א יאהר, און צווינגט מיך צו חבר'ן זיך מיט „קינדער“. מיין העכערער קלאס קוקט אויף מיר ארונטער מיט אפענער פער־אכטונג. איך פיהל זיך שענדליך ערנידעריגט און בעליידיגט.

. . . .

אזוי לויפט בילד נאך בילד, עראינערונג פאלגט נאך עראי־נערונג, בעת די אונאויפהערליכע שטונדען דערקריכען נעהענטער צום נאכמיטאג, און דער סטאנציע־זייגער בורטשעט אונאויפהער־ליך ווי אן אלטע פרוי.

3.

ענדליך אנגעקומען. „אלל אבארד!“

ווייטער און ווייטער טראגט זיך דער לאקאמאטיוו, מיט יע־דען מאמענט ברענגענדיג מיך אלץ נעהענטער צו מיין ענד־ציעל. דעם קאנדוקטארס אויסשרייען די סטאנציעס, דאס רוישיגע אריינ־געהן און ארויסגעהן מאכט אויף מיר קיין בעוואוסטזיניגען איינ־דרוק ניט. זעהענדיג און הערענדיג יעדע איינצעלהייט פון דעם וואס ארום מיר קומט פאר, בין איך פונדעסטוועגען אזוי ווי אבווע־זענד פון אלעם דעם. שנעלער פון דעם צוג טראגט זיך מיין

פאַרשטעלונג, אַזוי ווי קוקענדיג אויף אַ פּאַנאָראַמע פון בולט׳ע סצענעס, וועלכע האָבען אויגענשיינליך קיין אָרגאַנישען צוזאַמענהאַנג איינע מיט די אַנדערע, דאָך עפּעס זיינען אַלע דיזע סצענעס גאַנץ אינטים פערבונדען אין מייגע עראינערונגען פון דער פערגאַנגענהייט. אַבער ווי אַנדערש איז די געגענוואַרט! איך טראַג זיך קיין פּיטסבורג, אינ׳ם סאַמע האַרצען פון דעם אַרבייטער־קאַמפּף אין אַמעריקאַ. אַמעריקאַ! איך שטעל זיך אָב פערוואונדערט אויף דעם ניט־אויסגעשפּראָכענעם קלאַנג. אַמעריקאַ! פאַרוואָס אין אַמעריקאַ? און ווידער צואַוויקלען זיך פאַר מיר בילדער פון פערגאַנגענהייט.

איך שפּאַציר אַרום אינ׳ם גאָרטען פון אונזער דאַטשע, אין אַן אַריסטאָקראַטישער פאָרשטאָדט פון פּעטערבורג, וואו די פאַמיליע פלעגט געוועהנליך פערברענגען די זומער־מאָנאַטען. פערבייגעהענדיג די וועראַנדע, קומט אַרויס דר. סעמיאָנאָוו, דער בעריהמטער אַרצט; ער קומט אַרויס פון הויז און רופט מיך צו:

„אַלעקסאַנדער אַסיפּאָוויטש", ווענדעט ער זיך צו מיר אויף זיין געוועהנליכען העפליכען אופן. „אייער מוטער איז זעהר קראַנק. זייט איהר דאַ אַליין מיט איהר?"

„מיר האָבען דיענסטען און צוויי קראַנקען־וואַרטערינס בעדיענען זי," ענטפער איך.

„גערוים, גערוים." און דער שאָטען פון אַ שמייכעל שוועבט אַרום די ווינקלען פון זיינע איידעל־געטאַקטע ליפּען. „איך מיין פון דער פאַמיליע."

„אָ, יאָ! איך בין דאָ אַליין מיט מיין מוטער."

„אייער מוטער איז זעהר אונרוהיג היינט, אַלעקסאַנדער אַסיפּאָוויטש. וואָלט איהר געקענט זיצען לעבען איהר דיזע נאַכט?"

„זיכער, זיכער!" האָב איך שנעל צוגעשטימט און האָב זיך געוואונדערט איבער דיזען זאָנדערבאַרען פערלאַנג. די וואַרטערינס האָבען מיך פערזיכערט, אַז די מאַמע ווערט בעסער. איהר קאָן זיך אויסווייזען זאָנדערבאַר וואָס איך זיץ לעבען איהר בעט אַ גאַנצע נאַכט. אונזערע בעציהונגען זיינען געווען אָנגעשטרענגט זינט יענעם טאָג, ווען זי האָט ראָזע׳ן, אונזער נייער דיענסטמיידעל, דערלאַנגט פון כעס אַ פּאַטש, און ווען איך האָב אָבגעשטריטען

איהר רעכט צו בעשטראפען די דיענסטען מיט שלאגען. אזוי ווי איצט זעה איך זי, אויפשטעלענדיג זיך מיט צארנדיגען שטאלץ און אנקוקענדיג מיך מיט פלאמענדע אויגען פון עמפעהרונג:

„דו פערגעסט, אז דו רעדסט דאס צו דיין מוטער. א־לעק־סאנ־דער.“ זי רעדט ארויס דעם נאמען אין פיער בעזונדערע זיל־בען, ווי אימער, ווען זי ווערט אויף מיר אין כעס.

„דו האסט קיין רעכט ניט צו שלאגען דאס מיידעל,“ ענטפער איך אנטקעגען.

„דו פערגעסט זיך מיט ווענען דו רעדסט. דאס איז ניט דיין עסק, ווי איך בעהאנדעל די הויז־מענשען.“

איך קאן זיך ניט צוריקהאלטען ניט צו ענטפערען שארף, וואס עס קומט מיר ארויף אויף די ליפען:

„די ארעמע דיענסטמיידעל איז אזוי גוט ווי דו“.

איך זעה די מאמע'ס שלאנקע פינגער כאפען דאס שווערע קאכלעפעל און באלד האב איך דערפיהלט א שארפען שמערץ אין מיין לינקער האנד. אונזערע אויגען האבען זיך בעגעגענט. איהר ארעם איז געבליבען אונבעוועגליך און איהר בליק האט זיך אב־געשטעלט אויף דעם בלוט־פלעק אויפ'ן וויסען־טישטוך. דאס קאכלעפעל פאלט ארויס פון איהר האנד. זי פערמאכט די אויגען און לאזט זיך קראפטלאז אראב אין שטוהל.

מיין ערביטערונג און בעליידיגונג האבען דערשטיקט אין מיר דעם מאמענטאלען אימפעט צוצולויפען העלפען איהר. ניט ארויס־ריידענדיג א ווארט גיב איך א כאפ די שווערע סאלניצע פון טיש און גיב דאס א שליידער אין דעם פראנצויזישען שפיגעל. זי האט אן עפען געטהאן די אויגען און איז געבליבען פערגאפט, אנקוקענדיג די צושמעטערטע שפיגעל־גלאז. איך האב זיך אויפגעהויבען פון טיש און בין ארויס פון הויז.

מיין הארץ הויבט אן שטארק צו קלאפען, ווען איך געה אריין אין קראנקען־צימער צו דער מאמען. איך האב מורא, זי זאל ניט אנשרייען וואס איך בין אריין: דער שאטען פון דער פערגאנגענ־הייט שטעהט צווישען אונז. אבער זי ליעגט רוהיג אין בעט, און האט קענטיג ניט בעמערקט ווי איך בין אריינגעקומען. איך זעץ זיך אנידער לעבען איהר בעט. א היבשע ווייל געהט אריבער

אין שווייגען. אפנים די מאמע שלאפט. עס ווערט פינסטער אין צימער און איך גרייט זיך צו פערברענגען די נאכט, זיצענדיג דא אין שטוהל. פלוצלונג דערהער איך א שוואכע שטימע: „סאשא!“ איך בויג זיך אן איבער איהר. „א טרונק וואסער.“ איך האלט די גלאז לעבען איהרע ליפען, זי ווענדעט עטוואס אב דעם קאפ, זאגענדיג גאנץ שוואך: „אייז־וואסער, זיי אזוי גוט.“ איך הויב זיך אויף צו געהן ברענגען. „סאשא!“ הער איך אהינטער מיר און איך געה ווידער צו אויף די שפיץ פינגער צום בעט און בויג צו מיין פנים נאהענט, גאנץ נאהענט צו איהר געזיכט און כאפ קוים איהרע שוואכע ווערטער: „העלף מיר א קעהר טהאן זיך צום וואנד.“ צערטליך נעהם איך מיט מיינע ארעמס ארום דעם שוואכען, קראפטלאזען קערפער און איך ווער איבערוועלטיגט פון בענקשאפט אנצוריהרען מיט מיינע ליפען איהר האנד און אויף די קניע בעטען איהר פערצייהונג. עס ציהט מיך אזוי שטארק צו איהר; מיין הארץ ווערט איבערפילט מיט מיטלייד און ליעבע צו איהר; אבער איך וואג ניט צו קושען זי — מיר זיינען עפעס ווי פערפרעמדעט. מיט ליעבשאפט האלט איך זי אין מיינע ארעמס נור קוים א רגע, מורא האבענדיג, אז זי וועט אפשר דערקענען וואס פאר א שטורעם פון געפיהלען עס האט זיך ערוועקט אין מיר. צערטליך קעהר איז זי צו צום וואנד, און אבטרעטענדיג לאנזאם פיהל איך, אזוי ווי עפעס מיסטעריעזעס און דאך עפעס בעשטימטעס האט אין דיזען סאמע מאמענט פערלאזען איהר קערפער.

אין עטליכע מינוט ארום קום איך אריין צוריק מיט א גלאז אייז־וואסער. איך טראג עס צו צו איהרע ליפען, אבער קענטיג, אז זי פיהלט ניט מיין אנוועזענהייט. „עס קען דאך ניט זיין, אז זי זאל אזוי גיך איינשלאפען,“ וואונדער איך זיך. „מאמע!“ פרוף איך זי וועקען גאנץ זאנפט. קיין ענטפער. „מאמינקע, מאמאטשקא!“ אבער עס שיינט, אז זי הערט ניט. „טהייערינקע, מאמאטשקא, גאלובטשיק!“ רוף איך זי, וויינענדיג און זייענדיג בעפאלען מיט א פלוצלונגען שרעק, און פרעס מיינע הייסע ליפען צו איהר געזיכט. דאן קום איך צום בעוואוסטזיין דורך א האנד, וועלכע איך דערפיהל אויף מיין אקסעל און איך הער די איינגעהאל־

טענע שטימע פון׳ם דאקטאר: „מיין יונג, איהר מוזט דאס ארי־בערטראגען. זי איז אין איהר רוה.“

4.

„העי, יונגער בחור׳ל, שטעה אויף! וואס זיפצסטו, הע?“ א צוטומעלטער גיב איך זיך א קעהר און בעגעגען דעם פערגרעב־טען און דאך גוטהארציגען פּנים פון א פערברוינטען ארבייטער, וועלכער זיצט אהינטער מיר.

„אה, קיין זאך ניט; בלויז גע׳חלומ׳ט,“ ענטפער איך. ניט וועלענדיג ווערען אריינגעצויגען אין א געשפּרעך, מאך איך זיך, ווי איך וואלט געווען פערטיעפט אין מיין בוך.

ווי זאנדערבאר פרעמד איז דער פּלוצלונגער קלאנג פון ענג־ליש! עפּעס אקוראט ווי פּלוצלונג וואלט איך איבערגעפּלאנצט געווארען אין אמעריקאנער באדען. זעקס מאנאטען זיינען אריבער נאך מיין מוטער׳ס טויט. זייענדיג געדראהעט פון די אונטער־ריכטס־בעאמטע צו קריגען א „וואלפישען פּאספּארט“ איבער מיינע „געפעהרליכע טענדענצען“, וועלכע וואלטען פאר מיר האלטען פערשלאסען אלע פּראפעסיאנעלע וועגען, ניט קוקענדיג אויף מיינע גוטע אויסצייכנונגען אין לעהרנען, האט זיך נאך די לאנגע פער־ביטערט דורך א געוואלטיגען קריעג מיט מיין אפּעקון, מיין אנקעל נאטהאן, און איך האב בעשלאסען אוועקצופאהרען קיין אמעריקא. דארט, אויף יענער זייט אקעאן, אין דאס לאנד פון נאבעלע ער־ווערבונגען, א גלענצענד פרייעס לאנד, וואו מענשען געהען מיט געהויבענעם קאפּ און פולען מענשליכען שטאלץ — די סאמע פער־ווירקליכונג פון מיינע יוגענדליכע טרוימען.

און אט בין איך אין אמעריקא, אינ׳ם געבענשטען לאנד. ווי־פיעל ענטוישונגען, וויפיעל פערלארענע האפנונגען, וויפיעל אומ־זיסטע קעמפּפע!

די גאלערעע פון מיין געהירען צוואויקעלט זיי אלע פאר מיין בליק. איך זעה זיך זיצענדיג אויף א באנק אין יוניאן סקווער פּארק, צוגעטוליעט נאהענט צו פעדיא און מיכאאיל, מיינע צימער־גענאסען. דער נאכט־ווינד בלאזט שטארק איבער דעם ניט פרעה־ליכען פּארק און נעהמט דורך די ביינער מיט קעלט. איך בין מיעד און הונגעריג, אויסגעמאטערט פון א גאנצען טאג אומזיסטען

זוכען ארבייט. עס פעלט אין מיר איין דאס הארץ קוקענדיג אויף מיינע פריינד. יעדערער פון אונז האט אבגעגעבען זיין טרויעריג־קאלטען רעפארט ביים צוזאמענקומען זיך נאך א טאג ארומשלע־פען זיך: „גארנישט“. פעדיא קרעכצט האלב־פערשלאפען; זיי־נע הענד טאפען ארום זיינע קניע. איך הויב אויף די אראבגעפא־לענע ציימונג, דעק מיט איהר צו זיינע פיס און פערשטעק די ברע־גען אונטער זיי. אבער א שטארקער יאג פון ווינד רייסט ארוים די צייטונג און טראגט זי דרעהענדיג אוועק ערגעץ אינ'ם חושך. איך גיב א ציה פעדיא'ס היטעל איבער זיין פנים און ווער געטראפען פון זיין בלייכקייט. ווי דיזער געזונטער, פולער, רויט־באקיגער יונגער מענש האט זיך געענדערט אין די עטליכע וואכען! ארעמער יונג, קיינער וויל ניט האבען זיין ארבייט. וואס פאר יסורים דאס וואלטען געווען פאר זיין מאמע'ן, ווען זי זאל זיך דערוויסען, אז איהר אזוי זארגפול געהאדעוועטער יונגער זוהן מוז פערברענגען די נעכט אין דעם... וואס פאר א מין וועהטאג האב איך דאס דער־פיהלט? עמיצער בויגט זיך אן איבער מיר, אויסזעהענדיג אזוי משונה־גרויס אין דער פינסטער. האלב־בעטויבט דערזעה איך א האנד דרעהט זיך הין און צוריק אין קורצע, האלב־רונדע בעווע־גונגען און ביי יעדער בעוועגונג פיהל איך א שארפען שמערץ, ווי פון א קנוט. א, דאס איז אין מיינע פאדעשוועס! א צושרא־קענער שפרינג איך אויף. א גראבע האנד גיט מיר א כאפ ביים האלז און איך דערזעה א פאליסמאן.

„ווער זייט איהר, גנבים?“ ברומט ער.

מיכאאיל ענטפערט א פערשלאפענער: „מיר, רוסישע. אר־בייט ווילען.“

„טראגט זיך אב פון דאנען! געגאנגען, אבער באלד!“

שנעל, שטיל, געהען מיר אוועק, פעדיא מיט מיר פאראוים און מיכאאיל שלעפט זיך נאך פון הינטען. די דונקעל בעלויכטענע גאסען זיינען פערלאזען; ווען ניט ווען געהט דורך אין איילעניש א פיגור, שטארק איינגעהילט און גליטשט זיך אוועק געהיימניספול ארום גאס־ווינקעל. פון די גרויסע טראטוארען ערהויבען זיך זיי־לען שטויב; זיי ווערען אויפגעכאפט פון ווינד, וועלכער טראגט זיי אוועק אויף א ווייטער שטרעקע, דאן דרעהען זיי זיך ארויף צו דער הויך, ווערענדיג נאכגעפאלגט פון א נייער כוואליע שטיקענ־

דען שטויב. פון ערגעץ־וואו דערטראגט זיך צו מיינע נאזלעכער א פייניגענדער ריח. „די בעקעריי אויף דער צווייטער גאס“, מאכט פעדיא די בעמערקונג. אונבעוואוסטערהייט הויבען אונזערע טריט אן צו ווערען שנעלער. די אקסלען געהויבען, די קעפ אראבגעלאזען, און טרייסלענדיג זיך פון קעלט, געהען מיר ווייטער, צו דעם אונטערשטען טהייל פון דער בויערי. מיכאאיל בלייבט אלץ פון הינטען. „פערדאמט זאל עס זיין, איך פיהל שלעכט,“ זאגט ער, אניאגענדיג אונז, בעת מיר זיינען אריין אין אן אפענעם פארהויז. גוט דורכזוכענדיג אונזערע קעשענעס געפינען מיר ביי זיך רונד און ארום א פערמעגען פון צוועלף סענט. מיכאאיל מוז האבען א נאכטלעגער, בעשליסען מיר געבענדיג איהם א צעהן־סענטיגען. די איבעריגע צוויי סענט ווערען אויסגעגעבען אויף סיגארעטען, וועלכע מיר צוטהיילען צווישען זיך אויף גלייך און יעדערער נעהמט א פאר ציה פון דעם „פערטען“ אין שאכטעל. איך מיט פעדיא׳ן שלאפען אויף די טרעפ פון סיטי האל.

. . . .

„פיטס־בורג! פיטס־בורג!“

דער שארפער אויסגעשריי פון דעם קאנדוקטאר צאפעלט מיך אויף מיט דער קראפט פון א שלאנג. אונגעדולדיג ווי איך בין פון דער לאנגער נסיעה, איז אבער דאס דערוויסען־זיך, אז איך האב שוין ערדייכט די ענדע פון מיין רייזע, געקומען אונערווארטעט און האט מיך איבערוועלטיגט מיט דעם שרעק פון ניט זיין פארגעבריים. אין כאפעניש נעהם איך צונויף מיינע זאכען, אבער בעמערקענדיג, אז די איבעריגע פאסאזשירען זיצען זיך אויף זייערע פלעצער, נעהם איך זיך אוועקזעצען צוריק אויף מיין פלאץ און האב מורא, צי בעמערקט מען ניט מיין אויפרעגונג. אום צו בעהאלטען מיין פערלעגענהייט, גיב איך זיך א קעהר צום אפענעם פענסטער. געדיכטע וואלקענס רויך פערציהען דעם הימעל, איינהילענדיג דעם פריהמארגען אין א דונקעל גרוי. די לופט איז געדיכט מיט קויהלען־שטויב און אש; א געשטאנק ביז ניט־גוטקייט. די גיגאנטישע גוס־אויוועגס פון וויטען מייקענען אוים פייער־זיילען; די שווארצע אויפבליצונגען צייכענען אב א ליניע פון ראהמען־געביידעס, צוריסענע, געלאטעטע און חורבה׳דיגע. דאס זיינען די היימען פון די ארבייטער, וועלכע האבען געשאפען

דעם אינדוסטריעלען גלאנץ פון פיטסבורג, האבען אויפגעהאדעוועט איהרע מיליאנערען, איהרע קארנעגיעס און איהרע פריקס.

דאס בילד רופט אין מיר ארויס האס געגען דער פערדארבענער סאציאלער גערעכטיגקייט, וועלכע פערוואנדעלט די בעדערפניסען פון דער מענשהייט אין א גיהנום פון ברוטאליזירטע ארבייט: דאס בערויבט א מענשען זיין נשמה, פערטרייבט די זון־שיין פון זיין לעבען, ערנידעריגט איהם נידעריגער פון די חיות, און צווישען די זשארנעס פון הימעלשען זעגען און העלישע יסורים ווערט פלייש און בלוט צומאלען אויף אייזען און שטאהל, פערוואנדלענדיג מענשליכע לעבענס אין גאלד, אהן א שיעור גאלד...

דאס גרויסע נאבעלע פאלק! איז עס ווירקליך גרויס און נא־בעל צו זיין שקלאפען און בלייבען צופרידען? ניין, ניין! זיי ערוואכען, זיי ערוואכען!

קאפיטעל 2.

דער מלחמה־פלאץ.

מיט א צופרידענער רוהיגקייט צושפרייט זיך פאר מיינע אוי־גען דער מאנאנגאהעלא־טייך; זיינע וואסערען רונצלען זיך גע־לאסען אין דעם זונען־שיין און זומזען ווייך צו צום מורמלען פונ'ם וועלדעל אויף דעם טומאנעם ברעג. אבער דער אנטקעגענדיגער ברעג שטעלט פאר א שארפען היפוך. ביים סאמע ראנד פון טייך ערהויבט זיך א הויכער הילצערנער פארקאן, בעצויגען מיט שטעך־דראטען, און טאמער איז דאס וועניג, זיינען דערצו נאך דא וואך־טהורעמס און פערשאנצונגען אויף א מלחמה־שטייגער. די בייז־וויליגע וואנד קוקט אויף מיר ארונטער מיט טויזענד אויגען־לעכער, וועמעס קלאהרער מערדערישער צוועק בערעכטיגט פאלשטענדיג דעם נאמען „פארט פריק“. רעדלעך פון אויפגערעגטע מענשען פילען אן דעם אפענעם שטח צווישען דעם טייך און דעם פארט און די לופט איז פול מיט טומעל פון מאסען קולות. מענער מיט ווינטשעסטער ביקסען איילען פערביי, זייערע פנים'ער זיינען בייז, די אויגען געוואגט און דאך אונרוהיג. פונ'ם פאבריק־הויף שצירען ארוים די שווארצע מיילער פון קאנאנען, די דורכגאנגען זיינען פערשטעלט מיט פאראפעטען און אויף דער ערד זיינען אנ־געווארפען ברענענדע אש, לעדיגע קוילען, קעראסין־פעסלער, צו־בראכענע קוימענס און הויפענס פון שטיקער שטאל און אייזען. דער פלאץ זעהט אוים ווי נאך א העפטיגען צוזאמענשטויס — דער סימבאל פון אונזער אינדוסטריעלען לעבען, פון דעם ריקזיכטס־לאזען קאמפף, אין וועלכען דער שטארקערער, דער הא־רעפאסנער ארבייטס־מאן, איז תמיד דער קרבן, דערפאר וואס ער האנדעלט שוואך. אבער די צובערענטע האלאוועשקעס פון

די פינקערטאָנישע באַרזשעס ביים צופאַהר, און דער בלוט־בעשפּריצטער צוגאַנגס־בריקעל זיינען די שטומע עדות, אַז איין מאָל, לכל הפחות, איז די שלאַכט געוואונען געוואָרען פון די ווירקליך שטאַרקע, פון דעם סרבן, וועלכער האַט געוואַגט.

אַ גרופּע אַרבייטער געהען אונטער צו מיר. גרויסע, געזונדגעוואַקסענע מענער; אין זייער טראַכט און זייער האַלטונג פיהלט זיך קראַפט פון זעלבסט־בעוואוסטער גבורה. יעדערער פון זיי איז בעוואַפענט; מאַנכע טראָגען ווינטשעסטערס, אַנדערע געיעג־ביקסען. ביי איינעם אין האַנד בעמערק איך דעם בלאַנקען שטאָל פון אַ פּלאַטען־רעוואָלווער.

„ווער ביזטו?" פרעגט מיך בייז דער מאַן מיט'ן רעוואָלווער.

„אַ פריינד, אַ בעזוכער."

„קאַנסטו ווייזען קרעדענשעלס, אָדער אַ יוניאָן־קאַרטע?"

זייענדיג בעפרידיגט פון מיין פערטרויענס־ווערטהקייט, ערלויבען זיי מיר געהן ווייטער.

אין איינע פון די פאַבריק־הויפען שטויס איך זיך אָן אויף אַ געדיכטען רעדעל מענער און פרויען פון פערשידענע טיפּען: דער קורץ־געוויקסיגער, ברייט־פּנים'דיגער סלאַוו שטעהט האַנד ביי האַנד מיט דעם הויך־געוויקסיגען אַמעריקאַנישען ברודער־סטרייקער; דער טונקעל־הויטיגער איטאַליענער, מיט זיינע געדיכטע וואָנצעס, זשעסטיקולירט און רעדט שנעל צו אַ רעדעל פון זיינע אויפגערעגטע לאַנדסלייט. אַלע קלייבען זיך אַרום אַ הויכער פּלאַטפאָרם, אויף וועלכער עס שטעהט אַ הויכער, דיקער מאַן.

איך שטופּ זיך צו נעהענטער.

„הערט, מיינע העררען, הערט!" הער איך דעם רעדנער זאָגענדיג. „בלויז עטליכע ווערטער, מיינע העררען! איהר ווייסט דאָך אַלע ווער איך בין, ניט וואָהר?"

„יאָ, יאָ, שעריף!" שרייען אויס עטליכע. „רייד ווייטער!"

„יאָ," זאָגט ווייטער דער רעדנער, „איהר ווייסט אַלע ווער איך בין. אייער שעריף, דער שעריף פון אַלעגהעני, פון דער גרויסער געמיינדע פון פּענסילווייניאַ."

„ווייטער!" גיט איינער אונגעדולדיג אַ געשריי.

„ווען איהר וועט מיך ניט איבערשלאגען, מיינע העררען, וועל איך ריידען ווייטער.".

„ש־ש־ש! ארדנונג!"

דער רעדנער טרעט צו נעהענטער צום ברעג פון דער פלאט־פארם.

„מענער פון האמסטעד! עס איז מיין געשווארענע פליכט, אלס שעריף, אויפצוהאלטען רוהע און ארדנונג. אייער שטאדט איז אין א צושטאנד פון אונגעזעצליכקייט. איך האב געבעטען דעם גובערנאטאר ער זאל שיקען די מיליץ, און איך האף..."

„ניין! ניין!" פראטעסטירען פיעלע שטימען. „צום טייפעל געה!"

דער טומעל פערטרינקט דעם שעריפ'ס ווערטער. סטראשענדיג מיט זיין פויסט, טופענדיג מיט'ן פוס אויף דער פלאטפארם, שרייט ער אויף דער מאסע, אבער זיין שטימע פערלירט זיך אין דעם ים פון קולות.

„א'דאנעל! א'דאנעל!" לאזען זיך איצט הערען שטימען פון אלע זייטען. דאס געשריי שטייגט און ווערט אן אונגעהייערער כארוס פון קולות: „א'דאנעל!"

איך זעה ווי דער פאפולערער פיהרער פון דעם סטרייק בעשטייגט לאנגזאם די פלאטפארם. דער גאנצער עולם בלייבט שטיל.

„ברידער," הויבט אן א'דאנעל אויף א גלאטען, אנציהענדען אופן. „מיר האבען געוואונען א גרויסען נאבעלען זיעג איבער דער קאמפאניע. מיר האבען די פינקערטאנישע איינדרינגלער ארויסגעטריבען פון אונזער שטאדט —"

„פערפלוכט זאלען זיי ווערען, מערדער!"

„שטיל! ארדנונג!"

„איהר האט געוואונען א גרויסען זיעג," זעצט פארט א'דאנעל, „א גרויסען, בעדייטענדען זיעג, אזא זיעג, וואס נאך קיין מאל איז אזא פריהער ניט בעקאנט געווען אין דער געשיכטע פונ'ם קאמפף פון ארבייט פאר בעסערע אומשטענדען."

שטורמישער בייפאל רייסט איבער דעם רעדנער.

„אבער," רעדט ער ווייטער. „איהר מוזט ווייזען דער וועלט, אז איהר ווילט אויפהאלטען צוזאמען מיט אייער רעכט אויך רוה און ארדנונג. די פינקערטאנס זיינען געווען פרעמדע איינדרינגלער.

מיר האָבען בעשיצט אונזערע היימען און האָבען זיי אַרויסגע־טריבען, און מיט רעכט. אָבער איהר זייט געזעץ־געהאָרכענדע בירגער. איהר רעספּעקטירט דאָס געזעץ און די אויטאָריטעט פון׳ם שטאַאט. די עפענטליכע מיינונג וועט אונטערשטיצען אייער קאַמפּף, אויב איהר וועט האַנדלען גערעכטיג. איצט איז די צייט, פריינד!" — ער ערהויבט זיין שטימע אין שטייגענדער בעגייסטע־רונג — „איצט איז די צייט! עמפּפאַנגט די סאָלדאַטען. זיי זיי־נען ניט געשיקט געוואָרען פון יענעם מאַן, פון דעם פּריק. זיי זיי־נען דעם פאָלק׳ס מיליץ. זיי זיינען אונזערע פריינד. לאָמיר זיי עמפּפאַנגען אַלס פריינד!"

אַפּלאָדיסמענטען, געמישטע מיט געשרייען פון אונגעדולדי־גער אונצופרידענהייט בעגריסען דיזע רעדע. הענד הויבען זיך אַלס צאָרענדיגע אַרגומענטען און די מאַסע ווערט געוויעגט הין און צוריק, און עס בילדען זיך בעזונדערע רעדלעך. אויף דער פּלאַטפאָרם ערשיינט אַ הויכער, דונקעלער מאַן. זיין געהויבענע שטימע ציהט אַלץ מעהר צו די פערזאַמלונג נעהענטער צו דער פּלאַטפאָרם. ביסלעכוויז שטילט זיך איין דער טומעל.

„גלויבט דאָס ניט, מענשען!" דער רעדנער טייטעלט מיט זיין פינגער דער פערזאַמלונג, אַזוי ווי צו אונטערשרייבען זיין וואָרנונג. — „גלויבט ניט, אַז די סאָלדאַטען קומען אַלס פריינד. זעהר ווייכע ווערטער זיינען דאָס, מר. אָ׳דאָנעל. זיי וועלען אונז טהייער קאָסטען. געדענקט, ברידער, וואָס איך זאָג אייך. קיין פריינד זיינען אונז די סאָלדאַטען ניט. איך ווייס וואָס איך רייד. זיי קומען אהער דערפאַר, ווייל דער פערדאַמטער מערדער פּריק וויל זיי דאָ האָבען!"

„ריכטיג! ריכטיג!"

„יאָ!" זעצט פאָרט דער הויכער מאַן און זיין שטימע ציטערט פון געפיהל־פולקייט. „איך קאָן אייך זאָגען אַקוראַט ווי די זאַך איז. דער לומפּ דער שעריף דאָרט האָט געבעטען דעם גובערנאַ־טאָר צו שיקען אהער חיל און דער פערפלוכטער פּריק האָט דעם שעריף בעצאָהלט, אַז ער זאָל אַזוי טהאָן, זאָג איך אייך!"

„ניין! יאָ! ניין!" הויבט זיך ווידער אָן דער טומעל, אָבער איך קאָן הערען דעם רעדנער׳ס שטימע העכער פון דעם גערויש:

„יאָ, ער האָט איהם אונטערגעקויפט. איהר קענט אַלע דעם

פייגלינג דעם שעריף. לאזט די סאלדאטען ניט אריינקומען, זאג איך אייך. ווארום צוערשט וועלען ז י י קומען, און נאך זיי די סטרייק־ברעכער. ווילט איהר זיי דא?"

„ניין! ניין!" ברומט די מאסע.

„נו, אויב איהר ווילט ניט האבען די פערפלוכטע סקעבס, לאזט בעסער ניט אריין די סאלדאטען, פערשטעהט איהר? אויב איהר וועט עס ניט טהאן, וועלען זיי א י ך ארויסטרייבען פון אייערע היימען, פאר וועלכע איהר האט בעצאהלט מיט אייער בלוט. זיי וועלען ארויסטרייבען אייך, אייערע פרויען און אייערע קינדער, און ארויסגעווארפען וועט איהר ווערען פון די דאזיגע." — ווייזט אן דער רעדנער אויף די פאבריקען, — „דאס איז וואס זיי וועלען טהאן, אויב איהר וועט דאס ניט פערהיטען. מיר האבען געשוויצט און געבלוטיגט אין דיזע פאבריקען, אונזערע ברידער זיינען דא אומגעקומען, פערקריפעלט געווארען, מיר האבען די פער־פלוכטע קאמפאניע רייך געמאכט, און איצט שיקען זיי סאלדאטען אהער צו דערשיסען אונז, ווי די פינקערטאנישע באנדיטען האבען דאס געוואלט טהאן, און איהר ווילט נאך עמפפאנגען מיט א וויל־קאמען די מערדער, דאס ווילט איהר? לאזט זיי ניט אריין אהער, זאג איך אייך!"

דער רעדנער פערלאזט די פלאטפארם צווישען פייפעריי און ליארם.

„מעקלאקי", „עהרליכער", „מעקלאקי!" הערט זיך א שטימע ביים סאמע זייט פון דער מאסע. און אזוי ווי איין מענש נעהמט די גאנצע מאסע אויף דאס געשריי: „עהרליכער מעקלאקי!"

איך גאהר צו זעהן דעם עהרליכען בירגערמייסטער פון האמ־סטעד, וועלכער איז אליין אן ארעם־בעצאהלטער אנגעשטעלטער פון דער קארנעגיע קאמפאניע. א ברייט־ביינערדיגער, גוטמוטהיג־אויסזעהענדער ארבייטער שטופט זיך דורך צום פארענט. אלע מאכען פאר איהם געמן א וועג מיט גריסענדע קעפ־שאקלען און פריינדליכע שמייכלען.

„איך האב קיין רעדע ניט פערפערטיגט," הויבט אן דער בירגערמייסטער איינגעהאלטען. „אבער איך וויל זאגען, אז איך זעה ניט, ווי אזוי איהר קענט קעמפפען מיט די סאלדאטען. עס איז פיעל אמת פאראן אין דעם, וואס דער ברודער פאר מיר האט

געזאָגט; אָבער ווען איהר וועט נאָכדענקען וועגען דעם, האָט ער אייך פערגעסען צו זאָגען איין קלייניגקייט, דאָס ווי אַזוי? ווי אַזוי וועט ער דאָס מאַכען, אַז די סאָלדאַטען זאָלען ניט קענען אַריינקומען. דאָס איז וואָס איך האָב געוואָלט וויסען. איך האָב מורא, אַז עס איז אַ ריזיקע אַריינצולאָזען זיי. עס קאָן מעגליך זיין, אַז די סקעבס זיינען בעהאַלטען הינטער זיי. אָבער ווידער אַמאָל, עס איז דאָך אויך אַ ריזיקע ניט אַריינצולאָזען די סאָלדאַ־טען. איהר קאָנט זיך ניט אָוועקשטעלען געגען זיי; זיי זיינען ניט קיין פינקערטאָנס. און מיר קענען ניט קעמפּפען געגען דער רעגירונג פון פּענסילוואַניאַ. אפשר וועט דער גובערנאַטאָר גאָר־ניט שיקען די מיליץ. נור אויב ער וועט יאָ שיקען, רעכען איך, אַז דער בעסטער וועג איז, זיך צו בעפריינדען מיט זיי. איך רעכען, אַז דאָס איז די איינציגע זאַך וואָס מיר קענען טהאָן. דאָס איז אַלעס, וואָס איך האָב צו זאָגען.“

די פערזאַמלונג צוגעהט זיך ענטמוטהיגט, פערטרויערט.

קאפיטעל 3.

דער גייסט פון פיטסבורג.

1.

ווי א ריזיגער מוראוויינִיק סטארטשען ארוים אויף ביידע ברעגען פונ'ם אהייא־טייך די צווילינג־שטעדט, אטהעמענדיג מיט דעם גייסט פון פיבערהאפטער טהעטיגקייט און דורכנעהמענדיג די לופט מיט דער בייזקייט פון לעבען. די שטראמען פון מענשען־מוראשקעס פליסען אהן אויפהער, צונויפגעהענדיג זיך און צושיידענדיג זיך, זייערע וועגען קרייצען זיך דורך און קרייצען זיך איבער, איבערלאזענדיג אויף זייער סליאד טויזענדע געדרעהטע ווענקלעך און שטענגלעך, בערג מיט בנינים, פערשפּיצטע און אויפגעטהורעמטע. זייערע מאוים'דיגע שאטענס פערשטעלען דעם געלען שנור פונ'ם גלאנצענדען טייך, וואס בויגט זיך און צוגט זיך אין זיין שמערצליכען וועג, דא לאשצענדיג דעם ברעג און דארט בעהאלטענדיג זיך מיט פחד און דאן ווידער אויסשפּרייטענדיג בעשיידענע ארעמס צו די בייזעריגע מאנסטערס, וועלכע ברעכען ארויס רויך און פייער אינ'ם מיטען פון דעם ריעזיגען מוראוויינִיק. און איבער דאס אלעם צושפּרייט זיך דער חושך פונ'ם געדיכטען טומאן, וואס דריקט און ענטמוטהיגט — דער סימבאל פון אונזער עקזיסטענץ מיט זיין גאנצער פינסטערנים און קעלט.

דאס איז פיטסבורג, דאס הארץ פון אמעריקא'ס אינדוסטריאליזם, וועמעס גייסט עס פארמירט דעם לעבען פון דער גרויסער

נאציאן. דער גייסט פון פיטסבורג, די אייזען־שטאדט! קאלט ווי שטאל, הארט ווי אייזען, איהרע פראדוקטען. דאס איז דער טאן־געבער פון דער גרויסער רעפובליק, וואס איבערוועלטיגט אלע אנדערע סטרונעס, אויפאפפערענדיג הארמאניע פאר רעש, שעהנ־קייט פאר האמעטנעס. איהר פאקעל פון פרייהייט איז דער פייער פון גוס־אויוועז, אין וועלכען די מארד און ביינער פון די פראדוצי־רער, זייערע גלידער און קערפער, זייער געזונד און בלוט ווערען אויסגעגאסען אין בעססמער־שטאל, אויסגעוועלגערט אין פאנצער־פלאטען און פערוואנדעלט אין מארד־מאשינען, וואס זאלען גע־ווידמעט ווערען צו גאט מאמאן דורך זיינע פריסטער, די קארנעגים, די פריקס.

דער גייסט פון דער אייזען־שטאדט כאראקטעריזירט די פער־האנדלונגען וואס זיינען אנגעגאנגען צווישען דער קארנעגיע גע־זעלשאפט און די מענער פון האמסטעד. הענרי קלעי פריק, וועל־כער האט די אבסאלוטע קאנטראל איבער דער פירמא, פערקער־פערט מיט זיך דעם גייסט פונ'ם גוס־אויווען און איז די לעבעדיגע עמבלעמא פון זיין האנדעל. דער אוילבערט־צווייג פון שלום, וואס די ארבייטער האבען אויסגעשטרעקט נאך זייער זיעג איבער די פינקערטאנער, איז צוריקגעוויזען געווארען. דער אולטימאטום, וועלכען פריק האט ארויסגעגעבען, איז צעזאר'ס לעצטעסווארט: די יוניאן פון די שטאל־ארבייטער מוז צובראכען ווערען, אבסא־לוט און פאלשטענדיג, ווען אפילו מען זאל צוליעב דעם דארפען פערגיסען דאס בלוט פון דעם לעצטען מענשען אין האמסטעד. די קאמפאניע וועט פערהאנדלען בלויז מיט איינציגע ארבייטער אינ־דיווידועל, און דיזע ארבייטער מוזען אננעהמען די קאנדיציאנען, וואס מען לעגט זיי פאר אהן שום פראגעס, אהן שום דיסקוסיעס; פריק וועט בעשעפטיגען אויף זיינע פאבריקען ניט־יוניאן־לייט; ווען עס זאל אפילו דערצו נויטיג זיין די פעראייניגטע מיליטערישע כחות פונ'ם שטאאט און פון דער מדינה, וועט ער דעם פלאן דורכ־זעצען. די פאבריק־ארבייטער, וואס וועלען ניט פאלגען דעם בע־פעהל אומצוקעהרען זיך צו דער ארבייט לויט די נייע פרייזען פון רעדוצירטען לוין, זאלען גלייך ענטזאגט ווערען און ארויסגעווארפען ווערען פון דער קאמפאני'ס הייזער.

.2

אין א שמאלען דונקעלען געסעל, אין דער שטאדט האמסטעד, געפינט זיך אן איין־גארענדיג הויז, אלט און פעראיינזאמט. דארט וואוינט די אלמנה דזשאהנסאן מיט איהרע פיער קליינע קינדער. מיט זעקס מאנאטען צוריק האט דאס פלאצען פון א קאנאט בע־גראבען איהר מאן אונטער צוויי הונדערט טאן מעטאל. ווען מען האט דעם קערפער געבראכט אין הויז האט די פערצווייפעלטע, גע־שטערטע פרוי ענטזאגט זיך צו דערקענען אין די צוקוועטשטע מאסע פון גליעדער איהר גרויסען, קרעפטיגען „דזשעק". פאר וואָ־כען לאנג איז די נאכבארשאפט פערקלונגען געווארען מיט איהרע וואהנזיניגע קולות: „מיין מאן! וואו איז מיין מאן?" די ליעב־שאפטליכע זארג פון די גוטהארציגע שכנים האט איהר געבראכט ענדליך עטוואס צום זינען. בעגלייט פון איהרע פיער קליינע יתומים'לעך, האט זיך די ארעמע פרוי ניט לאנג געווענדעט צו מר. פריק. מען האט זי אריינגעלאזען צו איהם. אויף די קניע איז זי געפאלען און געבעטען איהם ניט ארויסצוטרייבען זי מיט די קינדער פון זייער היים. איהר פעראונגליקטער מאן איז טויט, האט זי זיך געבעטען, און זי איז ניט אימשטאנד צו בעצאהלען דעם מארטגעדזש; די קינדער זיינען נאך צו קליין צו ארבייטען; זי אליין, קוים וואס זי געהט. פריק איז צו איהר געווען גוט, דענקט זי. ער האט איהר נעמליך פערשפראכען, אז ער וועט זעהן וואס ער קען טהאן פאר איהר. ווען די שכנים האבען צו איהר גערעדט, אז זי זאל געריכטליך מאהנען ביי דער קאמפאניע שאדענערזאץ, האט זי דערפון ניט געוואלט הערען. „דער קאנאט איז געווען צו־פוילט," האבען איהר איהרע פריינד ערקלעהרט; „דער רעגירונגס־אינספעקטאר האט ערקלעהרט, אז דער קאנאט איז אונטויגבאר." אבער מר. פריק איז א גוטער מענש און ער האט דאך זיכער גע־וואוסט וועגען דעם. האט ער דען אליין ניט געזאגט, אז דאס איז געווען איהר מאנ'ס אייגענע נאכלעסיגקייט?

זי פיהלט דאנקבארקייט צו מר. פריק פאר זיין גוטסקייט, וואס ער האט אבגעלעגט די צאהלונג פונ'ם מארטגיידזש. זי האט די גאנצע צייט געלעבט אין אזא ציטערניס, אז איהר אייגען שטיקעל היים, וואו איהר טהייערער דזשעק איז געווען אזא גוטער מאן צו

איהר, זאל פון איהר ניט אַוועקגענומען ווערען און איהרע קינדער־לעך זאלען זיך ניט דארפען וואלגערען אין דרויסען. זי זאל נור קיין מאל ניט פערגעסען גאָט צו בעטען פאר דעם גנעדיגען מר. פריק. יעדען טאג דערצעהלט זי איבער פאר די שכנים די געשיכטע ווי זי איז געווען ביי דעם גרויסען מאן; ווי גוט־הארציג ער האט זי אויפגענומען, ווי איינפאך ער האט מיט איהר גערעדט. „גאר אזוי ווי צווישען אונזערע פּראָסטע מענשען", זאגט די אלמנה.

זי דערצעהלט איצט איהר וואונדערליכע געשיכטע פאר איהר שכנה מערי, א הויקער, וועלכע הערט מיט נים ווייניגער נייגעריג־קייט צום צוואנציגסטען מאל דיזעלבע געשיכטע. דאס איז דאך אזא וויכטיגע זאך צו קענען א פערזאָן, וואס האט אליין געהאט די עהרע צו קומען אין בעריהרונג מיט דעם אייזען־קעניג; סטייטש, געזעהן איהם אליין! און אפילו געהאט דאס גליק צו ריידען מיט דעם גרויסען מאגנאט!

„טהייערער מר. פריק, זאג איך", דערצעהלט די אלמנה, „טהייערער מר. פריק, זאג איך, קוקט נאר אן מיינע קליינע ארעמע מלאכים'לעך!..."

א קלאפ אין טיהר שלאגט זי איבער. „דאס מוז זיין די איין־אויגיגע קייטי," קלעהרט די אלמנה. „קום אריין! קום אריין!" זאגט זי מונטער. „ארעמע קייטי!" זיפצט זי זיך אב, „איהר מאן האט נעבאך די אויסצעהרונג, וועט לאנג ניט ציהען, האב איך מורא".

א הויכער, גראב־אויסזעהענדער מאן שטעהט אין דער גע־עפענטער טיהר. אהינטער איהם ערשיינען צוויי אנדערע. א דער־שראקענע גיט זיך די אלמנה א הויב פון שטוהל. איינע פון די קינדער צוואויינט זיך און לויפט בעהאלטען זיך הינטער דער מא־מען.

„זייט מוחל, מאדאם," זאגט דער הויכער מאן. „האט נור קיין מורא ניט. מיר זיינען דעפּיוטי שעריפס. לעזט דאס איבער," און ער ווייזט איהר א קאנצעליארסקען פאפּיער. „א בעפעהל ארויסצוזעצען אייך. עס טהוט מיר לייד, מאדאם, אבער מאכט זיך פארטיג. שנעל, כ'האב נאך א דוצענד מעהר צו —"

א הארצרייסענדער געשריי. דער דעפּיוטי שעריף כאפּט אונ־טער אין זיינע ארעמס דעם אונמעכטיגען קערפּער פון דער אלמנה.

.3

איסט ענד, דער מאדישער רעזידענץ־קווארטאל פון פיטסבורג, ליעגט צועפענט פאר דער נאכמיטאג־זון. די ברייטע עוועניו זעהט אויס קיהל און אנציהענד: די שטאאטליכע בוימער בעריהרען זיך מיט זייערע שאטענס אין דער ברייט פונ'ם שפאציר־וועג, העפליד שאקלענדיג מיט זייערע שפיצען אין געגענזייטיגער צושטימונג. א שטענדיגע פראצעסיאן פון עקיפאזשען פילען אן די עוועניו, די רייך־געשפאנטע פערד און די לאקייען אין די ליווריעס גיבען צו פארב און לעבען צו דעם בילד. א קאוואלקאדע טראגט זיך אריבער פערביי מיר. דאס געלעכטער פון די דאמען קלינגט פריידענס־פול און זארגלאז. זייער גליקליכקייט רעגט מיך אויף. איך טראכט פון האמסטעד. אין מיין פארשטעלונג זעה איך דעם טונקעלען פארקאן, בעפעסטיגונגען און דעם קאנאן; די רחמנות־דיגע פיגור פון דער אלמנה ערשיינט פאר מיר, די קליינע עופה'לעך וויינען, און ווידער הער איך דעם יסורים'דיגען יאמער פון א צובראכענן הארץ, פון א צושטערטען זינען...

און דא איז אלעס פרייד און געלעכטער. די קאוואלערען זעהען אוים צופרידען; די דאמען זיינען גליקליך. פאר וואס זאלען זיי זיך קימערען וועגען ארעמקייט און נויט? דאס פראסטע פאלק איז נור פאסענד צו זיין זייערע שקלאפען, צו פיטערען זיי און קליידען זיי, אויסבויען פאר זיי דיזע רייכע פאלאצען און אליין צופרידען זיין פון די אראבגעפאלענע ברעקלעך. „נעהמט וואס איך גיב אייך," הייסט פריק. יא, אט דאס איז דאס הויז! א תענוג פון א פלאץ, מיט גרויסע גערטנער, שפייכלערס און שטאהלען. יעדער שטאהל דארטען — דאס איז דאך לעבהאפטער און בעוואוינליכער אלס די אלמנה'ס היים. אה, דאס לעבען האט געקאנט איינגעארדענט ווערען שעהן, לעבהאפט! פאר וואס זשע זאל דאס ניט איינגעארדענט זיין אזוי? פאר וואס זאל זיין אזוי פיעל ארעמקייט און עלענד? זונען־שיין, בלומען, שעהנע זאכען זיינען איצט רונד און ארום מיר. דאס איז לעבען! תענוג און פרידען... ניין, עס קאן ניט זיין קיין פרידען מיט אזעלכע ווי פריק און ווי דיזע פאראזיטען אין די חארעטען, רייטענדיג אויף אונזערע רוקענס און צאפענדיג דאס בלוט פון די ארבייטער. פריקס, וואמפירען זיי־

נען זיי אַלע — האָב איך כמעט אויסגעשריען אין דער הויך — זיי זיינען אַלע פון דעמזעלבען קלאַס. זיי זיינען אַלע איין באַנד גע־נען מ י י ן קלאַס, געגען די שאַפער, די פּראָדוצירער. ניט קיין פּערזענליכע קאָנספּיראַציע, אפשר; אָבער אַ קאָנספּיראַציע סיי־ווי־סיי. און די שעהנע דאַמען, רייטענדיג אויף די פערד, שמייכ־לען און לאַכען. וואָס קימערט ז י י די נויט און דער עלענד פון פאָלק? זיי לאַכען דאָס אפשר פון מיר. לאַכט! לאַכט! איהר פעראַכטעט מיך. איך בין אַ מענש פון פאָלק, אָבער איהר בעלאַנגט צו די פּריקס. נו, עס קאָן זיין, אַז באַלד וועט א ו נ ז אויסקומען צו לאַכען...

ווען איך האָב זיך דעמזעלבען אָבענד צוריקגעקעהרט קיין פּיטסבורג, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די קאָנפערענצען צווישען דער קאַרנעגיע קאָמפּאַניע און דעם קאָמיטעט פון די סטרייקערס האָבען זיך אויסגעלאָזען מיט דעם, וואָס פריק האָט זיך ענטזאָגט צו נעהמען אין אָנבעטראַכט די פאָדערונגען פון די פאַבריק־אַרביי־טער. די לעצטע האָפענונג איז פערשוואונדען! דער הערשער איז ענטשלאָסען צו ברעכען זיינע רעבעלישע שקלאַפען.

קאַפּיטעל 4.

דער אַטענטאַט.

די טיהר פון פריק׳ס פּריוואַט־אָפיס, צו דער לינקער זייט פון עמפּפאַנגס־צימער, עפענט זיך און ווען אהין פערשווינדט דער דינער, גיב איך מיט׳ן בליק אַ כאַפּ אַ שוואַרץ־בערדיגע, געזעצטע פיגור ביי אַ טיש אין הינטערגרונד פון צימער.

„מיסטער פריק איז בעשעפטיגט, ער קאָן אייך ניט אויפנעהמען איצט, סער," זאָגט דער נעגער, דערלאַנגענדיג מיר צוריק מיין וויזיט־קאַרטעל. איך נעהם דאָס קאַרטעל און לעג אריין אין מיין האַנד־טאַש און געה לאַנגזאַם ארויס פון עמפּפּנג־צימער. אַבער אַ קעהר־טהאַנדיג זיך צוריק, געה איך דורך דאָס טיהרעל, וואָס טהיילט אָב די קלערקס פון די בעזוכער, און אָבשטופּענדיג דעם ערשטווינטשען דינער אָן אַ זייט, טרעט איך אריין לינקס אין אָפּיס און געפין זיך פּנים־אל־פּנים מיט פריק׳ן.

פאַר אַ מאָמענט האָט מיך אַ בלענד געטהאָן די זון־שיין, וואָס האָט אריינגעשטראָמט דורך די פענסטער. איך בעמערק צוויי מענשען ביים עק פון לאַנגען טיש.

„פר..." הויב איך אָן. דער פּחד, וואָס האָט זיך געוויזען אויף זיין פּנים, פערהאַלט מיין ריידען. דאָס איז דער פּחד פון׳ם בעוואוסטזיין, אַז דער טויט איז אַנוועזענד. „ער פאַרשטעהט," פליהט מיר דורך דער געדאַנק אין מח. מיט אַ שנעלער בעוועגונג ציה איך ארויס דעם רעוואָלווער. אַ הויב טהאַנדיג די וואַפע, זעה איך, ווי פריק האַלט זיך אָן פעסט מיטביידע הענד פאַר׳ן הענטעל פון שטוהל און וויל זיך אויפהויבען. איך ציעל אין קאָפּ. „אפשר טראָגט ער אַ פּאַנציר," טראַכט איך. מיט אַ בליק פון אימה ווענדט ער אָב זיין פּנים, ווען איך האָב אַ ציה געטהאָן דעם דריי־

קער. א בליץ — און דער הויד־געוועלבינגער צימער הילכט אב אזוי ווי פונ'ם דונער־קנאלען פון א קאנאנע. איך הער א שאר־פען, שניידענדען געשריי און זעה פריק'ען אויף די קניע, זיין קאפ נעגען דאס הענטעל פון שטוהל. איך פיהל זיך רוהיג און בעוו־סען, נאכפאלגענדיג יעדע בעוועגונג פון דעם מענשען. ער ליעגט מיט'ן קאפ און פלייצע אונטער דעם גרויסען פוטעל אהן שום קלאנג אדער בעוועגונג. „טויט?" וואונדער איך זיך. איך מוז זיין זיכער. אונגעפעהר פינף און צוואנציג פוס טהיילען אונז אב. איך מאך עטליכע טריט נעהענטער צו איהם, ווי פלוצלונג גיט אויף מיר א שפרונג דער אנדער מאן, וועגען וועמעס אנוועזענהייט איך האב כמעט פערגעסען. איך ראנגעל זיך ארויסצורייסען זיך פון איהם. ער זעהט אויס דין און קליין. איך וויל איהם ניט וועה טהאן: איך האב מיט איהם קיין געשעפטען ניט. פלוצלונג דערהער איך דאס געשריי: „מארד! העלפט!" מיין הארץ ווערט ווי פערשטארבען, ווען איך דערזעה אז דאס שרייט פריק. „לעבט ער?" וואונדער איך זיך. איך גיב א שליידער דעם פרעמ־דען אן א זייט און שיס אויף פריק'ס קריכענדע פיגור. דער מאן האט מיר א קלאפ געטאן איבער'ן האנד — איך האב ניט געטרא־פען! ער כאפט זיך אן פאר מיר און מיר ראנגלען זיך אין דער קווער פון צימער. איך זוך איהם אנידער צו־ווארפען, נור דערזעהענדיג אן עפענונג צווישען זיין ארעם און קערפער, שטרעק איך אויס דעם רעוואלווער פערביי זיין זייט און ציעל אין פריק'ען, וועלכער האט זיך פארשטעלט מיט'ן שטוהל. איך גיב א ציה דעם דריקער. עס הערט זיך א קנאק, אבער קיין עקספלאזיאן! איך כאפ אן פאר'ן האלז דעם פרעמדען, וועלכער לאזט מיך אלץ ניט אב, ווען פלוצלינג גיט עפעס א שווערע זאך מיר א זעץ אין הינטער־קאפ. שארפע שמערצען שיסען מיר פון די אויגען. איך זינק צו דער ערד, קוים בעוואוסט אז עס גליטשט זיך די וואפע ארויס פון מיין האנד.

„וואו איז דער האמער? שלאג איהם, טישלער!" געמישטע שטימען קלינגען מיר אין די אויערען. שמערצליך זוך איך אויפ־צוהויבען זיך. די משא פון פיעלע קערפערס דריקט מיך. יא — דאס איז פריק'ס שטימע! ניט טויט?... איך קריך אין דער ריכ־טונג פון דער שטימע, מיטשלעפענדיג די ראנגלענדע מענשען מיט

זיך. איך מוז ארויסקריגען דעם קינזשאל פון מיין טאש — איך האב איהם! ווידערהאלענד טרעף איך מיט איהם אין די פיס פון דעם מאן, וואס איז לעבען פענסטער. איך הער ווי פריק שרייט אויס פון שמערץ — לארעם און טופעריי ארום — מיינע הענד ווערען געשלעפט און נעדרעהט, און איך ווער מיט'ן גאנצען קערפער אויפגעהויבען פון די דילען.

פאליציי, קלערקס, ארבייטער אין ארבייטס־קליידער רינגלען מיך ארום. א פאליציסט ניט א שלעפ מיין קאפ אויף צוריק פאר די האאר און מיינע אויגען באגעגענען פריק'ס. ער שטעהט בע־פאר מיר אונטערגעהאלטען פון עטליכע מענשען. זיין פנים איז אש־גרוי; די שווארצע בארד איז בעשפריצט מיט רויט און בלוט רינט פון זיין נאקען. פאר א ווייל ווער איך איבערוועלטיגט פון א זאנדערבארען געפיהל, ווי פארשעהמט, אבער באלד כאפט מיר אן א כעס פאר אזא געפיהל, וואס איז אזוי אונפאסיג פאר א רעוואלוציאנער. מיט א שטאלצען האס קוק איך איהם אן אין פנים.

„מר. פריק, אידענטיפיצירט איהר דיזען מאן אלס אייער אנ־גרייפער?“

פריק שאקעלט אונמעכטיג מיט'ן קאפ.

די גאס איז פון ביידע זייטען פול מיט אויפגערעגטע מענשען. א יונגערמאן, ציוויל געקליידעט, וועלכער בעגלייט די פאליציי, פרעגט מיך, ניט מיט בייזען:

„זייט איהר פערוואונדעט? איהר בלוטעט“.

איך גיב א פיהר מיין האנד איבער'ן פנים. איך פיהל ניט קיינע שמערצען, אבער מיינע אויגען פיהלען עפעס זאנדערבאר.

„איך האב פארלארען מיינע אויגען־גלעזער“, זאג איך ניט וועלענדיג.

„דו וועסט זיין פערדאמט גליקליך אז דו וועסט ניט פארלירען דיין קאפ“, רופט זיך אב א פאליציסט.

קאפיטעל 5.

די „טוירד דיגרי“.

1.

דאס בראזגען פון די שליסלען ווערט אלץ שוואכער און שוואכער; דער קלאנג פון טריט שטארבט אב אין דער ווייט. די פאליציסטען זיינען אוועק. עס איז אן ערהאלונג צו בלייבען אליין. זייערע פרעכע בליקען און דומע פראגען, זייערע אינסי־נואציעס און זייערע סטראשונקעס — ווי איבערדרייסיג און ווי ערמינדענד דאס איז אלעס! א געפיהל פון גלייכגילטיגקייט איבער־וועלטיגט מיך. איך ציה זיך אויס אויף דער הילצערנער באנק, וואס איז אין דער לייננג פון דער וואנד פון מיין צעללע, און איך ווער גלייך אנשלאפען.

איך כאפ זיך אויף פיהלענדיג מיעד און קאלט. ארום מיר איז שטיל און פינסטער. איז עס נאכט? מיין האנד טאפט בלינד, לאנגזאם. עפעס נאסעס און קלעפעדיגעס ריהרט אן מיין באק. אין פלוצלונגען שרעק ציה איך זיך אב צוריק. די צעלל איז פייכט און פארפלעסנעט; דער פוילער גערוך איבעלט מיך. לאנגזאם ריהרט מיין פוס אן די פאדלאגע, א ציה טהאנדיג מיין קערפער פארוועריטס און אלע מיינע חושים זיינען וואכזאם. איך האלט פעסט אן די אייזערנע גראטעס. דאס פיהלען פון אייזען מאכט מיך קלאהר. צודריקענדיג זיך צום טיהר, מיין מויל אין דער שמאלער עפענונג, ציה איך אין זיך אריין שנעלע, קורצע אטהעמס. מיר איז היים, איך שוויץ. אין האלז איז מיר טרוקען; איך קאן נים שלינגען. „וואסער! איך וויל וואסער!“ דער קול דערשרעקט מיך. האב איך דאס גערעדט? דער קלאנג הילכט אב פון גאלערעע צו גאלערעע און שלאגט זיך אב אן דעם אנטקעגענדיגען ווינקעל אונטערן דאך; דאן קריכט ער אונטער דעם דאך, קלאפט זיך

אב אין ווייטען פוסטען חלל און האקט זיך פלוצלונג איבער.

„האללא דארטען! פאר וואס איינגעשפארט?"

דער קול קומט אויגענשיינליך ארויס מיט איין מאהל פון אלע זייטען פון קארידאר. אבער דער קלאנג מאכט מיר פיהלען לייכטער. די לופט איז שוין איצט בעסער; עס איז ניט שווער צו אטהעמען. איך הויב אן צו דערקענען די אבצייכנונג פון א רייהע צעללען אנטקעגען מיינער. דונקעלע געשטאלטען זיינען לעבען די טיהרען. די מענשען אינוויינינג זעהען אויס ווי חיות וואס געהען ארום אונרוהיג אין זייערע שטייגען.

„פאר וואס איינגעשפארט?" דאס קומט די פראגע פון ער־געץ אין דער לייכער פון קארידאר. „קאנסט ניט דבר'ן, עה? פאר א דראקע אפנים, וואס?"

פאר וואס? א, יא! דאס איז פאר פריק. נו, איך וועל דא לאנג ניט בלייבען סאי־ווי־סאי. זיי וועלען מיך באלד ארויסנעהמען פון דאנען — וועלען מיך אנשפארען אן א וואנד — א פארפעסטעטע וואנד אזוי ווי די מסתמא. זיי וועלען מיר פארבונדען די אויגען און די סאלדאטען דארט... ניין: זיי וועלען מיך אויפהענגען. גוט, וועל איך צופריעדען זיין לכל הפחות וואס זיי נעהמען מיך ארויס פון דאנען. מיר איז אזוי טרוקען. איך ווער דערשטיקט...

... די גלייכע שטאנגען פון דער אייזערנער טיהר ווערען קוים קענטיג און פארשמעלצען זיך אין איין איינציגער ליניע; זיי פאסען זיך איין אין דער קווער צווישען דעם אויבערשטען און זייטיגען געזימס. דאס מאכט זיי עהנליך צו אן עשאפאט, און דארט שטעהט א מאן, וואס גראבט איין דעם קלאץ אינ'ם גרונד. ער לעהנט זיך פארזיכטיג אן דער וואנד און הויבט אויף א גראב־אייזען. אט שטעהט ער מיט איין פוס אין דער גרוב. דאס איז דער סטאליער! ער גיט מיר א זעץ אין קאפ. נאך פון הינטען דערצו, דער פייגלינג. ווען ער וואלט נור וויסען וואס ער האט געטהאן. ער איז דאך איינער פון פאלק; מיר מוזען געהן צו זיי, אויפקלעהרען זיי. איך וואלט וועלען ער זאל א קוק טהאן ארויף־צו. ער קען ניט זיינע אמת'ע פריינד. ער זעהט אויס ווי א רוסישער פויער, מיט זיין ברייטער פלייצע.

וואס פאר א האריגע הענד ער האט! ווען ער זאל נור געבען א קוק ארויף־צו... אט גראבט ער אריין דעם קלאץ אין דער ערד; ער טרעט צו די ערד. ווי ער וועט זיך א קעהר טהאן וועט ער מיך דערזעהן. אה, ער האט ניט א קוק געטאהן! ער האלט די אויגען אלץ אראבגעלאזען צו דער ערד. אקוראט ווי דער מוזשיק. אט טרעט ער אב א פאאר טריט צוריק, בעקוקט קריי־טיש זיין ארבייט. עס שיינט אז ער איז צופריעדען. ווי זאנ־דערבאר דער קרייץ־שטאנג זעהט אויס. דער האריזאנטאלער קלאץ שיינט צו זיין צו לאנג; ניט נאך דער מאס. איך האף אז ער וועט זיך ניט איבערברעכען. איך געדיינק ווי איך האב געפיהלט ווען מיין ברודער האט מיר איין מאהל געוויזען א בילד פון א מאן, וואס איז אראבגעהאנגען פון א צווייג פון א בוים. אונטערען בילד איז געווען אונטערגעשריבען: די הינריכטונג פון סטענקא ראזין. „האט זיך דער צווייג ניט אבגעבראכען?“ האב איך א פרעג געטאהן. „ניין, סאשא“, האט מיר די מוטער געענטפערט, „סטענקא — גו, איז געווען גאר ניט קיין שווערער“; און איך האב זיך געוואונדערט וואס זי וועקסעלט זיך איבער מיט מאקסים׳ען מיט א זאנדערבארען בליק. אבער זי האט טרויעריג א שמייכעל געטהאן און האט מיר ניט גענעבען קיין ערקלעהרונג. דערנאך האט זי א זאג געטהאן צו מיין ברודער: „מאקסים, דו דארפסט פאר סאשענקא׳ן ניט ברייננען אזעלכע בילדער. ער איז צו יונג“. — „ניט צו יונג, מאמאטשקא, צו לעהר־נען, אז סטענקא איז געווען א גרויסער מאן“. — „וואס! דו יונגער נאר“, איז דער פאטער אין כעס געווארען, „ער איז געווען א מער־דער, א פראסטער בונטאוושטשיק“. אבער די מוטער און מאקסים האבען מוטהיג פארטהיידיגט סטענקא׳ן, און איך בין געווען ברוגז אויפ׳ן טאטען, וואס ער האט דעספאטיש אבגעהאקט דעם געשפרעך. „קיין איין ווארט ניט מעהר! איך וויל מעהר ניט הערען פון דיזען גזלן׳שען פויער“. די זאנדערבארע פערשידענקייט אין די מיינונגען האט מיך צוטומעלט. יעדער וויים דעם אונטער־שיעד צווישען א מערדער און א גוטען מענשען. פאר וואס קאנען זיי ניט איינשטימען? ער האט געמוזט זיין א גוטער מענש, באשלים איך ענדליך. די מאמע וואלט ניט וויינען איבער א געהאנגענעם מערדער; איך האב געזעהן ווי זי האט שטילער־

הייט געווישט איהרע אויגען ווען זי האט געקוקט אויפ'ן בילד. יא, סטענקא ראזין איז זיכער געווען א נאבעלער מענש. איך האב זיך אזוי פיעל אנגעוויינט איבער דער אומגערעכטינקייט ביז איך בין איינגעשלאפען, וואונדערענדיג זיך אויב איך וועל „זיי" קאנען ווען עס איז פערצייהען די ערמארדונג פון דעם גוטען סטענקא, און פאר וואס דער שוואך אויסזעהענדער צווייג האט זיך ניט אבגעבראכען פון דער שווערקייט. פאר וואס האט זיך דער צווייג ניט אבגעבראכען?... דער עשאפאט, וועלכען זיי וועלען צוגרייטען פאר מיר קאן זיך איבערברעכען פון מיין וואג. זיי וועלען מיך אויפהענגען ווי סטענקא'ן, און אפשר וועט א קליינער אינגעל אמאהל זעהן דאס בילד — און זיי וועלען מיך רופען מערדער — און בלויז עטליכע וועלען וויסען דעם אמת — און דאס בילד וועט ווייזען ווי איך הענג פון... ניין, זיי זאלען מיך נישט הייגגען!

מיין האנד ציהט זיך צו דעם לאץ פון מיין ראק און א טיעפער חוש פון בעפיעדיגונג בערוהיגט מיך, ווען איך דער־טאפ, אז דער קאפסול מיט ניטראגליצערין איז גאנץ אין דעם אונטערשלאג. איך שמייכעל פון דעם פאנטאסטישען סטאליער. אומזיסט די אלע הכנות! איך האב זיך שוין פערזארגט פאר אזא פאל. ניין, זיי וועלען מיך ניט הענגען. מיין האנד צערטעלט דעם לאנגען, דינעם רעהר. מאכט פארטיג! מאכט אייער תליה. אבער זעה, דער מאן טהוט אן זיין ראק. ער איז שוין פארטיג? ניין, ער גיט זיך א קעהר צוריק. ער קוקט גלייך אויף מיר. זעה, דאס איז דאך פריק! א לעבעדיגער?...

מיין מארך ברענט. איך פרעס מיין קאפ צו דער גראטע און קרעכץ שווער. א לעבעדיגער? בין איך דורכגעפאלען? דורכ־געפאלען?...

2.

שווערע טריט קומען צו נעהענטער; דאס בריאזגען פון די שליסלען הערט זיך אלץ מעהר. איך מוז זיך באהערשען. די וואולגארע, אונפריינדליכע אויגען זאלען ניט זעהן מיינע יסורים. זיי קאנען איינשטילען דיזע שרעקליכע אונזיכערהייט, אבער איך מוז אויסזעהן גלייכגילטיג.

צו וואלט איך „האבען א מאהלצייט מיט דעם שעף?" ניין.

איך זאג זיך אב און בעט א גלאז וואסער. געווים; אבער דער שעף ווינשט מיך פריהער צו זעהן. מיט א פאליציסט אויף יעדער זייט געה איך דורך די געדרעהטע קארידארען, און ענדליך קומען מיר ארויף אין דעם שעף׳ם פריוואט קאנצעלאריע. מיין מח איז פערנומען מיט די געדאנקען פון אנטלויפען, ווען איך קוק זיך פארזיכטיג צו צו דער סביבה. איך בין אין א גרויסען, גוט מעב־לירטען צימער, די פענסטער מיט שווערע פארהאנגען זיינען אונ־געוועהנליך הויך ווען געמאסטען פון די דילען. א מעשענע פא־רענצע טהיילט מיך אב פון דעם שרייב־טיש, לעבען וועלכען עס זיצט א מיטעליאהריגער מאן, א טיפישער אירלענדער, און איז באשעפטיגט מיט פאפיערען.

„גוט־מארגען“, בעגריסט ער מיך העפליך, „זעצט זיך“, ווייזט ער מיר אן א שטוהל אינוויינייג. „איך גלויב, אז איהר האט גע־בעטען אביסעל וואסער?“

„יא“.

„בלויז א פאאר פראגען פריהער. ניט זעהר וויכטיגע. אייער אבשטאמונג, ווי איהר ווייסט. בלויז א פארמאליטעט. ענט־פערט פריי, און איהר וועט קריגען אלעס וואס איהר ווילט“.

זיינע מאניערען זיינען העפליך, כמעט גוטוויליג.

„נו, זאגט מיר, מר. בערקמאן, ווי איז אייער נאמען? אייער ווירקליכער נאמען, מיין איך“.

„דאס איז מיין ווירקליכער נאמען“.

„איהר מיינט דאך ניט צו זאגען, אז איהר האט אנגעגעבען אייער ווירקליכען נאמען אויף דער וויזיט קארטע, וואס איהר האט אריינגעשיקט צו מר. פריק?“

„איך האב אנגעגעבען מיין ריכטיגען נאמען“.

„און איהר זייט אן אגענט פון א ניו יארקער פירמא פאר ארבייט־זוכענדע?“

„ניין“.

„דאס איז געשטאנען אויף אייער קארטע“.

דאס האב איך אנגעגעבען אזוי, כדי צו קאנען צוקומען צו פריק׳ן“.

„און איהר האט אנגעגעבען דעם נאמען „אלעקסאנדער בערקמאן“ כדי צו קאנען אריינקומען?“

„ניין. איך האב אנגעגעבען מיין ריכטיגען נאמען. איך האב דאס געטהאן ווייל וואס עס זאל ניט פאסירען, וויל איך ניט אז אן אנדערער זאל ווערען בעשולדיגט".

„זייט איהר א האמסטעדער סטרייקער?"

„ניין".

„פאר וואס האט איהר אנגעגריפען מר. פריק?"

„ווייל ער איז א פיינד פון פאלק".

„האט איהר א פערזענליכע קריוודע געגען איהם?"

„ניין. איך רעכען איהם פאר א פיינד פון פאלק".

„פון וואנען קומט איהר?"

„פון דער געפענגניס־צעללע".

„נו, זאגט דאך, איהר קענט ריידען פריי, מר. בערקמאן. איך בין אייך א פריינד. איך וועל אייך אבגעבען א גוטע, בעקוועמליכע צעללע. די אנדערע ——"

„זייגען ערגער פון א רוסישע טורמע", שלאג איך איהם איבער פערדריסליך.

„ווי לאנג זייט איהר דארטען געזעסען?"

„וואו?"

„אין טורמע אין רוסלאנד".

„איך בין קיין מאהל פריהער אין קיין געפענגניס־צעללע ניט געוועזען".

„נו, נו, מר. בערקמאן, דערצעהלט דעם אמת".

ער גיט א וואונק דעם פאליציסט הינטער מיין שטוהל. די פארהאנגלעך פון פענסטער ווערען אויפגעצויגען, צועפענענדיג מיך פאלשטענדיג פאר דעם שיין פון זונן־ליכט. מיין בליק וואנדערט צו דעם זייגער אויף דער וואנד. דער ווייזער ווייזט פינף. דער קאלענדאר אויף דעם שרייב־טיש לעזט זיך: יולי — 23 — שבת. סך הכל דריי שטונדען זינט איך בין ארעסטירט געווארען? און אזוי לאנג האט דאס אויסגעזעהן דארט אין דער צעללע...

„איהר קאנט זיין גאנץ אפענהערציג מיט מיר", זאגט דער אינקוויזיטאר, „איך וועל אייך פיעל מעהר איידער איהר דיינקט. מיר האבען געפאקט אייער פריינד רעק־מעטאוו".

מיר קומט אן שווער איינצוהאלטען זיך פון געלעכטער פון דער דומהייט פון דער געפלאנטער נעץ. אין דעם בוך אין פיטס־

בורגער האָטעל, וואו איך האָב איבערגענעכטיגט. האָב איך פער־שריבען דעם נאָמען ראַכמעטאַוו, דער נאָמען פונ'ן העלד אין טשערנישעווסקי'ס בעריהמטען ראָמאַן.

„יאָ, מיר האָבען געפּאַקט אייער פריינד, און מיר ווייסען אַלעס וועגען אייך".

„פאַר וואָס זשע פרעגט איהר מיך דאָן?"

„נו, זוכט ניט צו זיין קלוג. ענטפערט מיינע פראַגען, הערט איהר?"

זיינע מאַניערען האָבען זיך פּלוצלונג געענדערט. זיין טאָן איז דראָהענד.

„ענטפערט מיר, וואו וואָהנט איהר?"

„גיט מיר אַ ביסעל וואַסער. מיר איז צו טרוקען אין האַלז צו קאָנען ריידען".

„געוויס, געוויס", ענטפערט ער, „איהר זאָלט גלייך קריגען אַ טרונק. וואָס ווילט איהר בעסער, שנאַפּס אָדער ביער?"

„איך טרינק קיין מאָהל קיין שנאַפּס ניט, און ביער זעהר זעלטען. איך וויל וואַסער".

„נו, וועט איהר דאָס קריגען אַזוי גיך ווי מיר ענדיגען.. לאָמיר ניט פערלירען קיין צייט. ווער זיינען אייערע פריינד?"

„גיט מיר אַ טרונק".

„וואָס שנעלער מיר וועלען פאַרטיג ווערען, אַלץ שנעלער וועט איהר באַקומען אַ טרונק. איך האָב פאַר אייך פאַרטיג געמאַכט אַ גוטע צעללע אויך. איך וויל זיין אייער פריינד, מר. בערקמאַן. בעהאַנדעלט מיך ווי עס בעדאַרף צו זיין און איך וועל שוין זאָרגען וועגען אייך. זאָגט מיר איצט, וואו האָט איהר זיך אָבגעשטעלט אין פּיטסבורג?"

„איך האָב אייך גאָרנישט וואָס צו זאָגען".

„ענטפערט מיר, אָדער איך וועל —— "

זיין פּנים איז געוואָרען רויט פון גרימצאָרן. מיט צונויפ־געדריקטע פויסטען שפּרינגט ער אויף פון זיין שטוהל; אָבער פּלוצלונג קאָנטראָלירט ער זיך און זאָגט מיט אַ בערוהיגענדען שמייכעל:

„נו, זייט דאָך פערנינפטיג, מר. בערקמאַן. איהר שיינט צו זיין אַן אינטעליגענטער מענש. פאַר וואָס רעדט איהר ניט פערנינפטיג?"

„וואס ווילט איהר וויסען?“

„ווער איז מיט אייך געגאנגען צו מר. פריק'ס אפיס?“

ווערענדיג אונגעדולדיג פון דער קאמעדיע, הויב איך זיך אויף מיט די ווערטער:

„איך בין געקומען קיין פיטסבורג איינער אליין. איך האב זיך אבגעשטעלט אין דעם „מוירטשענטס האטעל“ אנטקעגען דעם וואקזאל פון דער באלטימאר־אהאיא אייזענבאהן. איך האב אין בוך פון האטעל פארשריבען ראכמעטאוו. דאס איז א פיקטיווער נאמען. מיין ריכטיגער נאמען איז אלעקסאנדער בערקמאן. צו פריק'ען אין אפיס בין איך געגאנגען אליין. איך האב קיינע העל־פער ניט געהאט. דאס איז אלעס וואס איך האב אייך צו זאגען“.

„זעהר גוט, זעהר גוט. זעצט זיך אויף אייער פלאץ, מר. בערקמאן. מיר האבען זיך ניט וואס צו איילען. פארנעהמט אייער פלאץ. איהר קאנט זיין דא אזוי גוט ווי אין דער צעללע; עס איז דאך אנגענעהמער. נור איך וועל האבען פאר אייך אן אנדער צעללע צוגעגרייט. זאגט מיר נור, וואו געפינט איהר זיך אין ניו יארק?“

„איך האב אייך געזאגט אלעס וואס איז געווען צו זאגען“.

„נו, זייט איהר פער'עקשן'ט. ווער זיינען אייערע פריינד?“

„איך וועל קיין איין ווארט מעהר ניט זאגען“.

„צום טייפעל, ער וועט זיך בעסער בעדיינקען וועגען דעם. פאליציסטען, פיהרט איהם צוריק. דיזעלבע צעללע“.

יעדער אין־דער־פריה און אויף־דער־נאכט, דריי טעג נאכא־נאנד ווידערהאלט זיך דיזע סצענע פון נייע אינקוויזיטארס. זיי שמייכלען זיך צו און סטראשען, זיי לאשצען און ווערען בייז, אב־ וועקסלענדיג. איך בלייב גלייכגילטיג. אבער קיין וואסער גיט מען מיר ניט, מיין דורשט ווערט נאך פייניגענדער איבער די גע־ זאלצענע שפייז וואס זיי גיבען מיר. דאס פארצעהרט מיך, דאס פייניגט און ברענט אוים מיין קראפט דורך די שלאפלאזע נעכט אויף דער הארטער הילצערנער באנק. די פוילע לופט אין דער צעללע שטיקט. די שטילקייט פון קבר מאטערט מיך; מיין נשמה ווערט געפייניגט פון די יסורים פון אונזיכערקייט.

קאַפּיטעל 6.

דאָס געפענגניס.

1.

די טעג ווערען פארקלונגען מיט לאַרמענדע קולות. שטענדיג מען געהט אריין און ארוים. די בריאזגעריי פון זאוויעסעס, די קלאַפעריי פון צומאַכען די אייזערנע טיהרען, האַלט אין איין אָב־הילכען דורך די קאַרידאָרען. די דומפע טריט פון פיס אין דער צעללע פון אויבען האַמערט אין מיין קאָפּ מיט אַ פּינקטליכקייט, וואָס קאָן משוגע מאַכען. אין מיינע אויערען זיינען תמיד די געשרייען, זידלערייען און פלוכען פון רויע שטימען.

„צעללע נו־מ־ער ע־ל־ף! אין געריכט! שויין, גלייך!...“

אַן ארעסטאַנט געהט שנעל פערביי מיין טיהר. זיינע טריט זיינען נערוועז, אין זיין בליק איז די ערוואַרטונג פון פּחד.

„גיכער דאָרט! אין געריכט!“

„אין אַ מזל'דיגער שעה, דזשימי“.

דער מאַן ווערט רויט און קעהרט אָב זיין פּנים, בעת ער געהט פערביי אַ גרופּע פון בעזוכער, וואָס האָבען זיך ארומגע־שטעלט ארום אַן אויפזעהער.

„ווער איז דאָס, הערר פּאָליציסט?“ פרעגט איינע פון די דאַמען, מיט אַ לאָרנעט אין האַנד, און זי קוקט זיך צו מיט גע־וואַגטהייט צו דעם ארעסטאַנט. פלוצלונג גיט זי אַ טראַט צוריק. אַ מאַן האָבען די שומרים פארביינגעפיהרט. זיין פּנים בלוטעט פון אַ טיעפען שניט, זיין קאָפּ איז איינגעוויקעלט אין באַנדאַזשען. די פּאָליציסטען ווארפען איהם מיט רציחה אריין אין אַ צעללע. ער גיט שווער אַ פאַל צום בעט. „אַה, ניט! אום יעזוס'עס ווילען,

ניט!" דאס פערריגלען פון דער שווערער טיהר פערטויבט זיינע געשרייען.

די בעזוכער קלייבען זיך ארום זיין צעללע.

„וואס האט ער געטהאן? ער קאן דאך ניט ארויסשפרינגען, הא?"

„ניין, מאדאם. ער איז שוין געזיכערט".

די דאמע'ס געלעכטער קלינגט זילבער־קלאהר. זי געהט צו נעהענטער צו די גראטעס, קוקענטיג דורשטיג אין דער פינסטער־ניס. ארום איהר מויל שפּיעלט א שמייכעל פון געררייצטער זיכער־הייט.

„וואס האט ער געטהאן, הערר פאליציימאן?"

„גע'גנב'עט עפעס קליידער, מאדאם".

אן איבערדריסיגע ענטוישונג ווייזט זיך אויף דער דאמע'ס פנים. „וואו איז דער מאן... הם... וואס מיר האבען געלעזען אין צייטונג נעכטען? איהר ווייסט... הם... אט דער א צייטונגס ארטיסט, וואס האט ערמארדעט... הם... דאס מיידעל אויף אזא ברוטאלען אופן".

„אה, דזשעק טארלין. אין מערדער גאלערע. דארט, אין יענער זייט, מיינע דאמען".

2.

די זונן נעהענטערט זיך לאנגזאם צום בלויען שטיק הימעל, וואס זעהט זיך פון דער צעללע אין דעם וועסטליכען פליגעל פון גע־פענגניס. איך שטעה הארט לעבען גראטע צו כאפּען די ערפרעהענ־דע שטראהלען. זיי גלעטען מיין פנים מיט א צערטליכען, ווייכען לאשצען, און איך פיהל, אז עפּעס צוגעהט אין מיר. איך פרעס זיך נעהענטער צו דער טיהר. איך ביינק נאך דער טהייערער אומ־ארמונג, דאס זאל מיך ארומנעהמען, איינוויקלען, ארייננגיסען דעם זאנפטען באלזאם אין מיין אנגעוועהטאגטער נשמה. די לעצטע שטראהלען פארגעהען און עפּעס געהט אוועק פון מיין הארצען צוזאמען מיט זיי... אבער די לאנגווערענדע שאטענס אויף די גרויע שטיינער פארשפרייטען רוהיגקייט. שטופענוויז הערט אויף דער גערויש, די קלאנגען שטארבען אב. איך הער דאס סקריטשען

פון די פערראָסטע קרוקעס, דעם קלאַנג פון א שלאָס, און אַלעס איז איינגעשטילט און פינסטער.

. . . .

דאָס שווייגען ווערט אַלץ טרויעריגער, דריקענדער, דאָס פילט מיך אָן מיט א געהיימניספּולען וועה. דאָס לעבט. דאָס פּולסירט מיט א לאַנגזאַמען געמאָסטענעם אָטהעמען, ווי דאָס אָטהעמען פון עמעס א מאָנסטער. דאָס הויבט זיך און זינקט; קומט צו און פאַלט אָב. דאָס שלאָפט אונגליק. אָט פּרעסט עס שווער אויף מיין טיהר. איך הער דאָס פאַרשנעלערטע אָטהעמען. אַ, דאָס איז דער שומר! איז דאָס די טויט־שמירה? אין דער האַלב־פינסטערניס פערלירט זיך זיין אָבצייכנונג, אָבער איך זעה די ווייסלען פון זיינע אויגען. זיי זיינען אויסגעשצירעט אויף מיר, זיי היטען מיך, פאָלגען מיר נאָך. איך פיהל זייער בליק אויף מיר, ווען איך געה זיך דורך נערוועז איבער דער פאָדלאָגע. אונבעוואוס־טערהייט ווערען מיינע טריט שנעלער, אָבער איך קאָן ניט אויס־מיידען דיזען שטאָלענעם קוק. דאָס מאַכט גרימאַסען, דאָס ער־ניעדעריגט מיך. דאָס טאַנצט פאַר מיר. דאָס איז דאָ און דאָרט, רונד און ארום מיר. דאָס פלאַטערט ארויף און ארונטער. דאָס פערדאָפּעלט זיך, פערדרייפאַכט זיך. די פירכטערליכע אויגען קור־קען אויף מיר פון א הונדערט קנייטשען אין וואנד. פון אַלע זייטען רינגלען זיי מיך ארום און פארשפּארען מיר דעם וועג.

איך גראָב איין מיין קאָפּ אין קישען. מיין שלאָף איז אונ־רוהיג, צובראָכען. תמיד איז דער אימה'דיגער קוק אויף מיר, וואכט און וואכט, די ווייסע אויגען־קוילען ווענדען זיך נאָך מיין יעדער באוועגונג.

.3

די רייהע ארעסטאַנטען ציהט זיך פערביי מיין צעללע. זיי געהען פּאָאר־ווייז, שמועסענדיג מיט אונטערדריקטע טענער. דאָס איז א געמישטע מאַסע פון אַלע עקען וועלט. דער געבירטיגער פון דעם וועסטליכען טהייל פון'ם שטאַאט, דער „פּענסילוויינע דאָטשמען", מיט זיין טעמפּער געשטאַלט, געהט פערביי לאַנגזאַם, שטום. דער זוהן פון זידליכער איטאַליען, געזעצט און שוואַרץ־אויגיג, מיט זיין פּנים וואָס דריקט אויס וואכזאַמע פאַרדעכטיגונג,

געהט מיט שנעלע, נערוועזע טריט. דער הויכער, שלאנקער שפאַ־ניער, מיט זיינע דונקעלע און קלאַסישע געזיכטס־ציגע קוקט אַרום זיך מיט בעהאַלטענער פעראַכטונג. יעדערער גיט פערביי־געהענדיג אַ גע׳גנב׳טען בליק אין מיין צעללע. דער לעצטער אין דער שורה איז אַ נעגער, געהט אַליין. ער שאָקעלט זיך צו מיט׳ן קאָפּ מיט אַ בּרייטען שמייכעל, ווייזענדיג זיינע גלאַנציג־ווייסע צייהנער. דער שומר קומט פון הינטען. ער שטעלט זיך אָב לעבען מיין טיהר, זיין שאַרפע אויג מעסט מיך אָב שטרענג, קריטיש.

„איהר קאָנט צושטעהן״.

די צעללע ווערט אויפגעשלאָסען און איך שלים זיך אָן אָן דער רייהע. דער נעגער איז ביי מיין זייט. ער פערלירט קיין צייט און הויבט גלייך אָן אַ געשפּרעך. עס פרעהט איהם, פער־זיכערט ער מיך, וואָס זיי האָבען ענדליך מיר ערלויבט צו צושטעהן. עס איז געוועזען אַ שאַנדע צו בערויבען מיך פיער טעג נאַכאַנאַנד פון שפּאַצירען. „איצט וועלען זיי אָוועקנעהמען דעם וואַד־הונד. מורא געהאַט מסתמא פאַר זעלבסט־מאָרד״, ערקלעהרט ער מיר. דאָס פליסען פון זיין רעדען איז אונאויפהערליך; איהם הויבט אָפּנים ניט אָן צו אַארען וואָס איך ווייז ניט קיין נייגונג צו שמועסען. וויל איך אפשר אַ סיגאַרעט? מען מעג רויכערן אין צעללע. מען קאָן קויפען די „קרייטיכער״ דאָ אויב מען האָט די „קלינגערס״; מען קאָן קויפען אַלעס, אויסער „דעם טרונק״. ער איז פול מיט געפענגנים לשון הרע. יענער הויכער מאַן דאָרט איז דזשעק טינפּאָרד, פון האָמסטעד — וועט זיכער הענגען — גע־וואָרפען דינאַמיט אויף די פּינקערטאָנס. און דער קליינער אי־טאַליענער וועט זיין דזשעק׳ס אַ קאָמפּאַניאָן — האָט איבערגע־שניטען זיין ווייב׳ס האַלז. דער „פּענסילוויינער דאַטשמען״ האָט דערשטיקט זיין זוהן אין שלאָף. מיין בעריידעוודיגער קאָמ־פּאַניאָן אינפאָרמירט מיך אויך וועגען איהם גופא, אַז ער ערוואַרט זיין משפט. עס קאָן אָבער ערגערעס ניט זיין אַלס מאָרד צווייטען גראַד. מ׳קאָן איהם ניט אויפהענגען, לאַכט ער מיט שמחה. „זיין״ מאַן האָט ניט „קראַפירט״ ביז נאָך דעם ניינטען טאָג. פון מיין בעמערקונג וועגען אָבערגלויבענס איבער אַ ניינטען טאָג מאַכט ער קיין וועזען ניט. ער איז איבערצייגט אַז זיי וועלען איהם ניט אויפהענגען. „קאָנען ס׳ניט טהאָן״, זאָגט ער אַלץ איבער, מיט

אַ גליקליכען לאַך דערצו. פלוצלונג ענדערט ער דעם געגענשטאַנד. „וואָס טהוסטו דאָ? דאָך מעהר ניט ווי מערדער אַרעסטאַנטען זיינען אין דער גאַלערעע, און דיין מאַן האָט דאָך ניט קראַפּירט!" קענטיג אַז קיין ענטפער ערוואַרט ער ניט, פערזיכערענדיג מיך גלייך אַז איך בין „אָלל־ראַיט". „איך מיין אַז זיי גלויבען אַז דאָס איז אַ זיכערער פּלאַץ פאַר דיר. אָבער זיי קאָנען דיך ניט הענ־גען". ער ווערט צוהיצט איבערדערצעהלענדיג וועגען זיין פאַר־ברעכען. ער שילדערט אַלע איינצעלהייטען גענוי ווי דאָס איז צוגעגאַנגען: „דער גרויסער ניגער ג'מיינט איך'ל פאַר'ם מורא האָבען, איצט ווייס'ר בעסער", קייכט ער פון געלעכטער, „האָב'ך קיין מורא'נט פאַר קיינעם'נט, האָב'ך ניט. 'וועק־געה, ניגער, זאָג'ך. און דער גרויס'ר שוואַרצ'ר ניגער ג'פּאַקט אַ האַק־מעסער — אין קיך פון האָטעל זיינען מיר ג'ווען — זאָג'ך, ניג'ר, הער'וף!" און ער שילדערט מיר ווייטער מיט זיין ניגערשער שפּראַך ווי ער האָט אַריינגעשטאָכען זיין טאַשען־מעסערל „פּליוך אין בויך אַריין" זיין פּנים איז גערונצעלט פון ברייטען געלעכטער און זיינע צייהנער גלאַנצען פון ווייסקייט. פּלוצלונג ווערט ער ערענסט. „דו־סט אַ סטרייקער? נ־נ־יי־ן? פאַר וואָס'סטו ג'וועלט שיס'ן פריק'ן?" און ווען איך ערקלעהר איהם פאַר וואָס, זוכט ער ניט צו בעהאַלטען אַז ער גלויבט מיר ניט. „מורא צ'זאָגען? דו'סט אָלראַיט. זאָג'נט, קיינעם'נט. אַלע גנבים, מ'דאַרף זיך היטען. ג'דיינק'ם".

אַ זאָנדערבאַרע באַוועגונג איז אין דער מאַרשירענדער רייהע. איך מערק ווי אַן אַרעסטאַנט פאַרלאָזט זיין פּלאַץ. ער גיט אַ וואָרף אַ בעזאָרגטען בליק אַרום און פערשווינדט אינ'ם ווינקעל פון דער טיהר פון צעללע. די מחנה מאַרשירט זיך ווייטער, און ווען איך קום צו צום פּלאַץ וואו ער האָט זיך בעהאַלטען, הער איך איהם מורמלען: „פּאַל צוריק אַלעק." זייענדיג איבעראַשט וואָס מען ווענדט זיך צו מיר אויף אַזאַ פאַמיליאַרען אופן, האַלט איך זיך צוריק אין מיין גאַנג. דער מאַן איז שוין לעבען מיין זייט.

„הער, בערק, דו דאַרפסט ניט ווייזען אַז דו געהסט צוזאַמען מיט דעם דאָזיגען נפש."

דער קלאַנג פון מיין פערקירצטען נאָמען גיט אַן אונאַנגע־

נעהמען גרילץ אין מיין אויער. איך פיהל ווי צו ענטפערען מיט בעם פאר אזא צוקאלעטשונג. דעם מאנ'ס האלטונג ווייזט אז איהם פעהלט דרך ארץ, וואס דאס פארלעצט מיין ווירדע אלס רעוואלוציאנער.

„ווארום?" גיב איך א פרעג און גיב א קוק אויף איהם.

ער איז קורץ און געזעצט. זיינע דינע ליפען און שפיציגע מארדע פון דעם לאנגליכען פנים־מאכען דעם איינדרוק פון א פוקס. ער באגעגענט מיין בליק מיט א שארפען קוק פון איבער זיינע דונ־קעלע אויגען־גלעזער. זיין שטימע איז הייזעריג, זיין טאן איז אונ־אנגענעהם פערטרויליך. עס פאסט ניט פאר א ווייסען — ער־קלעהרט ער מיר — צו זיין צוזאמען מיט א „ניגער". דאס וועט ערוועקען שלעכטע געפיהלען געגען מיר. ער אליין איז א פיטס־בורגער פאר די לעצטע צוואנציג יאהר, אבער געבארען און ער־צויגען געווארען איז ער אינ'ם זידען, אין אטלאנטא. דארט האבען זיי קיינע נוצען ניט פאר קיינע „ניגערס", פארזיכערט ער מיך. מען מוז זיי לעהרנען זיי זאלען וויסען זייער פלאץ, און זיי טויגען ניט, יעדענפאלס. איך זאל בעסער זיך צוהערען צו זיין עצה, ווארים ער פיהלט ווי צו זיין פריינדליך צו מיר. איך מוז זיין זעהר פארזיכטיג אין מיין האלטונג איידער מיין משפט הויבט זיך אן. מען קאן זעהען, אז איך בין אונערפאהרען, אבער ער איז שוין געניט „אין די זאכען". איך טאר „זיי" ניט געבען קיין געלע־גענהייט, אז זיי זאלען קאנען זאגען עפעס וועגען מיר. מיין אויפ־פיהרונג אין געפענגנים וועט האבען א בעדייטונג פאר דעם ריכ־טער, ווען ער וועט דארפען ארויסגעבען מיין אורטייל. ער אליין ערווארט „אבצוקומען גרינג". ער קען אייניגע פון די ריכטער. מעהרסטענס גוטע מענשען. ער דארף וויסען: האט אליין גע־האלפען איינעם פון זיי צו ערוועהלען. ער גיט א פינטעל צו מיר מיט דעם לינקען אויג און גיט מיר א דריק מיט'ן עלענבויגען וויצעלדיג. ער האפט, אז ער וועט פארגעבראכט ווערען „פאר דיזען ריכטער". ער וועט, אויב ער האט נאר מזל, פערזיכערט ער מיך, ער איז תמיד געוועזן א מזל'דיגער. לעצטען מאהל איז ער אבגע־קומען מיט דריי יאהר, אבוואהל ער האט שיער ערמארדעט „זיין" מאן. אבער דאס האט ער געטהאן אין זעלבסט־פערטהיידיגונג. האב איך ביי זיך קיי־טאבאק? איך נוץ ניט די „קרייטיכער"?

נו, אין דער „פען“ וועט זיין לייכטער. וואָס איז די פען? וואָס הייסט, ווייסט ניט? די פעניטענשעריִ, פאַרשטעהט זיך. איך זאָל נור קיין מורא ניט האָבען. פריק וועט ניט שטאַרבען. אָבער פאַר וואָס האָב איך דעם מענשען געוואָלט הרג׳ענען? איך בין ניט קיין פּיטסבורגער, דאָס קאָן ער זעהן גאַנץ קלאָהר. פאַר וואָס האָב איך „אַריינגעשטעקט מיין נאָז“? העלפען די סטרייקער? איך מוז זיין משוגע אַזוי צו ריידען. וואָס הייסט, איז דאָס מיין געשעפט? בין איך דען ניט פון ניו יאָרק געקומען? יאָ? נו, ווי אַזוי זשע קאָן מיך בעריהרען דער סטרייק? איך מוז דאָך מסתמא האָבען אַ פערזענליכע קריוודע געגען פריק׳ען. געהאַט עפּעס ווען עסקים מיט איהם? ניין? געווים? דאַן הייסט עס פשוט משוגע, ניטאָ וואָס צו ריידען. אָבער זיין זאַך איז שוין גאַר אַנדערש. יענער איז געווען זיין שותף אין געשעפט. ער האָט געוואוסט אַז יענער געהט אויסנאַרען פון איהם געלד, און זיי האָבען זיך צוקריגט. באַמערק איך, אַז ער טראָגט דונקעלע ברילען? נו, דאָס האָט ער קראַנקע אויגען. ער האָט דעם מאַן נור געוואָלט אָנשרעקען. אָבער, פערפלוכט זאָל דאָס ווערן, יענער האָט קראַ־פּירט. צום טייפעל, אַזאַ מזל. דאָס איז זיין דריטער פאַרברעכען נאָך דערצו. רעכען איך דען ניט אַז דער ריכטער וועט מיט איהם האָבען איינזעהעניש? וואָס הייסט, ער איז דאָך כמעט בלינד. ווי אַזוי זשע האָט ער געזעהן צו „טרעפען זיין מאַן“? וואָס הייסט, ס׳האָט זיך צופעליג אויסגעשאָסען און געטראָפען. ער האָט דאָס ניט געמיינט — —

דער גלאָק האָט אָבגעקלונגען מיט זיין טיעפען, פולען באַסאָ־ווען קלונג.

„אַלע אַריין!“

די ליניע פון דער מחנה צוברעכט זיך. אַ גלייכצייטיגער בריאַזגען פון אַלע טיהרען, און איך בין ווידער אין דער צעללע.

4.

אינווייניג אויף דעם שמאָלען ביינקעל געפין איך אַ בלעכענע פענדעל אָנגעפילט מיט אַ דונקעל־ברוינע געמישעכץ. דאָס איז דער מיטאָג מאָהלצייט, אָבער דער „וואַרמעס“, זעהט ניט אויס אָנציהענד: דאָס פענדעל איז אַלט און פערראָסט. דער ריח פונ׳ם זופּ דערוועקט פערדאַכט. דאָס פעט פון אויבען געפינטעלט

דא און דארט מיט ברעקלעך גרינס, זעהט אויס ווי א שטעהענדע בלאטע באדעקט מיט גרינעם שימעל. דער ערשטער פערזוך קעהרט מיך צום ברעכען, און איך בעשליס צו געברויכען אלס „ווארמעס" דאס איבערבלייבעכץ פון מיין פריהשטיק — א שטי־קעל ברויט.

איך געה ארום הין און צוריק אין אויפגערעגטער איבער דעם געשפרעך מיט מיינע מיט־ארעסטאנטען. פאר וואס קאנען זיי ניט פארשטעהן די מאטיווען, וועלכע האבען מיך באוועגט צו באגעהן די טהאט? מיך קרענקט די ארט און ווייזע ווי זיי קוקען אויף מיר מיט רחמנות. מיין פערזוך צו ערקלעהרען זיי רעכענען זיי קענטיג פאר אן אומזיסטיגע מיה. ניט זייענדיג אליין קיין סטריי־קער, האב איך ניט געדארפט און ניט געקאנט אינטערעסירען זיך מיט דעם קאמפף — דאס איז די ענטשיידענע מיינונג קענטיג פון ביידען, פונ'ם נעגער און פון דעם ווייסען. אין דעם צוועק פון דער טהאט ווילען זיי ניט זעהן קיין שום בעדייטונג — א חוץ מעהר ניט ווי דעם פיזישען עפעקט. עס וואלט געווען א גוטע זאך ווען פריק וואלט געשטארבען, ווייל „ער איז א שלעכטער". אבער אין דערזעלבער צייט איז דאס „א גליק" פאר מיר, דיינקען זיי, וואס ער איז ניט געשטארבען, ווארום איצט וועלען „זיי" מיך ניט קאנען הענגען. מיין באמערקונג, אז די מעגליכע פאלגען פאר מיר גופא זיינען ניט וויכטיג אין פערגלייך מיט די נוצען פאר'ן פאלק, האבען זיי באגעגענט מיט א שמייכעל און מיט א מין חוזק, ווי זיי וואלטען צווייפלען אויב איך בין ביים זינען. נא־טירליך, איז דערביי א טרייסט דער פאקט, וואס דיזע מענשען זיי־נען דאך ניט קיין פארשטעהער פון פאלק. דער נעגער איז א זעהר נידעריגער טיפ ארבייטער; און דער אנדערער איז דאך א בורזשוי, „א געשעפטס־מענש". ער איז לחלוטין ניט וויכטיג. אויסער דעם האט ער דאך אליין מודה געווען, אז דאס איז שוין זיין דריטער פארברעכען, הייסט עס א פשוט'ער פארברעכער, ניט אן עהרליכער פראדוצירער. אבער אט יענער הויכער מאן — דער האמסטעדער שטאהל־ארבייטער, אויף וועלכען דער נעגער האט מיר אנגעוויזען — אה, ע ר וועט פארשטעהן: ער איז דאך פון ווירקליכען פאלק. מיין הארץ קוועלט אן פון בעגייסטערונג פאר דעם מאן, ווען איך טראכט וועגען זיין בעטהייליגונג אין

דעם באַריהמטען קאַמפּף אין האַמסטער. ער האָט באַקעמפּפט די פינקערטאַנס, די מירמידאַנען פון קאַפּיטאַל. אפשר האָט ער גע־האָלפען אויפצורייסען מיט דינאַמיט די באַרזשעס און אַרויסטריי־בען זיי פון שטאָדט? ער איז הויך, מיט ברייטע פּלייצעס, דער פּנים קרעפטיג און ענטשלאָסען; זיין קערפּער איז מענליך, פול מיט גבורה. ער איז די פערקערפּערונג פון'ם גרויסען, נאָבעלען פאָלק; דאָס איז אַן אַרבייטס־ריעז, וואָס איז אויסגעוואַקסען צו זיין פולער גרויס, בעוואוסט אויף זיין קראַפט, פורכטלאָז, שטאַרק. שטאָלץ איז ער און וועט באַזיעגען אַלע שטערונגען; ער וועט צוברעכען זיינע קייטען און וועט בעפרייען די מענשהייט.

.5

אויף מאָרגען אין־דער־פריה, אין דער שפּאַציר־שטונדע, היט איך אָב מיט אַ קלאַפּענדען האַרצען אַ געלעגענהייט צו ריידען מיט דעם האַמסטעדער שטאָהל־אַרבייטער. איך דאַרף איהם ערקלעה־רען די מאָטיווען און דעם צוועק פון מיין פערזוך אויף פריק'ן. ער וועט מיך פערשטעהן; ער וועט אַליין וועגען דעם נאָך אויפ־קלעהרען זיינע חברים סטרייקער. עס איז זעהר וויכטיג, אַז זיי זאָלען גאַנץ קלאָהר פאַרשטעהן מיין טהאַט, און ער איז פּונקט דער מענש צו טהאָן דיזע וויכטיגע אַרבייט פאַר דער מענשהייט. ער איז דער אַרבייטער רעבעל; זיין העלדישקייט אין דעם קאַמפּף איז עדות דאַפיר. איך האָף, אַז דאָס פאָלק וועט ניט דערלאָזען אַז דער פיינד זאָל איהם הענגען. ער האָט פאַרטהיידיגט די רעכטע פון האַמסטעדער סטרייקער, פערטהיידיגט די זאַך פון'ם גאַנצען אַרבייטער־קלאַס — ניין, דאָס פאָלק וועט קיין מאָהל ניט ערלויבען אַזאַ קרבן. ווי שעהן זיין האַלטונג איז! גלייך, דעם קאָפּ הויך, די געשטאַלט פון בעוואוסטזיניגע זעלבסט־ווירדע און גבורה — —

„צעללע נו־מ־מ־ער פי־נ־ף!"

דער אַרעסטאַנט מיט די דונקעלע גלעזער פערלאָזט די רייהע און טרעט אַרויס אַלס ענטפער אויף דעם רוף פון דעם שומר. איך געה שנעל דורך אין דער ליינג פון דער גאַלערעע און פאַר־נעהם דעם אַבגעליידיגטען פּלאַץ לעבען דעם שטאָהל־אַרבייטער.

„אַ גליקליכע געלעגענהייט", זאָג איך צו איהם, „איך וואָלט

געוואָלט מיט אייך ריידען וועגען עפּעס וויכטיגעס. איהר זייט דאָך איינער פון די האָמסטעדער סטרייקער, יאָ?"

"דזשעק טינהארד", רעקאָמענדירט ער זיך מיר אָב, "וואָס איז אייער נאָמען?"

מיין ענטפער האָט איהם קענטיג איבערראַשט: "דער מאַן וואָס האָט געשאָסען פריק'ן?" פרעגט ער.

איבער זיין געזיכט לויפט דורך אַ איינדרוק פון טיעפער אונרוהיגקייט. זיינע אויגען קעהרען זיך צו דער טיהר. איך זעה דורך די דראָטען־גראַטעס ווי בעזוכער קומען ארוים פון'ם גע־פענגנים־פערוואַלטער'ס אָפיס.

"עס וואָלט געווען בעסער זיי זאָלען אונז ניט זעהן צוזאַמען", זאָגט ער מיר אומגעדולדיג, "טרעט בעסער אָב אויף צוריק, הינ־טער מיר. דאַן וועלען מיר ריידען".

זייענדיג געקריינקט פון זיין באַנעהמונג, און דאָך ניט בע־גרייפענדיג די בעדייטונג דערפון, טרעט איך אָב לאַנגזאַם אויף צוריק, הינטער איהם. זיין הויכע, ברייטע פיגור פארשטעלט מיך אין גאַנצען. ער רעדט צו מיר מיט איינציגע זילבען און ניט ווע־לענדיג: דערמאָנענדיג האָמסטעד ווערט ער אַביסעל ריידעוודי־גער, רעדט שטיל אזוי ווי ער וואָלט דאָס גערעדט מיט זיין שכן דעם סיציליאַנער, וועלכער פארשטעהט קיין זילבע ניט אויף ענג־ליש. איך שטריינג אַן מיין געהער צו כאַפּען זיינע ווערטער. די שטאָהל־ארבייטער האָבען פּשוט בעשיצט זיך געגען בעוואָפענ־טע איינדרינגלער, הער איך ווי ער זאָגט. זיי זיינען ניט ארוים אין סטרייק. דאָס האָט פריק געמאַכט אַ לאָק־אָוט, ווייל ער האָט געוואָלט אויסנעהמען ניט־יוניאָן לייט. דאָס איז די אור־זאַכע וואָס ער האָט געבראָכען דעם קאָנטראַקט מיט דעם פער־באַנד און האָט געדונגען די פערדאָמטע פינקערטאָנס נאָך מיט צוויי מאָנאַטען צוריק, ווען עס איז נאָך געווען פאָלשטענדיגער שלום. די פינקערטאָנס האָבען פון די באַרזשעס געשאָסען און דערשאָסען פיעלע ארבייטער איידער די פאַבריק־ארבייטער האָבען זיך אַ נעהם געטהאָן צו זיי. זיי זיינען ווערטה מען זאָל זיי בראָטען לעבעדיגערהייט פאַר זייערע מאָרד־טהאַטען. נו, האָבען די אר־בייטער זיך מיט זיי "גוט אָבגערעכענט". מאַנכע זיינען דער־הרג'עט געוואָרען, אַנדערע זיינע בעגאַנגען זעלבסטמאָרד אויף די

בּרענענדע באַרזשעס, און די איבעריגע זיינען געווען געצוואונגען אונטערצוגעבען זיך ווי געשלאָגענע הינד. יאָ, אַגרויסער זיעג, ווען דער פייגלינג דער שעריף וואָלט ניט גע'פּועל'ט ביים גובער־נאַטאָר צו שיקען מיליץ קיין האָמסטעד. אָבער אַ זיעג איז דאָס שוין געווען גאָר אַ גרויסער ווען די בחורים זיינען בייגעקומען דריי הונדערט בּעוואָפענטע פינקערטאָנס. ער אַליין האָט אַפילו קיין שייכות ניט געהאַט מיט דעם געשלעג. ער איז גאָר דעמאָלט קראַנק געווען. זיי זוכען איצט אַז די פינקערטאָנס זאָלען שווערען געגען איהם, כדי ער זאָל זיין לעבען פערלירען. איינער פון די כלבים האָט שוין אַפילו געשוואָרען, אַז ער האָט געזעהן ווי ער, דזשעק טינפאָרד, האָט געוואָרפען דינאַמיט אויף די באַרזשעס איידער די פינקערטאָנס האָבען געלאַנדעט. אָבער עס מאַכט נישט, ער האָט קיין מורא ניט. קיין געריכט פון געשוואָרענע אין פּיטסבורג וועט ניט גלויבען דיזע ליגנערישע מערדער. ער איז געווען גאָר ביי זיין כלה אין הויז, זייענדיג קראַנק אין בעט. דאָס מיידעל און איהר מוטער וועלען דאָס בעווייזען אַלס עדות. און דער קאָמיטעט פון פערבאַנד וועט אויך עדות זאָגען. זיי ווייסען אַז ער איז גאָר דעמאָלט ניט געווען אויפ'ן בּרעג. זיי וועלען יעדענפאַלס אַזוי שווערען אין געריכט ——

ער רייסט פּלוצלונג איבער זיינע רייד מיט דעם אויסדרוק פון שרעק אויפ'ן פּנים. אויף אַ מאָמענט פערטראַכט ער זיך. דאַן קוקט ער מיך אָן מיט אַ פאַרשענדען בליק און גיט אַ שמייכעל. ווען מיר קעהרען זיך אַריין אַרום ווינקעל פון וואַנד שפּאַצירענדיג, שעפּטשעט ער צו מיר: „אַ שאַד, וואָס דו האָסט איהם ניט גע־טויט. עפּעס אַ סכסוך אין געשעפט, וואָס?" לאָזט ער אויס אין דער הויף.

איך וואונדער זיך: זאָל דאָס מעגליך זיין, אַז ער מיינט עס ערענסט? אָדער אפשר מאַכט ער זיך דאָס אַזוי? זיין פּנים אָבער איז געווענדעט אַהין פאַראויס און עס איז מיר אונמעגליך צו זעהן זיין אויסדרוק. פאַרזיכטיג הויב איך אָן צו געבען איהם מיין צוגעגרייטע ערקלעהרונג:

„דזשעק, דאָס איז געווען פון אייערט וועגען, פון אייערע לייט וועגען האָב איך דאָס ——"

אונגעדולדיג און מיט כעס שלאָגט ער מיך איבער. איך זאָל

בעסער פארזיכטיג זיין ניט צו ריידען אזוינס אין געריכט, ווארנט ער מיך. אויב פריק זאל שטארבען, וואלט איך מיט אזעלכע „דבורים" זיך אליין געבראכט אויף דער תליה. און פאר די שטאהל־ארבייטער וואלט דאס מעהר ווי שאדען ניט געבראכט. זיי האלטען ניט פון קיין הרג'ענען; זיי רעספעקטירען דאס געזעץ. נאטירליך, זיי האבען געהאט א רעכט צו בעשיצען זייערע היימען און זייערע פאמיליעס געגען די אונגעזעצליכע פינקערטאנס. אבער די מיליץ נעהמען זיי אויף מיט ווילקאמען אין האמסטעד. זיי האבען געוויזען זייער רעספעקט פאר אויטאריטעט. געוויס פערדיענט פריק דעם טויט. ער איז א מערדער. אבער די פאב־ריק־ארבייטער האבען קיין געמיינשאפטליכעס מיט אנארכיסטען. צו וואס האב איך געוואלט פריק'ן טויטען יעדענפאלס? איך האב ניט באלאנגט צו די מענער פון האמסטעד. דאס איז ניט מיין עסק. עס וועט זיין דאס בעסטע, איך זאל אין געריכט וועגען דעם גארנישט זאגען, ווארים ——

דער גלאק קלינגט.

„אלע ארײן!"

6.

איך פארברייננג א שלאפלאזע נאכט. די געשעהניסען פון טאג האבען מיך צורודערט אויף דאס טיעפסטע. מיין הארץ ווערט אנגעפילט מיט ביטערקייט און מיט כעס געגען די האמסטעדער סטרייקערס. מיין נעכטיגער העלד, דער העלד פונ'ם פאלקס גלענ־צענדען קאמפף — ווי אבשטויסענד ער האט זיך בעוויזען, ווי פייגהאפט קליינליך! קיין בעוואוסטזיין פון דער גרויסער אויפ־גאבע פון זיין קלאסס, קיין שטאלצען בעגריעף פון דער ראלע, וואס ער גופא האט געשפיעלט אין דעם נאבעלען קאמפף. א פייגער, איבערגעוואקסענער אינגעל, וועלכער ציטערט אז ער וועט מארגען בעשטראפט ווערן פאר דעם שפיצעל וואס ער האט אבגעטהאן! אין גאנצען פערנומען אזוי געמיין מיט זיין אייגענער זיכערהייט, און איז וויליג אפילו ליגען צו זאגען כדי אויסצודרעהען זיך פון פעראנטווארטליכקייט.

דער געדאנק אליין וועגען דעם איז שרעקליך. דאס איז א פארשוועכונג פון הייליגקייט, א בעליידיגונג פאר דעם הייליגען

צוועק, אַ בעליידיגונג פאַר'ן פאָלק. פאַר מיר אַליין אויך אַ בע־
ליידיגונג. ניט דערפאַר ווייל ליגען דאַרף פעראורטהיילט ווערען,
סיידען דאָס איז אין די אינטערעסען פון דער באַוועגונג. אַלע
מיטלען זיינען בארעכטיגט אין דעם קאַמפף פון דער מענשהייט
געגען איהרע שונאים. וואָס אבשטויסענדער די מיטלען זיינען,
אַלץ שטאַרקער איז דאָס אַ פּרוף פון איינעמס נאָבעלקייט און
איבערגעבענהייט. אַלע גרויסע רעוואָלוציאָנערען האָבען דאָס בע־
וויזען. ניטאָ קיין טרעפענדער מוסטער אין דער געשיכטע פון
דער רוסישער באַוועגונג אַלס יענער אונפאַרגלייכליכער ניהיליסט
— ווי האָט מען איהם גערופען? ווי זאַנדערבאַר, וואָס אַקוראַט
איצט איז דער נאָמען פערשוואונדען פון מיין געדעכניס! אַזוי
נוט האָב איך עס געדיינקט. ער האָט אונטערגעגראָבען דעם ווינ־
טער־פּאַלאַץ אונטער דעם צאַר'ס סאַמע עסס־צימער. וואָס'רע
ערניעדערונגען, וועלכע שרעקליכע בעליידיגונגען ער האָט געדאַרפט
אויסשטעהן אין דער ראָלע פון אַ קנעכטליכען, פּראָסטען פּויערשען
סטאָליאַר. וויפיעל האָט עס גענומט אויסשטעהן זיין שטאָלצער
גייסט פאַר וואָכען און מאָנאַטען לאַנג — אַלץ צוליעב זיין גרויסען
צוועק. אַ וואונדערליכער מענש! צו זיין ווערט דיין קאָ־
מעראַדשאַפט... אָבער דיזער האָמסטעדער ארבייטער, וואָס פאַר אַ
פּיגמעי אין פערגלייך! ער איז פערנומען מיט דעם איינציגען
געדאַנק צו ראַטעווען זיך, דיזער פאַררעטהער. אַן אמת'ער יודאַס,
וועלכער איז פאַרטיג צו פערלייקענען זיין פאָלק און זייער זאַך,
וועלכער איז וויליג ליגען צו זאָגען און פאַרלייקענען זיין אנטהייל.
ווי שטאָלץ וואָלט איך געווען אויף זיין פּלאַץ: צו קעמפּפען אויף
די באַריקאַדען ווי ער האָט געקעמפּפט! און דאַן שטאַרבען דער־
פאַר — אָה, קאָן דען זיין אַ גלענצענדערער שיקזאַל פאַר אַ
מענשען, פאַר אַ ווירקליכען מענשען? צו זיין אפילו דער לעצ־
טער שטיין אין דעם פונדאַמענט פון אַ פרייער געזעלשאַפט, אָדער
אַלס אַ פּלאַנקע אין דעם בריק, איבער וועלכען דאָס טריאומפּי־
רענד פאָלק זאָל ענדליך אַריבערגעהן אין דעם פאַרשפּראָכענעם
לאַנד?

אַ פּלאַנקע אין דעם בריק... אין דעם מאָסט*). וואָס פאַר

*) „מאָסט“ אין רוסיש הייסט אַ בריק.

א בעדייטענדער נאמען! וואס פאר אן איינדרוק דיזער נאמען האט אויף מיר געמאכט, ווען איך האב איהם צום ערשטען מאהל דערהערט! ניין, איך האב איהם געזעהען געדרוקט, איך געדיינק עס גאנץ קלאהר. מיין מוטער איז ערשט געשטארבען. איך פלעג טרוימען פון דער נייער וועלט, דאס לאנד פון פרייהייט. זעהנזיכטיג פלעג איך לעזען יעדער שורה פון „אמעריקאנער נייעס". אין א געוויסען טאג, זיצענדיג אין דער קליינער קאווער ביבליאטהעק — ווי בולט איך ערינער זיך דאס — ווי איך וואלט איצט געזעהען זיך זיצענדיג דארט און בלעטערענדיג די צייטונגען. איך מוז זיך באקענען מיט דער מדינה. וואס איז דאס? „אנארכיסטען געהאנגען אין שיקאגא". פיעלע נעמען זיינען דער־מאנט — איין נאמען איז „מאסט". „וואס איז דאס אן אנאר־כיסט?" פרעג איך בסוד א סטודענט וואס איז געזעסען לעבען מיר. ער איז פון פיטער *), ער מוז דאך ויסען. „ס—ש! דאס איז דאס זעלבע וואס ניהיליסטען". „אין דער פרייער אמעריקא?" וואונדער איך זיך.

ווי ווייניג איך האב דאן געוואוסט פון אמעריקא! א פריי לאנד, וואס הענגט איהרע נאבעלסטע מענער. הייגט די ארעמ־קייט, די עקספלואטאציאן — דאס איז שרעקליך. איך מוז דאס אלעס אויסזאגען אין געריכט פאר מיין פארטהיידיגונג. ניין, ניט פארטהיידיגונג — עפעס א פאסענדערען ווארט. ערקלעה־רונג! יא, אין מיין ערקלעהרונג. קיין פערטהיידיגונג דארף איך ניט: איך האלט זיך ניט פאר שולדיג. וואס האט דער געפענג־ניס פערוואלטער געמיינט? א דומער קליענט, האט ער געזאגט ווען איך האב ערקלעהרט איהם, אז איך ענטזאג זיך פון אן אד־וואקאט. ער דיינקט, אז איך מוז זיין א נאר. נו, ער איז דאך א בורזשוא, ער קאן דאס ניט פארשטעהן. איך וועל איהם זאגען, אז ער זאל מיך לאזען צורוה. ער בעלאנגט צו דעם שונא. די אדוואקאטען אויך. זיי זיינען אלע פונ'ם קאפיטאליסטישען לא־גער. איך דארף ניט קיין אדוואקאטען. זיי זיינען ניט ביכולת צו ערקלעהרען מיין צד. איך וועל מיט די רעפארטער פון די צייטונגען אויך ניט ריידען. זיי זיינען א באנדע ליגנער, דיזע

*) א פאפולערער נאמען פאר פעטערבורג.

זשורנאַליסטישע הינד פון קאַפּיטאַליזם. זיי מיסרעפּרעזענטירען אונז תמיד. און זיי ווייסען דאָס גאַנץ גוט. זיי פּלעגען שרייבען גאַנצע אינטערוויוס מיט מאַסט'ן ווען ער איז געווען אין געפענגניס. דאָס זיינען אַלץ געווען שקרים. איך האָב אַליין געזעהען ווי מען האָט איהם אָוועקגעשיקט; ער האָט זיי אַפילו קיין איין וואָרט ניט געזאָגט. זיי זיינען אונזערע ערגסטע שונאים. דער פּערוואַלטער האָט געזאָגט, אַז זיי וועלען מאָרגען מיך קומען זעהן. איך האָב פאַר זיי גאָרנישט וואָס צו זאָגען. זיי וועלען זיכער צודרעהען מיינע ווערטער און דערמיט צוקאַלעטשען די ווירקונג פון מיין טהאַט. אָהן מיין ערקלעהרונג איז דער אַקט נאָך ניט אין גאַנצען. איך וועל זעהר פאָרזיכטיג פאַרפערטיגען מיין ערקלערונג. נאַטירליך, וועלען די געשוואָרענע דאָס ניט פאַרשטעהן. זיי בעלאַנגען דאָך אויך צו דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַסס. אָבער איך מוז אויסנוצען דעם פּראָצעס צו קאָנען ריידען צום פאָלק. געוויס איז אַן אַטענטאַט אויף אַ פריק'ן מיט זיך אַליין שוין אַ גוטע פּראָפּאַגאַנדאַ. דאָס פערבינדט די בעדייטונג פון אַ ביישפּיעל מיט אַ טעראָריסטישען עפעקט. אָבער פון דעסטוועגען הענגט פיעל אָב פון מיין ערקלעהרונג. דאָס גיט מיר אַ זעלטענע געלעגענהייט פאַר אַ ברייטערער פערשפּרייטונג פון אונזערע אידעען. די געגאָסען אין דרויסען וועלען אין דערזעלבער צייט אויך אויסנוצען מיין טהאַט פאַר פּראָפּאַגאַנדאַ. דאָס פאָלק פאַרשטעהט אונז שלעכט: די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע האָט זיי בעאיינפלוסט מיט פאָראורטהיילע געגען אונז. מען מוז זיי אויפקלעהרען; דאָס איז אונזער העכסטע אויפגאַבע. געוויס איז דאָס אַ שווערע און לאַנגזאַמע ארבייט; אָבער זיי וועלען לעהרנען. זייער געדולד וועט פּלאַצען, און דאַן — דאָס גוטהאַרציג פאָלק, עס איז אימער געווען צו גוט צו זיינע שונאים. און בראַוו איז דאָס פאָלק אימער געווען אַפילו אין זיינע יסורים. יאָ, זעהר בראַוו. ניט אַזוי ווי דער קערל, דער שטאָהל־אַרבייטער. ער איז אַ שאַנדע פאַר האָמסטעד, דער פאַררעטהער...

איך געה אַרום אין צעללע אַז אויפגערעגטער. דער יודאַססטרייקער איז ניט ווערטה צו לעבען. עס וואָלט אפשר טאַקע געווען בעסער זיי זאָלען איהם אויפהענגען. זיין טויט וואָלט

געהאָלפען צו עפענען די אויגען פון פאָלק אויף דעם אמת'ן כאַ־ראַקטער פון געזעצליכער גערעכטיגקייט. געזעצליכע גערעכטיג־קייט — וואָס פאַר אַ קאַריקאַטור! דאָס זיינען צוויי טערמינען, וואָס שליסען אויס איינער דעם אַנדערען. יאָ, זיכער, עס וואָלט געווען בעסער מען זאָל איהם אויפהענגען. דער פינקערטאָן וועט עדות זאָגען געגען איהם. ער האָט געזעהען ווי דזשעק האָט גע־וואָרפען די דינאַמיט. זעהר גוט. אפשר וועלען נאָך אַנדערע אַזוי שווערען. די ריכטער וועלען גלויבען דעם פינקערטאָן. יאָ, זיי וועלען איהם אויפהענגען.

דיזער געדאַנק שטילט אַביסעל מיין אונרוהיגקייט. לכל הפחות וועט די זאַך פון פאָלק דערפון עפּעס געווינען. דער מענש גופא דאַרף ניט גענומען ווערן אין אַנבעטראַכט. ער האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירען אַלס פּערזאָן: זיינע אינטערעסען זיינען אויסשליסליך פּערזענליכע; ער קאָן מעהר קיין נוצען ניט בריינגען דעם פאָלק. בלויז זיין טויט קאָן נוצליך זיין פאַר דער זאַך. עס איז פאַר איהם דאָס בעסטע צו ענדיגען זיין קאַריערע אין דיענסט פון דער מענשהייט. איך האָף, אַז אויפ'ן עשאַפאָט וועט ער האַנדלען ווי אַ מאַן. דער שונא זאָל ניט קוקען מיט הנאה אויף זיין פּחד, אויף זיין פייגער מורא. זיי וועלען אין איהם זעהן דעם גייסט פון פאָלק. נאַטירליך, ער איז דאָס ניט ווערטה. אָבער ער מוז שטאַרבען ווי אַן ארבייטער־רעבעל, בראַוו, טראַציג. איך מוז מיט איהם וועגען דעם ריידען.

דער דיקער באַסאָווער קלונג פון גלאָק צוטרייבט מיין טרוי־מעריי.

7.

די איינזאַמקייט פון דער נאַכט האָט אין זיך עפּעס אַ בע־שטימטען זינען פון פרייהייט. די אַטמאָספערע פון טאָג איז דורכ־גענומען מיט רווישיגער נערוועזקייט, די שטונדען זיינען אָנגעלאָדען מיט דראָהענדער גוואַלד. אָבער די נאַכט איז בערוהיגענד. דאָס איז צום ערשטען מאָהל וואָס איך פיהל זיך אַליין אונבעאָבאַכטעט. „דער נאַכט־הונד איז אָבגערופען געוואָרען". וואָס פאַר אַן אויס־געקינסטעלטע ברוטאַליטעט עס געפינט זיך אין דער שטענדיגער שמירה טאָמער וועט דער תליון פערלירען זיין קרבן! אַן איינ־

פאַכע פאַרזיכיגקייט געגען זעלבסטמאָרד, זאָגט מיר דער פער־וואַלטער פון געפענגניס. איך האָב געפיהלט דיזע נאַאיווע דומ־הייט פון אַנשטויסען אויף אַזאַ געדאַנק ווי עפּעס אַ שטאָך פון אַ שפּיעז. וואָס פאַר אַ מורא'דיגער תהום צווישען אונזערע ביידענס אַרטען דיינקען! ער קאָן גאָר ניט בעגרייפען אַז עס איז אונמעג־ליך פאַר מיר צו באַגעהן זעלבסטמאָרד, איידער איך האָב ערקלעהרט פאַר'ן פאָלק די מאָטיווען און דעם צוועק פון מיין טהאַט. זעלבסטמאָרד? גאָר אַזוי ווי מיין צוועק וואָלט געווען בלויז פריק'ס טויט! דער געדאַנק אַליין וועגען דעם איז אונמעגליך, איז אַ בעליידיגונג. עס רעגט מיך אויף וואָס אפילו אַ בורזשוא זאָל זיין אַזוי געמיין אין אורטהיילען די בעשטרעבונגען פון אַן אַקטיווען רעוואָלוציאָנער. דער אונבעדייטענדער שלאַנג, פריק — אַזוי ווי ער אַלס בשר ודם וואָלט געווען ווערטה צו מאַכען געגען איהם טעראָריסטישע אַנשטריינגונגען! איך האָב געציעלט אין דער פיעל־קעפּיגער הידרא, וועמעס אַנגעזעהנער פאַרשטעהער עס איז פריק. די האָמסטעדער פאַסירונגען האָבען איהם אויף דער צייט געמאַכט פראָמינענט, האָבען אַזוי צו זאָגען אַרויסגע־רוקט בולט זיין בעזונדערען הידראַ־קאָפּ. בלויז דאָס האָט איהם געמאַכט ווערט אַז אַ רעוואָלוציאָנער זאָל אויף איהם אויפמערק־זאַם ווערען. הויפּטזעכליך, אַלס אַ מוסטער לעהרע; זאָל דאָס אַריינזאָגען פחד אינ'ם הארצען פון זיין קלאַסס. זיי זיינען דאָך פייגע הערצער, זייער געוויסען איז בעלאָדען מיט שולד — און דאָס לעבען איז ביי זיי אַזוי טהייער. זייער שטיקענדע האַנד אויף דעם האַלז פון אַרבייט קאָן אפשר דורך דעם אָבגעשוואַכט ווערען. נאַטירליך, בלויז אויף אַ ווייַלע. אָבער אַזוי פיעל קאָן דאָך לכל הפחות געוואונען ווערן צו פערדאַנקען דער טהאַט פון דעם אַטענ־טאַטער. עס קאָן דאָך ניט זיין אַז דאָס פאָלק זאָל ניט בעגרייפען וואָס פאַר אַ טיעפע ליעבע עס פאָדערט זיך, ווען מען גיט אַוועק דעם אייגענעם לעבען פון זייער זאַך וועגען. אַוועקצוגעבען אַ יונגען לעבען, פול מיט געזונד און לעבענס־לוסט, אַוועקגעבען אַלעס ניט דיינקענדיג וועגען זיך אַליין; אַוועקגעבען אַלעס פרייוויליג, מיט פרייד; נייז, מיט בעגייסטערונג — קאָן דאָס זיין אַז עמיצער זאָל ניט בעגרייפען אַזאַ ליעבע?

אָבער דאָס איז דער ערשטער טעראָריסטישער אַקט אין

אמעריקא. דאס פאלק קאן דאס אפשר נאך אין גאנצען ניט פאר־שטעהן. נור דאך וועלען זיי וויסען, אז אן אנארכיסט איז בענאנ־גען דיזע טהאט. איך וועל צו זייריידען פון געריכטס־פלאץ, און מיינע גענאסען אויף דער פרייהייט וועלען אויסנוצען די גע־לעגענהייט אויף דאס מעגליכסטע אום צו בעלויכטען די גאנצע פראגע. אזא טהאט מוז אויף זיך ציהען די וועלטס אויפמערק־זאמקייט. דער ערשטער אקט פון א פרייוויליגען אויפאפפערען זיך פון אן אנארכיסט וועט מאכען אז דער ארבייטער זאל טיעפער נאכדיינקען. אפשר נאך מעהר ווירקונג וועט דאס מאכען אלס די מארטירער־געשיכטע פון שיקאגא. דאס לעצטע איז געווען מעהר פון אלעם א לעקציע פון קאפיטאליסטישע גערעכטיגקייט. דער פועל יוצא פון א פלוטאקראטישער פארשווערונג איז געווען די טראגעדיע פון 1887 און עס האט דארט געפעהלט דער עלעמענט פון פרייוויליגער אנארכיסטישער זעלבסט־אויפאפפערונג פאר די אינטערעסען פון פאלק. מיט דיזער בעזונדער אייגענשאפט צייי־כענט זיך אוים מיין אקט אלס אן אנפאנג. אפשר וועט דאס זיין דער געעפענטער בראך. דאס איז די אויפגאבע פון אונז, אנארכיסטען צו לעהרנען דאס ארבייטענדע פאלק, וואס זיין גרויסע מיסיאן איז. זאל די וועלט זיך לעהרנען פון די יסורים פון האמסטעד. דער פלוצלונגער דונער־קלאפ גיט א ווארנונג אז הינטער דעם רוהיגען האריזאנט זאמעלט זיך דער שטורעם. דער בליץ פון סאציאלען פראטעסט ——

„שנעל, אהליק! גיב א נעהם". עפעס וויסעס פלאטערט צווישען די גראטעס. האסטיג לעז איך איבער דעם צייטונגס־אויסשניט. פרעכטיג! ווער וואלט דאס ערווארטען? א סאל־דאט, איינער פון די רעגימענטען, וואס זיינען סטאציאנירט אין האמסטעד האט א רוף געטהאן צו זיין מחנה אויסצושרייען „דריי מאהל הורא פאר דעם מאן וואס האט געשאסען אויף פריק'ן". מיין הארץ ווערט איבערפלייצט מיט שעהנע האפנונגען. אזא ווא‏ונדערליכער גייסט אין דער מיליץ; אפשר וועלען די סאל־דאטען פארברידערען זיך מיט די סטרייקערס. דאס איז בשום אופן ניט אונמעגליך: אזעלכע זאכען האבען שוין אמאל פאסירט. נאך אלעמען זיינען זיי דאך אויך פון פאלק, מעהרסטענס אר־בייטס־לייט. זייערע אינטערעסען זיינען געמיינשאפטליכע מיט די

אינטערעסען פון די סטרייקערס, און פריק'ן האָסען זיי זיכער, וואָרים ער ווערט דאָך פון אַלעמען פערדאַמט פאַר זיין ברוטאַלי־טעט, פאַר זיין פרעכהייט. דיזער סאָלדאַט — ווי איז זיין נאָמען? י ע מ ס. ווילי יעמס — ער דריקט אויס מיט זיך די בעסטע גע־פיהלען פון דעם רעגימענט. ביי די אַנדערע פעהלט פיליכט מוטה. זיי האָבען מורא געהאַט אַבצורופען זיך אויף זיין הוראה, איבערהויפּט נאָך ווען דער פּאַלקאָווניק איז געווען אַנוועזענד. אָבער אַהן צווייפעל פיהלען די מעהרסטע פון זיי אויך אַזוי ווי יעמס. עס וואָלט געווען אַ סכנה פאַר'ן שונא צו פאַרלאָזען זיך אויף דעם צעהנטען פּענסילווייניע רעגימענט. און צווישען די אַנדערע האָמסטעדער רעגימענטען מוזען זיך דאָך אויך געפינען אַזעלכע יעמסעס. זיי זאָלען ניט דערלאָזען אַז מען זאָל זייער קאַמעראַד משפּט'ן קריגס־געריכטליך, ווי עס סטראַשעט דער פּאָל־קאָווניק. יעמס איז ניט סתם אַ מיליץ־מאַן, ער איז אַ בירגער, אַ געבוירטיגער אַמעריקאַנער. ער האָט אַ רעכט אויסצודריקען זיין מיינונג וועגען מיין טהאַט. ווען ער וואָלט דאָס פערדאַמען וואָלט מען דאָך איהם ניט בעשטראָפען. פאַר וואָס זאָל ער ניט טאָרען אַרויסזאָגען אַ גינסטיגע מיינונג? ניין, זיי קאָנען איהם ניט באַשטראָפען. און מסתמא איז ער זעהר פּאָפּולער צווישען די סאָלדאַטען. ווי מענליך ער האָט זיך געהאַלטען ווען דער פּאָל־קאָווניק האָט זיך געקאָכט פאַר'ן רעגימענט און האָט געפאָדערט מען זאָל איהם זאָגען ווער עס האָט דאָס געשריען הוראה „פאַר מר. פריק'ס מערדער", ווי ער האָט עס אָנגערופען, דער אידיאָט. יעמס איז אַרויסגעטראָטען פון דער רייהע און האָט מוטהיג אַנער־קענט זיך פאַר זיין טהאַט. ער האָט דאָך געקאָנט שווייגען, אָדער אָבלייקענען. אָבער אַפּנים ער איז ניט אַזאַ ווי דער פייגער שטאָל־ארבייטער. ער האָט זיך אפילו ענטזאָגט צו ענטשולדיגען זיך, ווען דער פּאַלקאָווניק האָט דאָס פאַרגעשלאָגען.

בראַווער קערל! ער איז דער רעכטער מאַטעריאַל פאַר אַ רעוואָלוציאָנער. אַזאַ מענש דאַרף ניט באַלאַנגען צו דער מיליץ. ער דאַרף וויסען פאַר וואָס די מיליץ איז באַצוועקט: אַ האַנד־ווערק פאַר די קאַפּיטאַליסטען אין דער פאַרשקלאַפונג פון אַרבייט. נאָך אַלעמען וועט פאַר איהם זיין אַ טובה ווען ער וועט קריגס־געריכטליך גע'משפּט ווערען. דאָס וועט איהם אויפקלעהרען. איך

וועל מוזען נאכפאלגען דעם פראצעס. אפשר וועט דער נעגער מיר געבען מעהר צייטונגס־אויסשניטען. דאס איז געווען זעהר גרויס־מוטהיג פון זיין זייט צו שטעלען זיך אין ריזיקע פון פריינדשאפט וועגען. דער געפענגניס־פערוואלטער האט אויסדריקליך פערבא־טען צו דערלאנגען מיר צייטונגען, אבוואהל פאר די אנדערע ארעס־טאנטען איז ערלויבט צו קויפען צייטונגען. ער מאכט מיט מיר אן אויסנאהם אויף אלערליי אופנים. א בעאמטער איגנאראמוס: ער קאן אפילו ניט ארויסריידען ריכטיג דאסווארט „אנארכיסט". נעכטען זאגט ער צו מיר: „די אנארכיסטען זיינען ניט גוט, וואס ווילען זיי יעדענפאלס?" איך האב איהם געענטפערט פארדריס־ליך: „פריהער זאגט איהר, אז זיי זיינען ניט גוט, דערנאך פרעגט איהר וואס ווילען זיי". ער איז געווארען רויט. „איך האב פאר זיי קיינע נוצען ניט, יעדענפאלס". וואס פאר אן אידיאט! ניט דעם מינדעסטען חוש פון גערעכטיגקייט, ער פעראורטהיילט איי־דער ער וייס נאך וואס. איך גלויב אז ער העלפט די שפיאנען. פאר וואס זאגט ער מיר אלץ אז איך זאל זיך ערקלעהרען שולדיג? איך האב איהם ווידערהאלט געזאגט, אז ניט קוקענדיג וואס איך לייקען ניט אב מיין טהאט, בין איך אבער אונשולדיג. דער דומ־קאפ האט זיך צולאכט. „בעסער ערקלעהר זיך שולדיג וועסטו אבקומען מיט א לייכטע שטראף. האסט דאס געטהאן, דארפסטו זיך בעסער ערקלעהרען שולדיג". אומזיסט האב איך געזוכט איהם צו געבען צו פארשטעהן: „איך גלויב ניט אין אייערע געזעצע, איך אנערקען ניט די אויטאריטעטען פון אייערע געריכטען. איך בין מאראליש אונשולדיג". ארום זיינע ליפען האט זיך צושפיעלט דער קריינקענדער שמייכעל פון וואלטהעטיגער ווייזהייט. „ער־קלעהר זיך שולדיג. פאלג מיין עצה. ערקלעהר זיך שולדיג".

אינסטיקטיוו דערפיהל איך עמיצענס אנוועזענהייט ביי דער טיהר. די קליינע, כיטרע אויגלעך פון דעם פערוואלטער קוקען שטארק אריין דורך די גראטעס. איך פיהל אין איהם א שונא. נו, ער קאן זיך איצט קריגען דעם צייטונגס־אויסשניט אויב ער וויל. אבער קיינע פייניגונגען וועלען פון מיר ניט ארויסקריגען א געשטענדניס וואס זאל ארייננשלעפען דעם נעגער. דער נאמען

ראכמעטאָוו לויפט מיר דורך אין זינען. איך וועל זיין טריי צו זיין אָנדענקונג.

„אַ דזשענטעלמען אין מיין קאַנצעלאַריע ווינשט דיך צו זעהן“, לאָזט מיך וויסען דער פערוואַלטער.

„ווער איז ער?“

„דיינער אַ פריינד פון פיטסבורג“.

„איך קען קיינעם ניט אין פיטסבורג. איך האָב קיין לוסט ניט צו זעהן איהם“.

דאָס העפליכע צוריידען פון דעם פערוואַלטער ערוועקט אין מיר פערדאַכט. פאַר וואָס ווילט זיך איהם אַזוי איך זאָל זיך געהן זעהן מיט דעם פרעמדען מאַן? צו האָבען בעזוכער איז אַ פריווילעגיע. אָבער דער פערוואַלטער שטעהט צו. איך ענטזאָג. ענדליך גיט ער מיר אַ בעפעהל איך זאָל ארויסגעהן פון דער צעללע. צוויי שומרים פיהרען מיך אין קאָרידאָר. זיי שטעלען מיך אָב ביים אָנהויב פון אַ רייהע פון דוצענד מענשען. מען צעהלט אָב זעקס און מען הייסט מיר פאַרנעהמען דעם פּלאַץ פון אַ זיעבעטען. איך באַמערק, אַז איך בין דער איינציגער אין דער רייהע וואָס טראָגט ברילען. דער פערוואַלטער קומט ארויס בעגלייט פון דריי בעזוכער. זיי געהען דורך די רייהע, קוקען זיך איין גוט אין יעדענס פּנים. זיי קעהרען זיך אום און זייער בליק איז אויף די אויסגעשטעלטע מענשען. איינער פון די בעזוכער מאַכט אַ באַוועגונג אַזוי ווי ארויפצולייגען זיין האנד אויף דעם אַקסעל פון איינעם וואָס איז געשטאַנען לינקס פון מיר. דער פערוואַלטער רופט האסטיג אָב די בעזוכער אָן אַ זייט. זיי סוד'ען זיך אַ ווייל, דאַן געהען זיי ווידער דורך אין דער לענג פון דער רייהע, קעהרען זיך צוריק לאַנגזאַם ביז זיי קומען צו צו מיר. דער הויכער פון די בעזוכער לייגט ארויף זיין האַנד פאַמיליאַר אויף מיין אַקסעל אויסשרייענדיג:

„דערקענט איהר מיך ניט, מר. בערקמאַן? איך האָב אייך באַגעגענט אויף דער פינפטער עוועניו אַקוראַט לעבען דער טעלע־גראַף געביידע“.*)

*) דאָס איז דאָס הויז, וואו עס געפינען זיך די אָפּיסעס פון דער קאַרנעגיע קאָמפּאַניע.

„איך האב אייך קיין מאהל אין מיין לעבען ניט געזעהן".
„אה, יא! געדענקט איהר ווי איך האב צו אייך גערעדט ——"
„ניין, איהר האט ניט", שלאג איך איהם איבער אונגעדולדיג.
„פיהרט איהם צוריק", באפעהלט דער פערוואלטער.

איך פראטעסטיר געגען אזא אונטערגעשטעלטער פראצעדורע. אבער דער פערוואלטער בעהויפטעט, „א פאזיטיווע אידענטיפי־צירונג". דער שפיאן האט מיך געזעהן „אין דער געזעלשאפט פון צוויי פריינד, בעקוקענדיג דעם אפיס פון מר. פריק". אז אויפגעבראכטער לייקען איך אב די פאלשע בעהויפטונג, אנקלא־גענדיג איהם אין העלפען דער פערשווערונג ארייננצושלעפען מיינע קאמעראדען. ער ווערט בלוי פון כעס און גיט א באפעהל, אז איך זאל דערפאר פערלירען דאס רעכט פון געהן אויף שפאציר דיזען נאכמיטאג.

פאר מיר איז שוין יעצט קלאהר זיין ראלע אין דער פאר־שווערונג פון דער פאליציי. איך דערזעהע איהם אין זיין ריכטיגען קאליר. אונוויסענד ווי ער איז, האט אבער זיין געניטקייט אין פאליצייסקע מעטאדען ענטוויקעלט אין איהם א געוויסע כיטרע־קייט; די נידריגע שלויהייט פונ'ם פוקס, וועלכער זוכט זיין געפאנג. דער אויסערליך גוטמוטהיגער שמייכעלע פארמאסקירט אינוויינינגסטע געמיינהייט; זיין גראבע גאוה פוצט זיך אוים מיט דער ערפאלגרייכער מיסברויכונג פון זיין פערוואלטונג איבער די אונגליקליכע מענשליכע באשעפניסען.

דיזע נייע אבשעצונג פון זיין כאראקטער מאכט מיר קלאהר פערשיעדענע פעלע, וועלכע זיינען פאר מיר פריהער געוועזן אונ־פערשטענדליך. מיינע בריעף ווערען פערהאלטען אין זיין קאנצע־לאריע, דאס איז זיכער. עס איז דאך אונמעגליך, אז מיינע ניו יארקער חברים זאלען אזוי לאנג פערנאכלעסיגען מיר צו שרייבען: עס איז שוין איבער א וואך זינט איך בין ארעסטירט געווארען. אוים נויטיגע פארזיכטיגקייט וואלטען זיי מיט מיר זיך ניט איבער־געשריבען גלייך, די ערשטע טעג. אבער צוויי־דריי טעג איז גענוג אויף צו האבען א פאלשטענדיגע ד ע ק א ד ר ע ס ס ע.*)

---

*) א פארשטעלטער אדרעסס וואס בעהאלט די אידענטיפיצירונג פונ'ם שרייבער.

און דאך האב איך ביז איצט נאך קיין שורה ניט בעקומען פון זיי. עס איז קלאהר, אז מיינע בריעף מוזען פערהאלטען ווערען.

דיזע גערדאנקען האבען אין מיר ערוועקט א ביטערען האס נע־גען דעם פערוואלטער. זיין געמיינהייט רעגט מיך אויף שרעקליך. איך דערזעה אין א נייעם ליכט דעם נעגער'ס ווארנונג איך זאל זיך היטען פון דעם, וואס געפינט זיך אין דער נעקסטער צעללע צו מיינער. אהן צווייפעל איז דער מאן א שפיאן, וועלכען דער פער־וואלטער האט אהין ארייגגעזעצט קענטיג. קליינע אינצידענטען, וועלכע האבען אין זיך גופא קיין בעדייטונג ניט, דינען פאר מיר אבער אלס א שטארקער בעווייז אז מיין פערדאכט איז בערעכטיגט. ווען איך טראכט איבער פערשיעדענע אומשטענדען ווערט דער חשד וועגען מיין שכן שוין פאר מיר א פעסטע איבערצייגונג. איך זעה איצט אז די פראגען זיינע, וועלכע איך האב פריהער צו־געשריבען צו פשוט'ער נייגעריגקייט, האבען אין דער ווירקליכקייט צו טאהן מיט דעם פערוואלטער'ס ראלע אלס פרייוויליגער שפיאן. דעם יונגען נעגער האט מען בעשטראפט מיט איינזעצען אין פינס־טערען קאמער פאר וואס ער האט מיך געווארענט געגען מיין שכן פון דער נעקסטער צעללע. אבער דעם לעצטען לאזט מען דורכאוים קלאפען און ריידען. אפנים ער האט ספעציעלע פריווילעגיעס. און דערצו איז דער פערוואלטער האנד אין האנד מיט דער פאליציי. איך בין זיכער, אז ער האט דאס געפלאנט מען זאל מיר שרייבען די בריעף, וועלכע ער האט מיר נעכטען דערלאנגט. דער שטעמ־פעל אויף די בריעף איז געווען פון האמסטעד, פון כלומרשט א סטרייקער. זיי ווילען אויפרייסען די פאבריקען, זאגט זיך אין בריעף; מען דארף האבען גוטע באמבעס. זאל איך זיי שיקען די אדרעסען פון מיינע פריינד, וועלכע ווייסען ווי צו מאכען ווירקענ־דע עקספלאזיוו־שטאפען. וואס פאר א דומע פאסטקע! איינער פון די בריוולעך האט געזוכט ארייננצופלאנטערען מאנכע פון די סטרייק־פיהרער אין מיין טהאט. אין אז אנדערען האט מען דער־מאנט יאהאן מאסט. נו, מיט אזעלכע דומהייטען וועט מען מיך ניט ארייננכאפען. אבער איך מוז זיין אויף דער וואך. דאס בעסטע איז איך זאל זיך לחלוטין ענטזאגען פון צו ערהאלטען בריעף. סאי־ווי־סאי פערהאלטען זיי דאך די בריעף פון מיינע פריינד. יא, איך וועל זיך ענטזאגען פון צו ערהאלטען בריעף.

איך פיהל אז איך בין ארומגערינגעלט פון שונאים, אפענע און געהיימע. ניטא קיין איין פערזאן, וועלכע איך זאל קאנען רעכענען פאר א פריינד, א חוץ דעם נעגער, וועלכער ווינשט מיר גוטעס, איך ווייס. איך האף, אז ער וועט מיר צושטעלען מעהר צייטונגס־אויסשניטען — אפשר וועט דארט זיין נייעס וועגען מיינע קאמעראדען. מארגען וול איך זוכען אויסצוקומען לעבען איהם ווען מיר וועלען געפיהרט ווערען אויף שפאציר... א! זיי טהיילען אוים מוסר־בלעטלעך. מארגען איז זונטאג — קיין שפאציר־גאנג!

8.

דער הייליגער זונטאג ווערט באעהרט דערמיט, וואס מען גיט די ארעסטאנטען קיין מיטאג־מאהלצייט ניט. א קליין שטיקעל ברויט מיט א בלעכענע טאס שווארצע, ניט זיסע קאפע, דאס איז דער פריהשטיק. דער אבענד־מאהלצייט איז א ווידערהאלונג פון דעם פריהשטיק מיט דעם אונטערשיעד, וואס די קאפע איז שי־טערער און די בלעכנע טאס פערראסטער. איך צווינג זיך צו דערשלינגען א זופ פערמאכענדיג די אויגען. עס האט א טעם פון פעטע וואסער פון נעוואשענע געשיר, מיט א ביטערע אנדייטונג דערצו פון געברענטע ברויט.

שפאצירען געהן איז אבגעשאפט אין דעם הייליגען טאג. די לופט איז דורכגענומען מיט דער מרה־שחורה פון דורכאויסיגער שטילקייט. נאכמיטאג דערהער איך ווי עס סקריטשעט די אינ־וויינינגסטע טיהר. עס הערט זיך א שטארקע שארכעריי פון קליידער: די וואהלטעטיגע דאמען פון מוסר־זאגעריי פאר־נעהמען דאס זייערע זיך־פלעצער. די טיהרען פון דער מערדער־גאלערע ווערן טהיילוויז געעפענט אויף א פופצעהנטעל פון א ווינקעל. די ארעסטאנטען בלייבען אין זייערע צעללען מיט די שומרים אוועקגעשטעלט ביים אריינגאנג פון דער גאלערע.

אלעס איז שטיל. אין דעם דריקענדען שטילשווייגען הער איך ווי מיין הארץ קלאפט. א לייכטער שאטען געהט דורך איבער דער פינסטערער פאדלאגע; ער ווייזט זיך איצט אויף די גראטעס. איך הער די שטילע טריט פון פילצענע זויהלען. שוויינזאם געהט דער שליסער פארביי דער צעללע, ווי א פלאטערנדע געהיימניס וואָרפענדיג איהר שאטען איבער א געמאטערטער נשמה. מיין

בליק כאַפּט דעם בלאַנק פון אַ רעוואָלווער, וואָס שטעקט פון זיין טאַש.

פלוצלונג דערהערען זיך די זיסע טענער פון אַ פידעל אַבקלינ־גענדיג אין קאָרידאָר. פּרויען־שטימען פילען אָן די מעלאָדיע: „נעהענטער מיין גאָט צו דיר, נעהענטער צו דיר". לאַנגזאַם ברייטערט זיך אויס דאָס געזאַנג, הויבט זיך העכער, ווערט אַבגע־קלונגען אין דער אונטערשטער גאַלערעע און הילכט אָב אין מיין צעללע „נעהענטער צו דיר, צו דיר".

די קלאַנגען שטאַרבען אָב. אַ דיקע שטימע רעדט אַרויס: „לאָמיר תפלה טהאָן". די מעטאַלישע האַרטקייט פון דער שטימע קלינגט ווי אַ באַפעהל. די שומרים שטעהען מיט געבויגענע קעפּ. זייערע ליפען מורמלען נאָך דעם אונגעזעהנעם רעדנער: „אונ־זער פאָטער, וואָס ביסט אין הימעל, גיב אונז דיזען טאָג אונזער טעגליכען ברויט... פאַרגיב אונז אונזערע עבירות ווי מיר פאַרגיבען די, וואָס זיינען געגען אונז —— "

„אַ ליגען די מעשה, צום טייפעל!" שרייט איינער אויס פון דער אויבערשטער גאַלערעע. פון די צעללען הערט זיך אַ פאַר־שטיקטער געלעכטער. צוטומעלטע לויפען די בעאַמטע אַרויף צו דער גאַלערעע. עס ווערט אַ גרעסערער טומעל. „אָרדנונג!" קעצישע קולות און פייפערייען פאַרטרינקען דעם פערוואַלטערס שטימע. טיהרען ווערען מיט רציחה געעפענט און פערמאַכט. פון דעם דונערען פון בראַזגענדען אייזען קאָן מען פערטויבט ווערען. פלוצלונג ווערט אַלעס אַנשוויגען: די שומרים זיינען שוין צור־געקומען צו די גאַלערעען. מען הערט נור די האַסטיגע טריט אויף די שפּיץ־פינגער.

מען קאָן ניט געפינען דעם פאַרברעכער. דער גלאָק קלינגט דעם אַבענד מאָהלצייט. די אַרעסטאַנטען שטעהען אין די טיהרען, די טאַסען אין די הענד, פאַרטיג צו באַקומען קאַפּע.

„גיט ניט דעם ממזר־בן־הנ..... קיין אַבענד־מאָהלצייט! קיין אַבענד־מאָהלצייט!" דונערט דער פערוואַלטער.

אַ הייליגע זונטאַג־ברכה!

די טיהרען ווערען פערריגעלט, און מיר זיינען פערשלאָסען פאַר דער נאַכט.

.9

אן אויפגערעגטער געה איך ארום אין מיין צעללע. פריק איז ניט געשטארבען! ער איז שוין כמעט אויסגעהיילט. איך האב זיכערע אינפארמאציאן: דער „בלינדער" ארעסטאנט האט מיר געגעבען דעם ציימונגס־אויסשניט אין צייט פון שפאציר־גאנג. „איהר זייט א שלעכטער שיסער", האט ער זיך מיט מיר גערייצט.

די ענטוישונג שטעכט מיר אין הארצען. איך פיהל דאס אזוי שטארק ווי א קאטאסטראפע. מיין פערשפארט זיין, די ביטערקייט פון געפענגניס־לעבען, די צוקונפט — אלץ ווערט פערטרונקען אין דעם ים פון אונגליק ביי דעם געדאנק פון מיין דורכפאל. ביטערע געדאנקען שטויסען זיך אין מח; זעלבסט־בעשולדיגונג איבערוועלטיגט מיך. איך בין דורכגעפאלען!... עס האט געקאנט זיין אנדערש, ווען איך וואלט געגאנגען צו פריק'ן אין וואהנונג. אזוי איז טאקע געווען מיין אורשפרינגליכע אבזיכט. אבער דאס הויז איז געווען בעוואכט. אויסער דעם האב איך קיין צייט ניט געהאט צו ווארטען: דעמזעלבען אין־דער־פריה האבען די צייטונגען געמעלדעט פריק'ס אבזיכט צו פאהרען קיין ניו יארק. איך בין געווען ענטשלאסען, אז ער זאל זיך פון מיר ניט ארויסדרעהען. איך האב דארום באשלאסען צו האנדלען גלייך. דאס איז געווען אייגענטליך זיין פיינהייט, וואס האט איהם געראטעוועט — ער האט זיך בעהאלטען אונטער'ן שטוהל! האט זיך געמאכט טויט! און איצט לעבט ער, דער וואמפיר... און האמסטעד? ווי וועט דאס ווירקען אויף די דארטיגע אומשטענדען? ווען פריק וואלט געשטארבען, וואלט קארנעגיע זיך געאיילט איינגעהן מיט די סטרייקער אויף אבמאכונגען. דער ביטרער שאטלענדער האט זיך בלויז בענוצט מיט פריק'ן אום צו צושטערען די געהאסטע יוניאן. ער אליין איז געווען אבוועזענד, מען האט איהם ניט געקאנט האלטען פעראנטווארטליך. דער פערפאסער פון „טריאומפירענדע דעמאקראטיע" איז זעהר עמפפינדליך, ווען מען קריטיקירט איהם. ווען פריק וואלט געווען אויסגעשלאסען, וואלט די פעראנטווארטליכקייט פאר די צושטענדען אין האמסטעד געפאלען אויף קארנעגיע. אום אנצוהאלטען זיין ראלע אלס א פריינד פון ארבייט, וואלט ער געמוזט ענדיגען דעם שארפען קאמפף. ווען

די אומשטענדען וואָלטען אזוי געגאַנגען וואָלט דאָס געווען אַ שטאַרקער שטויס פאָרווערטס פאַר אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדאַ. יעדענפאַלס, וואָלטען מעגען זיך מאַנכע פערזאָנעלע פארטהיילען מיין טהאַט, די אַרבייטער אָבער וואָלטען ניט געקאָנט זיין בלינד, זיי וואָלטען זעהן דאָך די ווירקליכע אומשטענדען און די פּראַקטישע ווירקונג פון פריק'ס טויט. אָבער זיין געזונד ווערן...

און דאָך ווער קאָן וויסען? עס קאָן זיין, אַז עס זאָלען זיין איצט דיזעלבע רעזולטאַטען. אויב ניט, איז דער סטרייק געווען שוין אין דער ווירקליכקייט פערלאָרען ווען די שטאָהל־אַרבייטער האָבען געלאָזט די מיליץ באַזעצען האָמסטעד. דאָס האָט דער קאָמפּאַניע געגעבען די געלעגענהייט אָנצופילען די פאַבריקען מיט סקעבס. אָבער אויב דער סטרייק אָפילו זאָל זיין פערלאָרען — אונזער פּראָפּאַגאַנדאַ איז די הויפּט זאַך, וואָס מען דאַרף נעהמען אין אַנבעטראַכט. די האָמסטעדער אַרבייטער זיינען דאָך בלויז אַ זעהר קליינער טהייל פון דעם אַמעריקאַנער אַרבייטער קלאַס. ווי וויכטיג דיזער גרויסער קאַמף זאָל ניט זיין, די זאַך אָבער פון גאַנצען פאָלק איז דאָס וויכטיגסטע. און זייער אמת'ע זאַך איז אַנאַרכיזמוס. אַלע אַנדערע איז שוין אריינגענומען דעריין; דער אַנאַרכיזמוס אַליין בלויז קאָן לייזען די אַרבייטער פראַגע. קיין אַנדער זאַך פאַרדיענט ניט קיין אויפמערקזאַמקייט. די ליידען פון איינציגע, פון גאַנצע מאַסען, זיינען אונפערמיידליך אונטער קאַ־פּיטאַליסטישע אומשטענדען. אַרעמקייט און עלענד מוז זיך שטענדיג פערמעהרען; דאָס איז אונפערמיידליך. אַ רעוואָלו־ציאָנער קאָן ניט זיין בעאיינפלוסט בלויז פון סענטימענטען. מיר בלוטען פאַר'ן פאָלק, מיר ליידען פאַר זיי, אָבער מיר וויסען דעם ווירקליכען קוואַל פון זייער עלענד. אונזער גאַנצע ציוויליזאַציאָן, פערדאָרבען ווי זי איז ביז'ן וואָרצעל, מוז צושטערט ווערן, כדי צו געבוירען אַ נייע ציוויליזאַציאָן. בלויז דאַן, ווען עקספּלואַטאַ־ציאָן וועט אָבגעשאַפט ווערן, וועט אַרבייט געווינען גערעכטיגקייט. אַנאַרכיזמוס אַליין נאָר קאָן רעטען די וועלט.

דיזע בעטראַכטונגען בערוהיגען מיך עטוואָס. דאָס וואָס מיר איז ניט געלונגען אויסצופיהרען דעם געווינשטען צוועק קריינקט מיך שרעקליך, און איך פיהל זיך זעהר געפאַלען. אָבער דער איינציגער ליידענדער דערפון זאָל איך זיין. בעטראַכטענדיג ריכ־

טיג די זאך, קאן דער פיזישער רעזולטאט פון מיין טהאט ניט פאר־קלענערען איהר פראפאגאנדיסטישען ווערטה. און דאס איז דאך תמיד די הויפט זאך. דער הויפט צוועק פון מיין א ט ע נ ט א ט איז געוועז צו ציהען די אויפמערקזאמקייט אויף אונזערע סאציאלע אונגערעכטיגקייטען ; צו ערוועקען א לעבעדיגען אינטערעס פאר די ליידען פון פאלק דורך אן אקט פון זעלבסט־אויפאפפערונג ; ארויס־צורופען דיסקוסיאן וועגען די אורזאכען און דעם צוועק פון אזא טהאט, און דורך דעם וויזען דער וועלט די לעהרען פון אנארכיז־מוס. די לאגע אין האמסטעד האט געשאפען א פסיכאלאגישען סאציאלען מאמענט. וואס איז דא וויכטיג ווי די פערזענליכע פאלגען פאר פריק'ן זיינען ? וואס פאר א נפקה מינה איז דא וועגען די פיזישע רעזולטאטען פון מיין אטענטאט ? די קאנ־דיציאנען, וועלכע זיינען נויטיג פאר פראפאגאנדא זיינען דאך דא : די טהאט איז אויסגעפיהרט געווארען.

וואס מיר אליין אנבעלאנגט איז מיין ענטוישונג זעהר א ביטערע, ווירקליך. איך האב געוואלט שטארבען פאר דער זאך. אבער איצט וועלען זיי מיך שיקען אין געפענגניס — זיי וועלען מיך באגראבען לעבעדיגערהייט...

ניט ווילענדיג ציהט זיך מיין האנד צו דער לאץ פון מיין ראק בעת איך דערמאן זיך פלוצלונג אויף מיין גרויסען פערלוסט. אין יסורים לעב איך ווידער איבער די סצענע אין דער פאליציי־סטאציאן אין דעם דריטען טאג פון מיין ארעסט... גראבע הענד כאפען ארום מיינע ארעמס און מען זעצט מיך אריין אין א שטוהל איבער געוואלט. מיין קאפ בויגט מען אב מיט רציחה אויף הינטען און איך קוק אן דעם שעף. ער כאפט מיך פאר'ן האלז.

„עפען דיין מויל ! דו פערדאמטער, עפען דיין מויל !"

אלעס שווינדעלט פאר מיינע אויגען, דער שרייב־טיש דרעהט זיך ארום צימער, די בלוט פערלאפענע אויגען פון דעם שעף קוקען אויף מיר פון דער פאדלאגע, זיינע פיס טאראפעצען הויך אין דער לופט און אלעס דרעהט זיך, דרעהט זיך...

א שארפען שטאך אין מיין צונג דערפיהל איך, מיינע באק־ביינער ווערן צונויפגעדריקט ווי מיט א שרויף און מיין מויל ווערט אויפגעריסען, צועפענט.

„וואס זאגסטו דערצו, עה ?"

דער פּאָליציי־שעף שטעהט פאַר מיר, אין זיין האנד האלט ער די דינאַמיט פּאַטראָנע.

„וואָס איז דאָס, הא?" פאַדערט ער מיט זידלעריי.

„אַ צוקערקע", ענטפער איך איהם צו להכעיס.

10.

ווי איבערפילט מיט קריינקונג זיינען דיזע צוויי וואָכען גע־וועזן! נאָך אַלץ קיין נאַכריכט פון מיינע קאַמעראַדען. דער פּערוואַלטער ברייננט שוין מיר מעהר ניט קיין פּאָסט; קענטיג אַז ער רעכענט מיין לעצטע ענטזאַגונג אַלס ענטשיידען. אָבער מען ערלויבט מיר שוין איצט צו קויפען צייטונגען; אין זיי קאָן זיך געפינען אפשר עפּעס וועגען מיינע פריינד. ווען איך וואלט נור געקאָנט אויסגעפינען וועלכע פּראָפּאַגאַנדאַ זיי מאַכען פון מיין מהאַט, און וואָס ז י און פעדיאַ טהוען! איך גאָהר צו וויסען וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט. אָבער דאָס אינטערעסירט מיך בלויז אַלס רעוואָלוציאָנער. זיי זיינען אַזוי וויט פון מיר — מען צעהלט מיך גאָר ניט צווישען די לעבעדיגע. אין דרויסען איז אַלעס אַזוי ווי געוועזן, אַזוי ווי קיין זאַך וואָלט גאָר ניט פּאַ־סירט. פריק איז שוין איצט גאַנץ געזונד; ער איז ווידער ביי זיין שרייב־טיש, מעלדען די צייטונגען. וויטער איז קיין וויכטי־געס ניטאָ. די פּאָליציי האָט קענטיג אויפגעגעבען איהר געיעג. ווי לעבערליך עס האָט זיך געמאַכט דער פּאָליציי־שעף כאַפּענדיג מיין פריינד מאַלאָק, דעם ניו יאָרקער בעקער! די חוצפה פון די בעאַמטע אריינצונאַרען אַן ארבייטער, וועלכער פערדעכטיגט גאָר־נישט, איבער'ן גרענעץ פון שטאַאַט, און דאָן אַרעסטירען איהם אַלס מיינעם אַ מיטהעלפער. איך רעכען, אַז ער מוז זיין דער איינציגער אַנאַרכיסט, וועלכען די פּאָליציי קאָן געפינען. מיין פריינד דער נעגער האָט דאָס מיר געלאָזט וויסען וועגען דער אריינכאַפּונג פון מיין פריינד. אָבער איך האָב וועגען דעם ניט געהאַט קיין זאָרג: איך האָב געוואוסט אַז דער „שוויינענדער בעקער" וועט זיך ווייזען טויב און שטום. קיין איין וואָרט האָבען זיי פון איהם ניט געקאָנט אַרויסקריגען. מאַלאָק'ס בעפרייאונג האָט אוועקגעשטעלט דעם שעף אין אַ זעהר לעכערליכער לאַגע. איצט דורשט ער נאָך נקמה און זוכט מסתמא אַ קרבן נאָהענט

ערגעץ אין אלעגהעני. אבער אויב די גענאסען וועלען שווייגען וועט אלעס גוט זיין, ווארים איך בין געווען פארזיכטיג ניט איבער־צולאזען קיין סליאד. איך האב זיי געזאגט, אז איך פאהר קיין שיקאגא, וואו איך ערווארט צו בעקומען א שטעלע. אויף גאלד'ן און באוער'ן קאן איך זיך פערלאזען. אבער דער דאזיגער מאן, דער ע......, וועלכען איך האב געטראפען וואהנענדיג אינ'ם זעלבען הויז מיט גאלד'ן, האט אויף מיר געמאכט דעם איינדרוק אלס א מענש, אויף וועלכען מען קאן זיך ניט פערלאזען. איך זאל אזא בעשטימט גארנישט פערטרויען און איך האב מורא, אז ער קאן קאמפראמעטירען די אנדערע. פאר וואס זיינען זיי אזעלכע פריינד מיט איהם, פארשטעה איך ניט? ער איז אפשר גאר קיין גענאסע ניט אפילו. די אנארכיסטען פון אלעגהעני דארפען מיט אזא ניט האבען קיין געמיינשאפטליכעס. עס טויג פאר אונז ניט צו חבר'ן זיך מיט די, וועלכע דענקען בורזשואזנע.

מיין פערטראכטקייט ווערט איבערגעריסען פון א שומר, וועל־כער לאזט מיר וויסען, אז מען „דארף מיך אין קאנצעלאריע". דארט איז פאר מיר א בריעף, אבער מען דארף צוצאהלען פאסט־געלד. וויל איך בעצאהלען?

„א פאסטקע", פליהט מיר דורך דער געדאנק אין קאפ גע־הענדיג מיט דעם אויפזעהער. איך מוז שטעהן פעסט דערויף, אז איך וויל ניט ערהאלטען קיין גענארטע בריעף.

„נאך בריעף פון האמסטעד?" גיב איך א פרעג דעם גע־פענגניס־פערוואלטער.

ער אונטערדריקט שנעל זיין שמייכעל. „ניין, דאס פאסט־שטעמפעל איז פון ברוקלין, ניו יארק".

איך גיב א קוק אויפ'ן קאנווערט. די האנדשריפט איז אוינגעשיינליך פון א פרוי, אבער די שריפט איז קלענער אלס איהרע. איך גאהר נאך נאכריכט פון איהר. דער בריעף איז פון ברוקלין — אפשר א ד ע ק א ד ר ע ס ס ע!

„איך וועל נעהמען דעם בריעף, פערוואלטער".

„גוט. איהר וועט איהם דא עפענען".

„דאן וויל איך דעם בריעף ניט".

איך הויב אַן ארויסצוגעהן, נור דער פערוואַלטער האַלט מיך צוריק:

„נעהם איצט מיט דעם בריעף, אָבער אין צייט פון צעהן מינוט מוזטו מיר איהם צוריקקעהרען. קאָנסט איצט געהן“.

איך אייל זיך צו מיין צעלּלע. אויב אין דעם בריעף איז פאַראַן עפּעס וויכטיגעס, דאַן וועל איך איהם פערניכטען: איך האָב קיינע פליכטען ניט צום שונא. ווען איך עפען מיט ציטער־רענדע הענד דעם בריעף פאַלט אַרויס אַ פּאַפּירענער דאָלאַר. איך גיב אַ קוק אויף דער אונטערשריפט, עפּעס אַן אונבאַוואוסטער נאָמען. איך לויף שנעל דורך די שורות. אַן אונבאַוואוסטער סימפּאַטיזירער שיקט מיר גרוסען אין נאָמען פון דער מענשהייט. „איך בין ניט קיין אַנאַרכיסט“ — לעז איך — „אָבער איך ווינש אייך גליק. מיין סימפּאַטהיע איז אָבער מיט דעם מענשען, ניט מיט דער טהאַט. איך קאָן באַרעכטיגען אייער פערזוך. לע־בען, מענשליך לעבען איבערהויפּט, איז הייליג. קיינער האָט קיין רעכט ניט אַוועקצונעהמען דאָס וואָס ער קאָן ניט געבען“.

איך פערברייננג אַ רוהלאָזע נאַכט. מיין שכל קעמפּפט מיט דעם פּראָבלעם, וואָס איז געקומען אַזוי אונערוואַרטעט. קאָן דען עמיצער, וואָס פאַרשטעהט מיינע מאָטיוועז, צווייפלען אין דער באַרעכטיגונג פון דעם אַטענטאַט? לאָזענדיג אָן אַ זייט די גע־זעצליכקייט, קאָן דען זיין אַ פראַגע וועגען דער מאָראַלימעט פון דער טהאַט? עס איז ניט מעגליך צו פאַרמישען געזעץ מיט גע־רעכטיגקייט, זיי זיינען געגענגעזעצט. דאָס געזעץ איז אונמאָ־ראַליש: דאָס איז די פאַרשווערונג פון הערשער און גלחים געגען די אַרבייטער, אום אויפצוהאַלטען זייער אונטערטעניגקייט. צו זיין געהאָרכזאַם צום געזעץ הייסט צו צושטימען, אויב ניט דירעקט בעטהייליגען זיך אין דיזער פאַרשווערונג. אַ רעוואָלוציאָנער איז דער אמת׳ער מאָראַלישער מענש: פאַר איהם זיינען די אינטע־רעסען פון דער מענשהייט דאָס העכסטע. זייער ערפאָלג איז זיין איינציגער צוועק אין לעבען. רעגיערונג און איהרע געזעצע איז דער געמיינשאַפטליכער שונא. אַלע מיטלען זיינען באַרעכטיגט אין דעם נאָבעלען קאַמפּף פון פאָלק געגען דיזען שרעקליכען פלוך. דאָס געזעץ! דאָס איז דאָס ערץ־פאַרברעכען פון די יאָהרהונדער־

טער. דער וועג פונ׳ם מענשען איז דורכגעווייקט מיט דעם בלוט וואס דאס האט פערגאסען. קאן דען דיזער גרויסער פארברעכער בעשטימען רעכט? זאל א רעוואלוציאנער רעספּעקטירען אזא קאריקאטור? דאס וואלט דאך מיינען צו פּאראייביגען מענשליכע שקלאפעריי.

ניין, דער רעוואלוציאנער האט קיינע פליכטען ניט צו דער קאפּיטאליסטישער מאראל. ער איז דער סאלדאט פון דער מענשהייט. ער האט געווידמעט זיין לעבען צום פאלק אין זייער גרויסען קאמפּף. דאס איז א ביטערע מלחמה. דער רעוואלוציאנער קאן ניט אבהאלטען זיך פון דיענסט, וואס דער קאמפּף לייגט אויף איהם ארויף. און ווען דאס זאל אפילו זיין די פליכט פון טויט. מונטער און מיט פרייד וואלט ער שטארבען טויזענדע מאהל נור צו דערנעהענטערען דערמיט דעם טריאומף פון פרייהייט. זיין לעבען בעלאנגט צום פאלק. ער האט קיין רעכט ניט צו לעבען אדער האבען תענוג ווען אנדערע ליידען.

ווי אפט מיר האבען וועגען דעם דיסקוטירט, פעדיא און איך. ער איז געווען אביסעל געניינגט צו וואוילטאג; ער האט זיך נאך ניט אין גאנצען בעפרייט פון די טענדענצען פון זיין בורזשואזנער יוגענד. איין מאהל אין ניו יארק — איך וועל דאס קיין מאהל ניט פארגעסען — אין א צייט ווען אונזער גרופּע האט נור־וואס אנגעהויבען ארויסצוגעבען די ערשטע אנארכיסטישע צייטונג אין אמעריקא, איז צווישען אונז ארויסגעקומען א געשלעג. קיינער וואלט עס ניט גלויבען. זיי פלעגען אונז רופען דער צווילינג. ווען עס פלעגט טרעפען אז איך פלעג ערגעץ ווייזען זיך אליין, פלעגט מען מיך פרעגען בעזארגט: „וואס האט פאסירט? איז אייער חבר קראנק?“ דאס איז געווען אזוי אונגעוועהנליך; מיר זיינען איינער דעם אנדערענס שאטען. אבער איין טאג האב איך איהם געגעבען א פּאטש. ער האט פארלעצט מיינע הייליגע געפיהלען: אויסצוגעבען גאנצע צוואנציג סענט פאר א מאהלצייט! דאס איז געווען ניט בלויז פערשווענדעריש; דאס איז געווען פּאזיטיוו א פארברעכען, אונגלויבליך פאר א רעוואלוציאנער. איך האב איהם דאס פאר מאנאטען לאנג ניט געקאנט פערצייהען. אפילו איצט — צוויי יאהר זיינען שוין זינט דאן אריבער — און

אין מיר איז פערבליבען אַ פערדריסליכער געפיהל וועגען דעם. וואָס פאַר אַ רעכט האָט אַ רעוואָלוציאָנער צו זיין אַזוי זעלבסט־זיכטיג? די באַוועגונג האָט זיך גענויטיגט אין הילף; יעדער סענט איז געווען טהייער. זאָל מען אויסגעבען גאַנצע צוואַנציג סענט אויף איין מאָהל אַבצועסען! ער איז אין מיינע אויגען געווען אַ פאַררעטער צו דער באַוועגונג. און רענט האָבען מיר פער־שפּאָרט שלאָפענדיג אין די פּאַרקען. און אמת אויך, אַז ער האָט געדאַרפט וויסען אַז ער האָט קיין רעכט ניט אויף זיינע פער־דיענסטען, ווען די באַוועגונג נויטיגט זיך אַזוי אין געלד. זיין פערטיידיגונג האָט מיך נאָך מעהר געקריינקט: ער האָט פער־דיענט צעהן דאָלאַר יענע וואָך — זיבען האָט ער אוועקגעגעבען פאַר דער צייטונג — דריי דאָלאַר דאַרף ער האָבען פאַר דער וואָך אויף הוצאות — זיינע שיך זיינען נאָך צוריסען דערצו. איך האָב קיין געדולד ניט געהאַט אויסצוהערען אַזעלכע אַרגומענטען. זיי האָבען פּשוט געוויזען זיינע בורזשואַזנע געוואָהנהייטען. אַז אמת׳ער רעוואָלוציאָנער קאָן ניט האָבען אין זינען פּערזענליכען קאָמפאָרט. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דער באַוועגונג; די נויטען פון דער באַוועגונג, דאָס איז די ערשטע זאַך. יעדער סענט וואָס מיר האָבען אויסגעגעבען פאַר זיך אַליין האָט געהייסען אַזוי געאַרבייט שווער צו פאַרדיענען דאָס געלד. אָבער ער האָט דאָך פיעל אוועקגענומען פון דער זאַך. אמת, דער רעוואָלוציאָנער מוז דאָך לעבען. אָבער לוקסוס איז אַ פערברעכען; ערגער, דאָס איז אַ שוואַכקייט. מען קאָן לעבען אויף פינף סענט אַ טאָג. צוואַנ־ציג סענט פאַר איין מאָהלצייט! אונגלויבליך. דאָס איז געווען גזילה.

אָרעמער צווילינג! ער איז געווען טיעף געקריינקט, אָבער ער האָט געוואוסט אַז גערעכט בין איך. דער רעוואָלוציאָנער האָט קיין פּערזענליכען רעכט ניט אויף קיין זאַך. ער מוז זיך אויסהיטען פון שטאַרקער ליעבע אָדער ליידענשאַפט. זיין איינציגע גרויסע ליעבע דאַרף זיין דאָס פאָלק; דאָס דאַרף זיין ביי איהם די העכסטע ליידענשאַפט. געוועהנליכע מענשליכע סענטימענטען זיינען ניט ווערטה דעם ווירקליכען רעוואָלוציאָנער: ער לעבט פאַר דער מענשהייט, און ער מוז תמיד זיין גרייט אָבצורופען זיך אויף איהר רוף. דער רעוואָלוציאָנערער סאָלדאַט טאָר ניט זיין

וועקגעצויגענען פון שלאכט־פעלד דורך דעם בעצויבערענדען גע־זאנג פון ליעבע. אין אזעלכע שוואכקייטען ליגט א גרויסע גע־פאהר. דער רוסישער טיראן האט אפט געזוכט צו פאנגען זיין קרבן דורך א שעהנע פרוי. אונזערע קאמעראדען דארטען זיינען פארזיכטיג ניט צו חבר'ן זיך מיט קיין פרוי, סיידען מען איז איבערצייגט אין איהר רעוואלוציאנערען כעראקטער. זאגאר איהר פאסיווער אינטערעסירען זיך מיט דער באוועגונג איז ניט גע־ניגענד. די ליעבע קאן זי פערוואנדלען אין א דלילה אבצושערען איינעמס גבורה. בלויז מיט א פרוי, וועלכע האט זיך געווידמעט פאר אקטיווען אנטהייל, מעג זיך דער רעוואלוציאנער בעפריינדען. זייערע פאלשטענדיגע קאמעראדשאפט וואלט געווען א געגענזייטי־גע אינספיראציאן, א קוואל פון שטייגענדער קראפט. זייענדיג גלייך, פאלקאם סאלידאריש, וואלטען זיי מיט ערפאלג געקאנט דינען פאר דער זאך פון פאלק. אונצעהליגע רוסישע פרויען קאנען דינען דעריין אלס עדות — סאפיא פעראווסקאיא, ווערא פיגנער, ווערא זאסוליטש און פיעלע אנדערע העלדישע מארטירערינס, וואס זיינען געפייניגט געווארען אין די קאזעמאטען פון שליסעלבורג, בעגראבען געווארען לעבעדיגערהייט אין פעטראפאוולאווסקער פעסטונג. וואס פאר א איבערגעגעבנהייט, וואס פאר א פעסט־קייט! פאלקאמענע קאמעראדען זיינען זיי געווען, אפט זאגאר שטארקער אלס די מענער. בראווע, נאבעלע פרויען, וואס פילען אן די טורמעס און די עטאפען, וואנדערען דעם שווערען וועג...

די סיבירישע סטעפעס ערהויבען זיך פאר מיינע אויגען. זייער צוואוארפענע ברייטקייט שימערט אין די זונ'ס שטראהלען און בלענדעט די אויגען מיט דעם ווייסען גלאנץ. די אונענדליכע איינטאניגקייט מאטערט דעם בליק און גליווערט דעם מארך. עס אטהעמט אריין דעם קאלטען טויט אין הארצען און כאפט ארום די נשמה מיט דעם פחד פון וואהנזין. אומזיסט זוכט דאס אויג א געגעזונג פון דיזען ווייסען מאנסטער, וועלכער דריקט צונויף לאנגזאם מיט זיין אומארמונג און סטראשעט צו פארשלינגען דיך אין זיין פערפרוירענעם תהום. דארט, אין דער ווייט, וואו דאס בלויע טרעפט זיך צונויף מיט דאס ווייסע, ווערט די אויבערפלעכע בעפארבט מיט א דיקען פאס רויטקייט. דער רויטער פאס גורט ארום דעם יונגפרויליכען בוזים, ווערט רויטער און געדיכטער און

בעציהט דעם בארג מיט א דונקעלער לענטע, וועבענדיג און קראַנ־צענדיג זיין וועג מיט פערלייננערענדע יסורים, דאָס פערשווינדענ־דיג אין חלל און דאָס ווידער ערהויבענדיג זיך אין דער הויך. און עס ווייזט זיך א מאַן מיט א פרוי, האנד אין האנד, זייערע קעפּ געבויגען, אויף זייערע אקסלען א שווערער קרייץ, לאנגזאם דורכטרעטענדיג דעם וועג ארויף, און אהינטער זיי אנדערע, מענער און פרויען יונגע און אלטע, אלע מיעד פון דער שווערער משא, טרעטענדיג אין דעם מדבר פון יסורים, צווישען טויט און שוויי־גענהייט, אויסער דעם טרויערפולען קלאַנג, קלאַנג פון די קייטען...

„ארויס, נו, שפּאַצירען!"

ווי אין חלום געה איך אין דער לענג פון דער גאַלערעע. דער קול פון מיין מיטשפּאַצירער קלינגט דומפּ אין מיינע אויערען. איך פאַרשטעה ניט וואס ער זאגט. וויס ער עפּעס וועגען ניהיליסטען, טראַכט איך?

„בילי, האָט איהר ווען עס איז געלעזען וועגען ניהיליסטען?"

„געוויס, בערק. ווען איך האָב לעצטענס געאַרבייט דאָרטען אונטען, האָט מיר א מאַן געליהען א בוך. אַן אַנטיק פון א בוך. וואָרט ווי רופט מען זיי?"

„ניהיליסטען".

„יאָ, געוויס. וועגען עפּעס ניהיליסטעס. דאָס בוך רופט זיך אייוואַן סטראַדושאָף".

„ווי איז דער נאָמען?"

„עפּעס אזוינס. אייוואַן סטראַדושאָף אָדער סטראַגאָף".

„אָ, איהר מיינט אייוואַן סטראַגאָף, יאָ?"

„יאָ. ניהיליסטען פּלאַן, פאַרשטעהט זיך. נו, האָבען זיי געוואָלט אוועק'הרג'ענען אלע שררות, מאַכען פון זייערע אייגענע איינעם פאַר קיסר. פאַרשטעהסט? פיקסע חברה־לייט, איך מאך א וועט. נור אייוואַן איז געווען א צו האַרטער ביסען פאַר זיי. ער איז געוואָרען א שפּיאָן. פאַלט ער אריין אין אלערליי גע־שלעגען, און עמיצער האָט גענומען און אויסגעברענט איהם גאָר די אויגען. אָבער ער איז א יונג מיט ביינער און... איך געדיינק ניט ווי דאָרט איז דער סוף, אָבער —— "

„איך ווייס די געשיכטע. דאָס איז שונד. דאָס דערצעהלט ניט דעם אמת וועגען —— "

„אַה, זאָל דאָס געהן צום טייפעל! הערט, בערק, מיינט איהר אַז זיי וועלען מיך אויפהענגען? וועט דער ריכטער קיין רחמנות ניט האָבען אויף אַ בלינדען מענשען? קוקט נאָר אַן מיינע אויגען. כמעט אַ בלינדער, איך שווער ביי גאָט, אַז איך בין. זיי וועלען דאָך ניט נעהמען און אויפהענגען אַ בלינדען מענשען, וועלען זיי?"

דאָס רחמנות געבעט ריהרט מיך ביים האַרצען. און איך פאַר־זיכער איהם אַז זיי וועלען ניט הענגען קיין בלינדען מענשען. זיינע אויגען ווערען ליכטיגער, זיין געזיכט ווערט בעלויכטען מיט האָפענונג.

פאַר וואָס איז איהם אַזוי טהייער דאָס לעבען, וואונדער איך זיך. וואָס פאַר אַ ווערטה האָט לעבען אַהן אַ הויכען צוועק, ניט בעגייסטערט פאַר רעוואָלוציאָנערע אידעאַלען? ער איז קליין און פיינ: ער זאָגט ליגען צו ראַטעווען זיין פעל. ער ליידעט גאָר ניט אויף זיינע אויגען. אָבער פאַר וואָס זאָל איך פון זיינט וועגען ליגען זאָגען?

מיין געוויסען פּלאָגט מיך פאַר וואָס איך האָב געהאַט די שוואַכקייט אין דעם מאָמענט. איך טאָר ווייטער ניט ערלויבען אַז סענטימענטאַליטעט זאָל מיך בעאיינפלוסען. דאָס איז אונ־ווירדיג פאַר אַ רעוואָלוציאָנער.

„ביללי" — זאָג איך אַ ביסעל טרוקען — „פיעל אונשולדיגע מענשען האָט מען שוין געהאָנגען. די ניהיליסטען צום ביי־שפּיעל —— "

„אַה, זאָלען זיי געהן צום טייפעל! וואָס קימערט דאָס מיך פאַר זיי! וועלען זיי מ י ך הענגען, דאָס וואָס מיך קימערט צו וויסען".

„עס קאָן זיין אַז זיי וועלען", ענטפער איך זייענדיג אויפגע־רעגט פאַר וואָס ער פּראָפאַנירט מיין אידעאַל. אויף זיין פּנים גיסט זיך אויס אַ שרעק. ער שטעלט אויס אויף מיר אַ פּאָאַר אויגען, זיינע ליפּען צופּענען זיך.

„יאָ", זאָג איך ווייטער, „עס קאָן זיין אַז זיי וועלען אייך אויפהענגען. געגנוג אונשולדיגע מענשען האָבען שוין געהאַט אַזאַ

שיקזאַל. איך דיינק ניט אַז איהר זייט אונשולדיג, אָדער אַז איהר זייט בלינד. איהר דאַרפט ניט דיזע ברילען, אייערע אויגען פעהלט גאָרנישט. נור פאַרשטעהט מיך, ביללי. איך וויל ניט אַז זיי זאָלען אייך הענגען. איך גלויב ניט אין תליות. אָבער איך מוז אייך זאָגען דעם אמת, און איהר זייט בעסער ענטשלאָסען פאַר דאָס ערגסטע".

דער אויסדרוק פון שרעק פערשווינדט ביסלעכווייז פון זיין פּנים. אויף זיינע באַקען טרעטען אַרויס דונקעל־רויטע פלעקען פון אויפגעקאָכטקייט.

„איהר זייט משוגע! וואָס טויג מיט אייך צו ריידען יעדענפאַלס? איהר זייט אַ פערדאַמטער אַנאַרכיסט. איך בין אַ גוטער קאַטהאָליק, איך וויל אַז איהר זאָלט דאָס וויסען! איך האָב ניט אַלע מאָהל געטהאָן וואָס רעכט איז, אָבער דער גוטער פאָטער, דער גלח, האָט אָנגענומען מיין וידוי לעצטע וואָך. איך בין ניט אַזאַ פערדאַמטער מערדער ווי איהר, פערשטאַנען? דאָס איז געוועזען אַ צופאַל. איך בין כמעט אַ בלינדער, און דאָס איז אַ קריסטליך לאַנד, געלויבט איז גאָט. זיי וועלען ניט הענגען אַ בלינדען מאַן. און מעהר זאָלט איהר צו מיר ניט ריידען!"

11.

די טעג און די וואָכען פערלויפען אין אויסמאַטערענדער איינטאָניגקייט, וועלכע ווערט איבערגעריסען בלויז פון מיין זאָרג וועגען דעם אַנקומענדען פּראָצעס. דאָס איז מסתמא אַ טהייל פון געפּלאַנטער האַרטהערציגקייט ניט צו לאָזען מיר וויסען וועגען דעם בעשטימטען טאָג. „זייט פערטיג, מען קאָן אייך רופען יעדע צייט", האָט דער געפענגנים־פערוואַלטער מיר געזאָגט. אָבער די שאָטענס ווערן לענגער, די טעג קומען און געהען, און מיין נאָמען איז נאָך אַלץ ניט ערשיענען אין דעם געריכטס־קאַלענדאַר. פאַר וואָס דיזע מאַטערנים? לאָמיך שוין דאָס איבערקומען. מיין אויפגאַבע איז שוין כמעט אויסגעפיהרט — די ערקלעהרונג אין געריכט און דאַן איז מיין לעבען פאַרטיג. איך וועל שוין מעהר ניט האָבען די מעגליכקייט צו אַרבייטען פאַר דער זאַך. איך מעג דאַ־רום אָבגעזעגענען זיך מיט דער וועלט. איך וועל שטאַרבען צופריע־דען, אַ חוץ סיידען וואָס איך האָב טהיילווייז ניט אויסגעפיהרט

מיינע פלענער. די ביטערקייט פון ענטוישונג נאגט מיין הארץ. אבער וואָרום? די פיזישע רעזולטאטען פון טהאט קאנען ניט ווירקען אויף איהר פּראפּאגאנדיסטישען ווערטה. פאר וואס זשע דיזער פערדרוס? איך דארף שטעהן העכער דעפון. אבער די אבלאכענדע שטעכ־ווערטלעך פון בעאמטע און ארעסטאנטען פערוואונדען מיך „א שלעכטער שיסער ביסטו, הא?" זיי חלום'ט זיך גאר ניט ווי שארף זייערע אונבעדאכטע שפּיזען זיינען. איך שמייכעל און זוך צו מאכען זיך גלייכגילטיג בעת מיין הארץ בלוטיגט. פאר וואס זאל איך, א רעוואלוציאנער, זיין געריהרט פון אזעלכע באמערקונגען? דאס איז שוואכקייט. זיי זיינען אזוי וויים נידריגער פון מיר; זיי לעבען אין דעם זומפּ פון זייערע ענגע פּערזענליכע אינטערעסען; זיי קאנען ניט פארשטעהן. און דאך קאן אמאל דאס קוואקען פון פרעש גרייכען צום אדלערס נעסט און צושטערען די רוה פון דער הויכקייט.

דער „טראסטי" געהט דורך אין דער לייננ פון דער גא־לערעע. ער געהט לאנגזאם, אבשטויבענדיג די אייזערנע פּארענצע. דאן גיט ער זיך א קעהר און קלאפּט אן עטליכע מאהל לייכט אין טיהר מיט דעם קאנטשוג. ער לעהנט זיך אן ביי דער וואנד, בויגט זיך אן ווי כלומרשט אבצואווישען דאס געזימס פון טיהר — זיין האנד מאכט א שנעלע באוועגונג, א פּערוויקעלט ווייס פּא־פּיערעל ווערט אריינגעשאסען צווישען די אונטערשטע גראטעס און פאלט לעבען מיינע פיס. „א שטייפקייט" שעפּטשעט ער מיר צו.

גלייכגילטיג הויב איך אויף דאס צעטעלע. איך האב קיין בעקאנטע ניט אין געפענגניס; מסתמא בעט דאס עמיצער פון די אונגליקליכע א סיגארעט. אוועקלייגענדיג דאס צעטעל צווישען די בלעטער פון צייטונג, ווער איך איבערראשט ווען איך געפין אז דאס איז געשריבען אין דייטש. פון וועמען זאל דאס קאנען זיין? איך גיב א קוק אויף דער אונטערשריפט. קארל נאלד? דאס איז אונמעגליך. דאס מוז זיין א פאסטקע! ניין אבער, די האנד־שריפט — דעריין קאן איך קיין טעות ניט האבען: די דראבנע קלאהרע שריפט איז אהן צווייפעל נאלד'ס. אבער ווי אזוי האט ער אריינגעשמוגעלט דיזען צעטעלע. איך פיהל ווי דאס בלוט גיט

מיר אַ שפּאַר צום קאָפּ ווען מיינע אויגען לויפען דורך די שורות געשריבען מיט אַ בלייפעדער: ער און באַוער זיינען אַרעסטירט; זיי געפינען זיך איצט אין געפענגניס אָנגעקלאָגט אין אַ פאַרשווע־רונג צו טויטען פריק׳ן; געהיים־פּאָליציסטען האָבען געשוואָרען אַז זיי האָבען זיי געזעהען מיט מיר צוזאַמען לעבען דעם הויז וואו פריק׳ס אָפּיס איז. זיי האָבען געדונגען אַן אַדוואָקאַט, זאָגט זיך אין צעטעל. וואָלט איך זיך וועלען בענוצען מיט דעם אַדוואָקאַט? איך האָב דאָך אודאי קיין געלד ניט און זאָל פון ניו יאָרק אויך ניט ערוואַרטען עפּעס אַזעלכעס. ווארים מאָסט — וואָס איז דאָס?

— ווארים מאָסט האָט זיך אָבגעטרייסעלט פון דער טהאַט ——

דער גלאָק קלינגט אָב די שפּאַציר־שטונדע. קוים וואָס איך קאָן, מיט שווערקייט, צוגעהן צו דער גאַלערעע. איך פיהל אַז מיך פיבערט: קוים וואָס איך שלעפּ מיינע פיס און איך פאַל צו צו דער פאַרענצע.

„זייט איהר קראַנק, אַהליק?“ דאָס מוז זיין דעם נעגער׳ס שטי־מע. מיר איז טרוקען אין האַלז; מיינע ליפּען קאָנען זיך ניט באַווע־גען. ווי דורך אַ טומאַן זעה איך דעם שומר צוקומענדיג. ער פיהרט מיך אַריין אין צעללע און לאָזט אַראָב דאָס בעטעל. „איהר קאָנט זיך צולייגען“. דער שליסעל גיט אַ קלונג און איך בלייב אַליין.

די רייהע מאַרשירט פערביי, אַהין און צוריק, אַהין און צו־ריק. די גלייכמעסיגע טריט קלאַפּען מיר אין מאַרך ווי מיט האַמערס. ווען וועלען זיי שוין אויפהערען? איך פיהל שרעק־ליכע קאָפּ־שמערצען — איך בין גערן וואָס איך דאַרף ניט שפּאַ־צירען — דאָס איז געווען אַ גוטסקייט פון דעם נעגער וואָס ער האָט גערופען דעם שומר — איך האָב געפיהלט אַזוי קראַנק. וואָס איז עס געווען? אַה, דאָס צעטעל! וואו איז עס?

די מעגליכקייט אַז איך האָב עס פאַרלאָרען צורודערט מיך. האַסטיג הויב איך אויף די צייטונג פון פאַדלאָגע. מיט ציטערענדע הענד צועפען איך די בלעטער. אַה, עס איז דאָ! ווען איך וואָלט עס ניט געפינען, פרעג איך זיך, וואָלט איך אפשר מיינען אַז דאָס האָב איך נור פאַנטאַזירט?

דער אַנבליק פון צוקנייטשטען שטיקעל פּאַפּיער ערוועקט אין מיר שרעק. נאָלד און באַוער דאָ! אפשר — אויב זיי האַלטען

זיך געהעריג — וועט אלץ אבגעהן כשורה. זיי זיינען דאך אונ־שולדיג. זיי קאנען דאס באווייזען. אבער מאסט! ווי קאן דאס מעגליך זיין? נאטירליך, ער איז געוועז אונצופרידען וואס איך האב אנגעהויבען צו חבר'ן זיך מיט די אויטאנאמיסטען. אבער ווי אזוי קאן דאס מאכען א נפקה מינה? אין אזא צייט! וואס פאר א ראלע קאן שפילען פערזענליכעס געפעלען אדער ניט גע־פעלען ביי א רעוואלוציאנער, ביי א מאסט — דער העלד פון מיינע ערשטע יאהרען אין אמעריקא, דער נאמען, וואס האט אזוי בא־וועגט מיין הארץ דאן אין דער קליינער ביבליאטהעק אין קאוונא! מיין לעהרער, דער פערפאסער פון קריגס־וויסענשאפט — דער אידעאלער רעוואלוציאנער — ער זאל מיך דענונצירען, אב־טרויסלען זיך פון פראפאגאנדא דער טהאט?

דאס איז אונגלויבליך! איך קאן דאס זיך ניט פארשטעלען. זי וועט מיר מסתמא ניט פארפעהלען שרייבען וועגען דעם. איך מוז ווארטען ביז איך וועל פון איהר הערען. אבער נאך אלעמען איז דאך נאלד אליין מאסט'ס א פארגעטערער; ער וואלט ניט זאגען עפעס אזעלכעס געגען מאסט'ן, סיידען ער איז איבערצייגט אז דאס איז אמת. און דאך איז עס קוים בעגרייפליך. ווי קאן מען זיך ערקלעהרען אזא ענדערונג אין מאסט'ן? צו פארלייקע־נען די גאנצע פערגאנגענהייט, זיין גלענצענדע פערגאנגענהייט! ער איז דאך תמיד געוועזען אזוי שטאלץ דערויף און אויף זיין עקס־טרעמען רעוואלוציאניזם. עפעס אן אונגעהייערער מאטיוו מוז שטעקען אהינטער אזא פערלייקענונג. דאס האט דאך צו זיך קיין גלייכען ניט אין די אנאלען פון אנארכיזמוס. אבער וואס פאר א מאטיוו זאל דאס קאנען זיין? ווי העלדיש האט ער געהאנדעלט בעת דער היימארקעט טראגעדיע — האט עפענטליך געראטהען צו געברויכען גוואלט כדי צו נעהמען ראכע פאר דער קאפיטאליסטי־שער פארשווערונג. ער האט וואהרשיינליך בעגריפען די געפאהר פון דער רעדע, פאר וועלכער ער איז דערנאך פער'משפט געווארען אין בלעקוועלס־איילענד. איך געדיינק זיין רעבעלישע האלטונג, ווען ער איז אוועק אין געפענגניס. ווי האב איך פארגעטערט זיין שטארקען גייסט, ווען איך האב איהם בעגלייט אויפ'ן וועג אהין! דאס איז געוועזן עפעס מעהר ווי מיט א יאהר צוריק און עס זיינען דאך בלויז עטליכע מאנאטען ווי ער איז ארויס. אפשר — זאל

דאָס מעגליך זיין? אַ פיינלינג? האָט די ערפאַהרונג אין גע־
פענגנים בעאיינפלוסט זיין איצטיגען פערהאַלטען זיך? סטייטש,
עס איז דאָך שרעקליך צו דענקען וועגען דעם. מאַסט — אַ פיינ־
לינג? ער, וועלכער האָט זיין גאַנצען לעבען געווידמעט פאַר דער
באַוועגונג, האָט געאָפּפערט מיט זיין ערוועהלונג אין רייכסטאַג
פאַר זיין קאָמפּראָמיסלאָזער עהרליכקייט, וועלכער איז געשטאַנען
אין אַוואַנגאַרד זיין גאַנצען לעבען, אין פּנים פון געפאַהר און פער־
ניכטונג — ע ר אַ פיינלינג? דאָס איז אונמעגליך אַז ער זאָל
פּלוצלונג ענדערען זיינע אַנזיכטען פון לעבענס־לאַנג. וואָס האָט
איהם נעקאַנט באַוועגען צו דענונצירען מיין טהאַט? פּערזענליכע
פיינדשאַפט? ניין, דאָס וואָלט געווען אַ זאַך פון קליינליכער איי־
פערזוכט. זיין פערטרויען אין מיר אַלס רעוואָלוציאָנער איז גע־
ווען אָהן אַ שיעור. האָט ער דען ניט אַרויסגעשיקט אַ געהיימען
צירקולאַר מען זאָל מיר העלפען אין מיינע פּלענער וועגען רוס־
לאַנד? דאָס איז געווען דאָך אַ בעוויין פון אַבסאָלוטען פער־
טרויען. אַ מענש קאָן ניט בייטען זיין מיינונג אַזוי פּלוצלונג. נאָך
וויניגער קאָן דאָס האָבען אַ ווירקונג אויף אַבצוטרויסלען זיך פון
אַ טערראָריסטישען אַקט. איך קאָן קיין ערקלעהרונג ניט געפינען,
סיידען — זאָל עס מעגליך זיין? — מורא פאַר פּערזענליכע
פאָלגען. מורא, אַז מען קאָן א י ה ם האַלטען פעראַנטוואָרטליך
אפשר. אַזאַ מעגליכקייט איז ניט אויסגעשלאָסען. דער שונא
האָסט איהם ביטערליך, און וואָלט זיך אַנכאַפּען פאַר יעדער גע־
לעגענהייט, וואָלט זאָגאַר פאַרשווערען זיך אום צו הענגען איהם.
אָבער דאָס איז דאָך דער פּרייז וואָס איינער מוז בעצאָהלען פאַר
זיין ליעבע צו דער מענשהייט. יעדער רעוואָלוציאָנער איז אונטער־
וואָרפען צו אַזאַ געפאַהר. הויפּטזעכליך נאָך מאַסט; זיין גאַנצע
קאַריערע איז דאָך געווען אַ צוויי־קאַמפּף מיט דער טיראַניי. אָבער
קיין מאָהל פריהער איז ער ניט געווען בעאיינפלוסט פון אַזעלכע
מאָטיווען. איז ער דען ניט בערייט צו נעהמען אויף זיך די פער־
אַנטוואָרטליכקייט פאַר זיין טערראָריסטישער פּראָפּאַגאַנדאַ, וואָס
דאָס איז געווען די טהעטיגקייט פון זיין גאַנצען לעבען? פאַר
וואָס איז ער עפּעס פּלוצלונג בעפאַלען פון אַזאַ פּחד? איז דאָס
מעגליך? איז דאָס מעגליך?...

מיין נשמה ווערט געפייניגט פון מאַטערענדען צווייפעל. מיין

הארץ ווערט ארומגעקלאמערט פון פערצווייפלונג, ווען איך מוז ניט וועלענדיג זיך אליין געשטעהן אז דאס איז די מעגליכע ווארהייט. אבער עס קאן ניט זיין. נאלד האט געמאכט א טעות. עס קאן גאר זיין אז דער בריעף איז א פאסטקע; קארל האט דאס ניט געשריבען. אבער איך קאן זיין האנדשריפט אזוי גוט. דאס איז זיין האנדשריפט, זיינע! אפשר וועל איך אין דער פריה קריגען א בריעף. זי — זי איז די איינציגע וועמען איך קאן גלויבען — זי וועט מיר זאגען ——

מיין קאפ איז שווער. אן אויסגעמאטערטער לייג איך זיך אויפ'ן בעטעל. אפשר מארגען... א בריעף...

.12

„אייערע זיינען דא. ווילט איהר זיי זעהן?" פרעגט דער פערוואלטער.

„וועלכע א י י ע ר ע?"

„אייערע שותפים, באוער און נאלד".

„מיינע קאמעראדען, מיינט איהר. קיין שותפים האב איך ניט".

„די זעלבע זאך. ווילט זיי זעהן? זייערע אדוואקאטען זיינען דא".

„יא, איך וויל זיי זעהן".

געוויס, איך אליין דארף קיין פארטיידיגונג ניט. איך וועל אליין פיהרען מיין זייט פון פראצעס און וועל ערקלעהרען מיין טהאט. אבער איך וועל זיין גערען צו טרעפען זיך מיט מיינע קאמעראדען. וואס קאנען זיי פיהלען וועגען זייער ארעסט — אפשר זיינען זיי געניינגט מיך צו בלאמירען. און וואס איז זייער האלטונג אין בעצוג צו מיין טהאט? אויב זיי האלטען אויך מיט מאסט'ן ——

מיינע געדאנקען זיינען זעהר וואכזאם, ווען דער שומר בעגלייט מיך אין קארידאר. לעבען וואנד, זיצענדיג לעבען א קליינעם טישעל דערזעה איך נאלד'ן מיט באוער'ן. מיט זיי זיינען צוויי אנדערע מענער; זייערע אדוואקאטען, דיינק איך. אלע אויגען דרינגען מיך שארף דורך מיט נייגעריגקייט. נאלד געהט צו צו מיר. זיין האלטונג איז עטוואס נערוועז, אין זיינע געדיכט בעברעהמטע אויגען זעהט זיך דער בליק פון שטרייננגען ערענסט.

ער כאַפּט אַן מיין האַנד. דער האַנד־דרוק איז וואַרעם, אינטים, ווי ער וואָלט אַריינגיסען זיין אומבאַגרענעצטען פערטרויען צו מיר אין הארצען. פאַר אַ מאָמענט ווער איך איבערוועלטיגט פון אַ כוואַליע פון דאַנקבאַקייט: איך וואָלט וועלען אומאַרמען איהם. אָבער נייגעריגע אויגען גראָבען זיך איין אין מיר. איך גיב אַ קוק אויף באַוער'ן. אויף זיין גוטמוטהיגען פאַרברוינטען פּנים איז אַ מונטערער שמייכעל. דער שומר רוקט צו אַ שטוהל צום טיש און שפּאַרט זיך אַליין אַן אויף דער פּאַרענצע. זיין אַנוועזענהייט האַלט מיך איין: ער וועט מעלדען דעם פערוואַלטער אַלעס וואָס דאָ וועט גערעדט ווערן.

איך ווער פאַרגעשטעלט פאַר די אַדוואָקאַטען. דער קאָנטראַסט אין זייער אויסזעהן ווייזט אַז זיי האָבען פערבראַכט לעבענס־לאַנג אין לעגאַלע דריידלאַך. דער יונגערער, קענטיג ניט לאַנג אויסגעשטודירט, איז שנעל, וואַכזאַם און ריידעוודיג. ער מאַכט דעם איינדרוק פון אונגעדולדיגעס ערוואַרטונג און אין זיין לאַנגליכען, שמאַלען סעמיטישען פּנים זעהט זיך כיטרעקייט. ער צולאַכט זיך אין ערקלעהרונגען וועגען דער גוטהאַרציגער צושטימונג פון זיין בעריהמטען קאָלעגע אַנצונעהמען די פיהרונג פון מיין פּראָצעס. זיין פערהאַלטען זיך צו דעם עלטערען אַדוואָקאַט איז פול מיט רעספּעקט, כמעט ביז פערהייליגונג. דער לעצטער זעהט אויס ווי זייענדיג געלאַנגווייליגט, און ער שווייגט.

„ווילט איהר עפּעס זאָגען, קאָלאָנעל?" שלאָגט איהם פאַר דער יונגער אַדוואָקאַט.

„גאָרנישט".

ער רעדט אויס די איינציגע זילבען שאַרף, אָבגעהאַקט. זיין קאָלעגע בלייבט אין פאַרלעגענהייט, ווי אַ שוהל־אינגעל, וועלכען מען כאַפּט עפּעס ביי אַן עבירה.

„איהר, מר. בערקמאַן?" פרעגט ער.

איך דאַנק זיי פאַר אינטערעסירען זיך מיט מיין פּראָצעס. אָבער איך דאַרף קיינע פערטהיידיגער ניט, ערקלעהר איך, ווייל איך רעכען זיך ניט פאַר שולדיג. איך בין פאַראינטערעסירט אויסשליסליך אין דער מעגליכקייט צו געבען אַן עפענטליכע ערקלעהרונג אין געריכט. ווען איך זאָל זיין פערטראַטען דורך אַן אַדוואָקאַט, וועט פון מיר אַוועקגענומען ווערן די געלעגענהייט. און

דאס איז דאס וויכטיגסטע פאר מיר קלאהר צו מאכען פאר'ן פאלק דעם צוועק פון מיין טהאט, די אומשטענדען ——

דאס שווערע אטהעמען אנטקעגען מיר שלאגט מיך איבער. איך גיב א קוק אויף דעם קאלאנעל. זיינע אויגען זיינען געשלאסען און פון די צועפענטע ליפען הערט זיך די רעגולערע אטהמונג פון שטארקען שלאף. א בליק פון לייכטען פערלירען זיך לויפט דורך איבער'ן פנים פון דעם יונגען אדוואקאט. ער הויבט זיך אויף מיט אן אומשולדיגען שמייכעל.

„איהר זייט מיעד, קאלאנעל. דא איז שרעקליך שטיקענד".

„לאמיר געהן", ענטפערט דער קאלאנעל.

אן ענטמוטהיגטער קעהר איך זיך צוריק אין מיין צעללע. דער אלטער אדוואקאט — ווי ווייניג איהם האט פאראינטערע־סירט מיין ערקלעהרונג! ער איז גאר איינגעשלאפען. סטייטש דאס איז דאך א פראגע פון לעבען און טויט, דאס בעריהרט דאך דעם וואהלזיין פון דער וועלט! מיר האט זיך אויסגעוויזען אלס א גליק וואס איך האב די מעגליכקייט קלאהר צו מאכען מיינע מאטיוועו פאר אינטעליגענטע אמעריקאנער — און ער איז גאר איינגעשלאפען! דער יונגער אדוואקאט איז אויך געווען אב־שטויסענד מיט זיין פערהאלטען זיך פון אויבען אראב, מיט א מין גרויסמוטהיגקייט אוים רחמנות „צו האבען א נאר אלס א קליענט", ווי ער האט זיך אויסגעדריקט וועגען מיין ענטשיידונג אליין צו פיהרען מיין פראצעס. ער רעכענט מסתמא אזא פיה־רונג אלס זעלבסטמערדעריש. עס קאן זיין, אז וואס אנבעלאנגט די פאלגען איז דאס טאקע אזוי. אבער פאר מיר איז דאס, וואס דער אורטהייל קאן זיין א שטרענגערער, גאנץ גלייכגילטיג. איך וועל לאנג סאי־ווי־סאי ניט לעבען. די איינציגע וויכטיגע זאך פאר מיר איז מיין ערקלעהרונג. און דיזער מענש איז איינ־געשלאפען! אפשר רעכענט ער מיך גאר פאר א קרימינעלען פערברעכער. נאר וואס קען איך ערווארטען פון אן אדוואקאט, ווען אפילו א שטאהל־ארבייטער האט מיך ניט געקאנט פארשטעהן? מאסט אליין —

צוזאמען מיט דעם נאמען האב איך זיך דערמאנט, אז דער

שומר האָט מיר געגעבען בריעף אין דער צייט פון דעם אינטערוויו מיט די אדוואָקאטען. דריי בריעף; איינער איז פון איהר! ענדליך! פאַר וואָס האָט זי פריהער ניט געשריבען? זיי האָבען אפּנים געהאַלטען דעם בריעף אין קאַנצעלאַריע. יאָ, דער סטעמ־פּעל פון פּאָסט איז שוין אַ וואָך אַלט. זי וועט מיר מסתמא ער־קלעהרען וועגען מאָסט'ן — אָבער וואָס נוצט עס? איך בין דאָך שוין איצט זיכער, אַז דאָס איז אַזוי. איך האָב דאָס גאַנץ קלאָהר געלעזען אין גאָלד'ס אויגען. דאָס איז אַלעס אמת. נאָר איך מוז זעהן וואָס זי שרייבט.

ווי יעדע שורה אָטהעמט מיט איבערגעבענהייט צו דער זאַך! זי איז די אמת'ע רוסישע רעוואָלוציאָנערקע. איהר בריעף איז פול מיט ערביטערונג געגען דער האַלטונג פון מאָסט און זיינע אַדיוטאַנטען אין די דייטשע און אידישע אַנאַרכיסטישע קרייזען. אָבער זי שרייבט ערמוטהיגענדע און ערמונטערענדע ווערטער. זי בעריהרט די טרויעריגע פינאַנציעלע לאַגע פון דער קליינער קאָמונע, וואָס באַשטעהט פון איהר, פעדיאַ און איינעם אָדער צוויי אַנדערע קאַמעראַדען. און זי שליסט מיט דער באַמערקונג, אַז עס איז נאָך גוט וואָס מען דאַרף קיין געלד ניט פאַר געזעצליכער פערטהיידיגונג אָדער אדוואָקאַטען.

וואָס פאַר אַ פעסטקייט! זי און פעדיאַ זיינען נאָך אַלעמען די איינציגע אמת'ע רעוואָלוציאָנערען אין אונזערע רייהען. פון אַלע איבעריגע האָבען אַלע אין זיך עפּעס אַ שוואַכקייט. איך קאָן זיך אויף זיי ניט פערלאָזען. די דייטשע גענאָסען זיינען שווער, פלעגמאַטיש, זיי פעהלט די רוסישע בעגייסטערונג. מיך וואונדערט ווי אַזוי זיי האָבען אַרויסגעבראַכט אַ ריינסדאָרף. ער איז סיידען דער אויסנאַהם. פון דער דייטשער באַוועגונג איז גאָרנישט צו ערוואַרטען, סיידען אפשר פון די אויטאָנאָמיסטען. אָבער זיי זיינען דאָך מעהר ניט ווי אַ הייפעלע, גאַנץ אומבעדייטענד; זייער גאַנצע לעבעדיגקייט באַשטעהט פון דער שנאה צווישען מאָסט'ן און פּויקערט'ן. און אפילו פּויקערט אויך. די גאַנצע טהעטיגקייט פון זיין קרייז איז הויפּטזעכליך פערנומען מיט זיין פּערזענליכער רעהאַביליטירונג. דאָס איז אפילו גאַנץ נאַטירליך, פאַרשטעהט זיך. געגען איהם איז געטהאָן געוואָרען

א גוואלטיגער אונרעכט.*) עס איז מערקווירדיג וואס די פאלשע באשולדיגונג געגען איהם האט איהם ניט פארטריבען אין גאנצען אז מען זאל פון איהם מעהר ניט וויסען. זיין ערהאלטען זיך אין דער באוועגונג איז צו פערדאנקען זיין אויסהאלטונג, יא, מען קען זאגען זיין מאראלישען קוראזש, וואס איז אויסערגעוועהנליך. מאסט'ס ערקלעהרונגען, וואס זיינען פול מיט ביטערע זידלערייען, מאכען דעם איינדרוק פון פערזענליכע פיינדשאפטליכע געפיהלען. וואס פאר א רעש איך האב פעראורזאכט אויף דער ערשטער אידישער אנארכיסטישער קאנפערענץ ווען איך האב געפאדערט, אז די באשולדיגונגען געגען פויקערט'ן זאלען אונטערזוכט ווערען! דער רעזולטאט איז געווען, אז די באשולדיגונג האט לחלוטין ניט געקאנט באוויזען ווערן. אבער די מאסטיאנער האבען זיך ניט געלאזט איבערצייגען, זייענדיג פארבלענדט פון מאסט'ס שנייד־דענדער רעדנער־קראפט. און איצט... איצט וועלען זיי ווידער נאכפאלגען בלינד. נאטירליך, זיי וועלען ניט וואגען צו נעהמען אן אפענע שטעלונג געגען מיין טהאט; יעדענפאלס ניט די אידישע גענאסען. נאך אלעמען, רויכערט דאך אין זייער הארצען נאך דער רוסישער רעוואלוציאנערער פייער. אבער מאסט'ס האל־טונג געגען מיר וועט זיי בעאיינפלוסען; דאס וועט שטיקען זייער בעגייסטערונג און אויף אזא אופן זיין א געגענווירקונג צו דער פראפאגאנדא. די לאסט פון אגיטאציאן, פון מאכען פראפאגאנ־דא פאר מיין אקט וועט מוזען פאלען אויף א י ה ר ע שולטערען. זי וועט זיין ווי דער איינזאמער סאלדאט אין פעלד. זי וועט אנ־שטריינגען איהר גאנצע ענערגיע, דעריין בין איך זיכער. אבער זי וועט זיין אליין. פעדיא וועט אויך פערבלייבען טריי. אבער

*) יאזעף פויקערט איז פאר א געוויסער צייט געווען איינער פון די אנארכיסטישע פיהרער אין עסטרייך. געגען איהם איז אנגעפיהרט געווארען די באשולדיגונג אז ער האט ארויסגעגעבען דער פאליציי דעם אנארכיסט נ ע ו ו ע, וועלכער איז פעראורטהיילט געווארען צו צעהן יאהר געפענגניס. פויקערט האט אונאויפהערליך בעהויפטעט, אז די בע־שולדיגונג געגען איהם קומט פון פאליטישע שונאים. זיכער איז יעדענ־פאלס, אז נעווע'ס ארעסט איז געווען ניט דורך פערראטה, נור גיבער אוים אונפארזיכטיגקייט.

וואָס קען ער טהאָן? ער איז ניט קיין רעדנער. אזא איז אויך קיינער ניט פון די איבעריגע פון דער קאָמונע. און מאָסט? מיר זיינען אַלע געווען אזוי אינטים... דאָס איז זיין פערפלוכטע אייד פערזוכט און פייגהייט דערצו. יאָ, הויפּטזעכליך פייגהייט — ער קאָן דאָך ניט פיהלען געגען מיר איצט קיין אייפערזיכטיגקייט! ער איז ערשט ניט לאַנג ארויס פון געפענגניס — דאָס האָט אויף איהם געמוזט ארויפברייננגען אַן אימה. דער שוועכלינג! ער וועט זוכען צו פּארקלענערען די ווירקונג פון מיין אַקט, אפשר פּאראַליזירען אין גאַנצען דעם פּראָפּאַגאַנדיסטישען איינפלוס פון דיזער טהאַט... בין איך איצט אַליין געבליבען — מיט דער אויס־נאַהם פון איהר — גאַנץ אַליין. דאָס איז אימער אזוי. איז דען „ער“ ניט געווען אַליין, מיין געליעבטער „אונבאַוואוסטער“ גרי־נעוויצקי — אַליין איזאָלירט, פערשטויסען פון זיינע חברים? אָבער זיין באַמבע... ווי האָט זי דורכגעדונערט...

איך בין דאַן געווען בלויז אַ אינגעל. וואַרט — דאָס איז געווען אין 1881. איך בין אין גאַנצען אַלט געווען אַ יאָהר עלף. נאָך דער מיטאַג אָבוועקסלונג איז דער קלאַס געווען פערזאַמעלט. איך האָב נאָר וואָס פערנומען מיין פּלאַץ, ווען דער לעהרער האָט מיך ארויסגערופען. זיין לאַנגער טייטעל האָט אָנגעוויזען אויף אַ זאָנדערבאַרע פיגור אויף דער ריזיגער לאַנד־קאַרטע פון רוסלאַנד.

„וואָס פאַר אַ פּראָווינץ איז דאָס?“ האָט ער געפרעגט.

„אַסטראַכאַן“.

„צייג אָן איהרע הויפּט פּראָדוקטען“.

פּראָדוקטען? דורך מיין מח איז דורכגעלאָפען דער נאָמען טשערנישעווסקי. ער איז געווען אין אַסטראַכאַן — איך האָב גע־הערט ווי מאַקסים האָט בייט עסען גערעדט מיט דער מאַמען.

„ניהיליסטען“, האָב איך ארויסגעפּלאַצט.

די שילער האָבען זיך צולאַכט; מאַנכע גאַנץ הויך. דער לעה־רער איז געוואָרען רויט, האָט אַ זעץ געטהאָן מיט דער „ליניקע“ אָן די דילען צוברעכענדיג דעם ברעג. פּלוצלונג האָט אַ דונער אַ קראַך געטהאָן. איינס־צוויי — און דאָס שרעקליכע קראַכען האָט צו־שמעטערט די פענסטער־שויבען, וואָס זיינען צופאַלען אויף די שרייב־טישלעך; די דילען האָבען זיך געטרויסעלט אונטער אונ־זערע פיס. אין צימער איז אַלעס פערשטומט געוואָרען. אַ בליי־

בער ווי דער טויט האט דער לעהרער א טראט געטהאן צו דעם פענסטער, אבער האט באלד אבגעטראטען אויף צוריק און איז ארויסגעלאפען פון צימער. די שילער אלע נאך איהם. איך האב זיך געוואונדערט דרויסען, וואס אלעס אין גאס איז עפעס דורכגענומען מיט פחד און פערדאכט. אין דערהיים האבען אלע גערעדט עפעס שטיל, צוריקגעהאלטען. דער טאטע האט געקוקט בייז און מיט פארוואורף אויף דער מאמען, און מאקסים איז געווען אויסערגעוויינליך שוויינענדיג, נור זיין פנים האט געלויכטען און די אויגען געפינקעלט. ביינאכט ווען מיר זיינען געבליבען אליין אין דעם שלאפצימער, איז ער צוגעלאפען צו מיין בעט, האט זיך געשטעלט אויף די קניע, האט מיך ארומגענומען און געקושט און געוויינט און ווידער געקושט. זיין זאנדערבארע באנעהמונג האט מיך צושראקען. „וואס איז געשעהן, מאקסימאטשקא?“ האב איך שטיל געפרעגט איהם. ער איז ארומגעלאפען הין און צוריק איבער'ן צימער, געקושט מיך און געמורמעלט: „גלענצענד, גלענצענד! א זיעג!“

צווישען שלוכצען, פארשווערענדיג מיך, אז דאס וועט בלייבען א געהיימניס, האט ער מיר אריינגעראמט א סוד אין די שרעקליכע ווערטער: נאראדנאיא וואליא — דער טיראן אבגעשאפט — פרייע רוסלאנד...

.13

די נעכט נידערשלאגען מיך מיט דעם חוש פון איינזאמקייט. דאס לעבען איז אזוי ווייט, אזוי שרעקליך אבגעזונדערט — עס האט מיך אין גאנצען פערלאזען אין דיזען מדבר פון שוויינענהייט. דאס סאפען פון די דאמפף־מאשינען אין דער ווייט, מאכען נאך בולט'ער די איינזאמקייט. און דאך פיהלט זיך אז דאס מורא'דיגע לעבען איז אזוי נאהענט, אזוי אונגעהייער און פולסירט מיט לעבהאפטיגקייט, שטראמענדיג אין זיין געוועהנליכער ריכטונג. און ווי דאס אלעס קימערט זיך ניט וועגען מיר, אוועקגעווארפענעם אין דער פינסטער — ווי א פונק פון ריזיגען אויווען, וואס איז ארויסגעשליידערט געווארען אין מיטען פון רויך און פייער אין דעם חושך פון דער נאכט.

די מאוים'דיגע בריאה! איהרע אויגען זיינען אונאויסמייד־

ליד; זיי בעוואַכען יעדען טויער פון לעבען. יעדען צונאַנג היטען זיי, טאָמער וועל איך אַריינקומען צוריק — איך און די אַנדערע דאָ. עלענדע אונגליקליכע, ווי געריימט און נערוועז זיי ווערן אַלץ מעהר, וואָס נעהענטער עס קומט צו זייער משפט! אין זייערע אויגען איז דער בליק פון אַ פערפאָלגטען; זייערע פנים'ער אויס־געצויגען און בעקימערט. זייערע טריט שוואַך, צוריקגעהאַלטען, אויסגעמאַטערט פון לאַנגע טעג וואַרטען. בלויז „שוואַרצוג", דער יונגער נעגער, בלייבט מונטער. מיר פעהלט אַפּט זיין ברייטער שמייכעל אויף זיין גוטמוטהיגען פנים. איך בין זיכער, אַז זיינע אויגען זיינען פייכט געוואָרען, ווען די דריי איטאַליענער האָבען זיך צוריקגעקעהרט פון געריכט אין דער פריה. מען האָט זיי פער־אורטהיילט צום טויט. דזשאָו, אַ בחור'ל פון אַ יאָהר אַכצעהן, איז געגאַנגען מיט פעסטע טריט צו זיין צעללע. זיין ברודער, פּאַסקאַל, איז פאַרבייגעגאַנגען מיט ביידע הענד פאַרדעקט דעם פּנים און האָט שטיל געוויינט. אָבער דער אַלטער, זייער פאָטער האָט זיך פּלוצלונג אָבגעשטעלט, ווען ער איז פערבייגעגאַנגען דעם קאָרידאָר. פאַר אַ מאָמענט האָט ער זיך אַ שאָקעל געטהאָן, דאַן האָט ער אַ פאַל געטהאָן פאָרווערטס, טרעפענדיג מיט'ן קאָפּ אַן אייזערנע פאַרענצע און דער קערפּער האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף דר'ערד. פאַר די הענד איהם די שומרים אַרויפגעשלעפּט אויף די טרעפּ, זיינע פּיס האָבען זיך אָבגעשלאָגען אַן די דומפּע, שווערע שטיינער און דאָס פרישע בלוט האָט זיך רויט צונאָסען איבער זיינע ווייסע האָאַר, די אויגען שטאַר־פאַרגלעזערטע. פּלוצלונג האָט ער זיך אַ שטעל געטהאָן, אויסגעגלייכט. זיין קאָפּ אַ הויב געטהאָן הויך אויף צוריק, זיינע הענד אויסגעשטרעקט אין דער הויך און האָט אַרויסגעוויינט הייזעריג, פול מיט פיין: „אַ, סאַנטאַ מאַריאַ! סיאַ אינאָסענטע, איננאַ —— "

דער שומר האָט אַ זעץ געטהאָן מיט זיין קלאָב (בולאַווע). דער אַלטער האָט זיך אַ וויג געטהאָן און איז אַנידערגעפאַלען.

„פאַרטיג! טויטען־וואַך!" האָט אַ געשריי געטהאָן דער געפענגנים־פערוואַלטער.

„איננאָסענטע! טויטען־וואַך!" האָט אָבגעקייכט די עכאָ אונטער'ן דאַך.

דער אלטער מאן פערפאלגט מיינע טעג. איך הער אלץ דעם געפייניגטען געשריי; זיין פינסטערע פערצווייפלונג גליווערט מיין מארך. די שפאציר־שטונדע איז געווארען אונערטרעגליך. די ארעסטאנטען רעגען מיך אויף; יעדער איז פערזונקען אין זיין אייגענעם פראצעס. די טויטענדע שטילקייט פון געפענגנים רו־טינע ווערט אלץ מעהר אונמעגליך אויסצוהאלטען. די שטענדיגע רציחה און ברוטאליטעט איז שוידערליך. איך ווינש נאר אז דאס זאל שוין אלעס זיין פאראיבער. די אומבעשטימטקייט פון דער צייט פון מיין משפט איז אן אונאויפהערליכע מאטערנים. שוין באלד צוויי מאנאט ווי איך ווארט. מיין רעדע פאר'ן געריכט איז שוין צוגעגרייט. איך וואלט איצט געקאנט שטארבען, אבער זיי וועלען דאך אונטערדריקען מיין ערקלעהרונג און דאס פאלק וועט בלייבען אונוויסענד וועגען מיינע אבזיכטען און מיין צוועק. איך בין דאך דאס פארפפליכטעט צו דער באוועגונג — און צו די טרייע קאמעראדען — צו בלייבען אויף דער סצענע ביז נאך דעם פראצעס. קיין אנדער זאך איז ניטא מעהר וואס זאל מיך צובינדען צום לעבען. מיט דער רעדע וועלען מיינע מעגליכקייטען צו מאכען פראפאגאנדא זיין אויסגעשעפט. טויט, זעלבסטמארד, איז דער איינציגער מעגליכער שלום. יא, דאס איז זעלבסט פארשטענדליך. ווען איך וואלט נאר געוואוסט דעם טאג, ווען מיין משפט וועט פארקומען און דאס וועט זיין מיין לעצטער טאג. דער ארעמער, אלטער איטאליענער — ער און זיינע זיהן, זיי ווייסען וויינינגסטענס ווען זיי וועלען דארפען שטארבען. זיי צעהלען יעדען טאג; יעדער טאג ברענגט זיי נעהענטער צו דער ענדע. מען וועט זיי אויפהענגען דא, אין הויף פון געפענגנים. אפשר זיינען זיי בעגאנגען די מארד־טהאט אין דער היץ פון ליידענשאפט, זייענדיג פראוואצירט דערצו. אבער דער שעריף וועט זיי ערמארדען גאנץ קאלטבלוטיג. דאס געזעץ פון רוה און ארדנונג!

מען וועט מיך ניט הענגען — און דאך פיהל איך אז איך וואלט ליבערשט געוועזען טויט. מיין לעבען איז שוין אבגעפאר־טיגט; עס בלייבט נאר אויסצופיהרען די לעצטע צערעמאניע. נאך דעם — יא, איך וועל שוין געפינען א וועג. ווען דער משפט וועט אריבער, וועלען זיי מיך ברענגען צוריק אין מיין צעללע. דאס לעפעל איז א בלעכענע; איך וועל מאכען שארף דעם ברעג

— אָנשאַרפען אַן דער שטיינערנער פּאַרלאַנע — זעהר שנעל, ביי־נאַכט ——

„נומער זעקס, צום געריכט! נו־מ־ער זעקס!“

האָט דער שליסער אויסגערופען „זעקס“? ווער איז אין צעללע זעקס? אַ, דאָס איז דאָך מ י י ן צעללע! איך פיהל ווי אַ קאַלטער שוויים לויפט איבער מיין פּלייצע. מיין הארץ שלאָגט געוואַלטיג, מיינע הענד ציטערען אַ הויב טהאָנענדיג האסטיג פון דער ערד די צייטונג. נערוועז קעהר איך די בלעטער. דאָס מוז עפּעס זיין אַ טעות: מיין נאָמען איז ניט ערשיענען נאָך אין דער אַב־טהיילונג פון געריכטס־קאַלענדאַר. די ליסטע ווערט געדרוקט יע־דען מאָנטאָג — אַ, דאָס איז אַ שבת׳דיגע צייטונג — נעכטען האָ־בען מיר געהאַט גאָטעס־דינסט — מוז דאָך היינט זיין מאָנטאָג. אַ, ווי שענדילך! זיי האָבען מיר היינט געגעבען די צייטונג, און עס איז דאָך מאָנטאָג ——

דער שאָטען ווייזט זיך אויף מיין טיהר. דער שלאָס גיט אַ קלונג:

„שנעלער אין געריכט!“

קאַפּיטעל 7.

דער פּראָצעס.

דאָס געריכט־הויז אַטהעמט מיט דער קאַלטקייט פון אַ בית־עולם. די מאַטע פענסטער־שויבען וואַרפען קריינקליכע שטראַהלען אין דעם שטילען זאַאַל. אין דער מאַטער ליכטיגקייט זעהען די געזיכטער אוים אַזוי ווי גייסטער, ווי צו אַ לויה.

פיינליך בעקוק איך דאָס צימער. אפשר מיינע פריינד, אפשר זי. געקומען אפשר גריסען מיך... אומעטום טרעפען מיינע אויגען קאַלטע בליקען. פּאָליציי און געריכטס־בעאַמטע זיי־נען אויף אַלע זייטען. עטליכע צייטונגס־מענשען קומען צו נע־הענטער. עס איז אַזאַ ערנידערונג אַז דורך זיי דאַרף איך ריידען צום פאָלק.

„אָנגעקלאָגטער, שטעלט זיך אויף!"

די געמיינדע פון פענסילווייניע — שרייט דער געריכטס־שרייבער אוים — קלאָגט מיך אָן אין מערדעריש בעפאַלען ה. פריק מיט דער אבזיכט צו טויטען איהם; אין מערדערישען אָנ־פאַל אויף דזשאַהן ליישמאַן; איז אריינגעטרעטען מיט מערדערי־שער אבזיכט אין די אָפיסעס פון דער קארנעגיע קאָמפּאַניע דריי מאָהל, וואָס יעדעס מאָהל ווערט גערעכענט פאַר אַ באַזונדער אָנ־קלאַגע; און אין אונגעזעצליכען טראָגען וואַפען פערהאַלטענער־הייט.

„אנערקענט איהר זיך שולדיג אָדער ניט שולדיג?"

איך פּראָטעסטיר געגען דער פערפיעלפאַכונג פון די אָנקלאַ־גען. איך לייקען ניט דעם פערזוך געגען פריק'ן, אָבער די בע־שולדיגונג אין אַן אָנפאַל אויף ליישמאַנ'ען איז ניט אמת. איך האָב בעזוכט די קארנעגיע אָפיסעס בלויז ——

„אנערקענט איהר זיך שולדיג אדער ניט שולדיג?" שלאָגט מיך איבער דער ריכטער.

ניט שולדיג. איך וויל ערקלעהרען —— "

„דאָס וועלען טהאָן אייערע אדוואָקאַטען".

„איך האָב קיינע אדוואָקאַטען".

„וועט דאָס געריכט באַשטימען עמיצען צו פערטיידיגען אייך".

„איך דאַרף קיין פערטיידיגונג ניט. איך וויל מאַכען אַן ערקלעהרונג".

„מען וועט אייך געבען דערצו די געלעגענהייט אין דער פּאַסענדער צייט".

אונגעדולדיג פאָלג איך נאָך די פּראָצעדורע. אויף וועלכע נאַרצען דאַרף מען דיזע אַלע הקדמות? מיין פעראַנטוואָרטליכקייט איז דאָך שוין אַ פּאַראוים בעשטימטע זאַך. די מענער דאָרט אויף די פּלעצער פון די געשוואָרענע, זיי דאַרפען דאָס ענטשיידען מיין שיקזאַל. אַזוי ווי זיי וואָלטען געקאָנט פאַרשטעהן! זיי מעסטען מיך אָב מיט זייערע קאַלטע, אונסימפּאַטישע בליקען. פאַר וואָס האָט מען זיי צוערשט ניט אויסגעוועהלט אין מיין אַנוועזענהייט? זיי זיינען שוין געזעסען אויף זייערע פּלעצער, ווען איך בין אריינגעקומען.

„איהר קאָנט האָבען דאָס רעכט פיער צו ענדערען", רופט זיך אָב דער אַנקלעגער.

די נעמען פון די געשוואָרענע זיינען מיר אַבסאָלוט פרעמד. אָבער וואָס מאַכט עס אויס ווער עס זיינען די מענשען, וואָס דאַרפען זיין מיינע ריכטער? זיי בעלאַנגען דאָך אויך צום שונא. זיי וועלען טהאָן, וואָס דער הערשער הייסט. און דאָך קאָן איך אויף אַ מאָמענט פערהאַלטען די רעדער פון דיזער האָקוס־פּאָקוס־מאַכעריי. איך כאַפּ אָן סתם פיער נעמען פון דער געדרוקטער ליסטע אַלס מיינע אויסגעוועהלטע געשוואָרענע, און די פיער נייע ריכטער פאַרנעהמען די פּלעצער.

די פּראָצעדורע געהט פאָר. אַ פּאָליציסט און צוויי נעגערס, פּריק'ס באַדינטע, טרעטען פאָר אַלס עדות נאָך דער רייהע. זיי האָבען מיך געזעהן דריי מאָהל אריינקומענדיג אין פּריק'ס אָפיס, זאָגען זיי אַלס עדות. דאָס איז פאַלש, אָבער איך פיהל גלייכגילטיג צו די נעדרונגענע עדות־זאָגער. אַ הויכער מאַן טרעט אויף.

איך דערקען אין איהם דעם געהיים־פאליציסט, וועלכער האט אזוי פרעך באהויפטעט אין געפענגניס אז ער האט מיך דערקענט. נאך איהם פאלגט א דאקטאר, וועלכער ערקלעהרט אז פריק'ס יעדע וואונד האט געקאנט זיין טויטליך. מען רופט ארויס דזשאהן ליישמאן. ער זאגט, אז איך האב איהם געוואלט ערמארדען. „דאס איז א ליגען!" שריי איך אויס מיט כעס, אבער די שומרים צווינגען מיך צו זעצען זיך. איצט קומט פריק אליין אלס עדות. ער זוכט אויסצומיידען מיין בליק, ווען איך קוק איהם אן.

דער אנקלעגער ווענדעט זיך צו מיר. איך ענטזאג זיך צו שטעלען פראגען די עדות פון שטאאט. זיי האבען געזאגט פאלשקייטען; קיין האאר אמת איז אין זיי ניטא און איך וויל ניט בעטייליגען זיך אין דיזער חוזק־מאכעריי.

„רופט די עדות פון דער פערטהיידיגונג", באפעהלט דער ריכטער.

איך דארף קיין עדות ניט האבען. איך וויל אבגעבען מיין ערקלעהרונג. דער אנקלעגער פאדערט איך זאל ריידען ענגליש. איך שטעה אבער דערויף אז איך וויל פארלעזען מיין פארגעבריייטע ערקלעהרונג אין דייטש. דער ריכטער ענטשיידעט אז מען זאל מיר ערלויבען בעדיענען זיך מיט דעם געריכטס־איבערזעצער.

„איך אדרעסיר מיין ערקלעהרונג צום פאלק" — הויב איך אן — „מאנכע ווילען זיך וואונדערען פאר וואס איך האב זיך אבגעזאגט פון צו האבען א געזעצליכע פערטהיידיגונג. מיינע טעמים דערצו זיינען צווייפאך. ערשטענס בין איך אן אנארכיסט: איך גלויב ניט אין געזעצע געמאכטע פון מענשען, וועלכע באַצוועקען צו פערשקלאפען און אונטערדריקען די מענשהייט. צווייטענס, אן אויסערארדענטליכע ערשיינונג, ווי אן אטענטאט, קאן ניט זיין געמאסטען מיט דער ענגער מאס פון לעגאליטעט. דאס פאדערט א בליק אויף דעם געזעלשאפטליכען הינטערגרונד אום אז מען זאל דאס קאנען געהעריג פארשטעהן. אן אדוואקאט וואלט זוכען צו פארטיידיגען אדער פארמינדערען מיין טהאט פונ'ם געזעצליכען שטאנדפונקט. די ווירקליכע פראגע אבער, וועגען וועלכער עס האנדעלט זיך, איז ניט מיין אייגענע פערטהיידיגונג, נאר מעהר פון אלעס די ע ר ק ל ע ה ר ו נ ג פון מיין טהאט. עס איז א טעות ווען מען מיינט אז א י ד ווער דא געמשפט. דער

ווירקליכער אַנגעקלאַגטער איז דאָ די געזעלשאַפט — די סיסטעמע פון אונגערעכטיגקייט, פון אָרגאַניזירטער עקספּלואַטאַציאָן פון פאָלק".

די שטימע פון דעם איבערזעצער קלינגט ווי אַנגעפּלאַצט און גרילצענד. וואָרט פאַר וואָרט איבערזעצט ער מיינע רייד, צו־ברעכענדיג די זעצע אין זיין שלעכטען ענגליש אָהן שום צוזאַמענ־האַנג. די שרייענדע טענער שניידען מיין געהער און מיין האַרץ בלוטיגט הערענדיג זיין זינלאָזע דעקלאַמאַציאָן.

„איבערזעצט גאַנצע זעצע, ניט באַזונדערע ווערטער", בעט איך איהם.

נעהמט ער און געהט גאָר אַוועק, אַ מאַך טהאָנענדיג אונגע־דולדיג מיט דער האַנד.

„אַ, ביטטע זעצט פאָרט!" בעט איך איהם אַ פאַרלאָרענער.

ער קעהרט זיך צוריק לאַנגזאַם.

„קוקט אין מיין פּאַפּיער", זאָג איך איהם, „און איבערזעצט יעדען זאַץ, ווי איך לעז איהם אָב".

ער קוקט אויף מיר מיט זיינע גלעזערנע אויגען, שטאַר, ניט זעהענדיג. דער מענש איז אַ בלינדער!

„לאָמיר פאָרטזעצען", שטאַמעלט ער אַרויס.

„מיר האָבען שוין געהערט גענוג", שלאָגט איבער דער ריכ־טער.

„איך האָב נאָך ניט איבערגעלעזען קיין דריטעל פון מיין פּאַפּיער", שריי איך אויס אַן איבעררַאַשטער.

„דאָס וועט זיין גענוג".

„איך האָב זיך ענטזאָגט צו בעדיענען זיך מיט פאַרטיידיגער כדי איך זאָל קריגען צייט צו —— "

„מיר וועלען ערלויבען אייך נאָך פינף מינוט".

„אָבער איך קאָן אין אַזאַ קורצער ווייל ניט ערקלעהרען. איך האָב אַ רעכט צו זיין אויסגעהערט".

„מיר וועלען אייך אויסלערנען אַנדערש".

מען באַפעהלט מיר אָבגעהן פון עדות־שטוהל. עטליכע גע־שוואָרענע הויבען זיך אויף פון זייערע פּלעצער. אָבער דער פּראָ־קוראָר געהט צו זיי צו און ראָמט זיי עפּעס איין אַ סוד. זיי בלייבען

אויף זייערע פלעצער. אין זאל ווערט שטיל, ווען דער ריכטער הויבט זיך אויף.

„האט איהר עפעס צו זאגען, פאר וואס מען זאל ניט ארויס־געבען איבער אייך דעם אורטהייל?"

„איהר ווילט דאך מיך ניט לאזען ריידען", ענטפער איך. „אייער יוסטיץ איז א פארס".

„שטיל!"

א בעטויבטער הער איך די פויל־זומענדע שטימע פונ'ם ריכטער־שטוהל. שנעל פיהרען מיך די שומרים ארויס פון גע־ריכטס־הויז.

„דער ריכטער איז געווען גאנץ געלאסען צו אייך", שטעכ־ווערטעלט זיך דער געפענגניס־פערוואלטער. „צוויי־און־צוואנציג יאהר! גאנץ שטייף, עה?"

צווייטער טייל

דאָס צוכט־הויז



הויפט געביידע פון דער „וועסטערן פעניטענשיארי אין פענסילווייניא“

קאפיטעל 1.

פערצווייפעלטע געדאנקען.

1.

„איצט קענט איהר זיך דא מאכען בעקוועם, ווי ביי זיך אין דערהיים. איהר וועט דא בלייבען א היבשע וויילע, הא, הא!“

ווי אין א חלום הער איך די שארפע רייד. ווי איז דאס, רעדט דער מאן צו מיר? פארוואס לאכט ער? איך פיהל זיך אזוי פערמאטערט. איך וואלט אזוי געוואלט זיין אליין!

אבער אט איז די שטימע אנשוויגען געווארען; די טריט דערווייטערן זיך. אלעס איז שטיל, און איך בין אליין. אן אונבעשרייבליכע שווערקייט דריקט מיך. איך פיהל ווי אויסגעמוטשעט, מיין מוח איז פוסט. שווער פאל איך אנידער אויפ׳ן בעט. דעם קאפ איינגעגראבען אין שטרויענעם קישען, מיט א צובראכען הארץ, פערזינק איך אין א טיעפען שלאף.

* * *

מיינע אויגען ברענען ווי מיט הייסע אייזענס. די היץ פערשטעלט מיר די ראיה און צוברענט די דעקלעך פון מיינע אויגען. און אט דרינגט זי אריין אין מיין קאפ; מיין מארך צינדט זיך אן, עס צופלאקערט זיך דארט א ווילדער פייער. אה!

איך כאפ זיך אויף אין שרעק. א שטראם פון בלענדענדען ליכט גיסט זיך פונאנדער איבער מיין געזיכט. א פערציטערטער, פרעס איך די הענד צו די אויגען, אבער דער געהיימניספולער שטראם דרינגט דורך מיינע אויגען־דעקלעך און בלענדעט און מאטערט מיך צום טויט.

„שטעה אויף און טהו זיך אויס. וואס איז דיר געשעהן, הע?‘

די שטימע שרעקט מיך. דאס קעמערל איז אנגעפילט מיט

אן אונאויפהערליך בלענדענדען שיין. פון דער אנדער זייט טהיר איז אלעס פינסטער, דער וועכטער זעהט זיך ניט.

„אצינד לעג זיך און שלאף".

איך פאלג, ניט אויסריידענדיג קיין ווארט. מיט אמאל ווערט אלעס שווארץ פאר מיינע אויגען. א שרעקליכע מורא נעהמט ארום מיין הארץ. בין איך בלינד געווארען? איך טאפ ארום, זוך דאס בעט, די וואנד... איך קען ניט זעהן! מיט א געשריי פון פערצווייפלונג שפרינג איך צו צו דער טהיר. א שוואכער גערויש דערגרייכט מיין אנגעשטרענגטען אויער, דאס שטראמענדע בליץ־ליכט ברענט מיר גלייך אין געזיכט. אה, איך קען זעהן! איך קען זעהן!

„וואס, צום טייפעל, איז דיר געשעהן, עה? געה שלאפען, דו הערסט?"

שטיל און אונבעוועגליך ליג איך אויפ'ן בעט. מארדנע שרעקען פערפאלגען מיך... וואס פאר א מורא'דיגער פלאץ דאס מוז זיין! דיזע אגאניע — כ'קען דאס ניט אריבערטראגען. צוויי און צוואנציג יאהר! אה, ס'איז האפנונגסלאז, האפנונגסלאז. איך מוז שטארבען. איך וועל שטארבען נאך היינט ביינאכט... מיט אן איינגעהאלטענעם אטהעם הויב איך אן ארויסקריכען פון בעט. דאס אייזערנע בעטעל סקריפעט. אוים מורא קריך איך צוריק אריין און מאך זיך שלאפענדיג. אלעס בלייבט שטיל. דער וועכטער האט מיך ניט געהערט. איך וואלט דאך געשפירט די שרעקליכע לאמטערנע זאגאר מיט פארמאכטע אויגען. לאנגזאם עפען איך אויף מיינע אויגען. ארום מיר איז פינסטער. איך טאפ ארום איבער'ן קעמערל. די וואנד איז פייכט, שימעלדיג. דער גערוך איז עקעלהאפט.. איך קען ניט לעבען דא. איך מוז שטארבען. טאקע היינט ביינאכט... עפעס א ווייסע זאך בלישטשעט אין א ווינקעל. פארזיכטיג בויג איך זיך אן. ס'איז א לעפעל. א ווײלע האלט איך עס גלייכגילטיג; דאן ווער איך מיט אמאל דורכגעדרונגען פון א גרויסער פרייד. איצט קען איך שטארבען! איך קריך צוריק אריין אין בעט, האלטענדיג נער־וועז דאס שטיקעל בלעך. כ'לעג ארויף די האנד אויף מיין הארץ. עס קלאפט מורא'דיג. איך וועל צולעגען דעם שמאלען ברעג פונ'ם לעפעל אהערצו — אט אזוי — איך וועל עס ארײנשפארען —

א ביסעל נידעריגער — האלטען אין איין דריקען — אט דא צווישען די ריפען... דאס מעטאל איז קאלט. ווי היים מיין קערפער איז! צערטליך, לאסטשענדיג קלאפ איך מיט'ן לעפעל אן מיין זייט. מיינע פינגער זוכען דעם ראנד. ס'איז שטומפיג. כ'מוז דריקען שטארקער. יא, ס'איז זעהר שטומפיג. ווען איך וואלט איצט געהאט מיין רעוואלווער! אבער דאן וואלט די קויל פיליכט ווידער ניט עקספלאדירט. אט דערפאר איז דאך פריק איצט געזונד, און איך מוז שטארבען. ווי ער האט דאס אויף מיר געקוקט אין געריכט! ס'איז געווען האס אין זיינע אויגען, און פורכט אויך. ער האט אבגעקעהרט דעם קאפ, ער האט מיר ניט געקענט קוקען גלייך אין פנים אריין. איך האב געזעהן, אז ער פיהלט זיך שולדיג. פונדעסטוועגען לעבט ער. איך האב איהם ניט דער'הרג'עט. אה, כ'בין דורכגעפאלען, כ'בין דורכגעפאלען...

„האלט זיך רוהיג דארט, אדער איך וועל דיך ארונטערזעצען אין „לאך".״

די בייזע שטימע דערשרעקט מיך. איך האב אודאי געמוזט א זיפץ טהאן און ער האט דאס דערהערט. כ'וועל אריבערציהען די דעקע איבער'ן קאפ, אט אזוי. וועגען וואס האב איך געטראכט? אה, איך געדענק. ער איז געזונד, און איך בין דא. ס'איז מיר ניט געלונגען איהם צו צושמעטערען. ער לעבט. פערשטעהט זיך, ס'מאכט אין דער ווירקליכקייט גאר נישט אוים. אבי די געלעגענהייט פאר פראפאגאנדא איז דא, אלס רעזולטאט פון מיין טהאט. דאס איז געווען דער הויפט צוועק. אבער איך האב געהאט בדעה איהם צו טויטען, און ער לעבט. אויך מיין רעדע איז דורכגעפאלען. זיי האבען מיך אפגענארט. דעם דאטום האבען זיי געהאלטען בסוד. זיי האבען מורא געהאט, אז מיינע פריינד וועלען זיין אנוועזענד. ס'איז געווען שרעקליך, ווי דער פראקוראר און די ריכטער האבען געהאלטען אין איין אונטערברעכען מיך. איך האב אפילו ניט געלעזען קיין דריטעל פון מיין ערקלעהרונג. און די גאנצע ווירקונג איז פערלארען געגאנגען. ווי יענער מאן האט דאס מיך פערטייטשט! דער ארעמער אלטער מאן! ער איז געווען טיעף בעליידיגט, ווען איך האב איהם קארעגירט זיין איבערזעצונג. איך האב ניט געוואוסט, אז ער איז בלינד. איך האב איהם צוריקגערופען, און זיין שרייען

האט מיר פערשאפט נייע יסורים. איך בין כמעט צופריעדען געווען, ווען דער ריכטער האט מיך געצוואונגען זיך אבצושטעלען. אט דער ריכטער! ער האט געהאנדעלט אזוי גלייכגילטיג, אזוי ווי די גאנצע מעשה וואלט איהם ניט אנגעגאנגען. ער האט אודאי געמוזט וויסען, אז דער אורטהייל מיינט טויט. צוויי און צוואנציג יאהר! אזוי ווי עס וואלט מעגליך געווען איבערצו־לעבען אזא אורטהייל אין דיזען שרעקליכען פלאץ! יא, ער האט עס געוואוסט; ער האט גערעדט דערפון, אז איך דארף זיין א ביישפיעל פאר אנדערע. דער אלטער רשע! ער האט עס גע־טהאן זיין לעבען לאנג: ער האט כסדר ארויסגעשטעלט ביי־שפיעלע פון סאציאלע אפפער, די אפפער פון זיין אייגענעם קלאס, פון קאפיטאליזם. וואס פאר א ברוטאלע חוזק־מאכעריי — צי האב איך עפעס צו זאגען ווארום דער אורטהייל זאל ניט ארויסגעגעבען ווערען? דאך האט ער מיר ניט געוואלט ערלויבען פארטצוזעצען מיין ערקלעהרונג. „דאס גער̈יכט איז געווען זעהר גערולדיג!" איך בין צופריעדען וואס איך האב איהם געזאגט, אז איך האב ניט ערווארט קיין גערעכטיגקייט, און איך האב עס ניט געקראגען. פיללייכט האב איך איהם בעדארפט שליידערן אין געזיכט אריין דעם טיטול וואס איז מיר געקומען אויף די ליפען. ניין, ס'איז געווען אם בעסטען וואס איך האב קאנ־טראלירט מיין צארן. אניט וואלטען זיי זיך אנגעטהאן דאס פער־גניגען צו פראקלאמירען די אנארכיסטען אלס פראסטע פערברע־כער. אזעלכע זאכען העלפען ארויסצורופען די פאראורטהייל פון'ם פאלק געגען אונז. מיר, פערברעכער? מיר, וואס מיר זיינען אימער גרייט אבצוגעבען אונזערע לעבענס פאר פריי־הייט, — מיר זיינען פערברעכער? און זיי, אונזערע אנקלעגער? זיי ברעכען זייערע אייגענע געזעצען: זיי האבען געוואוסט, אז עס איז ניט געזעצליך צו פערמעהרען די בשולדיגונגען געגען מיר. זיי האבען געמאכט זעקס קלאגען פון איין איינציגען אקט, אזוי ווי די קלענערע „פערברעכענס" וואלטען ניט אריין אין כלל פון דעם גרעסערן, זייענדיג נויטיג דורך דער טהאט גופא. זיי האבען געדורשט נאך בלוט. געזעצליך, וואלטען זיי מיר ניט געקענט געבען מעהר ווי זיבען יאהר. אבער איך בין אן אנאר־כיסט. איך האב געמאכט א פערזוך געגען דאס לעבען פון א

גרויסען מאגנאט; אין איהם האט זיך דער קאפּיטאליזם גופא געפיהלט אטאקירט. פערשטעהט זיך, איך האב געוואוסט, אז זיי וועלען זיך בענוצען דערמיט וואס איך האב זיך ענטזאגט צו זיין פערטראטען דורך אן אדוואקאט. צוויי און צוואנציג יאהר! דער ריכטער האט ארויפגעלעגט די מאקסימום־שטראף אויף יעדער קלאגע. נא, איך האב ניט ערווארטעט קיין בעסערס, און עס איז מיר איצט קיין אונטערשיעד ניט. איך וועל דאך סאי־ווי־סאי שטארבען.

איך האלט דעם לעפעל פעסט אין מיין פיבערדיגער האנד. מיט'ן שמאלען ברעג צוגעדריקט צו מיין הארץ פרוביר איך, ווי ווייט עס לאזט זיך אין פלייש אריין. א שטרקער שטוים וועט עס אריינזאגען צווישען די ריפּען...

איינס, צוויי, דריי — דער טיעפער, באסאווער מעטאל־קלאנג שווימט ארויף איבער דער שטילקייט, אבקלינגענדיג, דרינגענד. אין א רגע הויבט זיך אלעס אן צו ריהרען: איבער'ן קאפּ, ביי די זייטען ווערט אלעס פול מיט לעבען. מענשען גענעצען און הוסטען, שטוהלען און בעטען ווערען ארומגערוקט מיט גערויש, שווערע פיס טרעטען איבער די שטיינערנע דיעלען. פון דער ווייטען הערט זיך א קייקלעריי, ווי פון א דונער. עס קומט אלץ נעהענטער און קלינגט אב אלץ העכער. איך הער דעם שארפען בעפעהל פון די בעאמטע, דאס בעקאנטע קלאפּען פון שלעסער, טהירען עפענען און פערמאכען זיך. און אט ווערט דאס גערויש קלארער, דייטליכער. מיט א קרעכץ שטעלט זיך דער שווערער ברויט־וואגען אב ביי מיין קעמערל. א וועכטער שליסט אויף די טהיר. זיינע אויגען קוקען אויף מיר מיט נייגעריגקייט, מיט פערדאכט, בעת ווען דער שפּייז־פערטהיילער דערלאנגט מיר א קליינעם לעבעל ברויט. איך האב קוים צייט צוריק אריינצוציהען מיין ארם, איידער די טהיר ווערט פערמאכט און פערשלאסען.

„ווילסט קאפע? האלט דיין שאל“.

צווישען די שמאלע גראטעס ווערט דער געטראנק אריינ־געגאסען אין מיין אנגעבויגענער, פערזשאווערטער בלעכענער כלי. אין דעם האלב־דונקעל פונ'ם קעמערל געהט די דאמפּפענדע פלי־סיגקייט אריבער, אפּבריהענדיג מיינע בארוועסע פיס. מיט א געשריי פון שמערץ לאז איך ארויס דאס קענדעל פון די הענד.

אין דעם דונקעל־בעלויכטענעם קארידאר קוקט דער דיעל אוים פערפלעקט מיט בלוט.

„וואס הייסט דאס?" צושרייט זיך דער וועכטער אויף מיר.

„כ'האב זיך ניט געקאנט העלפען".

„ווילסט זיין ביטרע, דאס ווילסט דו? נא, מיר וועלען דיך אפגעוועהנען דערפון. העי, דארט, סעם", ווענדט זיך דער בעאמטער צו דעם שפייז־פערטיילער, מאכענדיג צו איהם מיט דער האנד, „קיין דינער פאר „איי" 7, דו הערסט?"

„יעס, סער. יעס, סער!"

„און קיין קאפע אויך ניט".

„יעס, סער".

דער וועכטער מעסט מיך אב מיט א בליק פון פעראכטונג און האס. רשעות קוקט ארויס פון זיין געזיכט. ניט ווילענדיג טרעט איך צוריק אין קעמערל אריין. זיין בליק פאלט אויף מיינע נאקעטע פיס.

„האסט דו קיין שיך ניט?"

„יעס".

„יע־ע־ס! קענסט ניט זאגען „סער"? האסט שיך?"

„יעס".

„טהו זיי אן, צום טייוועל".

זיין צונג קעהרט איבער דאס גרויסע שטיק קיי־טאבאק פון איין באק צו דער אנדערער. מיט א פייף גיסט זיך ארויס א דיקער שטראם פון ברוינע פליסיגקייט איבער מיינע פיס. „צום טייוועל, טהו זיי אן".

די קלאפעריי און די גערוישען האבען ענדליך אויפגעהערט; די טריט זיינען אבגעשטארבען. אלעס איז שטיל אין דעם פינ־סטערען קארידאר. בלויז שאטענס שוועבען פון צייט־צו־צייט פערביי, שטיל־שווייגענדיג, ווי גייסטער.

2.

„פארווערטס, מארש!"

די לאנגע שורה פון ארעסטאנטען, אין שטרייפען און אין גע־שלאסענע טריט, זעהט אויס ווי א בעוועגליכע שלאנג, וואס דרעהט זיך פון איין זייט אויף דער אנדערער. איהר שווארץ־און־גראער

קערפער ריהרט זיך פאווערטס, דאך קוקט עס אויס אזוי ווי זי וואלט געבליבען אויפ׳ן זעלבען ארט. א טויזענד פיס קלינגען אב אויף דעם שטיינערנעם בריק אין רעגעלמעסיגען טאקט, בעת יעדע דיוויזיע, מיט אויפפאסער ביי דער זייט, קומט צו און געהט פערביי מיין קעמערל. ברוטאלע געזיכטער, אבשטויסענד אין זייער דומער גלייכגילטיגקייט אדער רשעות׳דיגען בליק. דא און דארט בעוויזט זיך א גוט־פארמירטער קאפ, אן אינטעליגענט אויג, אדער א סימפאטישער אויסדרוק, וואס מאכט נאך שארפער די געזיכטסציגע פון דער געשטרייפטער מענשען־ליניע: גראב און פינסטער, מיט דעם שולדיג־בעטריגערישען בליק פון דעם גרויזאם פערפאלגטען. מיט דעם קאפ אנגעבויגען, דעם רעכטען ארם אויסגעשטרעקט, מיט דער האנד אנריהרענדיג דעם אקסעל פונ׳ם מאן וואס געפינט זיך אין פראנט. אלע גלייך אנגעטהאן אין שווארץ און גראה, זיינען די מענשען עהנליך צו ווילעגלאזע רע־דעלעך אין א מאשין, זיך בעוועגענדיג אויף דעם שרייענדען בא־פעהל פון די הויכע וועכטער ביי די זייטען.

דאס רעגעלמעסיגע, געמאסטענע קלאפען ווערט שוואכער און שטארבט אב מיט דעם פוסטען קלאנג פונ׳ם לעצטען פוס־טריט, הינטער דער פערמאכטער דאפעל־טהיר וואס פיהרט ארויס אין געפענגנים־הויף. א טויטען־שטילקייט לאזט זיך אראב איבער דעם צעלען־הויז. איך פיהל זיך פאלשטענדיג אליין, איינזאם און פערלאזען דא צווישען דעם טהורעמדיגען הויפען פון שטיין און אייזען. די שטילקייט איבערוועלטיגט מיך, ליגט איבער מיר כמעט ווי א ממשות׳דיגע משא. איך בין בעגראבען צווישען די שמאלע ווענט; דער מאסיווער פעלז־שטיין לאזט זיך ארונטער מיט דרוק אויף מיין קאפ, מיינע זייטען. איך קען ניט אטהעמען. די שלעכטע לופט שטיקט. אה, כ׳קען ניט, כ׳קען ניט לעבען דא! איך קען ניט אריבערטראגען דיזע גסיסה. צוויי און צוואנציג יאהר! ס׳איז א גאנץ לעבען. ניין, ס׳איז אונמעגליך. איך מוז שטארבען! איך וועל שטארבען! איצט!

האלטענדיג דעם לעפעל פעסט אין דער האנד, טהו איך זיך א ווארף אויפ׳ן בעט. מיינע אויגען וואנדערן ארום איבער דער

סטעליע, וועלכע איז שוואך בעלויכטעט פונ׳ם ליכט אין קארידאר: די אבגעקאלכטע ווענט, גאל פון פייכטקייט — די פלעקען פון טונקעל־רויטע בלוט איבער׳ן בעט — די הויפענס פון ווערים ארום די לעבער אין וואנד — דאס קליין טישעל און דער שאקעלדיגער שטוהל — די שמוציגע פאדלאגע, געפלעקט דא און דארט אין שווארץ און גראה... ווי, ס׳איז דאך שטיין! כ׳קען אנשארפען דעם לעפעל. פארזיכטיג פערקריך איך אין ווינקעל. דאס בלעך גליטשט זיך איבער דער פעטער אויבערפלעך אהן גערויש, שטי־לינקערהייט, ביז די דיקע שיכטע פון שמוץ רייבט זיך אב. דאן הויבט עס אן קראצען און סקריפען. מיט׳ן קישען דערשטיק איך דעם סקראבענדען קלאנג. דאס מעטאל ווערט היים אין מיין האנד. איך פיהר אריבער דעם אנגעשארפטען ברעג איבער מיין פינגער. בלוט־טראפענס טריפען אראב אויף דער פאדלאגע. די וואונד רייסט, אבער דאס קלינגעל איז שארף. שטיל, בגנבה קריך איך צוריק אריין אין בעט. מיין האנד טאפט, זוכט מיין הארץ. כ׳ריהר אן דעם פלאץ מיט׳ן קלינגעל. צווישען די ריפען — דא — כ׳וועל זיין טויט, ווען זיי וועלען מיך געפינען... ווען פריק וואלט נור געשטארבען! אזויפיעל פראפאגאנדא וואלט געקענט געמאכט ווערען — אט דער פערדאמטער מ א ס ט, ווען ער וואלט ניט ארויסגעטראטען געגען מיר! ער וועט רואינירען די גאנצע וויר־קונג פון דעם אקט. ס׳איז ניט מעהר ווי פייגהייט. אבער וואס האט ער מורא? זיי קענען איהם דא ניט אריינמישען. מיר זיינען געווען דערוויטערט, פרעמד איינער צום אנדערן, שוין איבער א יאהר צייט. ער וואלט עס לייכט געקאנט בעווייזען. דער פעררעטהער! האט געפרעדיגט פראפאגאנדא דער טהאט זיין לעבען לאנג — איצט טרעט ער ארויס געגען דעם ערשטען א ט ע נ ט א ט אין דיזען לאנד. וואס פאר אן אונגעהייערע אגי־טאציע ער וואלט דערפון געקאנט מאכען! אצינד פארלייקענט ער מיך, ער קען מיך ניט. דער מיזעראבלער מענש! ער האט מיך שוין גוט געקאנט און האט מיר אנגעטרויט אויך, דאן ווען מיר האבען צוזאמען אויפגעזעצט דעם געהיימען צירקולאר אין אפיס פון דער „פרייהייט". ס׳איז געווען אין וויליאם סטריט. מיר האבען געווארט ביז די אנדערע שריפטזעצער זיינען אוועק; דאן האבען מיר געארבייט די גאנצע נאכט. ס׳איז געווען, כדי

מיך צו רעקאמענדירען: כ'האב דאן געפלאנעוועט צו פאהרען קיין רוסלאנד. יא, קיין רוסלאנד. פיליכט וואלט איך געטהאן עפּעס וויכטיגעס דארט. פארוואס בין איך ניט געפאהרען? וואס איז דאס געווען? נא, כ'קען זיך איצט ניט דערמאנען אן דעם. ס'איז דאך זאנדערבאר. אבער אמעריקא איז געווען וויכטיגער. פאראן גענוג רעוואלוציאנערען אין רוסלאנד. און איצט... אה, איך וועל שוין מעהר גארנישט טהאן. כ'וועל באלד זיין טויט. זיי וועלען מיך געפינען קאלט — א טייך פון בלוט אונטער מיר — דער מאטראץ וועט זיין רויט — ניין, ער וועט זיין טונקעל־רויט, און דאס בלוט וועט דורכווייקען און דורכ־רינען דורך די שטרוי... כ'בין נייגיעריג צו וויסען וויפיעל בלוט איך האב. עס וועט זיך א גאס טהאן פון מיין הארצען — כ'מוז א שטויס געבען אט דא — קרעפטיג און שנעל — ס'וועט ניט שטארק וועה טהאן. אבער דער ברעג איז שטומפּיג — ער קען זיך נאך פערטשעפּען — אדער צורייסען דאס פלייש. מען זאגט, די הויט איז שטייף. איך מוז נאר א שטארקען זעץ טהאן. פּי־לייכט איז בעסער צו פאלען אויפ'ן קלינגעל? ניין, דאס בלעד קען זיך נאך איינבויגען. כ'וועל עס האלטען גאנץ נאהענט — אט אזוי — דאן א שנעלען שטויס — גלייך אין הארצען אריין — ס' איז דער זיכערסטער וועג. איך טאר זיך ניט פערוואונדען — כ'וועל בלוטען לאנגזאם — זיי קענען מיך נאך געפינען א לעבע־דיגען. ניין, ניין! איך מוז שטארבען גלייך אויפ'ן שטעל. זיי וועלען מיך געפינען טויט — מיין הארץ — זיי וועלען עס אונ־טערזוכען — ס'קלאפּט ניט — דאס קלינגעל שטעקט נאך דעריין — זיי וועלען רופען דעם דאקטאר — „ער איז טויט“. און דאס מיידעל און פעדיא און די אנדערע וועלען הערען דערפון — זי וועט זיין טרויעריג — אבער זי וועט פערשטעהן. א, זי וועט זיין צופריעדען — זיי וועלען מיך ניט קענען מארטערן דא — זי וועט וויסען, אז איך האב זיי אבגענארט — יא, זי... וואו איז זי אצינד? וואס דענקט זי וועגען דאס אלעס? דענקט זי אויך, אז איך בין דורכגעפאלען? און פעדיא, ער אויך? ווען איך וואלט כאטש געהערט פון איהר — בלויז איינמאל. עס וואלט געווען לייכטער צו שטארבען. אבער זי וועט פערשטעהן, זי —

„שטעה אויף פון בעט! וואס זשע, דו ווייסט נאר נישט די רולס, עה? ארויס פון בעט!“

א צושראקענער, ניט אויסריידענדיג קיין ווארט, שטעל איך זיך אויף די פיס. דער לעפעל פאלט מיר ארויס פון דער האנד. ער שלאגט זיך אן אן דער פאדלאגע, אבקלינגענדיג אויף די שטיי־נער מיט א הויכען, פערדאמטען קלונג. מיין הארץ איז ווי פער־גליווערט, בעת איך שטעה אנטקעגען דעם וועכטער. ס'איז פאראן עטוואס אבשטויסענד היימישעס אין דעם הויכען מאן, זיין מויל פערצויגען אין א שפאטישען שמייכעל. אה, ס'איז דער מארגען־וועכטער!

„ביזט כיטרע, ניט וואהר? אהער גיב דעם לעפעל“.

דער אינצידענט מיט'ן קאפע פליהט מיר פארביי אין מוח. מיין ווענען איז פול מיט עקעל און האס צו דעם לאנגען וועכטער. א רגע בין איך זיך מישב. איך מוז בעהאלטען דעם לעפעל. כ'טאר איהם ניט פערלירען — ניט צו דיזען גראבען נפש —

„קעפטיין, זעהט נור!“

מען שלעפט מיך ארויס פון קעמערל. דער הויכער וועכטער בעטראכט פארזיכטיג דעם לעפעל און א רשעות'דיגער געלעכטער בעדעקט זיין געזיכט.

„קוקט, קעפטיין. שארף ווי א ראזיר־מעסער. א געפעהר־ליכער חברה־מאן, עה?“

„נעהמט איהם צום „דעפיוטי“, מר. פעלינגס“.

3.

אין דער ראטונדע, די קיילעכדיגע געביידע וואס פערבינדט די קעמערלעך פון ביידע זייטען, פון צפון און דרום, שטעהט דער דעפיוטי ביי א הייכען שרייב־טיש. ער איז ווינקעלדיג און ביי־נערדיג, מיט איינגעפאלענע שולטערען, זיין פנים איז בעדעקט מיט קליינטשינקע קארטשען, בענעהט אויף א געלען פארמעט. די אויסגעבויגענע נאז הענגט אראב איבער דינע ליפען. די שטאה־לענע אויגען מעסטען מיך אב קאלט, אונפריינדליך.

„ווער איז דאס?“

די נידעריגע, כמעט ווייבליכע שטימע גיט צו א שארפע בע־טאנונג צו דעם אבגעשטארבנעם געזיכט און דער קלעגליכער

פיגור ווי ביי א מת. דער קאנטראסט צווישען די צוויי איז שטוינענד.

„איי" 7".

„וואס איז די קלאגע, בעאמטער?"

„צוויי קלאגען, מר. מעקפעין. געלעגען אין בעט און גע־מאכט א פערזוך צו בעגעהן זעלבסטמארד".

א שמייכעל פון טיפלישער צופריעדענהייט פערשפרייט זיך לאנגזאם איבער דעם דעפיוטי'ס צוקארטשעט געזיכט. די לאנגע, שווערע פינגער פון זיין רעכטער האנד ארבייטען קאנוואולסיוו, אזוי ווי ער וואלט געפויקט ערגעץ אויף א ברעט וואס שטעלט זיך איהם פאר אין זיין מוח.

„יא, הם, הם, יא. „איי" 7, צוויי קלאגען. הם, הם. ווי אזוי האט ער געפרואווט, הם, הם, צו בעגעהן זעלבסטמארד?"

„מיט דיזען לעפעל, מר. מעקפעין. שארף ווי א ראזיר־מעסער".

„יא, הם, יא. וויל, הייסט עס, שטארבען. מיר האבען ניט אזא קלאגע ווי, הם, הם, ווי מאכען א פערזוך פון זעלבסטמארד דא אין דיזער אינסטיטוציאן. אן אנגעשארפטער לעפעל, הם, הם; אן ערנסטע געשיכטע. כ'וועל זעהן וועגען דעם שפעטער. פאר ברעכען די רעגלען, הם, הם, ליגענדיג אין בעט נאך דער צייט, הם, הם, דריי טעג. פיהרט איהם ארונטער, בעאמטער. ער וועט זיך, הם, הם, דארט אבקיהלען".

איך בין שוואך און פערמאטערט. א געפיהל פון אבסאלוטער גלייכגילטיגקייט נעהמט מיך ארום. אויף אן אונקלארען, אונ־בעשטימטען אופן פיהל איך, ווי די וועכטער פיהרען מיך דורך דונקעלע קארידארען, שלעפען מיך ארונטער איבער משופע'דיגע טרעפ, טהוען מיך האלב אויס און ענדליךווארפען זיי מיך אריין אין א פינסטערן, פוסטען פלאץ. איך בין צומישט; דער קאפ דרעהט זיך מיר. איך קען זיך ניט האלטען אויף די פיס און פאל אנידער אויף די פיער־עקיגע ברוקשטיינער פון דעם קערקער.

. . . .

דער קערקער ווערט פלוצלונג אנגעפילט מיט ליכט. ס'שטעכט מיר אין די אויגען. אימיצער בויגט זיך אן איבער מיר.

„אביסעל פיבערדיג. בעסער נעהמט איהם ארויף אין קע־מערל".

„הם, הם, דאקטאר, ער איז אונטער שטראף“.

„ניט זיכער, מר מעקפעין“.

„וועלען מיר עס אלזא אבלעגען. הם, הם. נעהמט איהם ארויף אין קעמערל, וועכטער“.

„שטעה אויף“.

מיינע פיס זיינען ווי פאראליזירט. זיי ענטזאגען זיך צו ריהרען. איך ווער אויפגעהויבען און ארויסגעטראגען די טרעפ, דורך קארידארען און דורכגענג, און דאן שווער אנידערגעווארפען אויף א בעט.

איך פיהל זיך אזוי שוואך. פיללייכט זאל איך איצט שטאר־בען. עס וואלט געווען דאס בעסטע. אבער איך האב ניט קיין וואפען! זיי האבען צוגענומען דעם לעפעל. און ס'איז ניטא גארנישט אין קעמערל וואס איך וואלט געקענט געברויכען. אט די אייזערנע גראטעס כ'וואלט זיך געקענט צוזעצען דעם קאפ אן זיי. אבער אך, ס'איז אזא שרעקליכער טויט! מיין שארבען וואלט צובראכען געווארען, און דער מארך וואלט ארויסגערונען... אבער די גראטעס זיינען גלאט. וואלט מיין שארבען צובראכען געווארען מיט איין קלאפ? כ'האב מורא ער זאל ניט פלאצען בלויז, און איך קען נאך זיין צו שוואך צו געבען א צווייטען זעץ. ווען איך וואלט געהאט א רעוואלווער! דאס איז לייכטסטע און שנעלסטע. כ'האב אימער געטראכט, אז איך וואלט פארגע־צויגען אזא טויט — דערשאסען צו ווערען. דעם פיסטויל הארט צום שלייף — מען קען ניט פערפעהלען דעם ציעל. מאנכע האבען עס געטהאן, שטעהענדיג אנטקעגען א שפיגעל. אבער איך האב ניט קיין שפיגעל. איך האב קיין רעוואלווער אויך ניט... דורכ'ן מויל איז דאס אויך א זיכערער טויט... יענער מאסקווער סטו־דענט — רוסאוו האט ער געהייסען; יא, איוואן רוסאוו — ער האט זיך דערשאסען דורכ'ן מויל. פערשטעהט זיך, ער איז געווען נאריש זיך צו טויטען צוליעב א פרוי; אבער איך האב בעוואונ־דערט זיין מוטה. ווי קאלטבלוטיג ער האט דאס געמאכט אלע פארבערייטונגען; ער האט זאגאר געלאזט א צעטעל, וואו ער האט אנגעזאגט, אז זיין גאלדענער זייגער זאל אוועקגעגעבען ווערען צו דער בעל־הבית'טע פון זיין קווארטיר, מחמת — האט ער גע־

שריבען — נאכדעם ווי די קויל וועט דורכגעהן דורך זיין מוח קען זי נאך בעשעדיגען די וואנד. וואונדערבאר! ס'האט ווירקליך אזוי געטראפען. איך האב געזעהן, ווי די קויל האט געשטעקט אין דער וואנד נעבען דער זאפא, און איוואן איז געלעגען אזוי שטיל און רוהיג, כ'האב געדענקט, אז ער שלאפט. איך האב איהם אפט געזעהן אין אזא פאזע ביי מיין ברודער אין ארבייטס-צימער, נאך אונזערע לעקציאנען. וואס פאר אן אויסגעצייכענטער לעה־רער ער איז דאס געווען! ער איז מיר געפעלען גלייך פון אנפאנג אן, ווען די מוטער האט איהם פארגעשטעלט פאר מיר: „סאשא, איוואן ניקאלאיעוויטש וועט זיין דיין לעהרער פון לאטיין אין פערלויף פון די קאניקולעס". מיין האנד האט מיר וועה געטהאן דעם גאנצען טאג, אזוי שטארק האט ער זי געדריקט. אבער איך בין געווען צופריעדען וואס איך האב בשעת מעשה ניט א קוויטש געטהאן. איך האב איהם באוואונדערט דערפאר; כ'האב געפיהלט, אז ער מוז זיין זעהר שטארק און מאנהאפט צו האבען אזא האנד־דרוק. די מאמע האט געשמייכעלט, ווען איך האב איהר דער־צעהלט וועגען דעם. איהר האנד טהוט איהר אויך וועה, האט זי געזאגט. די שוועסטער מיינע איז אביסעלע רויט געווארען. „גראד ענערגיש", האט זי בעמערקט. און מאקסים האט זיך געפיהלט אזוי גליקליך איבער דעם גינסטיגען איינדרוק וואס זיין אוניווערזיטעטס-חבר האט געמאכט אויף מיר. „וואס האב איך דיר געזאגט?" האט ער אויסגערופען מיט פייער; „איוואן ני־קאלאיעוויטש איז א מאלאדיעץ! בערעכען נור, ער איז ניט מעהר ווי צוואנציג. ענדיגט נעכסטעס יאהר. דער יונגסטער סטודענט, זינט די אוניווערזיטעט האט זיך געגרינדעט. מאלא־דיעץ!" אבער ווי רויט זיינען געווען מאקסים'ס אויגען, ווען ער האט אהיים געבראכט די קויל! ער וועט זי האלטען, האט ער געזאגט, אזוי לאנג ווי ער וועט לעבען; ער האט זי אויסגע־גראבען מיט זיינע אייגענע הענט פון דער וואנד פון איוואן ני־קאלאיעוויטש'ס צימער. ביים מיטאג האט ער געעפענט דאס קעס־טעלע, פונאנדערגעוויקעלט די וואטע און מיר געצייגט די קויל. די שוועסטער איז אריינגעפאלען אין היסטעריקע, און מאמא האט גערופען מאקס'ן ווילדער מענש. „פאר א פרוי, אן אונווירדיגע פרוי!" האט די שוועסטער געקלאגט. איך האב געדענקט, אז

עס איז געווען נאריש פון איהם זיך נעהמען דאס לעבען צוליעב א פרוי. כ'האב זיך געפיהלט אביסעל ענטוישט: איוואן ניקאַ־לאיעוויטש האט געדארפט זיין אביסעל מעהר מאן. זיי האבען אלע געזאגט, אז זי איז געווען זעהר שעהן, די אנערקענטע שעהנ־קייט פון קאָוונאָ. זי איז געווען שלאנק און מאיעסטעטיש, אבער איהר גאנג איז, לויט מיין מיינונג, געווען צו אנגעצויגען; זי האט אויסגעזעהן צו זיין זעלבסט־בעוואוסט און ארטיפיציעל נע־מאכט. די מוטער האט געזאגט, אז איך בין נאך צו יונג צו ריידען פון אזעלכע זאכען. ווי פארציטערט וואלט זי געווען, ווען זי וויסט, אז איך האב געשפיעלט א ליעבע מיט נאדיא'ן, מיין שוועסטער'ס חבר'טע. און אונזער דיענסטמיידעל האב איך אויך איינמאל א קוש געטהאן. טייערע ראזעטשקע, — איך געדענק, ווי זי האט געסטראשעט צו דערצעהלען מיין מוטער. איך בין געווען אזוי דערשראקען, אז איך האב ניט געוואלט געהן צום טיש עסען מיטאג. די מאמע האט געשיקט דאס מיידעל מיך רופען, אבער איך האב ניט געוואלט געהן, ביז ראזא האט צוגע־זאגט, אז זי וועט ניט דערצעהלען... דאס זיסע מיידעל מיט די רויטע באקען ווי די עפעל. ווי גוט זי איז געווען! אבער דער קליינער טייוועל האט ניט געקענט האלטען דעם סוד. זי האט עס דערצעהלט טאטיאנא'ן, די קעכין פון אונזער שכן, דער לעה־רער פון לאטיין אין גימנאזיע. אויף מארגען האט ער מיר אויפ־געוואָרפען וועגען דעם דיענסטמיידעל. דערצו נאך פאר דעם גאנצען קלאס. איך האב זיך געוואונשען, אז דער באדען אונ־טער מיינע פיס זאל זיך עפענען און מיר איינשלינגען א לעבע־דיגען. איך בין געווען אזוי דערשלאגען.

... ווי ווייט אוועק דאס אלעס זעהט אויס. גאנצע יאהר־הונדערטע אוועק. ס'וואלט אינטערעסאנט געווען צו וויסען וואס איז געווארען פון איהר. וואו איז ראזא איצט? וואס הייסט, זי מוז זיין דא, אין אמעריקא. איך האב גאר פארגעסען — כ'האב זיך דאך געטראפען מיט איהר אין ניו יארק. ס'איז געווען אזא איבערראשונג. איך בין געשטאנען אויפ'ן גאניק פון א טענעמענט־הויז, וואו איך האב געהאט מיין קווארטיר. איך בין דאן געווען בלויז עטליכע מאנאטען אין לאנד. א פריילין איז פערבייגע־

נאָנגען. זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף מיר, דאַן האָט זי זיך אומ־געדרעהט און איז אַרויף די טרעפּ. „איהר קענט מיך ניט, הערר בערקמאַן? וואָס זשע, איהר דערקענט מיך ווירקליך ניט?" עפּעס אַ טעות. האָב איך געטראַכט. איך האָב, דוכט זיך, קיינמאָל ניט געזעהן אָט די שעהנע, אויסגעפּוצטע יונגע פרוי. זי האָט מיך אַריינגערופען אין קאָרידאָר. „זאָגט עס ניט אָט די מענשען דאָ. איך בין ראָזאַ. איהר געדענקט ניט? איהר ווייסט דאָך, איך בין געווען אייער מוטער'ס — אייער מוטער'ס דיענסטמיידעל". און זי האָט זיך שטאַרק פאַרשעהמט. יענע רויטע באַקען — גו געווים, ס'איז ראָזאַ! כ'האָב געדענקט וועגען דעם גע'גנב'עטען קוש. „וואָלט איך עס איצט געוואָגט?" האָב איך זיך אַליין געפרעגט, פלוצלונג דערזעהענדיג מיין הילוך, מיינע אָרעמע קליי־דער. זי האָט אויסגעזעהן אַזוי וואָהלהאָבענד. ווי אונזערע פּאָ־זיציאָנען האָבען זיך דאָס געביטען! זי האָט אויסגעקוקט ווי אַן אמת'ע „באַרישניא", ווי מיין שוועסטער. „איז אייער מוטער דאָ?" האָט זי געפרעגט. „די מוטער? זי איז געשטאָרבען, אַ קורצע צייט איידער איך בין אוועקגעפאָהרען". כ'האָב געקוקט אויף איהר מיט אַן אונרוהיגען בליק. געדענקט זי נאָך יענע שרעקליכע סצענע, ווען די מאַמאַ האָט איהר דערלאַנגט אַ קלאַפּ? „כ'האָב גאַרנישט געוואוסט וועגען אייער מוטער". איהר שטימע איז געווען הייזעריג; אַ טרעהר האָט אַ בלישטש געטהאָן אין איהר אויג. דאָס ליעבע מיידעל, אימער אַזוי גוטהערציג. איך וואָלט איהר בעדאַרפט פערגיטיגען פאַר מיין מוטער'ס בעליידי־גונג. מיר האָבען געקוקט איינס אויף ס'אַנדערע אין פערלעג־געהייט. דאַן האָט זי אויסגעשטרעקט אַ האַנד, בעדעקט מיט אַ האַנדשוה. זעהר גרויס, האָב איך געטראַכט ביי זיך; און רויט אויך, וואָהרשיינליך. „אַדיע, ג אַ ס פּ אַ ד י ן בערקמאַן", האָט זי געזאָגט. „איך וועל זיך ווידער זעהן מיט אייך אין גיכען. ביטע, זאָגט ניט דיזע מענשען ווער איך בין". אַ געפיהל פון שולדיגקייט און שאַנדע האָט מיך דורכגענומען. „גאָספּאָדין" בערקמאַן — דאָס האָט עפּעס אָבגעקלונגען ווי דאָס שקלאַפּישע וואָרט „באַרינּיאַ", מיט וועלכען די הויז־דיענער פלעגען זיך ווענ־דען צו מיין מוטער. מיט איהר גאַנצען גלאַנץ איז נאָך ראָזאַ ניט אַרויס דערפון. צופיעל איינגעוואָרצעלט אין איהר, אַרום

מיידעל. זי איז נאך ניט בעפרייט. איך האב זי קיינמאל ניט געזעהן אויף אונזערע מיטינגען; זי איז קאנסערוואטיוו, גאר קיין צווייפעל ניט. זי איז געווען אזוי אונוויסענד, זי האט זאגאר לעזען ניט געקענט. פיליכט האט זי זיך אויסגעלערענט אין דיזען לאנד. אצינד וועט זי לעזען וועגען מיר, און זי וועט וויסען ווי איך בין געשטארבען... אה, איך האב ניט דעם לעפעל! וואס זאל איך טהאן, וואס זאל איך טהאן? איך קען ניט לעבען. כ'וועל ניט קענען אריבערטראגען דיזע מארטערניש. פיליכט, ווען איך קריג זיבען יאהר, וואלט איך געפרואווט אויסהאלטען דעם אור־טהייל. אבער איך וואלט סאי־ווי־סאי ניט געקענט. כ'וואלט אפשר געקענט לעבען דא א יאהר, אדער צוויי. אבער צוויי־און־צוואנציג, צוויי־און־צוואנציג יאהר! וואס איז דא פארהאן וואס צו קלעה־רען? קיין מענש וואלט עס ניט געקענט איבערלעבען. ס'איז שרעקליך, צוויי־און־צוואנציג יאהר! זייער פערפלוכטע גערעכ־טיגקייט — זיי ריידען שטענדיג פון געזעץ. דאך געזעצליך האב איך ניט געדארפט קריגען מעהר ווי זיבען יאהר. געזעצליך! אזוי ווי זיי קימערן זיך וועגען „געזעצליכקייט"! זיי האבען געוואלט מאכען א ביישפיעל פון מיר. פערשטעהט זיך, איך האב עס געוואוסט פון פאראויס; אבער ווען איך קריג זיבען יאהר — פיליכט, פיליכט וואלט איך עס דורכגעטראגען; כ'וואלט גע־פרואווט. אבער צוויי־און־צוואנציג — ס'איז א לעבענס־צייט, א גאנץ לעבען. זיבעצעהן איז אויך ניט בעסער. יענער מאן, דזשיימסטאון, האט געקראגען זיבעצעהן יאהר. ער איז געזעסען אין א קעמערל נעבען מיר דארט אין געפענגניס. ער האט ניט אויסגעקוקט ווי א רויבער, ער איז אזוי קליין און קלעגליך. ער מוז זיין דא איצט. וואס פאר א נאר, צו דענקען, אז ער וועט דא קענען לעבען זיבעצעהן יאהר! אין דיזען גיהנום — וואס פאר א דומקאפ ער איז! ער וואלט שוין לאנג געדארפט באגעהן זעלבסטמארד. זיי האבען איהם אוועקגעשיקט פאר מיין פרא־צעס; ס'איז אונגעפעהר דריי וואכען צוריק. געגוג צייט; פאר־וואס האט ער ניט געטהאן עטוואס? ער וועט דאך דא באלד שטארבען סאי־ווי־סאי; ס'וואלט שוין בעסער געווען זיך צו נעהמען דאס לעבען. א שטארקער מאן וואלט געקענט לעבען פינף יאהר; הגם איך צווייפעל אין דעם; פיליכט א זעהר

שטארקער מאן וואלט געקענט. א י ד וועל ניט קענען; נייז, כ'וויים, אז איך וועל ניט קענען; פיליכט צוויי אדער דריי יאהר, העכסטענס. מיר האבען אפט גערעדט וועגען דעם, דאס מיידעל, פעריא און איך. איך האב דאמאלס געהאט אזא מאדנע אידעע וועגען געפענגנים: כ'האב געדענקט, אז איך וועל זיצען אויף דער ערד אין א שוידערליכען, שווארצען לאך, מיט מיינע הענט און פים געשלאסען אין קייטען צו דער וואנד; און די ווערים וועלען ארומקריכען איבער מיר און לאנגזאם אויפפרעסען מיין געזיכט און מיינע אויגען, און איך — אזוי הילפלאז, צוגעשמידט צו דער וואנד. דאס מיידעל און פעריא האבען געהאט אן עהנ־ליכע אידעע. זי האט געזאגט, אז זי וואלט געקענט אריבער־טראגען דאס געפענגנים־לעבען עטליכע וואכען צייט. איך וואלט געקענט אויסהאלטען א יאהר, האב איך געדענקט; אבער כ'בין ניט זיכער געווען. איך האב זיך פארגעשטעלט, ווי איך קעמפף מיט די ווערים און טרייב זיי אוועק מיט מיינע פים; ס'וואלט די קריכענדע ברואים גענומען א היבשע צייט אויפצופרעסען דאס גאנצע פלייש מיינס, ביז זיי וואלטען צוגעקומען צו מיין הארץ; דאס וואלט געווען טויטליך . . . און די אונפלייט דא, אט די גרויסע, ברוינע וואנצען, זיי מוזען זיין ווי יענע ווערים, אזוי בייז און הונגעריג. און פיליכט זיינען דא פארהאן ווערים אויך. זיי זיינען געווים דא אונטען אין קערקער: כ'האב א וואונד אויף מיין פום. איך וויים ניט, ווי אזוי עס האט פאסירט. כ'בין געווען בעוואוסטלאז אין יענעם פינסטערן לאך — ס'איז געווען פונקט ווי מיין אמאליגע פארשטעלונג וועגען געפענגנים. איך וואלט דארט אפילו קיין איין וואך ניט געקענט לעבען: ס'איז שרעקליך. דא איז אביסעל בעסער; אבער ס'איז קיינמאל ניט ליכטיג אין דיזען קעמערל — אימער האלב־דונקעל. און אזוי קליין און שמאל; ניטא קיין פענסטער; ס'איז פייכט, און ס'שמעקט אזוי טוכלע, אזוי דערווידעריג די גאנצע צייט. די ווענט זיינען נאס און קלעפיג; דערצו נאך אויסגעשמירט מיט בלוט. וואנצען — אה! עס קעהרט ברעכען. ניט קיין סך בעסער ווי יענער שווארצער לאך מיט מיינע הענט און ארעמס צוגעשמידט צו דער וואנד. נור א הארעלע בעסער, — מיינע הענט זיינען ניט געשמידט. איך וואלט דא פיליכט געקענט

לעבען עטליכע יאהר: ניט מעהר ווי דריי, אדער ס'קען זיין פינף. אבער דיזע ברוטאלע וועכטער! ניין, ניין, איך וועל עס ניט קענען אויסהאלטען. איך וועל שטארבען! כ'וועל דאך דא אלצאיינס שטארבען אין גיכען; זיי וועלען מיך דער'הרג'ענען. אבער איך וועל דעם שונא די טובה ניט טהאן, כ'וועל איהם ניט געבען די בעפריעדיגונג; זיי זאלען ניט קענען זאגען, אז זיי מארטערן מיך אין געפענגניס, אדער אז זיי האבען מיך געטויטעט. ניין! כ'וועל זיך בעסער אליין טויטען. יא, זיך אליין טויטען. איך וועל עס מוזען טהאן — מיט מיין קאפ אן די אייזערנע גראטעס — ניין, ניט איצט! ביינאכט, ווען איבעראל איז פינסטער, — זיי וועלען מיך דאן ניט קענען רעטען. עס וועט זיין א שרעקליכער טויט, אבער עס מוז געשהאן ווערען... ווען איך וואלט בלויז געוואוסט עפעס וועגען „זיי" אין ניו יארק — דאס מיידעל און פעדיא — עס וואלט לייכטער געווען צו שטארבען דאן... וואס טהוען זיי אין דער אנגעלעגענהייט? מאכען זיי פראפאגאנדא דערמיט? זיי מוזען אודאי ווארטען צו הערען פון מיין זעלבסטמארד. זיי ווייסען, אז איך קען דא לאנג ניט לעבען. פיללייכט וואונדערן זיי זיך, פארוואס איך האב זיך ניט גענומען דאס לעבען גלייך נאכ'ן פראצעס. אבער איך האב ניט געקענט. איך האב גערעכנט, אז מען וועט מיך אבפיהרען פון געריכט אין מיין קעמערל דארט אין געפענגניס; פער'משפט'ע ארעסטאנטען ווערען געוועהנליך אבגעפיהרט אהין. איך האב געהאט געמאכט פארבערייטונגען זיך צו הענגען יענע נאכט, אבער זיי האבען געמוזט עפעס פערדעכטיגען. זיי האבען מיך געבראכט דירעקט אהער פון געריכט־הויז. איך וואלט שוין פיללייכט איצט געווען טויט —

„נאכטמאהל! ווילסט קאפע? האלט דיין קענדעל!" שרייט דער שפייז־פערטהיילער ארײן אין טהיר. פלוצלונג הער איך ווי ער זאגט גאנץ שטיל: „כאפ עס שנעל!" א לאנגער טונקעלער געגענשטאנד ווערט אריינגעשאסען צווישען די שטאנגען אין קעמערל, פאלענדיג צופוסען פון בעט. דער מאן איז אוועק. איך הויב אויף דאס פעקעל, וואס איז פעסט איינגעוויקעלט אין ברוינע פאפיער. וואס קען עס זיין? אונטער דעם דרויסענדיגען ברוינעם צודעק געפינען זיך צוויי שיכטען פון אן אלטער צייטונג; דאן

בעווייזט זיך א ווייסע זאך. א האנדטוך! אינווייניג ליגט עטוואס קיילעכדיגעס און הארטס — ס'איז א שטיקעל זייף. א געפיהל פון דאנקבארקייט גנב'עט זיך אריין אין מיין הארץ, בעת איך טראכט ביי זיך, ווער קען דאס זיין דער וואס שיקט דאס מיר. ס'איז גוט צו וויסען, אז עס איז פאראן כאטש איין וועזען דא מיט א פריינדליכען גייסט. פיליכט איז דאס אימיצער, וועמען איך האב געקענט אין געפענגנים. אבער ווי אזוי האט ער געקראגען אט די זאכען? זיינען זיי ערלויבט? דער האנדטוך איז אזוי גלאט און ווייך; ס'איז אן ערהאלונג פון דעם הארטען שטרויענעם מאטראץ. אלצדינג איז דא אזוי הארט און גראב — די שפראך, די וועכטער... איך פיהר אריבער דעם האנדטוך איבער מיין געזיכט; עס דערקוויקט מיך אביסעל. איך וואלט זיך בעדארפט אבוואשען — מיין קאפ איז מיר אזוי שווער — כ'האב זיך ניט ארומגעוואשען, זינט איך בין געקומען אהער. ווען בין איך געקומען? לאמיר זעהן; וואס איז היינט? כ'ווייס ניט, כ'קען ניט געדענקען. אבער מיין פראצעס — ס'איז געווען מאנטאג, דעם נייצעהנטען סעפטעמבער. זיי האבען מיך געבראכט אהער נאכמיטאג; ניין, אין אבענד. און אט דער וועכטער — ער האט מיך אזוי איבערגעשראקען מיט דער בלענדענדער לאמטערנע. איז דאס געווען לעצטע נאכט? ניין, ס'האט געמוזט זיין פרידער ווי דאס. בין איך דא בלויז זינט נעכטען? ווי איז דאס מעגליך? ס'קוקט אויס אזא לאנגע צייט! קען דאס זיין דינסטאג, ניט מעהר ווי דינסטאג? כ'וועל א פרעג טהאן דעם שפייז-פערטהיילער, ווען ער וועט נעקסטעס מאל פערבייגעהן. כ'וועל אויך אויסגעפינען, ווער עס האט געשיקט דיזען האנדטוך. פיליכט וועל איך קענען קריגען אביסעל קאלט וואסער ביי איהם; אדער מעגליך, אז עס איז גאר פאראן וואסער דא —

מיינע אויגען ווערען ביסלעכווייז צוגעוואוינט צו דעם האלבדונקעלען ליכט פון קעמערל. איך זעה צימליך קלאר די זאכען וואס געפינען זיך דא. פאראן דא א קליין הילצערן טישעל און אן אלטער שטוהל; אינ'ם ווייטסטען ווינקעל, כמעט פערשטעלט דורכ'ן בעטעל, איז דער פריוועט; נעבען דעם אין מיטען וואנד, אנטקעגען דער טהיר, איז פאראן א וואסער-קראן איבער א שמא-

לען, קיילעכדיגען בעקען. דאס וואסער איז לעבליך און בלאטיג, אבער עס פרישט אב. ס'איז אזוי גוט, עס קרעפטיגט זיך אבצו־רייבען דאס געזיכט מיט'ן האנדטוך. דאס סטימולירטע בלוט פליסט דורך מיינע אדערן מיט אן אנגענעהמען געריש. פלוצלונג דערפיהל איך א שארפען שטאך אין געזיכט, אזוי ווי פון א נאדעל. עס שטעקט א שפילקע אין האנדטוך. איך ציה זי ארויס און א ווייסע זאך לאזט זיך אראב אויף דר'ערד. א צעטעלע! מיט א נעשפיצטען אויער, זיך צוהערענדיג צי אימיצער געהט פערביי, לייען איך שנעל דורך די ווערטער, געשריבען מיט בלייפעדער:

„זעהט אונבעדינגט צו צורייסען דאס דאזיגע צעטעלע, אזוי גיך ווי איהר וועט עס האבען דורכגעלעזען, ס'איז פון א פריינד. מיר קלייבען זיך צו מאכען „פליטה" און איהר קענט מיטקומען, מיר ווייסען, אז איהר זיינט אויף דער אויבערפלעך. ליגט שטיל און האלט אייערע לאמפען אנגעצונדען ביינאכט, גיט אכטונג אויף די שרויפען און די ביינקלעך, זיי זיינען ערגער איידער אקסען. זיי זיינען פול מיט טרויער און זאגט גארנישט. בלייבט געזונד, וועל אייך זעהן מארגען. אן אמת'ער פריינד".

איך לעז דאס צעטעלע אויפמערקזאם, און עטליכע מאהל נאכאנאנד. די אייגענארטיגע שפראך צומישט מיך. אונדייט־ליך הויב איך אן טרעפען וואס עס מיינט: עס ווערט, ווייזט אויס, געפלאנט צו אנטלויפען פון דאנען. מיין הארץ קלאפט מורא'דיג, בעת איך טראכט וועגען די מעגליכקייטען. ווען איך זאל קענען אנטלויפען... אה, איך וואלט דאך ניט געדארפט שטאר־בען! פארוואס האב איך פריהער ניט געדענקט דערפון? וואס פאר א הערליכע זאך דאס וואלט געווען! פערשטעהט זיך, זיי וואלטען איבערגעראיעט דאס גאנצע לאנד, זוכענדיג מיך. איך וואלט זיך געמוזט בעהאלטען. אבער וואס מאכט עס אויס? כ'וואלט געווען פריי. און וואס פאר א גוואלטיגע ווירקונג! עס וואלט געמאכט גרויסע פראפאגאנדא: מענשען וואלטען גע־ווארען שטארק פאראינטערעסירט, און איך — איך וואלט דאך געהאט נייע געלעגענהייטען —

דער שאטען פון פערדאכט פאלט איבער מיין פרעהליכען געדאנק, אנפילענדיג מיין הארץ מיט פארצווייפלונג. פיליכט א פאסטקע! כ'ווייס ניט ווער עס האט געשריבען דאס בריי־

וועלע. נישקשה פון אַ קאָנספּיראַטאָר וואָלט איך געווען, ווען מען זאָל מיך קענען אַזוי לייכט פערפיהרען. אַבער נאָך וואָס זאָלען זיי וועלען מיך אַריינגאַרען אין אַ פּאַסטקע? און ווער? אַ וועכטער? וואָס פאַר אַ צוועק וואָלט עס געקענט דיענען? אַבער זיי זיינען אַזוי געמיין, אַזוי ברוטאַל. אַט דער לאַנגער וועכטער — דער „דעפּיוטי" האָט איהם גערופען פעלינגס — ער האָט, ווייזט אויס, פון דער ערשטער מינוט געקראָגען אַ ביטערע שנאה צו מיר. דאָס קען פיליכט זיין זיין אַרבייט, כדי מיר צו פערשאַפען צרות. קען דאָס זיין? וועט ער זיך ווירקליך אַרונטערלאָזען צו אַזאַ סקאַנדאַל? אַט די זאַכען טרעפען — זיי זיינען אַבגעטהאַן געוואָרען אין רוסלאַנד. און ער קוקט אויס ווי אַ פּ ר אָ ו אָ ק אַ ט אָ ר, דער שורקע. ניין, ער וועט מיך אויף אַזאַ'ן אופן ניט אַריינקריגען. כ'מוז נאָך אַמאָל דורכלעזען דאָס צעטעלע. עס ענטהאַלט אַזויפיעל אויסדריקע, וועלכע איך פערשטעה ניט. איך זאָל „האַלטען מיינע לאַמפּען אַנגעצונדען". וועלכע לאַמפּען? עס זיינען דאָך ניטאָ קיין לאַמפּען אין קעמערל; וואו זאָל איך זיי קריגען? און אויף וועלכע „שרויפען" מוז איך אַכטונג געבען? און די „ביינקלעך" — כ'האָב בלויז אַ שטוהל דאָ. נאָך וואָס זאָל איך דערויף אַכטונג געבען? פּיליכט דאַרף עס געברויכט ווערען אַלס אַ וואַפע. ניין, ס'מוז מיינען עפּעס אַנדערש. דאָס בריוועל זאָגט, אַז ער וועט דאָ זיין מאָרגען. אין זיינע בליקען וועל איך אימשטאַנד זיין צו זאָגען, אויב מען קען איהם גלויבען. יאָ, יאָ, דאָס וועט זיין דאָס בעסטע. כ'וועל וואַרטען ביז מאָרגען. אָה, איך וואָלט שוין וועלען דערלעבען די מינוט!

קאפּיטעל 2.

דער ווילען צו לעבען.

1.

די טעג שלעפּען זיך אונענדליך אין דעם האַלב־דונקעל פונ'ם קעמערל. די טעגליכע קלאַפּעריי רעגולירט מיין לעבען מיט דריי־קענדער מאָנאָטאָנקייט. אָבער דער זין פון מיינע געדאַנקען האָט זיך געענדערט דורך דעם צעטעלע פון דעם געהיימען שרייבער. אומזיסט האָב איך געוואַרט ער זאָל זיך באַוויזען, — דאָך האָט דער געדאַנק וועגען אַנטלויפען אַריינגעגעבען האָפנונג אין מיין האַרץ. דער ווילען צו לעבען הויבט אָן זיך אַרויסצייגען, ווערענדיג וואָס אַ טאָג אַלץ בעשטימטער, אַלץ בעפעהלענדער. איך וואונדער זיך אַליין, וואָס די אידעע וועגען זעלבסטמאָרד קומט מיר אויפ'ן זינען אַלץ זעלטענער און וואָס ווייטער אַלץ אויבערפלעכליכער. דער געדאַנק פון זעלבסט־פערניכטונג פילט מיך אָן מיט שרעק. יעדע מעגליכקייט צו אַנטלויפען מוז צוערשט אויסגעפּרואווט ווערען, פערזיכער איך מיין אונרוהיגען געוויסען. געוויס האָב איך קיין מורא ניט פאַר'ן טויט — ווען די ריכטיגע צייט וועט קומען. אָבער איילען זיך וואָלט געווען זעהר אונבערעכענט; נאָך ערגער, גאַנץ אוננויטיג. מיין פליכט אַלס רעוואָלוציאָנער איז דאָך אויסצונוצען יעדע געלעגענהייט פאַר פּראָפּאַגאַנדע: דאָס אַנטלויפען וואָלט מיר געגעבען פיעלע געלעגענהייטען צו זיין ניצליך פאַר דער בעוועגונג. ס'איז געווען אונבערעכענט פון מיין זייט צו פערדאַ־מען יענעם מאַן, דזשיימסטאַון. איך בין געווען בייז אויף איהם, וואָס ער מאַכט אַזעלכע שהיות און לעגט אַלץ אָפּ צו בעגעהן זעלבסטמאָרד, נעהמענדיג אין אָנבעטראַכט די אונמעגליכע שטראָף

פון זיבעצעהן יאהר וואס ער האט געקריגען. אבער ווירקליך, איך בין געווען אונגערעכט: דזשיימססטאון מאכט, אהן צווייפעל, זיי־נע פלענער. ס׳נעהמט צייט פארטיג צו מאכען אזא אונטערנעה־מונג: מען מוז זיך צוערשט גוט בעקענען מיט דער נייער אומגע־בונג, קריגען א בעגריעף וועגען דעם, וואס עס טהוט זיך אין געפענג־נים. דערווייל האב איך נאך געהאט ווינציג וואס געלעגענהייט דערצו. אפנים, אז עס איז די טאקטיק פון די געפענגנים־בעאמטע מיך צו האלטען אבגעזונדערט, אין איינצעל־ארעסט, און ממילא וועל איך ניט האבען קיין אהנונג פון דעם פערפלאנטערטען סיס־טעם פון קארידארען, דאפעל־טויערען און געדרעהטע דורכגענג. ווען מיר זאל זיך אפילו מאכען א געלעגענהייט און איך זאל זיין פריי צו פערלאזען דיזען פלאץ, וואלט עס געווען שווער פאר מיר אהן הילף צו געפינען דעם וועג ארויסצוגעהן. אה, ווען איך וואלט געהאט דעם צויבער־רינג, וועגען וועלכען ס׳האט זיך מיר גע׳חלומ׳ט נעכטען ביינאכט! ס׳איז געווען א וואונדערליכע קמיע, פערבאר־גען — אזוי האב איך זיך פארגעשטעלט אין חלום — דורך דער געטין פון דער סאציאלער רעוואלוציאן. כ׳האב זי גאנץ דייטליך געזעהן: שלאנק און מאיעסטעטיש, דער גלאנץ פון אלעס־ערָאבע־רענדע ליעבע אין איהרע אויגען. זי איז געשטאנען ביי מיין בעטעל, א שמייכעל פון זעלטענער עדעלקייט האט בעדעקט דאס קעניגין־געזיכט, איהר ארם אויסגעשטרעקט איבער מיר, האלב מיך בענ־שענדיג, האלב אנווייזענדיג צו דער פינסטערער וואנד. נייגעריג האב איך א קוק געטהאן אין דער ריכטונג פון דער אויסגעבויגענער האנד — דארט, אין א שפעלטעל, האט געפונקעלט עפעס א ליכ־טיגע זאך מיט דעם גלאנץ פון פרישען טהוי אין דער מארגען־זון. ס׳איז געווען א הארץ־פארמיגער רינג, צושפאלטען אין רעכטען מיטען. זיינע פונקלענדע שטראהלען האבען בעלויכטען דעם פינס־טערען ווינקעל מיט דעם הייליגען שיין פון א גרויסער האפנונג. אימפולסיוו האב איך אויסגעשטרעקט די האנד און צוזאמענגע־פרעסט די צושפאלטענע טהיילען פונ׳ם רינג, אזוי אז ער איז געווארען גאנץ, און פלוצלונג האבען די שטראהלען ארויסגעפלאצט אין א פייער, וואס האט זיך פערשפרייט און אין א רגע צושמאל־צען דעם אייזען און שטאהל און פונאנדערגענומען די געפענגנים־

ווענט, ענטדעקענדיג פאר מיין ענטציקטען בליק גרינע פעלדער און וועלדער, און מענער און פרויען וואס ארבייטען צופרידען און גליקליך אין דעם זונען־שיין פון פרייהייט. און דאן... איז דאס בילד פערשוואונדען.

אה, ווען איך וואלט איצט געהאט יענעם צויבער־הארץ! צו אנטלויפען, צו זיין פריי! ס'קען זיין, אז מיין אונבעקאנטער פריינד וועט נאך האלטען ווארט. ווארשיינליך פערענדיגט ער זיינע פלענער, אדער פיליייכט איז עס ניט זיכער פאר איהם מיך צו בעזוכען. ווען מיינע קאמעראדען וואלטען מיר געקענט העלפען, דאן וואלט געווען מעגליך צו אנטלויפען. אבער דאס מיידעל און פעדיא וועלען קיינמאל ניט דענקען דערפון, וועלען ניט זעהן די מעגליכקייט. זיי האלטען זיך, אהן צווייפעל, צוריק פון שרייבען, ווייל זיי ערווארטען יעדען מאמענט צו הערען וועגען מיין זעלבסטמארד. ווי אונרוהיג דאס ארעמע מיידעל מוז דאס זיין! דאך האט זי געדארפט שרייבען: ס'איז שוין פיער טעג, זינט מען האט מיך אריבערגעפיהרט אהער, אין צוכט־הויז. יעדען טאג ערווארט איך אונגעדולדיג דעם גייסטליכען, וועלכער צוטהיילט די בריעף — אט איז ער! די שנעלע, נערוועזע טריט זיינען געווארען אזוי היימיש, אזוי בעקאנט פאר מיין אויער. פול מיט ערווארטונג פאלג איך נאך זיינע בעוועגונגען; איך הער דעם שטארקען קלאפ פון דער טיהר און דאס גערויש פון דעם שפרינג־שלאס. די קורצע טריט קלינגען אב אויף דער בריק, וואס פערבינדט די אויבערשטע ראטונדע מיט דער צעלען־אבטהיילונג, און געהען דורך די גאלעריע. די איינזאמע טריט אין מיטען פון דער שטילקייט דערמאנען מיך אן דאס שרעקענדיגע איילען זיך פון איינעם וואס געהט אריבער איבער א בית־עולם ביינאכט. און אט בלייבט דער גייסטליכער שטעהן: ער פערגלייכט דעם נומער פון'ם קלעצעל וואס הענגט אין דרויסען ביים קעמערל מיט'ן נומער וואס געפינט זיך אויפ'ן בריעף. דאס האט זיך אימיצער דערמאנט אן א פריינד אין געפענגניס. די טריט געהען ווייטער און ווערען שוואכער, בעת דער „בריעפענטרעגער" פערקירעוועט זיך אין דעם ווייטען ווינקעל. ער געהט פארביי די רייה קעמערלעך אויף דער אנדער זייט און קומט ענדליך צו דעם עטאזש, וואו עס געפינט זיך מיין

קעמערל. מיין הארץ שלאגט שנעלער, וואס נעהענטער דער קלאנג קומט: ס׳מוז געוויס זיין א בריעף פאר מיר. ער קומט נעהענטער צום קעמערל — ער שטעלט זיך אב. כ׳קען איהם נאך ניט זעהן, אבער איך ווייס, אז ער פערגלייכט די נומערן. פיליכט איז דער בריעף פאר מיר. כ׳האף, אז דער גייסטליכער וועט קיין טעות ניט האבען: אבטהיילונג „קיי״, קעמערל 6, נומער „איי״ 7. עט־וואס לייכטעס פאלט אראב אויף׳ן דיעל פון דעם נעקסטען קעמערל, און די שנעלע, קורצע טריט זיינען מיר פארביינעגאנגען. ניטא קיין פאסט פאר מיר! נאך פיער און צוואנציג שעה מוזען אריבערגעהן, איידער איך קען ערהאלטען א בריעף, און אויך דאן וועט פיליכט דער שוואכער שאטען זיך ניט אבשטעלען ביי מיין טיהר.

2.

דער געדאנק וועגען מיין צווייטען און צוואנציג יעהריגע געפענגניס־שטראף טרייבט מיך צו פערצווייפלונג. איך וואלט זיך בענוצט מיט וואס פאר עס איז מיטלען, ווי שרעקליך זיי זאלען ניט זיין, צו אנטלויפען פון דיעזען גיהנום, צו ווערען ווידער פריי. פרייהייט! וואס וואלט זי מיר ניט געגעבען נאך דיזער ערפאהרונג? איך וואלט געהאט די גרעסטע געלעגענהייט פאר רעוואלוציאנערע טהעטיגקייט. איך וואלט אויסגעקליבען רוסלאנד. די מאסטיאנער האבען מיך פערלאזען. כ׳וועל זיך האלטען ווייט פון זיי, אבער זיי זאלען זיך דערוויסען, וואס אן אמת׳ער רעוואלוציאנער איז פעהיג אויפצוטהאן. אויב ס׳איז דא א פונק פון מוטה אין זיי, וועלען זיי זיך שעהמען פאר דער מיאוס׳ער שטעלונג וואס זיי האבען גענומען צו מיין טהאט, פאר זייער שענדליכער בעהאנדלונג. ווי גערן וועלען זיי דאן זיין צו בעווייזען זייער צוטרוי דורך איבערטריבענער פריינדשאפט און איבערגעבענהייט, צו רעטען זייער שולדיגען געוויסען! עס וואלט מיר ניט פעהלען קיין פינאנציעלע הילף, ווען איך זאל לאזען וויסען אונזערע אינטימע קרייזען וועגען מיינע פלענער פון צוקינפטיגער טהעטיגקייט אין רוסלאנד. עס וואלט געוועזען הערליך, הערליך! ש—ש—

ס׳איז דער גייסטליכער. ווער ווייס? אפשר האט ער בריעף פאר מיר היינט... ס׳קען זיין, אז ער אונטערדריקט בריעף פון

מיינע פריינד; אדער וואהרשיינליך איז דאס גאר דעם פערוואל־טער'ס שולד: די פאסט ווערט אפריהער דורכגעקוקט איז זיין אפיס. — אט געהט דער גייסטליכער ארונטער צו דעם אונטער־שטען שטאק. ער בלייבט שטעהן. ס'מוז זיין א בריעף פאר קע־מערל 2. אצינד קומט ער. דער שאטען איז אנטקעגען מיין טיהר, — אוועק!

„גייסטליכער, איין אויגענבליק, ביטע."

„ווער רופט דאס?"

„דא, גייסטליכער. קעמערל 6, „קיו"."

„וואס איז, מיין יונג?"

„גייסטליכער, כ'וואלט געוואלט עפעס צו לעזען."

„צו לעזען? נו, געווים, מיר האבען אן אויסגעצייכענטע ביב־ליאטהעק, מיין יונג; א זעהר פיינע ביבליאטהעק. כ'וועל אייך שיקען מיין קאטאלאג, און איהר קענט ארויסנעהמען איין בוך יעדע וואך."

„כ'בין ניט געוועזן דא אין דעם טאג, ווען מען נעהמט ארויס ביכער אין דיעזער אבטהיילונג. כ'וועל דארפעןווארטען נאך א וואך. אבער איך וואלט וועלען האבען עפעס דערוויילע, גייסטלי־כער."

„ווי איז דאס, איהר ארבייט ניט, מיין יונג?"

„ניין."

„איהר האט זיך דאך ניט ענטזאגט צו ארבייטען?"

„ניין, מען האט מיר נאך דערווייל ניט אנגעבאטען קיין אר־בייט."

„אה, מען וועט אייך אין גיכען בעשטימען ארבייט. האט גע־דולד, מיין יונג."

„אבער קען איך ניט קריגען עפעס צו לעזען איצט?"

„איז ניטא קיין ביבעל ביי אייך אין קעמערל?"

„א ביבעל? כ'גלויב ניט אין דעם, גייסטליכער."

„מיין יונג, ס'וועט אייך גארניט שאדען, ווען איהר וועט זי לעזען. עס קען אייך גוט טהאן. לעזט זי, מיין יונג."

א רגע בין איך זיך מישב וואס צו זאגען. א פערצווייפעלטע אידעע געהט מיר דורך אין מח.

„גוט, זאָל זיין אזוי, גייסטליכער, כ'וועל לעזען די ביבעל, אָבער מיר געפעלט ניט די מאָדערנע ענגלישע איבערזעצונג. פיי־לייכט האָט איהר אַ ביבעל מיט גריכישע אָדער לאַטיינישע אָנמער־קונגען?"

„ווי, ווי, מיין יונג, איהר פערשטעהט לאַטיין אָדער גריכיש?"

„יא, כ'האָב שטודירט די קלאַסיקער."

דער גייסטליכער קוקט אוים צו זיין פעראינטערעסירט; מיי־נע ווערטער האָבען געמאַכט אויף איהם אַן איינדרוק. ער געהט צו נעהנטער צו דער טהיר, שפּאַרט זיך אַן אַן איהר, ווי איינער וואָס איז גרייט פאַר אַ לאַנגען געשפרעך. מיר ריידען מכח די קלאַ־סיקער, וואו איך האָב געלערענט, וועגען רוסישע שולען, סאָציאַלע צושטענדע. אַן אינטערעסאַנטער און אינטעליגענטער מאַן, דיע־זער געפענגנים־גייסטליכער, אַ מענש וואָס האָט פיעל געררייזט און וועמעס בעזוך אין רוסלאַנד האָט אויף איהם איבערגעלאָזט אַ טיעפען איינדרוק וועגען די מעגליכקייטען פון יענעם לאַנד. ענד־ליך רופט ער צו אַ וועכטער און זאָגט:

„זאָל „איי" 7 מיטגעהן מיט מיר."

מיט אַ פערדעכטיגען בליק אויף מיר, שליסט דער וועכטער אויף די טיהר.

„זאָל איך מיטקומען, גייסטליכער?" פרעגט ער.

„ניין, ניין. ס'איז אַלריט. קומט, מיין יונג."

דורך דער רייהע פון לעדיגע קעמערלעך געהען מיר אַרויף מיט די שטיגען צו דער אויבערשטער ראָטונדע. דאָרט אויף דער לינקער זייט געפינט זיך דער אָפיס פון דעם גייסטליכען. אויפגערעגט און מיט אָפענע אויגען פערשלינג איך יעדען דעטאַיל, יעדע קליי־ניגקייט פון דער אומגעבונג. איך סטאַרע זיך אויסצוקוקען גלייכ־גילטיג, אָבער איך פאָלג נאָך מיט טיעפער אויפמערקזאַמקייט יעדען ריהר פון דעם גייסטליכען, בעת ער קלייבט אוים דעם ראָ־טונדע־שליסעל פון דעם גרויסען בונט אין זיין האַנד און עפענט די טיהר. אַ ליידענשאַפטליכע בענקשאַפט נאָך פרייהייט פערצעהרט מיך. ביי מיר אין מח אַרבייט זיך שנעל אוים אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו אַנטלויפען. דער גייסטליכער טראָגט מיט זיך אַלע שליסלען — ער וואוינטביים פערוואַלטער אין הויז, וואָס איז פערבונדען מיט

דעם געפענגניס — ער איז אזא שוואכינקער — כ'וואלט לייכט גע־קענט אנפאלען אויף איהם און איהם בייקומען — ס'איז דאך קיי־נער ניטא אין דער ראטונדע — כ'וועל איהם פערשטאפען דאס מויל ער זאל ניט קענען שרייען — נעהמען די שליסלען —

„נעהמט א שטוהל, מיין יונג. זעצט זיך. דא האט איהר איינינע ביכער. קוקט זיי דורך. איך האב א צווייטען עקזעמפלאר פון מיין פערזענליכער ביבעל, מיט אנמערקונגען. ס'ליעגט ער־געץ דא."

מיט פיבערישע אויגען קוק איך אויף איהם, ווי ער לעגט אוועק די שליסלען אויפ'ן שרייב־טיש. א שנעלע בעוועגונג, און זיי וואל־טען געווען מיינע. אט דער גרויסער און שווערער שליסעל — ער מוז בעלאנגען צום טויער. ער איז אזוי גרויס — איין זעץ וואלט איהם דער'הרג'עט. אהה, דארט איז א שאפע! דער גייסטליכער נעהמט ארויס געוויסע ביכער פון איהר. ער שטעהט מיט'ן רוקען צו מיר. א שטויס — און איך וואלט איהם איינגעשלאסען אינע־ווענינ... אויף א געהיימען, אונמערקליכען אופן רוק איך זיך צו נעהענטער צום שרייבטיש, ניט ארונטערנעהמענדיג קיין אויג פון די שליסלען. איצט בויג איך זיך אן איבער זיי, מאך זיך כלומר'שט ווי איך בין פערטיעפט אין א בוך, בעת ווען מיין האנד גליטשט זיך פארווערטס, לאנגזאם, פארזיכטיג. שנעל שפאר איך זיך אן אויפ'ן טיש, דאס אפענע בוך אין מיינע הענד פערשטעלט פאל־שטענדיג די שליסלען. מיין האנד ריהרט זיי אן. א פערצווייפעל־טער גיב איך א כאפ דעם גרויסען שווערען בונט, מיין ארם הויבט זיך לאנגזאם אויף —

„מיין יונג, כ'קען גראד איצט ניט געפינען יענע ביבעל, אבער איך וועל אייך געבען עפעס אן אנדער בוך. זעצט זיך, מיין יונג. ס'טהוט מיר אזוי לייד פאר אייך. איך בין א בעאמטער פונ'ם שטאאט, אבער איך דענק, אז מען האט מיט אייך נעהאנדעלט אונגערעכט. אייער שטראף איז צו גרויס. כ'קען גאנץ גוט פער־שטעהן, ווי אזוי איהר, א יונגער ענטהוזיאסט, זיינט געטריבען גע־ווארען דערצו, אין דיעזע אויפרעגענדע צייטען. ס'איז דאך געווען אין פערבינדונג מיט האמסטעד, ניט אזוי, מיין יונג?"

איך לאז זיך צוריק אראב אין שטוהל, צוטרייסעלט, דערשלא־

נען. אט די טיעפע נאטע פון סימפאטיע, די אויפריכטיגקייט פון דער ציטערענדער שטימע — ניין, ניין, כ'קען איהם ניט אנריהרען...

.3

ענדליך פאסט פון ניו יארק! בריעף פון דער מיידעל און מעדיא. מיט א געמישטען געפיהל פון אנגסט און צארן קוק איך אויף דער בעקאנטער האנדשריפט. פארוואס האבען זיי פריהער ניט געשריבען? דער שארף פון ערווארטונג איז אבגעטעמפט, שטומפיג געווארען דורך דעם לאנגען צווייפעל. דאס מיידעל און דאס „צווילינג־קינד", מיינע נאהענטסטע, מיינע אינטימסטע פריינד פון נעכטען, — אבער דער נעכטען שיינט צו זיין אזוי וויט פעררוקט אין דער פערגאנגענהייט, זיין סאמע ווירקליכקייט דער־טרונקען אין דעם שטראם פון זעעלען־פייניגענדע געשעהענישען.

ס'איז דא א טאן פון ענטוישונג, במעט פון ביטערקייט, אין דער מיידעל'ס בריעף. דער דורכפאל פון מיין טהאט וועט אב־שוואכען די מאראלע ווירקונג און פערקלענערען איהר פראפאגאנ־דיסטישען ווערטה. דערצו ווערט נאך די לאגע ערגער דורך מאסט'ן. א דאנק זיין פערראכטענדע האלטונג בלייבען די דייטשען גלייכ־גילטיג. ביז א היבשען גראד איז זאגאר דער אידישער רעוואלו־ציאנערער עלעמענט בעאיינפלוסט געווארען פון איהם. דאס „צווי־לינג־קינד" אין א פערשלייערטען, אונפערשטענדליכען רוסיש, גיט א ווונק וועגען דער פרובירטער פערפאלקאמונג פון מיין ארבייט, וואס איז געפלאנט געווארען, דאך איז אונמעגליך זי צו פערוויר־קליכען.

איך שמייכעל מיט פעראכטונג איבער דער „פערפאלקאמונג", וועלכע האט זאגאר קיין גליק ניט געהאט צו א פערזוך. דער פער־דאמטער פאלשער שטאנדפונקט פון דער מיידעל ברענגט מיך ארויס פון די כלים, און איך בין שרעקליך בייז אויף דער אונצו־פרידענער איבערראשונג וואס איך שפיר אין ביידע בריעף איבער דעם וואס איך לעב נאך וויטער.

איך לייען די ציילען און לייען זיי ווידער, מעהרערע מאל נאכאנאנד. יעדעס ווארט גיסט אריין ביטערקייט אין מיין נשמה. איך בין געווארען קרענקליך, אדער האבען זיי ווירקליך בדעה מיר

פארצואווארפען דאס וואס איך האב ניט בעגאנגען קיין זעלבסט־מארד? מיט וואס פאר א רעכט? אונגעדולדיג דערשטיק איך די בעשולדיגענדע שעפטשענדע שטימע פון מיין געוויסען: „מיט דעם רעכט פון רעוואלוציאנערער מאראל". דער ווילען צו לעבען וואכט אויף ענטשיידענד, און איצט, ביי דער ארויספאדערונג, ווערט ער נאך מעהר ענטשלאסען און בעפעהלענדיג.

ניין, איך וועל שטרייטען און קעמפפען! פריינד אדער פיינד, זיי זאלען וויסען, אז מען קען מיך אזוי לייכט ניט אב'פטר'ן. איך וועל לעבען, זיך צו בעפרייען, צו זיעגען!

קאפיטעל 3.

גייסטערהאפטע שטילקייט.

די שטילקייט ווערט אלץ דריקענדער, די איינזאמקייט אונ־ערטרעגליך. מיין נאטירליכע לעבעדיגקייט ווערט אונטערדריקט פון אן אונבעשרייבליכער מורא. מיט שרעק מערק איך, אז איך פערליר די עלאסטישע בעוועגליכקייט פון מיינע טריט, און שטופענ־ווייז אויך מיין גייסטיגע לעבעדיגקייט. איך פיהל אויסגעמוטשעט אין קערפער און זעעלע.

דער רעגעלמעסיגער קלאנג פון דעם גלאק, וואס רופט צו דער ארבייט אדער צו די מאהלצייטען, שטרייכט אונטער די דענערווי־רענדע רוטינע, גיט איהר צו א בעזונדערע בעטאנונג. ער קלינגט ווי א שלעכטע בשורה אין מיטען פון דער שטילקייט, ווי דער אנזאגער פון אן אונגליק, א שרעקליכען, אונערווארטעטען אונ־גליק. אונבעשטימטע שרעקען, וועלכע ווארפען נאך א גרעסערן פחד דערפאר טאקע וואס זיי זיינען אונבעשטימט, פילען אן מיין הארץ. אומזיסט זוך איך צו דערטרינקען מיינע אונרוהיגע גע־דאנקען אין לעזען און אין פיזישע איבונגען. די וואנד שטעהען ווי אונבעוועגליכע היטער, וואס דריקען מיך פון אלע זייטען, ביז יעדע בעוועגונג ווערט א מאטערניש. אין דעם שטענדיגען האלב־דונקעל פונ'ם פענסטערלאזען קעמערל טאנצען די בוכשטאבען פאר מיינע אויגען. אט ווערען זיי פאנטאסטישע פיגורען, און אט פער־וואנדלען זיי זיך אין לייכען און אין בילדער פון טויט. די קראנק־האפטע בילדער בעצויבערען מיין מח. דער פייפענדער גאז־רעהר אין קארידאר ציהט מיך צו מיט א קראפט וואס איך קען ניט ווי־דערשטעהן. מיט האלב־פארמאכטע אויגען פאלג איך נאך דאס ציטערענדע ליכט. זיינע פונאנדערגעגאסענע שטראהלען בילדען

א קאלעידאסקאפ פון פערשידענארטיגע פיגורען. אט קריסטאלי־זירען זיי זיך אין סצענען פון מיין יוגענד; אט ווייזען זיי מיר א בילד פון מיין ניו יארקער לעבען, מיט אן איבערטריבענער בעלייכ־טונג פון די טראגישע מאמענטען. אט ווערט דער פלאם געטריבען פון א ווינד. ער רייסט זיך אהין און אהער, קעמפפענדיג מיט צארן געגען דער ארומיגער פינסטערניש. ער פייפט און שלאגט זיך אן אן דעם שונא, וועלכער טרעט אויף א ווײלע צוריק, דאן מאכט ער א שריט פארווערטס מיט זיין ריעזיגען שאטען, סטראשענדיג דאס ליכט משוגע'נערווייז אויף דער וויס־געקאלכטער וואנד. קוק! דער שאטען וואקסט און וואקסט, ביז ער דערגרייכט די אייזערנע גראטעס, וועלכע פאלען שווער הינטער מיר, בעת די וועכטער פיהרען מיך דורך דעם קארידאר.

„אצינד ביזט דו אין דערהיים,“ מאכט דער וועכטער צו מיר מיט שפאט. איך קוק זיך אום. די גראע מאסע הענגט איבער מיר, קאלט און דראהענד, און אויף איהר ראנד שטעהט די שווארצע פיגור, וואס לאכט פון מיר מיט טריאומף. די ווענט זיינען בייז אויף מיר. זיי קוקען אוים ווי מענשליכע וועזענס אין זייער בייזער אונבעוועגליכקייט. זייערע ריעזיגע ארעמס הויבען זיך אויף אין דער נאכט, אזוי ווי זיי וואלטען וועלען מיך צושמעטערען אין איין רגע. איך פיהל זיך אזוי קליין, אזוי אונבעשרייבליך שוואך און שוצלאז אין מיטען פון דיזער איינזאמקייט — דער אטהעם פון קבר איז אויף מיין פנים, ער קומט אלץ נעהענטער, ער רינגעלט מיך ארום און פערשטעלט מיר די לעצטע שטראהלען פון די אויגען. אין שרעק בלייב איך שטעהן.... די קייט ווערט שטייף, די שארפע ברעגען שניידען זיך איין אין מיין ארעם. איך פאל אום אויפ'ן פנים, און איך כאפ זיך אויף אויפ'ן באדען פון קעמערל.

אונרוהיגע חלומות און קאשמארען פילען אוים די לאנגע נעכט. מיט פליים הער איך זיך צו און קוק אוים אויף דעם קלאנג פון גלאק, וואס קומט פערטרייבען די פינסטערניש. אבער דער אנ־קומענדער טאג ברענגט ניט קיין האפנונג און קיין פרייד. טריעב אזוי ווי נעכטען, אהן אינטערעס ווי די מארגענס וואס פאלגען איהם נאך אהן א סוף, פוסטע און בלייענע: די גרילצענדע וועגע־לער, אנגעלאדען מיט אלט־געבאקענע ברוים; די ברוינע פליסיג־

קייט, וואָס האָט קיין טעם און קיין ריח ניט; די פערבייגעהענ־דע שורות פון דער געפּאַסעוועטער מענשליכער נויט; די רויע, גראָבע בעפעהלען; די שווערע טריט; און דאָן — די שטילקייט פונ׳ם קבר.

צו וואָס נאָך פאַרטזעצען די אומזיסטע, נוצלאָזע מאַטערניש? עס וועט דער בעוועגונג גאָרנישט אַרויסקומען, ווען איך וועל פער־ציהען, פערלענגערן די גסיסה. אַלע אויסגענגע, אַלע טיהרען פון רעטונג זיינען פערשלאָסען; דאָס געפענגנים קען מען ניט דורכ־דרינגען. די גוטע מענשען האָבען ניט געקאָרגט און גוט בעפעס־טיגט דיזע מאָדערנע באַסטיליע; די גרויסע וועלט מעג שלאָפען רוהיג, אונגעשטערט פון די מאַרטירער־יסורים. קיין געשריי פון אַ געפּייניגטער זעעלע וועט ניט דורכדרינגען דיזע ווענט פון שטיין, און נאָך ווייניגער די הערצער פון די מענשען. צו וואָס זשע נאָך פערלענגערן די גסיסה? קיינער קוקט זיך ניט אום, קיינעם אַרט ניט, אויסער פיליכט מיינע קאַמעראַדען, — און זיי זיינען ווייט אַוועק און הילפלאָז.

הילפלאָז, פאַלשטענדיג הילפלאָז. אָה, ווען די בעוועגונג וואָלט געווען שטאַרק, דאַן וואָלט דער שונא ניט געוואַגט צו בעגעהן אַזעלכע נעוואַלט־טהאַטען, וויסענדיג, אַז אַ שנעלע אונ־ברחמנות׳דיגע נקמה וועט גענומען ווערען פאַר אונגערעכטיגקייט. אָבער דער שונא קען אונזער שוואַכקייט. צו אונזער אייביגער שאַנדע איז נאָך קיין ראַכע ניט גענומען געוואָרען פאַר דעם פערברעכען פון שיקאַגאָ. **Vae Victis!** וועה צו די בעזיעגטע! זיי וועלען אויף אימער זיין די קרבנות. נור מאַכט ווערט רעספּעקטירט; מאַכט אַליין נור קען ווירקען אויף טיראַנען. ווען מיר וואָלטען געהאַט די קראַפט, — אָבער אויב די יוסטיץ־מאָרדען פון 1887 האָבען ניט אַרויסגערופען מעהר ווי פּאַסיווע עמפּעהרונג, קען איך דען ערוואַרטען ראַדיקאַלע פאָלגען צוליעב דעם וואָס מען האָט מיך אויף אַן איבעריג ברוטאַלען אופן פעראור־טהיילט? דאָס איז ניט צו ערוואַרטען. פינף יאָהר זיינען שוין פערביי זינט דער העימאַרקעט־טראַגעדיע. פיליכט האָט דאָס פאָלק זינט דאַן עפּעס געלערענט אין דער שולע פון אונטערדריקונג און נידערלאַגעס. אָה, ווען דער אַרבייטער וואָלט נור פאַרשטאַנען

מיינע ציעלען און מאָטיווען, וואָלט מען איהם געקענט אויפוועקען צו אַ שטאַרקען פּראָטעסט, פיליכט אויך צו אַן אַקטיווער פאַ־דערונג. אָה, יאָ! אָבער ווען, ווען וועט דער שוטה אַנהויבען צו בעגרייפען? ווען וועט ער עפענען זיינע אויגען? ער איז דאָך אַזוי בלינד, אַז ער זעהט ניט זיין אייגענע פערשקלאַפונג און ערני־דערונג, טאָ ווי קען איך פון איהם ערוואַרטען צו בעגרייפען דאָס אונרעכט וואָס אַנדערע ליידען? און ווער וועט איהם אויפקלעה־רען? קיינער בעגרייפט ניט די וואַרהייט אַזוי טיעף און אַזוי קלאָהר, ווי מיר אַנאַרכיסטען. זאָגאַר די סאָציאַליסטען וואָגען ניט צו פּרעדיגען דעם גאַנצען, אונפאַלירטען אמת. זיי האָבען בעקליידעט די פרייהייטס־געטין מיט אַ פייגען־בלאַט; רעליגיאָן, דער סאַמע קוואַל פון פאַנאַטיזם און אונגערעכטיגקייט, איז פון זיי אָפיציעל ערקלעהרט געוואָרען אַלס פּ ר י וו אַ ט ־ ז אַ ך. אָט די שרעקעדיגע וועלט־בעפרייער מוזען אַלזאָ פון איצט אָן זיין פאַרזיכטיג, חלילה ניט אָנצוטרעטען אויף די היהנער־אויגען פון פאַראורטהייל און אַבערגלויבען. אין גיכען וועלען זיי ווערען בור־זשואַזנע בכבוד'יג, אַ פּאַרטיי פון „פּראַקטישע" פּאָליטיק און פון „געזונדער" מאָראַל. וואָס פאַר אַ מיזעראַבלעם ארונטערפאַלען פון די בערג־שפּיצען פון ניהיליזם, וואָס האָט פּראָקלאַמירט ווידער־שטאַנד געגען אַלע איינגעאָרדענטע אינסטיטוציאָנען, דערפאַר ווייל צוליעב דעם אַליין שוין וואָס זיי זיינען איינגעאָרדענט גע־וואָרען, טויגען זיי ניט. ווירקליך, ס'איז דאָך ניטאָ קיין איינציגע אינסטיטוציע אין אונזער כלומר'שטער ציוויליזאַציאָן, וואָס איז בערעכטיגט צו עקזיסטירען. אָבער נור די אַנאַרכיסטען וואָגען צו קעמפּפען געגען יעדע פאָרם פון אונגערעכטיגקייט, און זיי זיינען קליין אין צאָהל, אָרים אין כחות. די אינערליכע צושפּליטערטקיי־טען פערגרעסערען נאָך דערצו אונזער שוואַכקייט; און איצט האָט זאָגאַר מ אָ ס ט מיך פערלאָזען. די אידישע גענאָסען ווע־לען בעאיינפלוסט ווערען פון זיין שטעלונג. בלויז דאָס מיידעל בלייבט. אָבער זי איז יונג אין דער בעוועגונג און כמעט אונבע־קאַנט. זי האָט אַהן צווייפעל טאַלאַנט אַלס רעדנעריו, אָבער זי איז אַ פרוי, ניט קיין איבעריגס געזונדע. אין דער גאַנצער בעווע־גונג קען איך ניט איינעם וואָס זאָל זיין פעהיג אויף פּראָפּאַגאַנדע

דער טהאַט אָדער אויף אַ ראַכע־אַקט, אויסער דער „צווילינג“. ווענינגסטענס קען איך פון קיין אַנדער געניאַסע ניט ערוואַרטען צו אונטערנעהמען אַזאַ געפעהרליכע אויפגאַבע, מיך צו רעטען פון געפענגניס. דער „צווילינג“ איז אַן אמת׳ער רעוואָלוציאָנער; אַביסעל אימפולסיוו און אונפעראַנטוואָרטליך פיליכט, מיט קליי־נע אַריסטאָקראַטישע נייגונגען, דאָך קען מען זיך פערלאָזען אויף איהם אין וויכטיגע רעוואָלוציאָנערע אַנגעלעגענהייטען. אָבער איהם וועט אפילו ניט איינפאַלען דער געדאַנק מיר צו העלפען אַנטלויפען. מיר האָבען אימער געהאַט אַזעלכע מאָדנע בעגריפען וועגען געפענגניסע: דער אַנבליק פון אַ פּאָליציי־מונדיר, אַן אַרעסט, פלעגט אַרויסרופען ביי אונז בילדער פון אַ טיעפען, גרונד־לאָזען אַבגרונד, אונבעדינגטע, אַבסאָלוטע פערשווינדונג. ווי אין רוסלאַנד. ווי אַזוי קען איך גאָר פאַרלעגען דעם פּלאַן פאַר דעם „צווילינג“? אַלע בריעף געהען דורך די הענד פון׳ם צענזאָר; ספּעציעל מיינע בריעף — די בריעף פון אַן אַנאַרכיסט, וואָס איז פעראורטהיילט געוואָרען אויף אַזאַ לאַנגען טערמין; זיי וועלען זיכער פּאָרזיכטיג דורכגעקוקט ווערען. עס זעהט זיך ניט קיין מעגליכקייט. איך בין בעגראָבען לעבעדיגערהייט אין דיזען שטיי־נערנעם קבר. ניטאָ קיין האָפנונג צו קענען אַנטלויפען. און אַט די גסיסה פון אַ לעבעדיגען טויט — איך קען עס ניט אויסהאַל־טען...

קאפיטעל 4.

א שטראהל פון ליכט.

איך בענק נאך געזעלשאפט. בלויז דער אנבליק פון א מענש־ליכער געשטאלט איז פאר מיר אן ערלייכטערונג. יעדען פריהמאר־גען, נאך פריהשטיק, הער איך זיך נייגיעריג צו צו דעם בעקאנטען גערויש אויף די פיער־עקיגע ברוק־שטיינער פונ׳ם קארידאר. ס׳איז דער אלטער ארעסטאנט וואס פאסט אויף אויף א רייה געפענגניס־צעלען, ער קעהרט אויס דעם קארידאר. מיט די זינליכע ליפען צו־זאמענגעדריקט, אזוי ווי ער וואלט וועלען פייפען, בעוועגט דער איין־האנטיגער ארעסטאנט דעם בעזים מיט זיין לינקער האנד, האלטענדיג דעם שטעקען פון בעזים צוזאמענגעדריקט אונטער דער פאכווע.

„העלאו, אלעק! ווי פיהלסטו זיך היינט?"

ער שטעהט געגענאיבער מיין קעמערל, לעבען דער אנטקעגענדיגער וואנד, און דער בעזים בלייבט הענגען אין זיין האנד אין מיטען קעהרען. איך ווארף פון צייט צו צייט א בליק אויף זיינע פריינדליכע בלויע אויגען, בעת ווען ער האלט אין איין בעוועגען זיין קאפ רעכטס און לינקס, זיך אומקוקענדיג, צי א וועכטער קומט ניט אן.

„ווי געהט עס דיר, אלעק?"

„אה, ווי געוועהנליך."

„איך וויים וואס דאס איז, אלעק. כ׳בין דורכגעגאנגען דעם חדר. קאנטראליר נור דיינע נערוועז, ס׳וועט נאך אלץ גוט ווערען, מיין פריינד. דו ביזט נאך יונג. דו ביזט נאך יונג."

„אלט גענוג צו שטארבען," זאג איך מיט א ביטערען טאן.

„ש—שאַ! רייד ניט אַזוי הויך. דער שרייפעל האָט לאַנגע אויערען."

„דער שרייפעל?"

אַ ווילדע האָפנונג ציטערט אויף אין מיין האַרץ. דער „שריי־פעל"! דער רעטונגהאַפטער אויסדרוק אין דעם געהיימניספולען צעטעלע, — פיליכט האָט עס דיזער מענש געשריבען. אין אַנגס־טיגער ערוואַרטונג פאָלג איך נאָך די בעוועגונגען פון דעם אַלטען אַרעסטאַנט. ער שטעהט שוין מיט זיין רוקען צו מיר, דעם קאָפּ אַנגעבויגען, און שנעל בעוועגט ער דעם בעזים מיט זיין איינציגער האַנד. „שאַ—שאַ!" וואַרנט ער, זיך ניט אומקוקענדיג, בעת ער קרייצט דורך דעם קאָרידאָר.

איך הער זיך אַבזיכטליך צו. קיין שום קלאַנג, אויסער דאָס געוועהנליכע שאַרענדיגע גערויש פון בעזים. אָבער דאָס ערפאַה־רענע אויער פון דעם אַלטען אַרעסטאַנט האָט קיין טעות ניט גע־האַט. אַ לאַנגער שאָטען פאַלט אויף דער וואַנד, אַנטקעגען מיין קעמערל. דער הויכער וועכטער מיט די רשעות'דיגע אויגען שטעהט ביי מיין טיהר.

„וואָס קוקסט דו אַרויס?" פרעגט ער.

„איך קוק ניט."

„דו דערצעהל מיר קיין מעשיות נישט. שטעה דאָרט אינע־וועניג אין דיין לאָך. שפּאַר זיך ניט אָן דאָ אָן דער טיהר, דו הערסט?"

איבער'ן קאָרידאָר צושרייט זיך דער וועכטער:

„העי, דו קריפּעל! האָסט גערעדט דאָרט, האַ?"

„ניין, מיין הערר."

„דו זאָלסט ניט סמייען מיר אָבצולייקענען. דו האָסט גע־רעדט."

„כ'שווער ביי גאָט, אַז ניט."

„נו־נו, לאָמיך דיך נור פּאַקען, ווי דו רעדסט מיט יענעם ממזר דאָרט — כ'וועל דיר שוין געבען!"

דאָס שאַרען מיט'ן בעזים האָט אויפגעהערט. דער אַרעס־טאַנט ווישט אָב דעם שטויב פון די טיהרען. די רעגעלמעסיגע

קלעפּ פון זיין בארשט דערנעהענטערען זיך. ווידער אמאל שטעלט זיך דער מאן אב ביי מיין טיהר, אומדרעהענדיג דעם קאפּ נאך רעכטס און לינקס, בעת ער ארבייט פלייסיג מיט זיין שטויב־בערשטעל.

„אלעק", שעפּטשעט ער, „היט זיך פאר אט דעם „שרייפעל". דאס איז א — — . האסט געזעהן ווי ער האט זיך א ווארף גע־טהאן אויף מיר?"

„וואס וואלט ער אייך געטהאן, ווען ער זעהט ווי איהר רעדט מיט מיר?"

„וואלט מיך אריינגעווארפען אין לאך, אין קערקער, פער־שטעהסטו מיך. און איך וואלט נאך פערלארען מיין דזשאב אויך."

„אויב אזוי, רעדט בעסער ניט מיט מיר."

„אה, איך האב קיין מורא ניט פאר איהם. ער קען מ י ך ניט כאפּען, ניט ער. ער האט ניט געזעהן ווי איך האב גערעדט; ער האט נור געמאכט דעם אנשטעל אזוי. אבער מ י ך קען ער ניט נארען."

„אבער זייט פארזיכטיג."

„זיי רוהיג. ער איז ניטא איצט, ער איז ארוים אין הויף. ער האט דא סיי ווי ניט וואס צו טהאן, אויסער אין צייט פון עסען. נור ער זוכט גלאט אזוי אנצוטהאן צרות. א געמיינער יונג איז ער, אט דער קארן־ברויט־טאם."

„ווער?"

„אט דער „שרייפעל" פעלינגס. מיר רופען איהם קארן־ברויט־טאם, ווייל ער בע׳גנב׳עט אונזער קארן־קעסטעל."

„וואס איז א קארן־קעסטעל?"

„הא־הא! יעדען דיענסטאג און שבת קריגען מיר א שטיקעל קארן־ברויט אויף פריהשטיק. ס׳איז ניט קיין גרויסע מציאה, אבער אלץ בעסער ווי אלט־געבאקענע „פאנק". ווייסט וואס „פאנק" איז? ביזסט, ווייזט אויס, נאך ניט בעקאנט מיט אונזער שפראך, הא? „פאנק" איז ברויט, און פארהאן חברה־לייט, וואס זיינען „פאנק", פערשטעהסט?"

ער לאכט פרעהליך, אזוי ווי עס וואלט זיך איהם איינגעגעבען צו זאגען א געלונגענע ווערטעל. מיט אמאל שפּיצט ער אן זיינע

אויערען און מיט א שנעלער ווארנענדיגער בעוועגונג גהעט ער אוועק אויף די שפיץ פינגער פון מיין קעמערל. אין א פּאָר מינוט ארום איז ער דאָ צוריק און ער שעפּטשעט:

„אלעס איז אין בעסטער אָרדנונג. דער וועג איז פריי. טאָם'ן האָט מען אוועקגערופען אין שאָפּ. וועט ניט זיין צוריק ביז מי־טאָג, גאָט זיי דאַנק. בלויז דער „קעפּטען" איז דאָ אין צעלען־הויז, דער אַלטער מ י ט ש ע ל, וואָס גיט אַכטונג אויף דיזען פליגעל. דאָס הייסט, די צפון־אָבטהיילונג פון דעם צעלען־הויז."

„ווי איז דאָס. די פרויען זיינען אין דער דרום־אָפּטיילונג?"

„ניין. די ווייבער האָבען א ספּעציעלע געביידע. די דרום־אָב־טהיילונג איז דאָס נייע צעלען־הויז, נור וואָס געענדיגט. שוין איבערפילט, און פרישע העכט קומען צו יעדען טאָג. נישקשה, דאָס געריכט זיצט ניט לעדיג אין פּיטסבורג. קענסט דאָ אימיצען?"

„ניין."

„נו, בעקען זיך, אלעק. דאָס וועט דיר פערשאַפען אינטערעס. כ'מיין, דאָס איז וואָס דיר פעהלט. איך וויים, ווי דו פיהלסט, מיין יונג. כ'האָב געמיינט איך וועל שטאַרבען, ווען איך בין אהער אָנגעקומען. ס'א שרעקליכער מיסטקאַסטען. א חברה־מאַן האָט מיר געראָטהען זיך צו פעראינטערעסירען און שליסען בעקאַנט־שאַפטען. כ'האָב געמיינט ער מאַכט חוזק פון מיר, אָבער ער האָט עס געמיינט גאַנץ ערנסט. מאַך בעקאַנטשאַפט, אלעק; דו וועסט פון זינען אראָב, אויב דו וועסט דאָס ניט טהאָן. איצט מוז איך זיך אָבטראָגען. כ'וועל זיך זעהן מיט דיר שפּעטער. מיין נאָמען איז ווינגיע."

„ווינגיע?"

„יאָ, ווינגיע; דער פליגעלמאַן, הייסט עס. אזוי רופען זיי מיך דאָ, כ'בין אַן אלטער סאָלדאַט; בין געוועזען ביי „בול ראַן". כ'בין געלאָפען אזוי פערדאַמט שנעל, אז איך האָב פערלאָרען מיין רעכטען פליגעל. האַ, האַ, האַ! נו, אויף ווידערזעהן."

נייגיעריג קוק איך אַרום אויף די גע'גנב'עטע, געהיימע גע־שפּרעכען מיט ווינגיע'ן. זיי זיינען די איינציגע אונטערברעכונג אין מיין מאָנאָטאָנעם לעבען. אָבער טעג געהען פערביי און

איך רייד מיט קיינעם ניט אויס קיין ווארט. שטיל־שווייגענדיג געהט זיך דער איין־האנטיגער ארעסטאנט פערביי; ס'קוקט אויס אזוי ווי ער וואלט גארניט געוואוסט אז איך לעב אויף דער וועלט. בעת ווען איך קוק ארום מיט הארץ־קלעמעניש דורך די גראטעס און ווארט אויף אן ערמונטערענדען צייכען פון דערקענונג. נאר דער שנעלער וואונק פון זיין אויג פערזיכערט מיך, אז ער אינטערעסירט זיך מיט מיר, און מיט זיין בליק ווארענט ער מיך, אז דער וועכטער שפיאנירט.

ביסלעכווייז, א דאנק ווינגיע'ס געשייטקייט, קריגען מיר אלץ אפטערע געלעגענהייטען צו האבען קורצע געשפרעכען, און איך דערוויס זיך א סך וויכטיגע זאכען וועגען דעם געפענגניס. די ארעסטאנטען סימפאטיזירען מיט מיר, זאגט ווינגיע. זיי וויסען, אז איך בין אויפריכטיג. איך קען דא זיכער געפינען פריינד, נאר איך דארף זיך היטען פאר די אונטערגעשטעלטע ארעסטאנטען־שפיאנען, וועלכע טראגען אלעס אב צו די בעאמטע. ווינגיע איז בעקאנט מיט דער געשיכטע פון יעדען וועכטער. די מעהרסטע פון זיי זיינען פאסקודניאקעס, פערזיכערט ער. ספעציעל דער קעפטען פון דער ביינאכטיגער וואך, ער איז א שרעקליכער מענש און א געוועזענער געהיים־פאליציסט. בלויז דריי „שרייפלער” האלטען וואך איבער יעדע אבטהיילונג ביינאכט, אבער עס זיינען פאראן א הונדערט אויפזעהער צו „פערוואלטען דעם מיסטקאסטען” אין פערלויף פון טאג. ווינגיע פערשפרעכט מיר צו זיין מיינער א פריינד און מיר צו געבען אלץ מעהר און מעהר אינפארמאציעס וועגען דעם געפענגניס.

קאַפּיטעל 5.

די ווערקשטאַט.

.1

איך שטעה אין איין רייהע מיט א טוץ ארעסטאַנטען אין פאדער־צימער פון דעם „דעפּיוטי׳ס" אָפיס. א געפיהל פון ערני־דערונג בעהערשט מיך, בעת מיין אויג פאַלט צום ערשטען מאָל אין מיטען העלען טאָג אויף מיינע געשטרייפטע קליידער. איך בין געזונקען, ערנידעריגט צום צושטאנד פון א חיה! מיין ערשטער איינדרוק פון אַן ארעסטאַנט אין.געשטרייפטע קליידער איז א פיינליך־לעבהאפטער: עהנליך צו א געפעהרליכער ווילדער חיה. עפּעס האָט זיך דער בעגריעף פערבונדען ביי מיר אין מח מיט׳ן בילד פון א ווילדער טיגעריןן, — און אויך איך מוז איצט האָבען אזא אויסזעהן.

די טהיר פון דער ראָטונדע עפענט זיך פונאנדער, און עס בעוויזט זיך די שלאַנקע, מאָגערע געשטאַלט פון „דעפּיוטי", פון דעם געהילפס־פערוואַלטער.

„די הענד אין דער הויך!"

דער „דעפּיוטי" געהט לאַנגזאַם פערביי דער רייהע. דאָ און דאָרט שטעלט ער זיך אָב און בעטראַכט א האַנד פון אַן ארעס־טאַנט. ער טהיילט פונאנדער די מענער אין גרופּען, דאַן, אַנוויי־זענדיג אויף דער גרופּע, אין וועלכער איך בין געוועזן איינגעשלאָ־סען, זאָגט ער מיט זיין ווייבליכער שטימע:

„ניטאָ קיין איין קריפּעל. וועכטער, נעהמט זיי, הם, הם, צום נומער זיבען. גיט זיי איבער צו מר. הודס."

„אריין אין דער רייהע! פאָרווערטס, מאַרש!"

מיין אויפגעבראַכטקייט געגען דעם וואָס מען בעהאַנדעלט אונז אזוי ווי בהמות, געהט איבער אין א מין נייגיעריגער ערוואַר־

טונג. ענדליך שיקט מען מיך צו דער ארבייט! איך שפעקוליר איבער דעם כאראקטער פון דעם „נומער זיבען“ און איבער די מעגליכקייטען צו אנטלויפען פון דארטען. מיט די וועכטער ביי דער זייט געהען מיר דורך דעם געפענגניס־הויף, נאכפאלגענדיג אין די פוס־טריט פון די וואס געהען פאראויס. די וואך־לייט געהען ארום אויף דער מויער, זייערע ביקסען הענגען לויז אויף זייערע אויסגעבויגענע ארעמס, און זיי קוקען דירעקט אויף דער גע־שטרייפטער ליניע, וואס דרעהט זיך ווי א שלאנג דורך דעם אפענעם רוים. דער הויף איז גרויס און ריין, די לאנקע גוט אבגעהיט און צוציהענד. דער ערשטער אטהעם־צוג פון פרישער לופט פאר צוויי וואכען צייט, פערשארפט געוואלדיג מיין בענקשאפט נאך פריי־הייט. ווער ווייס? פיללייכט וועט די ווערקשטאט געבען א מעג־ליכקייט צו אנטלויפען. דער געדאנק טרייבט מיך צו מאכען בע־אבאכטונגען. ארומגערינגעלט צו צפון, מזרח און דרום דורך דער שטיינערנער מויער, בילדען די צוויי אבטהיילונגען פון דעם צע־לען־הויז א שטארק פערצאמטען פיער־עקיגען פלאץ וואס שליסט איין אין זיך די ווערקשטאטען, די קיך, דעם האספיטאל און ווייט צו דרום צו, דעם פרויען־געפענגניס.

„ארויס פון דער רייהע!“

מיר געהען אריין אין נומער זיבען, א ווערקשטאט פון ראַ־גאזשעס. מיט שוועריגקייט קען איך עפעס דערזעהן אין דעם טונקעלען צימער, מיט דער נידעריגער סטעליע און די קליינע פענס־טער, פערצאמט מיט גראטעס. די לופט איז שווער, אנגעפילט מיט שטויב; די וועב־שטוהלען רוישען צום טויב ווערען. אן אט־מאספערע פון טומלענדער מרה־שחורה פילט אן דעם פלאץ.

דער בעאמטער וואס פאסט אויף אויף דער ווערקשטאט פיהרט מיך צו צו א מאשין, נעבען וועלכער עס זיצט אן אויסגעדארטער ארעסטאנט אין געשטרייפטע קליידער. „דזשים, ווייז איהם וואס צו טהאן.“

א היבש שטיקעל צייט געהט פארביי אהן דעם, אז דזשים זאל זיך אפילו אומקוקען אין מיין זייט. ער זיצט שטארק אנגע־בויגען איבער זיין מאשין און עס קוקט אויס, אז ער איז זעהר פערטיעפט אין זיין ארבייט. זיינע הענד בעוועגען זיך געשיקט ארום ביים וועב־אינסטרומענט, זיין פוס האלט ער אויפ'ן טרעטער.

אין אַ ווײלע אַרום ווענדעט ער זיך צו מיר מיט אַ הײזעריגער, שעפּטשענדער שטימע:

„אַ פרישער העכט?"

„וואָס האָט איהר געזאָגט?"

„זאָג נור, ביזסט שוין לאַנג דאָ?"

„צוויי וואָכען."

„וויפיעל דאַרפסט דו זיצען?"

„איין און צוואַנציג יאָהר."

„דו שפּאַסט, וואָס?"

„ס'איז דער אמת."

„ווירקליך? הייליגער יעזוס!"

דאָס וועב־שיפעלע פליהט אַהין און צוריק. אַ ווײלע בלײבט דזשים שטיל, דאַן טהוט ער פּלוצלונג אַ פרעג:

„פאַרוואָס האָבען זיי דיך געשיקט אַהער?"

„איך ווייס ניט."

„האָסט זיך „געבריקעט"?"

„ניין."

„דאַן ביזסט דו אַ צודרעהטער."

„פאַרוואָס בין איך עפּעס אַ צודרעהטער?"

„דאָס איז אַ ווערקשטאַט פאַר צודרעהטע. זיי שיקען קיינמאָל ניט אַהער אַן אַרעסטאַנט, סיידען ער איז צודרעהט, אָדער פיליײכט ווילען זיי זיך מיט דיר אָברעכענען."

„ווי קומט עס וואָס א י ה ר זיינט דאָ?"

„איך? דער גאָט־פערדאַמטער — — האָט עס מיר צוגעדיענט. זעהסט דאָס?" ער ווייזט אָן אויף אַ טיעפען שניט איבער זיין שלייף. „כ'האָב געהאַט אַ געשלעג מיט די „שרייפלער", האָבען מיך שיער ניט דערשלאָגען אויף טויט. ס'איז געוועזן אָט דער גרויסער וועכטער, פּיט הודס. אָבער נישקשה, כ'וועל ווערען קוויט מיט א י ה ם. פערדאַמט זאָל ווערען זיין צופוילטע זעעלע. כ'וועל איהם דער'הרג'ענען. ביי גאָט, איך וועל עס טהאָן. איך וועל דאָך דאָ סיי ווי קראַפּירען."

„ס'איז פיליײכט נאָך ניט אַזוי שלעכט," פּרוביר איך איהם טרייסטען.

„ניט אַזוי שלעכט, עה? וואָס ווייסט ד ו וועגען דעם?

איך האב שוין די שווינדזוכט אזוי ריכטיג, כ׳שפיי מיט בלוט יעדע נאכט. דיזער שטויב הרג׳עט מיך אוועק. וועט אייך דיך אוועק׳הרג׳ענען, פערדאמט שנעל.״

און אזוי ווי אויף ריכטיג צו בעשטעטיגען זיינע ווערטער, כאפט איהם אן א הוסט־ספאזם וואס האלט אן א היבשע ווײלע, און יעדער הוסט קומט פון א פוסטער פאס.

דאס וועב־שיפעלע האט זיך דערוויל פערפלאנטערט אין די פרענז פון דער ראגאזשע. אזוי גיך ווי ער קומט צוריק צו זיך, כאפט דזשים דעם מעסער וואס ליעגט ביי זיין זייט און פלינק, מיט זיין געאיבטער האנד, בעפרייט ער דעם מעטאל פונ׳ם פלאנ־טער. ווידער לויפט דער גלאנציגער אינסטרומענט הין און צוריק, און דזשים איז ווייטער פערטיעפט אין זיין ארבייט.

„לאז מיך צורוה, שטער מיר ניט,״ ווארנט ער מיר, „איך בין הינטערשטעליג מיט מיין ארבייט.״

מיט יעדען מוסקעל פון זיין לאנגען קערפער אנגעשטרענגט, בויגט זיך דזשים איבער זיין וועב־שטוהל. דא ציהט ער און דא רייסט ער און שטרענגט זיך אן מיט אלע כחות צו ענדיגען ווי אם שנעלסטען זיין טאג ארבייט.

דער וועכטער גערט צו.

„נו, ווי געהט עס מיט איהם?״ פרעגט ער און ווייזט אן אויף מיר, א שאקעל טהאנדיג מיט׳ן קאפ.

„ער איז אלרייט. אבער הערט אויס, הודס, דאס דא איז ניט קיין פלאץ פאר דעם בחור׳ל. ער איז פעראורטהיילט אויף איין־און־צוואנציג יאהר.״

„פערמאך דיין פערדאמטען שנוק!״ ענטפערט דער בעאמ־טער מיט צארן. דער שווינדזיכטיגער בויגט זיך אריבער איבער זיין ארבייט, קוקענדיג מיט מורא אויף דעם וועכטער׳ס מאס־שטעי־קען.

ווען דער בעאמטער דרעהט זיך אויס אוועקצוגעהן, בעט זיך ביי איהם דזשים:

„מר. הודס, איך פערליר צייט לערנענדיג. ווילט איהר אזוי גוט זיין און אראבנעהמען ביי מיר אביסעל ארבייט? די ארבייט איז מעהר וויפיעל איך קען מאכען, און איך בין קראנק.״

„דומהייטען. ס׳פעהלט דיר גארנישט, דזשים; דו ביזסט נור

פויל, דאָס איז אַלעס. נו, נו, מאַך נור קיין אָנשטעל ניט. דו װייסט דאָך, אַז דאָס געהט ניט ביי מ י ר.״

מיטאָג־צייט רופט מיך דער אויפזעהער אַב אַן אַ זייט.

„דו ביזסט נאָך ניי דאָ,״ װאָרנט ער מיר, „שענק ניט קיין אויפמערקזאַמקייט צו דזשים׳ן. ער האָט געװאָלט זיין שלעכט, האָבען מיר איהם געװיזען, אַז ביי אונז געהט דאָס ניט. ער איז שוין א י צ ט אַלרייט. דו דאַרפסט דאָ בלייבען אַ לאַנגע צייט; זעה, פיהר זיך אויף גוט. דאָס איז ניט קיין פּלאַץ זיך צו שפּיעלען, דו פערשטעהסט?״

בעת איך האָלט שוין ביים פערנעהמען מיין פּלאַץ אין דער רייהע װאָס שטעלט זיך אויס צו מאַרשירען צוריק צו די קעמערלעך עסען מיטאָג, רופט ער מיך װידער אַמאָל:

„הער, אַלעק, דו האָלט אַקאָרשט אַן אויג אויף אַט דעם חברה־מאַן דזשים. ער איז אַביסעל צודרעהט. װייסט דאָך װאָס איך מיין.״

און דאָס זאָגענדיג, װייזט ער אַן אויף מיין קאָפּ מיט אַ בעדייטונגספולער קיילעכדיגער בעװעגונג.

2.

די ראַגאַזשע־װערקשטאַט הויבט אַן אונטערגראָבען מיין געזונד: דער שטויב האָט פעראורזאַכט אַן ענטצינדונג אין מיין האַלז, און מיין ראיה װערט שװאַכער אין דעם שטענדיגען האַלבדונקעל. דער אויפזעהער האָט עטליכע מאָל אויסגעדריקט זיין אונצופרידענהייט מיט מיין לאַנגזאַמען פאָרטשריט אין דער אַרבייט. „איך װעל דיר געבען נאָך איין געלעגענהייט,״ האָט ער מיר נעכטען געװאָרענט, „און אויב דו װעסט ביז נעכסטע װאָך ניט מאַכען קיין גוטע ראַגאַזשע, װעסט דו מיר אַרונטערגעהן אין לאָך, דו הערסט?״ ער האָט שטאַרק אויסגעזידעלט דזשים׳ן פאַר זיין אונפעהיגקייט אַלס לעהרער. בעת דער שװינדזיכטיגער האָט געװאָלט ענטפערן, האָט איהם אַנגעכאַפּט אַ ספּאַזם פון הוסטען. דאָס אויסגעדאַרטע געזיכט איז געװאָרען גרינליך־געל, נאָר אין אַ מאָמענט האָט עס אויסגעזעהן, אַזוי װי ער װאָלט געקומען צו זיך, און ער האָט פאָרטגעזעצט זיין אַרבייט. מיט אַמאָל האָב איך בעמערקט, װי ער האַלט זיך אָן מיט אַלע כחות אָן זיין מאַשין און

אן אויסדרוק פון שרעק האט זיך פערשפרייט איבער זיין געזיכט. ער האט אנגעהויבען שווער צו אטהעמען, און דאן האט זיך פון זיין מויל א גאס געטהאן א שטראם פון טונקעלע בלוט, און דזשים איז אומגעפאלען אויפ'ן באדען.

דאס שטענדיגע גערויש פון די וועב־שטוהלען איז ניט אונטער־בראכען געווארען. דער ארעסטאנט, וואס איז געזעסען ביי דער צווייטער מאשין, האט בגנבה געווארפען א בליק אויף דעם אומ־געפאלענעם קערפער און האט זיך נאך נידעריגער אריבערגעבויגען איבער זיין ארבייט. דזשים איז געלעגען בעוועגלאז, און דאס בלוט וואס האט פון איהם געשטראמט האט בעפארבט דעם באדען. איך בין צוגעלאפען צום אויפזעהער.

„מיסטער הודס, דזשים איז — —“

„צוריק אויף דיין פלאץ, פערדאמטער!“ האט ער זיך צושריען אויף מיר. „ווי וואגסט דו צו פערלאזען דיין ארט אהן אן ערלויי־בעניש?“

„איך האב נור — —“

„געה צוריק, זאג איך דיר!“ האט ער געליארעמט, אויפהויבענ־דיג דעם שווערען שטעקען.

איך האב זיך צוריקגעקעהרט צו מיין פלאץ. דזשים איז געלעגען שטיל, זיך ניט גערירט פון ארט, זיינע ליפען אפען, זיין געזיכט פערוואנדעלט אין אש־קאליר.

לאנגזאם, מיט געמאסטענע טריט, איז דער אויפזעהער צוגע־קומען.

„וואס איז דא געשעהן?“

איך האב אנגעוויזען אויף דזשים'ן. דער וועכטער האט אנגע־קוקט דעם בעוואוסטלאזען מענשען, דאן האט ער לייכט בעריהרט דאס בלוטענדע געזיכט מיט זיין פוס.

„שטעה אויף, דזשים, שטעה אויף!“

דער נערוועגלאזער קאפ האט זיך א קייקעל געטהאן אן א זייט, זיך אנשלאגענדיג אן דעם פוס פונ'ם וועב־שטוהל.

„כ'מיין, ער מאכט ניט קיין אנשטעל,“ האט דער אויפזעהער געמורמעלט. דאן האט ער א שאקעל געטהאן מיט'ן פינגער צו מיר, סטראשענדיג: „דו דערוועג זיך אקארשט ניט נאך אמאל צו פערלאזען דיין פלאץ אהן א בעפעהל. געדענק, דו!“

ס'איז פערביי אַ היבשע ווײלע, איך האָב שוין אָנגעהויבען מורא צו האָבען, אַז מען האָט אַן דושים'ן גאָר אין גאַנצען פער־געסען, אָבער ענדליך איז דער דאָקטאָר דאָך געקומען. ס'איז געווען מר. רענקין, דער עלטסטער געפענגנים־דאָקטאָר, אַ נידעריגער דיקער מאַן אַריבער די מיטעלע יאָהרען, מיט אַ שפּאַסהאַפטיגען גלאַנץ אין די אויגען. ער האָט געהייסען צונעהמען דעם קראַנקען אין האָספּיטאַל.

„האָט אימיצער געזעהן, ווי דער מאַן איז געפאַלען?“ האָט ער געפרעגט.

„אָט דער מאַן האָט געזעהן,“ האָט דער אויפזעהער געענטפערט, אָנווייזענדיג אויף מיר.

בעת איך האָב איהם ערקלעהרט וואָס איך האָב געזעהן, האָט דער דאָקטאָר מיך בעטראַכט מיט נייגיעריגע אויגען. דאַן האָט ער געפרעגט, ווי מען רופט מיך.

„אַה, דער בעריהמטער פּראָצעס,“ האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל. „איך קען זעהר גוט מר. פריק. גאָר ניט אַזאַ שלעכטער מענש. אָבער איהר וועט דאָ גוט בעהאַנדעלט ווערען, מר. בערקמאַן. דאָס איז, ווי איהר ווייסט, אַ דעמאָקראַטישע אינסטיטוציע. „ביי דהי וויי“, וואָס איז מיט אייערע אויגען? זיי זיינען ענטצונדען. אי־מער אַזוי?“

„בלויז זינט איך אַרבייט אין דיזער ווערקשטאַט.“

„אַה, ער איז אַלרייט, דאָקטאָר,“ האָט זיך דער אויפזעהער אַריינגעמישט. „ער איז בלויז דאָ אַ וואָך צייט.“

מר. רענקין האָט געוואָרפען אַ דורכדרינגענדען בליק אויף דעם וועכטער.

„איהר דאַרפט איהם דאָ האָבען?“

„י־אַ־אַ: עס פעהלען אונז מענשען.“

„נאָ, א י ך בין דאָ דער דאָקטאָר, מר. הודס.“ דאַן, זיך אומ־דרעהענדיג צו מיר, האָט ער צוגעלעגט: „איהר שטעלט זיך מאָר־גען אויף דער קראַנקען־ליסטע.“

3.

דעם דאָקטאָר'ס אונטערזוכונג האָט געפיהרט דערצו, אַז מען זאָל מיך אַריבערפיהרען אין דער זאַקען־שטריקעריי. די ענדערונג

האט אנגעפילט מיין הארץ מיט בענייטער האפנונג. אלס פלאץ, וואו עס הערשט א שטרענגע דיסציפלין און וואוהין עס ווערען געשיקט די „שווערע פעלע" — ארעסטאנטען אין די ערשטע שטו־פען פון גייסטעס־געשטערטקייט, אדער אויסערגעוועהנליך אנרו־היגע ארעסטאנטען — איז די ראגאזשע־ווערקשטאט דער הויפט־פונקט פון ספעציעלער אויפפאסונג און שטרענגער דיסציפלין. עס איז די בעסט בעוואכטע ווערקשטאט, פון וואנען ס'איז אונמעגליך צו אנטלויפען. אבער אין דער זאקען־שטריקעריי, א נייע איינ־ריכטונג אין דער אינדוסטריעלער אבטהיילונג פון געפענגניס, וועל איך פילייכט געפינען די רעכטע געלעגענהייט. עס וועט, פער־שטעהט זיך, נעהמען פיעל צייט; אבער איך וועל זיין געדולדיג, ביז איך וועל דערגרייכען מיין גרויסען ציעל. אויך זיינען די אר־בייטס־בעדינגונגען דא גינסטיגער: דאס צימער איז ליכטיג און לופטיג, די דיסציפלין נים אזוי שטרענג. מיין קורצזיכטיגקייט האט מיך בעפרייט פון דער ארבייט ביי א מאשין. דער „דע־פיוטי" איז אין אנפאנג בעשטאנען דערויף, אז מיינע אויגען זיינען גוט גענוג צו זעהן און אונטערשיידען די פיעלע נאדלען פון דער שטריק־מאשין. ס'איז אמת, אז איך האב זיי טאקע געקענט זעהן; אבער נים קלאהר גענוג צו קענען אויף ריכטיג אריינציהען פאדים אין די געהעריגע נאדלען. איך האב געוואוסט, אז קוים וועל איך נור צוגעבען, אז איך זעה אביסעל, וועט מען פון מיר פאדערען צו פראדוצירען א געוויסען טהייל ארבייט, און וועל איך נים קענען פראדוצירען אזויפיעל, אדער מיין ארבייט וועט נים זיין גוט גע־מאכט, וועל איך שטרענג בעשטראפט ווערען. די נויט האט מיך געטריבען זיך צו פערשטעלען: איך האב ערקלעהרט, אז איך קען אבסאלוט נים אונטערשיידען איין נאדעל פון דער צווייטער. אזוי ווי די ווידערהאלטע סטראשונקעס פון בעשטראפונג האט נים גע־ענדערט מיין ענטשלאסענהייט, האט מען מיר געגעבען די פער־העלטניסמעסיג לייכטע ארבייט „אויסצוקעהרען" די זאקען. דיזע ארבייט, הגם זעהר א לאנגווייליגע, איז דאך נים קיין איבעריגנס שווערע. זי בעשטעהט אין צוזאמענגעהמען די זאקען וואס ווערען פאבריצירט דורך די שטריק־מאשינען, פון וואנען זיי קומען ארויס אהן זוילען. איך טראג צו דעם פאק צום טיש, וועלכער איז בע־זארגט מיט אן אייזערנעם שטאנג, אבצעהן אינטשעס די הויך, מיט

אַן אויסגעבויגענעם שפּיץ. אויף דיזע אינסטרומענט ווערען די זאַקען אויסגעקעהרט, „אַנטהוענדיג" זיי אויפ'ן שטאַנג און אויף גיך זיי „אויסטהוענדיג". די זאַקען, וועלכע ווערען אויף אַזאַ אופן אויסגעקעהרט, ווערען צוגעטראָגען צו מאַשינען, וועלכע פּערענדיגען זיי, און דאַן ווערען זיי צו מיר ווידער געבראַכט, איך זאָל זיי נאָך אַמאָל אויסקעהרען און זיי צוגרייטען צום סאָרטירען און אַוועקשיקען.

מאַנאָטאָן געהען פאַרביי די טעג און די וואָכען. אַ דאַנק מיין געאיבטקייט מאַך איך מיין ארבייט שנעלער, אָבער די ארבייטס־שטונדען שלעפּען זיך ווי אויף שווערע פיס. איך זוך צו פערטרייבען די צייט, צווינגענדיג זיך צו נעהמען אַן אינטערעס אין דער ארבייט. איך צעהל די זאַקען וואָס איך קעהר איבער, צעהל די בעוועגונגען ביים איבערקעהרען, און רעכען אויס וויפיעל ארבייט איך טהו אָב אין אַ בעשטימטער צייט. אָבער ניט קוקענדיג אויף דיזע אָנשטרענגונגען קעהרען זיך מיינע געדאַנקען ווי איינגעשפּאַרטע צוריק צו די נוצלאָזע טהעמאַס: מיינע פריינד און די פּראָפּאַגאַנדע; די שרעקליכע אונגערעכטיגקייט פון מיין שוועדער פּעראורטהיילונג; זעלבסטמאָרד און אַנטלויפען פון געפענגניס.

מיינע נעכט זיינען אונרוהיג. געדריקט פון אַן אונבעשרייבליכער לאַסט, אָדער געמאַטערט פון שרעק, כאַפּ איך זיך אויף פּלוצלונג, אָהן אַן אָטהעם און צושראָקען, און איך פיהל מאָמענטאַן אַן ערלייכטערונג, אַזוי ווי די געפאַהר וואָלט פאַראיבער. אָבער אין אַ מינוט אַרום נעהמט מיך דורך דער בעוואוסטזיין פון מיין אומגעבונג און איך פאַל אַריין אין אַ שטימונג פון ווילדען צאָרן און פּערצווייפלונג, מאַכטלאָז, האָפנונגסלאָז.

אַט אַזוי קומט דער טאָג נאָך דער נאַכט, און די נאַכט נאָכ'ן טאָג, אין דעם אונענדליכען קאַמפּף צווישען האָפנונג און ענטמוטהיגונג, צווישען לעבען און טויט, אין מיטען פון דעם אויסערליך רוהיגען גאַנג פון מיין פּענסילווייניער קאַשמאַר.

קאפיטעל 6.

מיין ערשטער בריעף

1.

באקס „איי" 7,
אלעגהעני סיטי, פא.,
19טען אקטאבער, 1892.

ליעבע שוועסטער! *)

ס'איז פונקט א מאנאט, א מאנאט היינט, זינט איך בין געקומען אהער. איך האלט אלץ אין איין פרעגען זיך, צי קען אזא וועלט פון עלענד און פיין איינגעפרעסט ווערען אין איין קורצען מאנאט?... ווי איך האב דאס אויסגעקוקט אויף דיזער געלעגענהייט! דו פערשטעהסט דאך: מען מוז זיין א מאנאט צייט דא, איידער מען קריגט די ערלויבניש צו שרייבען. אבער פיעלע, פיעלע לאנגע בריעף האב איך דיר געשריבען — אין מיין געדאנק, ליעבע סאניא. וואו זאל איך אצינד אנהויבען? מיין פלאץ איז זעהר בעשרענקט, און איך האב דיר אזויפיעל צו זאגען, דיר און דעם „צווילינג" — איך האב ערהאלטען אייערע בריעף. דו דארפסט נים ווארטען ביז דו וועסט הערען פון מיר: דו שרייב רעגעלמעסיג. ס'איז מיר ערלויבט צו בעקומען אלע צוגעשיקטע בריעף, „מיט א מאראלישען אינהאלט", ווי עס לויטען די געזעצע. און איך וועל שרייבען ווען איך וועל נור מעגען.

ליעבע סאניא, איך שפיר ביטערקייט און ענטטוישונג אין דיין

---

*) דאס מיידעל; ווערט אויך דערמאנט אלס סאניא, „מוזיק" און „מאטראז".

בריעף. פארוואס רעדסט דו פון דורכפאל? דו, וועניגסטענס, דו און פעדיא, וואלטעט ניט בעדארפט דערלאזען, אז אייער אורטייל זאל פערדונקעלט ווערען דורך דעם בלויזען צופאל פון פיזישע רע־זולטאטען. דיינע ציילען האבען מיר ווער געטהאן און געערגערט אויף אן אונבעשרייבליכען אופן. ניט דערפאר וואס דו זאלסט אזוי שרייבען; נאר דאס וואס דו, זאגאר דו, זאלסט אזוי ד ע נ ־ ק ע ן. דארף איך א סך ריידען וועגען דעם? אמת'ע מאראל האט אין זינען מאטיוווען, ניט פאלגען. איך קען ניט גלויבען, אז מיר זאלען האבען פערשידענע מיינונגען איבער דיעזען פונקט.

איך פערשטעה גאנץ גוט, וואס פאר א מורא'דיגער קלאפ די אבטריניגע האנדלונג פון „וואורסט" *) האט געמוזט זיין פאר דיר. אבער ווי וויט דאס זאל ניט פערקלענערען די ווירקונג, קען עס אבער ניט ענדערען דעם פאקט, אדער זיין כאראקטער. דאס האסט דו אפנים ארויסגעלאזט פון אויג. ניט קוקענדיג אויף „וואורסט" און זיין האנדלונג, האט מען געקענט פיעלעס אויפטהאן. איך וויים ניט, צי דאס איז געטהאן געווארען: דיין בריעף איז זעהר מאַ־גער אין בעצוג צו דיעזען פונקט. דאך איז דאס פון גרויסער אינטערעסע פאר מיר. אבער איך וויים, סאניא, — אין דיעזער איינער זאך, וועניגסטענס, בין איך זיכער — דו וועסט טהאן אלעס וואס איז אין דיין מאכט. ס'איז פיליכט ניט פיעל — אבער דער צווילינג און א טהייל פון ארטשארד סטריט **) וועלען זיין מיט דיר.

וואָרום דיזע נאטע פון ענטוישונג, כמעט פון צארן, וואס אנבעלאנגט טאלסטאגוב'ס פערהעלטנים צו דער דארווינישער טע־אריע? ***) דו מוזט האבען אין זינען, אז דער פראָפעסער בשר ודם קען ניט אורטהיילען איבער די פערפלאָנטערטע שוועריגקייטען פון וויסענשאפטליכע היפאטעזען. דער וויסענשאפטס־מאן וואלט מיט רעכט ארויסגעטראטען געגען אזא השערה.

*) יאהאן מאסט.

**) 54 ארטשארד סטריט — דער זאל, אין וועלכען די אידישע אנארכיסטישע פערזאמלונגען פלעגען געהאלטען ווערען אין ניו יארק.

***) טאלסטאגוב — דעם פערפאסער'ס רוסישער צונאמען. דער אויסדרוק מיינט, אז דער פערפאסער שטרעבט צו לעבען ווייטער.

איך אומארם אייך ביידען. די צוקונפט איז פינסטער; אבער, ווידער, ווער וויים?... שרייב עפטער. דערצעהל מיר וועגען דער בעוועגונג, וועגען דיר אליין און די פריינד. ס'וועט מיר העלפען צו זיין אין בעריהרונג מיט דער אויסערער וועלט, וועלכע קוקט מיר אויס, ווי זי וואלט פון טאג צו טאג אלץ מעהר און מעהר דערווייטערט זיך פון מיר. א פערצווייפעלטער האלט איך זיך פעסט אן דעם פאדים וואס בינדט מיר נאך צו צו די לעבעדיגע — עס זעהט מיר אויס, אזוי ווי ער וואלט זיך אבגעוויקעלט אין מיינע הענד, די דינגע מאטיקלעך רייסען זיך איבער, איינס ביי איינס. מיין האנד לאזט נאך. אבער דער סאניא־פאדים, וויים איך, וועט בלייבען שטייף און שטארק. איך האב דיך אימער גערופען די אונפערענדערליכע.

.2

כ'האב אריינגעווארפען דעם בריעף אין דעם פאסט־קעסטעל פון די ארעסטאנטען היינט אין דער פריה, ווען מיר האבען זיך אויסגעשטעלט אין דער רייה צו געהן צו דער ארבייט. אבער אין דער רגע וואס דער בריעף איז ארוים פון מיינע הענט, האט מיך דורכגענומען א טיעפע בענקשאפט. אה, ווען וואס־פאר־עס־איז געהיימע קראפט וואלט מיך פערוואנדעלט אין יענעם שטיק פא־פיר! איך וואלט איצט געלעגען בעהאלטען אין דיזען גרינעם קעס־טעל — מיט אן איינגעהאלטענעם אטהעם וואלט איך זיך פלאך געמאכט דארט אין דעם פינסטערסטען פלאץ און איך וואלט גע־ווארט אויפ'ן גייסטליכען צוזאמענצונעהמען די בריעף...

מיין הארץ קלאפט מיט גערויש, בעת די ווילדע פאנטאזיע שוועבט ארום אין מיין מח. איך בין ווי אבוועזענד, כ'זעה ניט די פארמירענדע רייהען, הער ניט די שארפע בעפעהלען, די שווערע טריט. אויטאמאטיש קעהר איך איבער די זאקען, צעהלענדיג איינס, צוויי, איין פאר; דריי, פיער, צוויי פאר. וועמעס שטימע הער איך דאס? איך קען דאך דעם מאן — ער קומט מיר פאר אזוי היימיש. ער בויגט זיך אן איבער די שטריק־מאשינען און קלייבט צונויף די זאקען. אט צעהלט ער זיי: איינס, צוויי, איין פאר; דריי, פיער, צוויי פאר. פונקט ווי איך. נאך מעהר, ער קוקט אוים ווי איך אליין! און די אלע מענער דענקען, ווייזט אוים,

אז דאס בין איך. הא, הא, הא! דער אויפזועהער אויך. כ'האב נור וואס געהערט, ווי ער האט געזאגט: „אלעק, ארבייט אביסעל שנעלער, קענסט ניט? זעה די הויפענס דארט, דו ביזט הינטער־שטעליג.“ ער דענקט, אז דאס בין איך — וואס פאר א געשיקטע שפיעל! און די גאנצע צייט ליעגט זיך דער ווירקליכער „איך“ געמיטליך דארט אין גרינעם קעסטעל, ארויסקוקענדיג דורכ'ן שלי־סעל־לאך, ווארטענדיג אויפ'ן פאסט־מאן. ש־ש! כ'הער פוס־טריט. פילייכט איז דאס דער גייסטליכער: ער וועט עפענען דאס קעסטעל מיט זיינע פלינקע, נערוועזע הענט, וועט א כאפ טהאן א יהויפען בריעף און זיי אריינווארפען אין דער ברייטער טאש פון זיין שווארצען טוכענעם ראק. עס זיינען פארהאן אזוי פיעל בריעף דארט — כ'וועל זיך דורך זיי אריינגליטשען אין דער גרויסער טאש — דער גייסטליכער וועט מיך ניט בעמערקען. ער וועט דענ־קען, ס'איז בלויז א בריעף, הא, הא! ער וועט נאכזוכען און פאר־שען יעדעס ווארט, ווארים ס'איז דאך דער בריעף פון איינעם וואס איז פער'משפט אויף לאנגע יאהרען; דערצו נאך זיין ערשטער בריעף. אבער איך בין פערזיכערט, איך בין אונזיכטבאר; און ווען זיי וועלען רופען צו דער ארבייט, וועלען זיי נעהמען אט יענעם מאן דארט פאר מיר. ער צעהלט ניינצעהן, צוואנציג, צעהן פאר; איין־און צוואנציג, צוויי־און־צוואנציג... וואס איז דאס געווען? צוויי־און־צוואנציג — אה, יא, צוויי־און־צוואנציג, דאס איז מיין שטראף. די עזעל־קעפ, זיי דענקען, אז איך וועל עס אויסזיצען. כ'וועל זיך פריהער דעם טויט מאכען. אבער עס וועט ניט נויטיג זיין, גליקליכערווייזע! ס'איז געווען אזא גליקליכער געדאנק, די־זעם אויסטהאן זיך פון זיך, דיזעם פערוואנדעלט ווערען אין מיין בריעף. אבער וואס איז פארט געשעהן מיט דעם גייסטליכען? ווען ער וואלט שוין אמאל געקומען — וואס זאמט ער זיך אזוי לאנג? זיי קענען זיך נאך כאפען, אז איך פעהל אין דער ווערקשטאט. ניין, ניין! יענער מאן איז דארט — ער קעהרט איבער די זאקען — זיי וויסען ניט. אז איך בין דא אין בריעפקאסטען. דער גייסט־ליכער וועט עס אויך ניט וויסען: איך בין אונזיכטבאר; ער וועט דענקען, אז עס איז א בריעף, ווען ער וועט מיך אריינלעגען צו זיך אין טאש, און דאן וועט ער מיך פערזיגלען אין א קאנווערט און אדרעסירען — כ'מוז זיך איינציהען, זיך פלאך מאכען, אזוי

אז זיין האנד זאל ניט פיהלען — און ער וועט מיך אדרעסירען צו סאניא'ן. ער וועט ניט וויסען, וועמען ער שיקט דאס צו איהר — ער ווייסט דאך ניט ווער זי איז — דער פערשטעלטער אדרעס איז אויסגעצייכענט — מיר מוזען עס אנהאלטען. עס אנהאלטען? צו וואס? ס'וועט דאך נים נויטיג זיין: נאכדעם ווי ער וועט מיך אבשיקען מיט דער פאסט, דארפען מיר זיך שוין מעהר ניט שרייבען — ס'איז אויך זעהר גוט אזוי — כ'האב אזויפיעל זאכען צו זאגען סאניא'ן — און עס וועט ניט דארפען דורכגעהן דורכ'ן צענזאר. אבער ס'איז אלעס גוט איצט — זיי וועלען אריינוואר־פען די בריעף אין דעם פאסט־טרעגער'ס זאק — עס וועלען זיין א סך, א סך בריעף — היינט איז דאך דער אלגעמיינער פאסט־טאג, איך וועל זיך בעהאלטען אין דעם הויפען, און זיי וועלען מיך דורכ־נעהמען דורך דער פאסט קיין ניו יארק. טייער, טייער ניו יארק! נו, יא, כ'מוז זיין געדולדיג — און ניט אטהעמען אזוי הויך. אז איך וועל קומען קיין ניו יארק, וועל איך ניט אריינגעהן גלייך אין הויז — סאניא קען זיך נאך דערשרעקען. איך וועל אפריהער אריינ־קוקען דורכ'ן פענסטער — כ'בין נייגיעריג צו וויסען וואס זי וועט דאן טהאן — און ווער וועט זיין אין דער היים? יא, פעדיא וועט זיין דארט, און פילייכט אויך קלאוז און סעפ. ווי איבערראשט זיי וועלען דאס אלע זיין! סאניא וועט מיך אומארמען — זי וועט פערוואַרפען איהרע ארעמס ארום מיין האלז — ס'וועט זיין אזוי ווייך און ווארם —

„העי, דו דארט! ביזט טויב? אריין אין דער רייהע!"

א צומישטער, א בערוישטער זעה איך פאר זיך דאס בייזע געזיכט פון דעם וועכטער. די מענער אין די געפאסעוועטע קליידער געהען מיר פארביי, איינגעהילט אין א נעבעל. כ'נעהם אן דאס הענטעל פון דער מאשין. דאס אייזען איז קאלט. א שוידער געהט מיר אריבער איבער'ן לייב, און דאס בינטעל מיט זאקען פאלט מיר ארויס פון דער האנד.

„אריין אין דער רייהע, זאג איך דיר!"

„ס'אַן עזעלקאפ!" בורטשעט איינער הינטער מיר. „ארבייט נאך'ן פייפען. וואס זשע, האסט מורא, וועסט ניט מאכען גענוג אין דיינע צוויי און צוואנציג יאהר, עה? דו עזעלקאפ, דו!"

קאפיטעל 7.

ווינגיע.

די שטונדען ביי דער ארבייט העלפען אבטעמפען דעם שאר־פען בעוואוסטזיין פון מיין אומגעבונג. די זאקען־שטריקעריי איז אריבער די מדרגה פון עקספערימענט; דאס צוקומען פון נאך נייע שטריק־מאשינען האט פערגרעסערט מיין ארבייט, פאדערנ־דיג גרעסערע אנשטרענגונג און מעהר פלייסיגקייט.

די ארבייט אין דער ווערקשטאט פאדערט איצט מיין גאנצע אויפמערקזאמקייט. זי לאזט איבער ווייניג צייט צו דענקען אדער סתם אזוי זיך פערטראכטען ווענען עפעס. מיין פיזישער צושטאנד בעאונרוהיגט מיך: די מארגען־שטונדען מוטשען מיך אויס, שע־פען פאלשטענדיג אויס מיינע כחות, און איך בין קוים אימשטאנד נאכצוהאלטען מיט דער ליניע פון ארעסטאנטען, וועלכע קעהרען זיך אום אין דעם צעלען־הויז צו עסען מיטאג. א געפיהל פון מיעדקייט איבערוועלטיגט מיך, מיינע פיס שלעפען זיך שווער, און איך האב גרויסע שוועריגקייטען צו בעהערשען מיין שלע־פעריגקייט.

איך בין געווארען גלייכגילטיג צו די מאלצייטען; דער גע־רוך פון שפייז רופט אין מיר ארויס אן איבעלקייט. איך בין נער־וועז און קרענקליך: דער אנבליק פון א געשטרייפטען ארעסטאנט עקעלט מיך אב; די נאהענטקייט פון א וועכטער רייצט מיך אויף. דער אויפזעהער פון דער ווערקשטאט האט מיך שוין מעהר ווי איין מאל געווארענט נעגען מיינע מיסאכטענדע און בייזע מאניע־רען. אבער איך בין גלייכגילטיג צו די קאנזעקווענצען: וואס מאכט עס אויס וואס עס וועט פאסירען? מיין שווינדענדע קראפט

איז פאר מיר א קוואל פון בעפרידיגונג: פיליכט איז דאס אן אנדייטונג, אז דער טויט קומט. דער געדאנק שטעלט מיך צופריעדען אויף א רוהיגען, אונפערזענליכען אופן. ס'וועט מעהר קיין ליידען ניט זיין, קיין אנגסטען. די גרויסע וועלט מיט אלע איהרע קליינינגקייטען עקזיסטירט דאך ניט; זי איז קאנצענטרירט אין מיר; און דאך, איך אליין שטעה פון דער זייט און זעה ווי זי פאלט לאנגזאם, שטופענווייז אריין אין פריעדען און רוה, אין אבגעשטארבענקייט.

. . . .

אז איך קום צוריק אין מיין צעל נאך דער ארבייט פונ'ם טאג, לאז איך דאס אבענד־עסען, וואס בעשטעהט פון ברויט און קאפע, אונבעריהרט. מיין ליכט בלייבט ניט אנגעצונדען. איך זיץ גלייכגילטיג אין דער וואקסענדער פינסטערקייט, בעוואוסט בלויז פון דעם פערלאנג צו הערען דעם טיעפען באס פונ'ם גלאק, וואס קלינגט אוים דעם בעפעהל צו געהן שלאפען. איך בעגרים די גליקליכע ערלויבעניש אריינצופאלען אין בעט. דער גראבער שטרויענער מאטראץ מאניעט און ציהט מיך צו זיך; איך שמאכט נאך שלאף, נאך פערגעסענהייט.

צופעליגע בריעף פון פריינד וועקען מיך אויף פון מיין אפאטיע. אבער די ערוואכונג איז קורץ: דער טאן פון די בריעף איז אבגעהיט, זייער אינהאלט צו אלגעמיין און כאראקטער, ניטא אין זיי קיין פראגען, וואס וואלטען געקענט ארויסרופען מיין אינטערעס. די וועלט און איהרע פראבלעמען פערשווינדען אלץ מעהר און מעהר פון מיין האריזאנט. איך בין אריינגעשליידערט אין דער פינסטערניש. ניטא פאר מיר קיין שטראהל פון זונשיין, וואס זאל דערוועקען אין מיר די האפנונג אויף פריהלינג.

צייטענווייז ווירקט דאס בעוואוסטזיין פון מיין שיקזאל אויף מיר מיט דער געוואלט פון א צוטרייסלונג, און איך פאל אריין אין פערצווייפלונג, וואס אט דראהט זי מיך ארא בצופיהרען פון זינען און אט שליידערט זי מיך אריין אין אבגרונד פון ווילדע פאנטאזיעס... דאס לעבען ווערט אלץ מעהר און מעהר אונערטרעגליך מיט דעם קאנטראסט פון טרוים און ווירקליכקייט. פערמאטערט

פון דער אַרבייט און דער מושטירטער אָרדנונג פונ'ם טאָג, בעגרים איך די איינזאַמקייט פון דעם קעמערל, און איך בין זאָגאַר אונגעדולדיג צו דער בעגריסונג פון דעם פערבייגעהענדען אַרעסטאַנט. איך ווייך פון דער אונגעבעטענער פאַמיליאַריטעט פון דיזע מענער; די גראָע און שוואַרצע פאַסען דערוועקען כסדר אין מיר דאָס בילד פון דער טיגערין מיט איהר גנבה'שער, רשעות'דיגער כיטרעקייט. זיי זיינען ניט פון מ י י ן וועלט. איך וואָלט זיי וועלען העלפען, ווי איך בין פערפליכטעט צו טהאָן פאַר די אָפּפער פון סאָציאַלער אונגערעכטיגקייט. אָבער איך קען ניט זיין בעפריינדעט מיט זיי: זיי געהערען ניט צו דעם פאָלק, וועמען איך בין אימער געווען און בין גרייט צו דיענען מיט מיין לעבען. זיי זיינען אונגליקליכע, דאָס איז אמת; אָבער דאָך זיינען זיי פּאַראַזיטען אויף די פּראָדוצירער, וועניגער אין גראַד, אָבער ניט וועניגער אין מין ווי די רייכע עקספּלואַטאַטאָרס. צו פערדאַנקען מיינע פּרינציפּען, גיכער ווי זייערע פערדיענסטען, מוז איך זיי געבען מיין אינטעלעקטועלע סימפּאַטיע; אָבער זיי ריהרען ניט אָן קיין סטרונע אין מיין האַרץ.

בלויז ווינגיע שיינט צו זיין אַנדערש. פּאַראַן אַן עדעלער שטריך אין זיין אויפפיהרונג וואָס אַטהעמט מיט ערמוטהיגונג. אָפט בענק איך נאָך איהם, וואָלט געוואָלט איהם האָבען נעבען זיך, אָבער ער געפינט זעלטען אַ געלעגענהייט צו ריידען מיט מיר, אויסער זונטאַגס בעת'ן קירכען־געבעט, ווען איך בלייב אין צעל. פילייכט וועל איך איהם זעהן היינט. ער מוז זיין פאָרזיכטיג און זיך היטען פאַר דעם „קעפּטיין", דעם אויפזעהער פון דער אבטהיילונג, וועלכער געהט אַרום איבער די גאַלעריען, איבערצעהלענדיג די, וועלכע געהען ניט אין קירכע *). דער קעפּטיין געהט איצט פערביי. איך דערקען דעם אונזיכערען טריט, גרייט יעדע ווײלע זיך אָבצושטעלען ביים אַנבליק פון אַ געזיכט הינטער די גראַטעס. אַט איז ער ביי מיין צעל. ער פערצייכענט אין זיין נאָטיץ־ביכעל דעם נומער אויפ'ן ברעטעל איבער דער טהיר, „איי" 7.

---

*) אַרעסטאַנטען פון קאַטוילישען גלויבען זיינען ניט געצוואונגען בייצואוואוינען פּראָטעסטאַנטישע גאָטעס־דיעסטען, און אַזוי פערקעהרט.

„א קאטאליק?“ פרעגט ער מעכאניש. דאן, אויפהויבענדיג די אויגען, קוקט ער מיך אן מיט א פינסטערן בליק.

„ביזט דאך ניט קיין קאטאליק, בערקמאן. פארוואס בלייבסט דו אין צעל?“

„איך בין אן אטהעאיסט.“

„א וואס?“

„אן אטהעאיסט, א ניט־גלויביגער.“

„אה, אן אונגלויביגער, דאס ביזט דו? דו וועסט געוויס זיין פערדאמט.“

די הילצערנע טרעפ סקריפען אונטער דעם בעאמטען'ס שווערע טריט. ער האט זיך פערקירעוועט אן א זייט. ווינגיע וועט איצט זיך בענוצען מיט דער געלעגענהייט. איך האף, ער וועט באלד צוקומען. פיליכט קוקט אימיצער נאך —

„העלאו, אלעק! ווילסט א שטיקעל „פאי“? נא, נעהם עס!“

„פאי, ווינגיע?“ שעפטשע איך מיט א טאן פון פערוואונדערונג. „וואו קריגט איהר אזעלכע לוקסוס־ארטיקלען?“

„ארויסגעלאטכענט פון דעם „שרייפעל'ס“ זעקעל, קארנברויט טאם'ס דינער־קארב, פערשטעהסט דו מיך. דער שעהנער מענש האט עס אבגעשפארט נאך פריהשטיק. פאסקודניאק, ניט אמת?“

„פארוואס?“

„פארוואס, דו גרינהארן, ער איז א מאגען־רויבער, דאס וואס ער איז. ס'איז א ו נ ז ע ר פאי, אלעק, געמאכט דא אין דער בעקעריי. אט דערפאר איז אונזער ברויט אלט־געבאקען, פערשטעהסט? זיי גנב'ענען אוועק די הייוועז צו מאכען פאים פאר די „שרייפלעך“. פערשטאנען? יערענפאלס, ווי געפעלט דיר דער מאכל?“

„דאס ברויט איז כמעט אימער אלט־געבאקען, ווינגיע. און די קאפע האט א טעם ווי לעבליך וואסער.“

„קאפע רופסט דו עס? הי, הי, אויך מיר קאפע. ס'איז ניט קיין פערפלוכטע קאפע; ס'איז אפילו קיינמאל לעבען קאפע ניט געוועז. ס'איז בלויז לויג־וואסער, אלעק, לויג־וואסער. ווייסט, ווי עס ווערט געמאכט?“

„ניין.“

„נו, איך בין געוועזן דריי מאנאט אין קיך. נעהמסט צונויף

די אַלע אַלטע שטיקלעך ברויט, וואָס די חברה אַרעסטאַנטען לאָ־
זען איבער מיט זייערע דינער־שיסלען. בלויז די האַבער, די סקאָ־
רינקע ווערט בענוצט, פערשטעהסט? אַזוי ווי אַ פּאַסקודנער סיפ־
ליטישער בחור וואָלט ניט געקענט אַנשפּייען דערויף. אַ טהייל
זיינען געמיין גענוג עס צו טהאָן. אָבער עס מאַכט גאָרנישט אויס.
דער בעפעהל איז, אָבצושניידען די סקאָרינקעס און זיי ברענען, ביז
זיי ווערען גוט שווארץ און ברעקעלדיג. דאַן גיסט דו אַרויף קאָ־
כעדיג וואַסער דערויף און טהוסט עס אַריין אין קעסעל, אין אַ
זעקעל, פערשטעהסטו מיך, און וואַרפסט אַריין אַביסעל שמוציגע
ציקאָריע — אַט האָסט דו דיר דיין ק אָ פ ע. איך ריהר זיך קיינ־
מאָל ניט צו צו דעם דאָזיגען שמוציגען געטראַנק. עס רואינירט
דיין מאַגען, דאָס איז וואָס עס טהוט, אַלעק. דו דאַרפסט ניט טרינ־
קען די פּאַסקודסטווא."

"מיך אַרט ניט אַז איך וועל שטאַרבען דערפון."

"נו, נו, אַלעק. זיי מונטער, מיין יונג. דו האָסט געקראָגען
אַ היבשע פּאַרציע, איך ווייס, אַ שווערע שטראָף, אָבער נעהם
זיך ניט אַזוי צום הארצען. טראַכט ניט פון דער צייט. פערגעס
עס. אָה, יאָ, דו קענסט; דו פערלאָז זיך אַקאָרשט אויף מיר.
מאָך בעקאַנטשאַפט, קריג עטליכע פריינד. דענק ווען דו ווילסט
זעהן מאָרגען, דאַן זוך אַ וועג ווי זיך צו זעהן מיט זיי. דאָס איז
וואָס דו דאַרפסט טהאָן, אַלעק. ס'וועט דיך האַלטען בעשעפטיגט.
די בעסטע זאַך פאַר די מעלאַנכאָלישע געדאַנקען, מיין קינד."

אויף אַ ווייל ווערט ער אַנטשוויגען. די מילדע אויגען זיינען
פול מיט סימפּאַטיע, די ליפּען שמייכלען ערמוטהיגענד. ער שפּאַרט
אָן דעם בעזים אָן דער טהיר, קוקט זיך שנעל אום, איז זיך מישב
אַ ווייל, און דאַן רוקט ער פּלוצלינג אַריין אַ מאָגערע דעליקאַטע
האַנד צווישען די שטאַנגען און גיט מיר אַ צערטליכען גלעט אי־
בער דער באַק.

ניט־ווילענדיג טרעט איך אָב צוריק, מיט דעם אינסטינקטיווען
געפיהל געגען אַ מאַן'ס לאַסקע. דאָך האָב איך ניט געוואָלט פער־
לעצען מיין גוטען פריינד. אָבער ווינגיע האָט געמוזט בעמערקען
מיין פערלעגענהייט. ער בעטראַכט מיך מיט קריטישע, וואונדע־
רענדע בליקען. דערנאָך, נעהמענדיג צוריק דעם בעזים אין דער
האַנד, זאָגט ער מיט אַן איינגעהאַלטענעם טאָן:

„דו ביזט אל־רייט, אלעק. דו געפעלסט מיר דערפאר. כ'האב דיך נור געוואלט אויספרואווען, פערשטעהסט?“

„וואס הייסט מיך אויספרואווען, ווינגיע?“

„אה, דו ווייסט נים וואס איך מיין? נא, דו פערשטעהסט —“ ער האלט זיך צוריק, א שוואכע רויטקייט פער'גנב'עט זיך איבער זיין בלאסען ארעסטאנטען־געזיכט, „דו פערשטעהסט, אלעק, ס'איז — אה,ווארט, כ'וועל א קוק טהאן, וואו דער „שרייפעל“ איז.“

ארעמער ווינגיע, די ביטערקייט איז צו דורכזיכטיג צו בע־האלטען זיין פערלעגענהייט. איך קען דייטליך הערען די טריט פונ'ם קעפטיין פון דער אבטהיילונג אויף די אויבערשטע גאלעריען. ער איז דער איינציגער בעאמטער וואס געפינט זיך אין צעלען־הויז בעת דעם קירכען־דיענסט. דאס אויפמאכען פון דער הויף־טיהר וואלט אונז מאמענטאן געגעבען צו וויסען, אז א וועכטער איז אריינ־געקומען, איידער אט דער וועכטער וואלט צייט געהאט צו בע־מערקען ווינגיע'ן ביי מיין קעמערל.

איך שטעה און טראכט איבער דעם שוואכען אויסרייד. פאר־וואס איז ווינגיע פלוצלינג אוועק פון מיר? זיין געדוימעלט געזיכט, דאס צוריקגעהאלטענע ריידען פון דעם געוועהנליך פלוידערנדען ארעסטאנט, דער תירוץ וואס ער האט דא בענוצט, כדי זיך „ארויס־צו'גנב'ענען“ — ווי ער אליין וואלט כאראקטעריזירט זיין האסטי־גען אוועקגעהן, — דאס אלעס קוקט אוים זעהר מאדנע. וואס האט ער געקענט מיינען מיט „אויספרואווען“ מיך? אבער איידער איך האב נאך צייט צו קומען צו וואס פאר עס איז צופריעדענשטע־לענדע ערקלעהרונג, הער איך, ווי ווינגיע קומט צוריק אויף די שפיץ פינגער.

„ס'איז אלרייט, אלעק. ס'וועט נאך נעהמען א היבשע ווייל, איידער זיי וועלען ארויסקומען פון קירכע.“

„וואס האט איהר געמיינט מיט „אויספרואווען“ מיך, ווינגיע?“

„אה, גארנישט,“ האט ער ארויסגעשטאמעלט, „ניש'קשה, אלעק. דו ביזט א גוטער יונג. דיין פלאץ איז נים דא, דאס איז וואס איך האב געזאגט.“

„נא, איך ב י ן דאך אבער דא; און די אויסזיכטען זיינען, אז איך וועל שטארבען דא.“

„נו, נו, רעד ניט קיין נארישקייטען, מיין יונג. ווי קומט עס צו דיר? דו ווארף אקארשט ארויס פון קאפ אט דעם גאנצען אונ־זין! קראפירען דא, צום טייוועל! ס'הויבט זיך גארנישט אן. דו הער בעסער אויף צו גריבלען און צו טראכטען. הער מיך אויס, אלעק, דאס רעדט א פריינד צו דיר, פערשטעהסט? ביזט נאך אזוי יונג, וואס ווילסטו, ביזט דאך נאך גאר א קינד. איין און צוואנציג, ניט אזוי? און רעדסט פון שטארבען! שעהמען מעגסט דו זיך, שעהמען!"

ער זעהט אויס בייז, אבער דער ציטער אין זיין שטימע שיקט אריין א שטראהל פון ווארימקייט אין מיין הארץ. אימפולסיוו לעג איך אריין מיין האנד צווישען די גראטעס. זיין פעסטער דרוק פערזיכערט מיר, אז ער אנערקענט און שעצט מיין פריינדשאפט.

„דו מוזט זיין מונטער, אלעק. קוק אויף די לעבענסלענגליכע. דו וואלסט געזאגט, אז זיי דארפען זיין שווארץ ווי די נאכט. ס'הויבט זיך גארנישט אן, מיין יונג, די לוסטיגסטע חברה אין דעם מיסטקאסטען. האסט געזעהן דעם אלטען העגרי? ניין? נא, האסט איהם בעדארפט זעהן. ער איז דער עלטסטער מאן דא; זינט פופצעהן יאהר. א לעבענסלענגליכער, און האט ניט קיין פריינד אין דער גאנצער וועלט, אבער ער איז גליקליך ווי דער טאג איז לאנג. און דו האסט דאך א סך פריינד; אמת'ע גוטע פריינד. כ'וויס, אז דו האסט."

„איך האב, ווינגיע, אבער וואס קענען זיי טהאן פאר מיר?"

„ווי דו רעדסט דאס, אלעק! קענען שוין טהאן גאר פיעל. דו האסט רייכע פריינד, כ'וויס. דו ביזט געוועזן פערמישט מיט פריק'ן. נא, דיינע פריינד זיינען אלרייט, ניט אמת?"

„נו יא. וואס וואלטען זיי געקענט טהאן, ווינגיע?"

„קריגען דיין בעגנאדיגונג, אין צוויי, דריי יאהר פילייכט, פערשטעהסט? דו מוזט זיך מאכען א גוטען רעקארד דא."

„אה, איך וויל ניט קיין בעגנאדיגונג."

„וואָ־אס? דו שפאסט."

„ניין, ווינגיע, גאנץ ערנסט. איך בין געגען דעם אויס פרינ־ציפ."

„ביזט זיכער נישט ביים זינען. וואס רעדסטו, וואס? פרינציפ שמינציפ. ווילסט ארויס פון דאנען?"

„פערשטעהט זיך, אז איך וויל.“

„נו, אלזא, לאז איהם לויפען, דיין פרינציפ! וואס האט פרינ־ציפ צו טהאן דערמיט? דיין פרינציפ איז געגען ארויסקומען פון געפענגניס?“

„ניין, אבער נעגען בעגנאדיגט ווערען.“

„כ׳פערשטעה דיך ניט, אלעק. כ׳מיין, דו מאכסט שפאס מיט מיר.“

„הערט אויס, ווינגיע. איהר פערשטעהט, איך וויל ניט בעטען קיין בעגנאדיגונג, ווייל דאס וואלט געהייסען בעטען טובות ביי דער רעגירונג, און איך בין געגען דעם. איהר פערשטעהט? ס׳וואלט סיי־ווי נארנישט געהאלפען, ווינגיע.“

„און אויב דו וואלסט געקענט קריגען א בעגנאדיגונג בלויז אויב דו בעטסט, ווילסטו ניט בעטען, אלעק. דאס איז וואס דו מיינסט?“

„יא.“

„ביזט א בראנד, אלעק. ווי רופען זיי דיך, נארכיסט? א בראנק, כ׳לעבען! כ׳קען דיך פונדעסטוועגען ניט פערשטעהן. ס׳קוקט מיר אויס נאריש. הער מיך אויס, אלעק. ווען איך בין אויף דיין פלאץ, וואלט איך גענומען אלעס וואס איך קען, און דאן וואלט איך זיי געשיקט צום טייוועל. אט דאס וואלט א י ך גע־טהאן, מיין פריינד.“

ער קוקט מיך אן מיט א דורכדרינגענדען, אויספארשענדען בליק. דער שוואכער אבקלאנג פון דעם קעפטיינ׳ס טריט דערגרייכט צו אונז פון א גאלעריע אויף דער אנדערער זייט. מיט א שנעלען בליק רעכטס און לינקס, בויגט זיך ווינגיע אריבער צו דער טיהר. מיט זיין מויל צווישען די גראטעס, שעפטשעט ער זעהר שטיל:

„פרינציפען זיינען געגען אנטלויפען, אלעק?“

די פלעצליכע פראגע צוטומעלט מיך. דער אינסטינקט פון פרייהייט, מיין רעוואלוציאנערער גייסט, די קלעגליכקייט פון מיין עקזיסטענץ, — אלעס פלאמט אויף, ווערט לעבעדיג, און מיין הארץ הויבט אן קלאפען ווילד, טומעלדיג, און מיין גאנץ וועזען ווערט דורכדרונגען פון האפנונג, אזוי אינטענסיוו, אזוי שטארק, אז עס טהוט מיר אזש וועה. איך בלייב שטיל. מעג מען איהם טרויען? ער זעהט אויס פריינדליך און סימפאטיש —

„דו מעגסט מיך טרויען, אַלעק", שעפּטשעט ווינגיע, אַזוי ווי ער וואָלט געלעזען מיינע געדאַנקען. „איך בין דיין פריינד."

„יאָ, ווינגיע, איך גלויב אייך. מיינע פּרינציפּען זיינען ניט בעגעגען אַנטלויפען. איך האָב געטראַכט דערפון, אָבער דערווייל —"

„ש־ש! שטיל! וועגט האָבען אויערען."

„פאַרהאַן עפּעס אַ טשאַנס דאָ, ווינגיע?"

„דעם אמת זאָגענדיג, איז דאָס אַ פערדאַמט שטייפער מיטט־קאַסטען, אַט דער דאָ; אָבער פאַרהאַן גענוג שטערען אין הימעל, אַלעק, און דו וועסט פיליכט האָבען איינעם אַ מזל'דיגען. ס'איז פון דאַנען קיינער ניט אַנטלאָפען, זינט פעדדי מעק'גראָ האָט זיך אַרויסגע'גנב'עט איבער'ן דאַך, דאָס איז — לאָמיך זעהן, מיט זעקס, זיבען יאָהר צוריק, אונגעפעהר."

„ווי אַזוי האָט ער עס געמאַכט?" פרעג איך, אָהן אַן אָטהעם.

„איינפאַך איירישער מזל. זיי האָבען דאַן געהאַלטען אין ענ־דיגען דעם נייעם פליגעל, פערשטעהסטו מיך. פעדדי האָט זיי גע־האָלפען לעגען דעם דאַך. נו, אַז ער איז געווען מיט אַלעם פאַרטיג, נעהמט ער זיך גאַנץ איינפאַך צו דער אַרבייט און גליטשט זיך אַראָב פון דאַך. האָט צוזאַמענגענומען שטיקלעך אין דער ווערק־שטאַט, וואו מען מאַכט די ראַגאָזשעס, און האָט זיך אויסגעבונדען אַ שטריק דערפון, פערשטעהסט? זיי האָבען איהם שוין קיינמאָל מעהר אין די אויגען ניט געזעהן."

„איז ער געווען אין שטרייפען, ווינגיע?"

„געוויס. ער איז בלויז געווען דאָ עטליכע מאָנאַט."

„ווי אַזוי איז איהם געלונגען צו אַנטלויפען אין די געשטרייפ־טע קליידער? וואָלט מען איהם ניט געקענט דערקענען אַלס אַן אַנטלאָפענעם אַרעסטאַנט?"

„וועגען ד ע ם זאָרגסטו, אַלעק? גאָר שוין, דאָס איז לייכט. בעהאַלטסט זיך ערגעץ ביז עס ווערט פינסטער, דאַן שטעלסטו אָב דעם ערשטען חברה־מאַן וואָס דו זעהסט און נעהמסט צו זיינע טראַנטעס. אָדער דו רוקסט זיך אַריין אין דער הינטער־טיהר פון אַ שמאַטע־געשעפט; פאַרהאַן אַ סך אַזעלכע אין אַלעגהעני."

„איז פאַרהאַן אירגענד וועלכער טשאַנס איצט דורכ'ן דאַך?"

„ניין, מיין יונג. ניטאָ וואָס צו טהאָן ד אָ ר ט. אָבער מען

טאר ניט פערלירען קיין האפנונג. פארהאן פיעלע וועגען ווי אזוי צו הרג'ענען א קאץ, פערשטעהסטו מיך. געדענקסט דאס צעטעלע וואס דו האסט געקראגען אין די זאכען, דעם האנדטוך און די זייף?"

„איהר ווייסט וועגען דעם, ווינגיע?" פרעג איך אין ערשטוי־נונג.

„צי איך ווייס? הי־הי, דו קליינער —"

דער גערויש פון שטאהל קלינגט אב אלס ווארנונג. ווינגיע פערשווינדט.

קאפיטעל 8.

צו דער מיידעל.

באקס „איי“ 7,
אלעגהעני סיטי, פא.
18 נאוועמבער, 1892.

מיין ליעבע סאניא!

ס׳קוקט אויס, ווי א גאנצער מענשענאלטער וואלט פאראיבער, זינט איך האב דיר געשריבען, דאך איז עס ניט מעהר ווי א מאנאט. אבער די מאנאטאנקייט פון מיין לעבען ציהט מורא׳דיג אויס די צייט, — די איינציגע אונטערברעכונג אין דער שרעקליכער איינ־טאניגקייט האב איך דורך דיינע טייערע, ליעב־הארציגע בריעף, און דורך די בריעף פון פעדיא׳ן. ווען איך געה צוריק אין צעל, צו עסען מיין מיטאג, ווערט מיין טריט פערשנעלערט דורך דער הייסער ערווארטונג צו געפינען א בריעף פון דיר. ארום עלף פאר־מיטאג מאכט דער גייסטליכער זיין טור איבער די געפענגנים־צעל־לען; זיין פראקטישע האנדווארפט אריין דעם בריעף צווישען די גראטעס, גלייך צום בעט אדער אויפ׳ן קליין טישעל אין ווינ־קעל. אבער ווען דער בריעף איז א לייכטער, פאלט ער געוועהנ־ליך ארונטער אויף דער ערד. אז איך קום אריין אין צעל, זאגט מיר גלייך די פאזיציע פון דעם קליינעם ווייסען געגענשטאנד, צי דער בריעף איז לאנג אדער קורץ. מיט פערמאכטע אויגען פיהל איך זיין געוויכט, ווי דעם ווארעמען דרוק פון דיין אייגענער טיי־ערער האנד, און די צערטליכע בעריהרונג קומט לאנגזאם צו מיין הארץ, ביז איך פיהל זיך אריבערגעהויבען איבער דער עפנונג אין דיין אנוועזענהייט. די גראטעס נעהמען זיך פונאנדער, די וואנד פערשווינדען, און די אטמאספערע ווערט זיס און פול מיט דעם

אראמאט פון פרישער לופט און בלומען, — איך בין ווידער מיט דיר, שפאצירענדיג אין דעם העלען לבנה־שיין פון מאנאט יולי... דער שטריך פון דעם גרויס־רוס אין דיינע אויגען און האר רופט ארויס פאר מיין גייסטעס־בליק די וואלגא, אונזער שעה־נעם „באגאטיר“, און די טענער פון דער „דובינישקא“, ציטערענדיג מיט ליידען און שטרעבען, שווימען ארום מיר... מיין מאהלצייט בלייבט אונבעריהרט. איך טרוים איבער דיין בריעף, און איך לייען איהם ווידער, לאנגזאם, לאנגזאם, מורא־האבענדיג אז איך קען נאך צו גיך צוקומען צום סוף. די נאכמיטאג־שטונדען זיינען געהייליגט דורך דיין בעריהרונג און דיין אנוועזענהייט, און איך בין בעוואוסט בלויז פון דער בענקשאפט נאך מיין צעל, — אין דער שטילקייט פונ׳ם אבענד, בעפרייט פונ׳ם קאשמאר פון מיין מא־מענטאנעם לעבען, שפאציר איך אינ׳ם גארטען פון אונזערע טרוי־מען.

און דעם קומענדען פריהמארגען, ביי דער ארבייט אין ווערק־שטאט, פערברייננ איך אין דער אנגסטיגער פראגע, צי וואס פאר עס איז אויפמונטערנדעם ווארט פון מיין אייגענער, מיין ווירק־ליכער וועלט, ערווארט מיך דארט אין צעל. מיט א ריהרענדען גע־פיהל דענק איך פון דעם גייסטליכען: פילייכט האלט ער גראד איצט אין דעם מאמענט דיין בריעף אין זיינע הענד. ער עפענט איהם, לייענט איהם. פארוואס זאלען פרעמדע אויגען... אבער דער גייסטליכער שיינט צו זיין פריינדליך און פערנינפטיג. אט געהט ער איצט דורך די גאלעריען, צוטהיילענדיג די בריעף. דאס פעקעל ווערט אלץ קלענער, וואס נעהענטער ער קומט צום אונטערשטען עטאזש. אה! אויב ער וועט ניט אויף גיך צוקומען צו מיין צעל, וועט ער נאך בלייבען אהן בריעף. אבער גלייך נאכדעם מוז איך אליין א שמייכעל טהאן איבער מיין קינדישען געדאנק, — אויב ס׳איז דא א בריעף פאר מיר, וועט דאך קיין אנדער ארעס־טאנט איהם ניט קריגען. דאך, ס׳קען זיך מאכען א טעות... ניין, ס׳איז אונמעגליך — מיין נאמען און געפענגניס־נומער, און דער צעל־נומער אנגעצייכענט פונ׳ם גייסטליכען אויפ׳ן קאנווערט, — דאס אלעס פערזיכערט די בריעף געגען וואס פאר עס איז טעות ביי דער צוטהיילונג. אצונד פייפט עס צו מיטאג. מיט פליים איל איך זיך אין צעל. ניטא גארנישט אויפ׳ן דיעל! פילייכט

אויפ׳ן בעט, אויפ׳ן טישעל... איך ווער פיבערדיג, מורא האבענ־דיג פאר אן ענטטוישונג. מעגליך, אז דער בריעף איז ארונטערגע־פאלען אונטער׳ן בעט, אדער אין דעם פענסטערן ווינקעל. ניין, גארנישט ניטא דארט, — אבער עס קען דאך ניט זיין, אז עס איז ניטא קיין בריעף פאר מיר היינט! כ׳מוז נאך אמאל א קוק טהאן — ס׳איז פיליכט ארונטערגעפאלען צווישען די בעט־געוואנד... ניין, ניטא קיין בריעף!

אט אזוי פערגעהען מיינע טעג, טייערע פריינדין. אין גע־דאנק בין איך אימער מיט דיר און פעדריא׳ן, אין אונזערע אלטע גאסטהייזער און אומגעבונגען. איך וועל זיך קיינמאל ניט צוגע־וועהנען צו דעם לעבען, און איך וועל ניט געפינען קיין אינטערעס אין דער ווירקליכקייט פונ׳ם מאמענט. וואס פון מיר וועט ווערען, ווייס איך ניט. איך קימער זיך ווינציג וואס דעריבער. מיר זיי־נען רעוואלוציאנערען. טייערע: וואס פאר אפפער די בעוועגונג זאל ניט פאדערן, מעג דער איינצעלנער אונטערגעהן, אבער די מענשהייט וועט סוף כל סוף פראפיטירען. אין דעם בעוואוסטזיין מוזען מיר געפינען אונזער טרייסט.

אלעקס.

פריוואט
לעצטער טאג פון נאוועמבער, 1892.

געליעבטע מיידעל!

כ׳האב געמיינט, אז איך וועל ניט איבערלעבען די יסורים פון אונזער צוזאמענטרעפונג, אבער אפנים אז עס איז גאר קיין גרע־נעץ ניטא צו די מענשליכע כחות אריבערצוטראגען ליידען. אלע מיינע געדאנקען, אלע מיינע בענקשאפטען זיינען געווען קאנצענט־רירט אין דעם איינעם וואונש דיך צו זעהן, דיר אריינקוקען אין די אויגען און דארט לעזען דעם שעהנעם צוזאג וואס האט אנגע־פילט מיינע טעג מיט שטארקייט און האפנונג... אן אומארמונג, א לאנגען קוש, און די מתנה פון ל י נ ג *) וואלט געווען מיינע.

*) לואיס לינג, איינער פון די שיקאגא־מארטירער, וועלכער האט זיך גענומען דאס לעבען מיט א דינאמיט־שטעקעל אין א ציגאר, וואס א פריינד האט איהם געגעבען.

אננעהמען דיין האנד, אראבקוקען פאר א שטומען, אונשטערבליכען אוינגנבליק אין דיין זעלע, און דאן שטארבען אין דיינע הענד, געליעבטע, מיט דעם ווארעמען אטעם פון דיין קוש, בעגלייטענדיג מיך אין פריערליכער אייביגקייט — אה, דאס וואלט געווען דאס העכסטע גליק, די פערווירקליכונג פון אונזערע טרוימען, ווען מיר האבען אין עקסטאז געקושט דאס בילד פון דער סאציאלער רעוואלוציאן! געדענקסט דו נאך יענעם הערליכע געזיכט, אזוי קרעפטיג און צארט, אויף דער וואנד פון אונזער קליינעם זאאל אין הויסטאן סטריט? ווי ווייט, ווייט אין דער פערגאנגענהייט זיינען זיי, יענע בעגייסטערטע מאמענטען! אבער זיי האבען אנגעפילט מיינע שטונדען מיט הייליגע געדאנקען, מיט פרעהליכע ערווארטונגען. און דאן ביזט דו געקומען. א בליק אויף דיין געזיכט, און איך האב געוואוסט, אז איך בין פער׳משפט צו א שרעקליכען לעבען. כ׳האב עס געלעזען אין דעם בייזען בליק פונ׳ם װעכטער. ס׳איז געװען דער „דעפיוטי" אליין. פיליכט האט מען דיך באזוכט! ער האט נאכגעפאלגט אונזער יעדען ריהר, ווי א פערהונגערטע קאץ וואס מאכט זיך כלומר׳שט ניט וויסענדיג, דאך איז זי גרייט צו יעדען מאמענט ארויפצושפּרינגען אויף איהר אפפער. אה, איך קען די אויסגערעכענטע פערדארבענקייט וואס ליעגט בעהאלטען אונטער אט דעם מילדען אויסערליכען אויסזעהן! די שנעלע בעוועגונג פון זיינע פויקענדע פינגער, בעת ער האט זיך מיט א כיוון אוועקגעזעצט צווישען אונז, האט מיך דערמאנט אן דער ווילדער חיה, וואס קוקט אוים אויף איהר רויב... דער ליכט־קרייז איז פערשוואונדען. די ווערטער זיינען פערגליווערט געווארען אין מיר, און איך האב דיך געקענט בעגעגנען בלויז מיט אן אויסגעוועפּטען שמייכעל, און גלייך אויפ׳ן שטעל האט זיך דער שמייכעל אבגעשפּיגעלט אין מיין זעלע ווי א זייטיגער בליק, ווי א ביטרער וואונק, און מיין הארץ איז פול געווארען מיט כעס אויף אלצדינג ארום אונז — אויף מיר, אויף דעם „דעפיוטי" (איך וואלט איהם געקענט צודריקען אויף טויט), און — אויף דיר, מיין טייערע. יא, סאניא, זאגאר אויף דיר: די לעבעדיגע קומען בעגראבען די טויטע... אבער אין א ווײלע ארום האט זיך דאס אונווירדיגע קלאפּען פון מיין געמאטערטער זעלע איינגעשטילט דורך דעם ליידענשאפטליכען דרוק פון מיינע ליפּען אויף דיין האנד. ווי זי האט דאס געציטערט! כ׳האב

זי געהאַלטען צווישען מיין האַנד, און דערנאָך, ווען איך האָב אויפגעהויבען מיין געזיכט צו דיינעם, האָט דער אויסדרוק, וואָס איז מיר געקומען פאַר די אויגען, מיך אין גאַנצען ווי אויסגעטהאָן פון זיך אַליין. דאָס ביזט דו גאָר געווען איך! דאָס איינגעצויגענע געזיכט, דער בליק פון שרעק, דיין גאַנץ ווען דער געשריי פון מאַטערניש און פיין — ביזט דו ניט געווען דער ווירקליכער ארעסטאַנט? אָדער זיינען דאָס געווען מיינע טיפע, ווייט־געזעע־הענע יסורים, וועלכע האָבען בעפעסטיגט דעם גייסטיגען באַנד, אַבווישענדיג יעדען מיספערשטענדניס, יעדעס בייזע געפיהל און אויפהויבענדיג אונז איבער צייט און פּלאַץ אין דעם עקסטאַז פון מאַרטירעריי?

שטום האָב איך געהאַלטען דיין האַנד. דאַן האָבען מיר גע־רעדט — מעכאַניש, וועגען קליינינגקייטען... ניט קוקענדיג דערויף וואָס דער בלאַסער „דעפּיוטי“, מיט זיין ברוטאַלען בליק האָט גע־צעהלט די סעקונדען און פערבאָטען דעם קלאַנג פון אונזער מיי־ערען רוסיש — אָבער ניט דער הימעל און ניט די ערד האָבען גע־קענט ברעכען די הייליגקייט וואָס איז געווען פערזיעגעלט מיט אונ־זער שמערץ.

דער ווידער־קלאַנג האָט בעגלייט מיינע טריט, בעת איך בין דורכגעגאַנגען די ראָטונדע אויפ'ן וועג צו מיין קעמערל. אַלעס איז געווען שטיל אין דער אָבטהיילונג. קיין גערויש פון מאַשינען און געצייג האָט זיך ניט געהערט פון די ווערקשטאַטען. ס'איז געווען יום־טוב — „טהענקסגיווינג“, דער טאָג פון דאַנק: אַלע ארבייטען זיינען געווען אָבגעשטעלט. איך האָב זיך געפיהלט בע־רוהיגט אין דער שטיליקייט. אָבער ווען די טיהר האָט זיך צוגע־שלאָסען, און איך האָב זיך געפונען אַליין, איינער אַליין אין די ווענט פונ'ם קבר, איז איבער מיר פּלוצלונג געקומען די פולע בע־דייטונג פון דיין אוועקגעהן. די לעבעדיגע האָט פערלאָזען דעם טויטען... דער פּחד פון דער ווירקליכקייט האָט מיך געפּאַקט און אַ ספּאַזם פון אַנגסט איז מיך בעפאַלען.

איך מוז ענדיגען. דער פריינד וואָס האָט מיר צוגעזאָגט אוועק־צושיקען דעם דאָזיגען בריעף „פּריוואַט“, ניט דורך די בעאַמטע פון געפענגנים, וואַרט דאָ ביי מיין טיהר. ער איז אַ גוטער אונגליקליכער, וועלכער האָט זיך בעפריינדעט מיט מיר. איך

ווינש, אז אט דער בריעף זאל דיר אנקומען אונגעשטערט. אלס צייכען אז דו האסט איהם דערהאלטען, שיק מיר א קארטעל מיט סיי וואס פאר אן אינהאלט, דערמאנענדיג דארט, אגב אורחא, אז עס איז אנגעקומען נייעס פון מיין ברודער אין מאסקווע. פערגעס ניט זיך אונטערצושרייבען „שוועסטער".

מיט א ליידענשאפטליכער אומארמונג,

דיין סאשא.

קאַפּיטעל 9

פּערפאַלגונג

.1

יסורים און דאָס שטענדיגע זיין פּנים־אל־פּנים מיט געפאַהר זיינען שנעלע לעהרער. אין די דריי חדשים לעבען אין צוכט־הויז האָב איך פיעל געלערענט. איך צווייפעל, אויב די טומאַנע שרעקען וואָס מיין ערפאַהרונג האָט מיר געמאָלט זיינען געווען מורא׳דיגער, איידער די ווירקליכקייט פון זיין אין געפענגנים.

ספּעציעל איין איין הינזיכט איז די ווירקליכקייט אַ קוואַל פון ביטערניס און פון שטענדיגער אויפרעגונג. ניט קוקענדיג אויף אַלע פּחדים, און אפשר טאַקע מחמת דיעזע פּחדים, האָב איך זיך אימער פאָרגעשטעלט געפענגנים אַלס אַ פּלאַץ, וואו, אין אַ געוויסער מאָס, זיינען זאַכען נאַטירליכער: סאָציאַלע אונטערשידען זיינען אַבגעשאַפט, קינסטליכע מחיצות זיינען ניטאָ; ניטאָ קיין נויטווענדיגקייט צו בעהאַלטען אייגענע געדאַנקען און עמפּפינדונגען; אַ מענש קאָן זיין וואָס ער איז אין דער ווירקליכקייט, אָוועקוואַרפענדיג הינטער די טויערען פון געפענגנים יעדע פערמאַסקירונג און קינסטליכקייט. אַבער ווי אַנדערש איז דאָס ווירקליכע לעבען דאָ! פול מיט נאַרעריי, פערשטעלטקייט און פאַריסייסטוואָ — אַן ערביטערטע צווייטע זייט פון דער דרויסענדיגער וועלט. דער שמייכלער, דער חניפה׳ניק, דער מסור, דער שפּיאָן — פאַר אַזעלכע איז דאָ אַ רייכער באָדען. דער קרומער בליק פון אַ שומר קאָן ברענגען אונגליק, און אויסמיידען קאָן מען דאָס דורך חניפה, דורך אונטערבויגען זיך; אונטערטעניגליכקייט קאָן ערוואַרטען די בעלוינונג פון אַ לייכטערען דזשאָב.* די פערמאַסקירטע נשמה אין שטרייפען וויינט אַרוים ווערטער פון אַ בעל־תשובה׳ניק אין די גנעדיגע אויערען פון די קריסטליכע

דאַמען, וועלכע זאָרגען שוין, ער זאָל חלילה ניט בלייבען אַהן אַ מוסר־ספר, אָדער אַהן דער ביבעל — און די צבוע׳צקע פרומקייט קריגט שוין ענדליך אַ בעגנאַדיגונג, וואָרום די מלאכים אַליין קלייבען דאָך נחת, ווען דער זינדיגער ווערט אַ בעל־תשובה. איך ווער געקרענקט אַנקוקענדיג דיזע סצענעס.

די בעאַמטע מאַכען דיזען אויסוואַהל גאַנץ שנעל קלאָהר פאַר דעם נייעם אַרעסטאַנט: פּראָטעסטירען געגען אונרעכט איז אַן אומזיסטע און געפעהרליכע זאַך. נעכטען האָב איך בייגע־וואוינט אין שאַפּ אַ כאַראַקטעריסטישען פאַל — אַ געשלעג צווי־שען דזשאָהני דייווים און דזשעק ברערפאָרד, ביידע ערשט ניט לאַנג אַנגעקומענע און נאָך גאָר יונגע בחורים׳לעך. דזשאָהני, אַ מענליך־אויסזעהענדער יונג, אַרבייט אויף אַ שטריקער־מאַשין, עטליכע פוס פון מיין טיש. אַנטקעגען איהם איז דזשעק, וועמעס פריהערדיגע ערפאַהרונג אין אַן אויסבעסערונג־אַנשטאַלט (רעפאָר־מאַטאָרי) האָט איהם „געמאַכט קלוג", ווי ער דריקט זיך אויס. איינע דריי מאָנאַטען זיין אין געפענגנים האָט מיך אויסגעלערענט די קונסט צו קאָנען ריידען דורך כמעט ניט בעוועגען די ליפּען. אויף דיזען אופן האָב איך זיך ערקונדיגט פון דזשאָהני, אַז ברערפאָרד גנב׳עט פון איהם אַוועק וואָס ער אַרבייט אויס און פעראורזאַכט דורך דעם, אַז מען זאָל איהם שטענדיג בעשטראָפען פאַר פּראָדוצירען ווייניגער איידער עס איז אַנגעוויזען. האָפענדיג אַז ער וועט איהם אָבהאַלטען דערפון, האָט דזשאָהני זיך בעקלאָגט פאַר דעם אויפזעהער, ניט אַנקלאָגענדיג דערביי דזשעק׳ען. אָבער דער אויפזעהער האָט זיך געמאַכט ניט וויסענדיג פון דער קלאָגע און האָט אַלץ רעפּאָרטירט אַז דזשאָהני איז קורץ אין דער אַרבייט. ענדליך האָט מען איהם איינגעשפּאַרט אין שטראָף־קאַמער. נעכטען אין־דער־פריה האָט מען איהם צוריקגעבראַכט צו דער אַרבייט. די ענדערונג אין דעם רויט־באַקיגען בחור׳ל האָט זיך גלייך געוואָרפען אין די אויגען; בלייך, די אויגען איינגעזונקען, איז ער געגאַנגען קוים האַלטענדיג זיך אויף די פיס. ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבען זיין מאַשין, האָב איך געהערט ווי ער זאָגט דעם בעאַמטען:

„מר. קאַססאַן, איך בעט אייך, זעצט מיך אויף אַן אַנדער פּלאַץ".

„וואָס איז?" פרעגט דער אויפזועהער.

„איך קאָן דאָ ניט אויסאַרבייטען די צאָהל. איך וועל דאָס אָבער אויסאַרבייטען אויף אַן אַנדער מאַשין; איך בעט אייך, מר. קאַססאַן."

„פאַרוואָס קאָנסטו דאָ ניט מאַכען?"

„ווייל ביי מיר ווערען פערפאַלען זאַקען."

„האַ־האַ, שפּיעלסט דעם אַלטען קונץ, האַ? ווילסט ווידער איינגעשפּאַרט ווערען אין לאָך?"

„איך קאָן די לאָך מעהר ניט אַריבערטראָגען, מר. קאַססאַן, איך שווער ביי גאָט, אַז איך קאָן ניט. אָבער דאָ ווערען מיר דאָך פערפאַלען זאַקען".

„פערפאַלען צום שוואַרץ־יאָהר! ווער גנב'עט דאָס ביי דיר זאַקען, העַ? דערצעהל מיר ניט אַזעלכע מעשיות. קיינער קאָן ניט גנב'ענען דיינע זאַקען, ווען איך בין דאָ. דו געה בעססער אַרבייטען און אַרבייט אוים וויפיעל מען דאַרף. פערשטאַנען?"

שפּעט נאָכמיטאָג, ווען מען האָט אָנגעהויבען איבערצעהלען די אַרבייט, איז דזשאהני געווען קורץ אין אַכצעהן פּאָר. ברעד־פאָרד האָט געהאַט מעהר אַלס מען בעדאַרף אויסאַרבייטען.

איך האָב געזעהן ווי מר. קאַססאַן געהט צו צו דזשאהני.

„עה, דרייסיג, מאַשין דרייסיג", האָט ער אַ געשריי געטהאָן. „דו ווילסט טאַקע ניט אויסאַרבייטען די צאָהל, העַ? טהו אָן דיין ראָק און היטעל."

שרעקליכע ווערטער! דאָס מיינט גלייך רעפּאָרטען צום געהילפס־פערוואַלטער און די אונפערמיידליכע שטראָף אין גרוב.

„אָה, מר. קאַססאַן", האָט דער יונג געבעטען זיך, „דאָס איז ניט מיין שולד, זאָל מיר אַזוי גאָט העלפען, ניט מיין שולד!"

„ניט דיין שולד, עה? וועמעס דען שולד איז'ס; מיינע?"

דזשאהני האָט זיך געוואָקעלט. זיינע אויגען האָבען גע־וואַנדערט אין ברעדפאָרד'ס זייט, וועלכער האָט געזוכט אויסצו־מיידען זיין בליק.

„איך קען ניט מסור'ן", האָט ער געענטפערט שטיל.

„אָה, צום טייפעל! דו האָסט גאַרניט וואָס צו מסור'ן. נעהם דיין ראָק און היטעל."

דזשאהני האָט פערבראַכט די נאַכט אין קאַרצער־גרוב. היינט

אין דער פריה איז ער ארויסגעקומען, זיינע באקען נאך מעהר איינגעפאלען. ער האט געארבייט מיט פערצווייפעלטער ענערגיע; האט געפראצעוועט נאכאנאנד, נאכאנאנד און האט די אויגען ניט אראבגענומען פון דעם וואקסענדען בערגעל זאקען. ווייל־עווייז פלעגט ער ווארפען א בליק אויף ברערפארד'ן, וועלכער, זייענדיג זיכער מיט דער גונסט פון דעם בעאמטען, האט בעגעגנט דשאה־ני'ס האסענדען בליק מיט א כיטרען פינטעל מיט דער לינקער אויג.

איין מאל האט דזשאהני, אנגעהענדיג מיט זיין ארבייט, א קעהר געטהאן עטוואס זיין קאפ אין מיין ריכטונג. איך האב ער־מוטהיגענד געשמייכעלט. און אין דעמזעלבען מאמענט האט דזשעק'ס האנד א ציה געטהאן זיך איבער'ן טיש און שנעל א צופ געטהאן א הויפען פון דזשאהני'ס זאקען. באלד האט א שניידענדער אויסגעשריי אויפגערודערט דעם גאנצען שאפ. קוים וואס זיי האבען דעם אויפגעקאכטען דזשאהני אבגעריסען פון דעם אנידערגעשליידערטען ברערפארד. מען האטביידע ארעסטאנטען באלד אוועקגעפיהרט צום הילפס־פערוואלטער צום משפט, און דער איינציגער עדות איז געווען דער עלטסטער בעאמטער קאססאן.

איך האב מיט אונגעדולד געווארט אויף דעם רעזולטאט. דורך דעם אפענעם פענסטער האב איך געזעהן ווי דער אויפזעהער קומט צוריק. ער איז אריינגעקומען אין שאפ און ארום זיינע מויל־ווינקלען האט געשפיעלט א שמייכעל. איך האב בעשלאסען צו ריידען מיט איהם, ווען ער וועט פערבייגעהן.

„מר. קאססאן“, זאג איך מיט געמאכטען דרך־ארץ. „מעג איך אייך עפעס פרעגען?“

„געוויס, בערק, איך וועל דיך ניט אויפעסען. נו, גערעדט!“

„וואס האבען זיי געטהאן מיט די צוויי יונגען?“

„דזשאהני האט בעקומען צעהן טעג אין גרוב. גאנץ שטייף, עה? פערשטעהסט, ער האט דאך אנגעהויבען דעם געשלעג, כדי ער זאל ניט דארפען טהאן זיין ארבייט. אה, איך גיב אויף א י ה ם גוט אכטונג. מ י ך קאנען זיי ניט אזוי לייכט נארען; ווי מיינסטו, בערק?“

„איך זאל מיר דענקען, אז זיי קאנען ניט, מר. קאססאן. האט איהר געזעהן, מר. קאססאן, ווי דער געשלעג האט זיך אנגעהויבען?“

„ניין. אבער דזשאהני האט אליין צוגעגעבען, אז ער האט

דער ערשטער ברעדפאַרד'ען אַ זעץ געגעבען. דאָס איז גענוג, „ברעד" וועט זיין מאָרגען צוריק אין שאַפּ. איך האָב געזעהן, ער זאָל לייכט אַבקומען; פערשטעהסט, ער איז אַ גוטער אַרבייטער, אַרבייט תמיד אוים מעהר פון זיין צאָהל. ער וועט נור פערלירען אַ וועטשערע. דאָס קאָן ער, גלויב איך, אויסהאַלטען. ניטאָ דער־ריין פיעל וואָס צו פערלירען; ניט אַזוי, בערק?"

„ניין, ניט פיעל צו פערליערען", האָב איך צוגעשטימט.

„אַבער, מר. קאַססאַן, דאָס איז דאָך אין גאַנצען ברעדפאַרד'ס שולד."

„ווי אַזוי דען?" האָט דער אויפזעהער אַ פאָדער געטהאָן.

„ער האָט גע'גנב'עט דזשאהני'ס זאָקען."

„דו האָסט איהם דאָס ניט געזעהן טהאָן."

„יאָ, מר. קאַססאַן, איך האָב אַליין געזעהן דיעזען..."

„העָר צו, בערק. דאָס איז אַלראַיט. דזשאהני טויג סאַי־ווי־סאַי ניט; ער איז צו פרעך. דערצעהל בעסער וועגען דעם קיין זאַך ניט, פערשטעהסט? מיין וואָרט גילט ביי דעם געהילפס־פערוואַלטער."

די שרעקליכע אונגערעכטיגקייט מאַטערט מיין מח. דער אָרעמער דזשאהני זיצט שוין דעם פערטען טאָג אין דער שוידער־ליכער גרוב. דאָס איז שוין דאָס דריטע מאָל דערצו, און איז דאָך אַבסאָלוט אונשולדיג. מיין בלוט קאָכט ביי דעם געדאַנק פון אַזאַ העלישער האַנדלונג און פון דעם בעאַמטענס פאַלשקייט. עס איז דאָך מיין פליכט אַלס רעוואָלוציאָנער אַנצונעהמען זיך פאַר דעם פערפאָלגטען. יאָ, איך וועל אַזוי טהאָן. אַבער ווי אַזוי זאָל איך דאָס טהאָן? מאַכען אַ קלאַגע געגען מר. קאַססאַן וואָלט גע־ווען אַן אומזיסטע זאַך. און מען וועט דאָך וועגען דעם לאָזען וויסען דעם בעאַמטען, וועט ער דאָך מיר פערביטערען דעם לעבען. זיין דעה אין ווערקשטאַט איז אַן אַבסאָלוטע.

די עטליכע פלענער וואָס האָבען זיך מיר געדרעהט אין קאָפּ האָבען נאָך מעהר נאָכדענקען זיך בעוויזען ניט אויספיהרבאַר. עס קומט אין מיר פאַר אַ קאַמף צווישען פערזענליכע אינטערעסען און דעם געפיהל צו טהאָן מיין פליכט. די פאָרשטעלונג אַז דזשאהני וואַלגערט זיך דאָרט אין גרוב, דער אַנבליק פון זיין לע־

דינער מאשין, ברערפארד׳ס טריאומפירענדער שמייכעל, לאזען מיין געוויסען ניט בערוהיגען זיך, ביז איך קען מעהר ניט שווייגען. איך בעשליס ביי דער ערשטער געלעגענהייט צו ריידען מיט דעם פער־וואלי

עטליכע טעג זיינען פערביי. אפט ווער איך געמאטערט פון צווייפעל, איז עס ראטהזאם צו ריידען וועגען דעם מיט דעם פער־וואלטער? דזשאהני׳ן קאן דאס ניט העלפען; דאס וועט נור מיך אריינשלעפען אין אונאנגענעהמליכקייט. אבער באלד פער־שעהם איך זיך אליין פאר מיין שוואכקייט. עס קומט מיר ארויף אויפ׳ן זינען דער פיעל־פערגעטערטער העלד פון מיין יוגענד, דער בעריהמטער מישקין. איבערוועלטיגענד מיין אייגענע ווערטהלא־זיגקייט, דערמאן איך זיך אליין אויף די העלדישע טהאטען פון היפאליט ניקיטש. וואס פאר א מאן! איינער אליין האט ער אונטערנומען צו בעפרייען טשערנישעווסקי׳ן פון געפענגניס. אה, די פערפלוכטע ארעמקייט! ווען ניט דאס, וואלט מישקין געווען ערפאלגרייך און דער גרויסער בעגייסטערער פון דער רוסישער יוגענד וואלט געווען צוריק געשענקט דער וועלט. איך טראכט אלע וועגען די איינצעלהייטען פון דעם כמעט ערפאלגרייכען אנט־לויפען, מישקינ׳ס קאמף מיט די קאזאקען, זיין ארעסט, און זיין מערקווירדיגע רעדע אין געריכט. א פעראורטהיילטער צו צעהן יאהר קאטארגע אין סיביר האט ער געוואגט אויפצוטרעטען געגען דער טיראניי אין זיין רעדע אויף דעם קבר פון דמאכאווסקי און פאר זיין דרייסטקייט האט ער בעקומען נאך פופצעהן יאהר קא־טארגע. איך פאלג נאך אלע איינצעלהייטען פון זיינע ווידער־האלטע פערזוכען צו אנטלויפען, דאס איבערפיהרען איהם אין דער פעטראפאוולאווסקער פעסטונג און פון דארט אין דער שליסעל־בורגער פעסטונג, וואו ער איז געגאנגען צום טויט נעהמענדיג ראכע פון א הויכען רעגירונגס־בעאמטען פאר דער שלעכטער בעהאנד־לונג פון זיינע חברים. אה! אזוי האנדעלט א רעוואלוציאנער! און איך — יא, איך בין ענטשלאסען. קיין געפאהר וועט ניט האל־טען מיינע ליפען פערשלאסען געגען די פערברעכען און געגען דער אונגערעכטיגקייט.

ענדליך האָט זיך געמאַכט די געלעגענהייט. דער געהילפס־פערוואַלטער קומט אַריין אין שאַפּ. הויך, גרוי, עטוואָס געבויגען, דער קאָפּ פאָראויס, דערמאָנט ער אָן אַ וואָלף, וואָס פאָלגט נאָך דעם סליאַד.

„מר. מעקפּיין, איין מינוט, ביטע“.

„יאָ.“

„איך דענק, אַז דזשאָהני דייווויס ווערט אונשולדיג בע־שטראָפט.“

„דו דענקסט, הם, הם. און ווער איז דאָס דער אונשולדיגער דזשאָהני, הם, דייווויס?“

זיינע פינגער ווירבלען אונגעדולדיג אויפ'ן טיש, ער מעסט מיך אָב מיט ערנידריגענדע, פערדעכטיגענדע בליקען.

„מאַשין דרייסיג, הערר פערוואַלטער.“

„אַה, יאָ, מאַשין דרייסיג; הם, הם. דער רויטער דייווויס. הם, ער האָט געהאַט אַ געשלעג.“

„דער אַנדער מאַן האָט גע'גנב'עט פון איהם זאַקען. איך האָב דאָס אַליין געזעהן, מר. מעקפּיין“.

„אַזוי, אַזוי. הם, און פאַר וואָס האָסטו דאָס געזעהן, מיין גוטער מענש? ביסטו זיך מודה, הייסט עס, הם, הם, אַז דו האָסט ניט, הם, פערנומען זיך מיט דיין אייגענע אַרבייט. דאָס איז שלעכט, הם, זעהר שלעכט. מר. קאַססאַן!“

דער אויפזעהער לויפט צו צו איהם.

„מר. קאַססאַן, דיעזער מאַן האָט געמאַכט אַ קלאַגע געגען אייך. אַרעסטאַנט, שלאָג מיך ניט איבער. הם, וואָס איז דיין נומער?“

„איי“ 7“.

„מר. קאַססאַן, „איי“ 7 מאַכט הם, אַ קלאַגע געגען דעם בעאַמ־טען, הם, וואָס האָט אויפזיכט איבער דיזען שאַפּ. ביטטע, הם, הם, פערצייכענט דאָס.“

ביידע טרעטען אָב אָן אַ זייט ריידענדיג שטיל. די ווערטער „קיקער“ און „הי' קיד“ גרייכען מיינע אויערען. דער געהילפס־פערוואַלטער שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ דעם אויפזעהער, זיינע שטאַ־לענע אויגען זיינען אָנגעשטעלט אויף מיר מיט האַס.

.2

איך פיהל זיך הילפלאז, פריינדלאז. מיין טרייסט פון ווינגיע'ס מונטערען גייסט פעהלט. מיין ארעמער פריינד איז אין א שווערער לאגע. פון איינציגע שטיקלעך פון א געשפרעך אין שאפ האב איך צונויפגעבונדען די געשיכטע. „דאטש" ערעמס, וועלכער זיצט שוין דעם דריטען מאל און וועלכער איז דעם געהילף־פערוואלטער'ס בעליעבטער שפיאן, האט פערלארען אין א געוועט וועגען א פרייז־פאיט זיין מאנאטליכע פארציאן טאבאק. האט ער געפאדערט אז ווינגיע, וועלכער איז געוועזען דער געווינער פונ'ם געוועט, זאל זיך מיט איהם צוטהיילען. און זייענדיג אויפגעבראכט וואס דיעזער האט ענטזאגט, האט ער גע'מסור'ט מיין פריינד פאר שפיעלען אין וועטענעס. אן אונטערזוכונג אין ווינגיע'ס צעלע האט אויפגעדעקט דעם טאבאק, וואס דאס איז שוין א בעשטעטיגונג פון דער קלאגע. מען האט ווינגיע'ן אוועקגעשיקט אין שטראף־גרוב. אבער עס זיינען אוועק די פינף טעג און מיין פריינד האט זיך נאך אלץ ניט צוריקגעקעהרט אין זיין אלטער צעלע, און איך האב זיך אין גיכען דערוואוסט, אז מען האט איהם איינגעשפארט אין איינצעלהאפט פאר ניט וועלען אויסזאגען דעם נאמען פון דעם מאן, וועלכער האט איהם פערטרויט.

ווינגיע'ס שיקזאל מאטערט מיין מח. מיין ארעמער גוטהארציגער פריינד ווערט געבראכען אונטער דער ווירקונג פון דער שרעקליכער שטראף. היינט אין דער פריה, ווען מיר איז אויסגעקומען פערבייצוגעהן זיין צעלע, האב איך איהם געגריסט, אבער ער האט ניט געענטפערט אויף מיין גרוס. אפשר האט ער ניט געהערט, האב איך זיך געקלעהרט. מיט אונגעדולד האב איך דערווארט ביז מיטאג־צייט, ווען איך וועל געהן צוריק. „העללא ווינגיע!" האב איך א זאג געטהאן. ער איז געשטאנען ביי דער טיהר, קוקענדיג שטארק צווישען די גראטעס. ער האט אויף מיר געקוקט מיט שטארע בליקען, מיט בלאנקע, אויסדרוקסלאזע אויגען. „ווער ביזטו?" האט ער ארויסגעבורטשעט געבראכען. דאן האט ער אנגעהויבען צו פלאפלען. פלוצלונג האב איך אנגעהויבען פערשטעהן דעם אימה'דיגען אמת. מיין ארעמער, ארעמער פריינד, דער ערשטער וואס האט צו מיר גערעדט א פריינדליכען ווארט — ער איז פון זינען אראב!

קאפיטעל 10

דער „יעגג“

1.

וואכען און מאנאטען פערלויפען און קיין קלאהרע פלענער פאר אנטלויפען. יעדער טריט, יעדע בעוועגונג ווערט אזוי שטרענג בעוואכט, אז מיינע האפנונגען שיינען צו זיין אומזיסט. איך בין אונרוהיג און נערוועז, אין א שטענדיגען צושטאנד פון אויפרעגונג.

די צושטענדע אין שאפ ווירקען נאך מעהר ערביטערענד אויף מיין גייסטיגען צושטאנד. מען האט פערגרעסערט די צאהל ארבייט, וואס מען מוז אויסארבייטען ביי די מאשינען; פאלגליך ווער איך הינטערשטעליג אין מיין ארבייט. מיינע ווידערהאלטע בקשות פון הילף ווערען פון דעם אויפזעהער איגנארירט; ער בענוצט יעדע געלעגענהייט צו בעליידיגען און ערנידריגען מיך. זיינע פיס ברייט צושפענט, מיט די הענד אין די זייטען, דער בויך אויסגעשטעלט, מעסט ער מיך אב מיט זיינע שמאלע פעטע אויגלעך. „אהה, וואס איז דער מעהר מיט דיר“, ברומט ער ארוים, „ווער דאך ריהרעוודיגער, בערק, וואס, נים?“ דאן ענדערט ער דעם טאן און גיט זיך א בייזער: „שטעה דארט ניט אזוי ווי א נאר, הערסט צי ניט? דאס צווייטע מאל וועל איך דיך רעפארטען און דו וועסט געהן אין גרוב. דאס רייד איך צו דיר, פערשטעהסט?“

אפטמאל פיהל איך אזוי ווי דער גייסט פון א קין וואלט זיך אין מיר ערוועקען. ווען ניט די האפנונג צו אנטלויפען וואלט איך ניט געקענט אריבערטראגען דיעזע בעליידיגונגען און פערפאלגונגען. ווי די זאך איז, דער וועכטער טרעט איבער דעם גרע־

ניץ פון מיין געדולד. זיין געמיינע ביטרעקייט געפינט אויס גע־נוג געלעגענהייטען צו ערביטערען און צו רייצען מיך. דיעזע אונ־אויפהערליכע טראפּענס גיפט מאכען פאר מיר די טעג אין שאפּ אלס א שטענדיגע פּייניגונג. איך זוך צו פערגעסען זיך דורך איבערגעבען זיך אין גאנצען דער ארבייט: איך שטרענג אן מיין גאנצע ענערגיע אריבערצוזאגען די ארבייט פון דעם נעכטיגען טאג; איך קאנקוריר מיט זיך אליין און געפין א טרויעריגען פערגניגען אין דערגרייכען און ברעכען א נייעם „רעקארד" אין אויפטהאן ארבייט. און וויעדער אמאל שטרענג איך אן אלע מיינע איינ־פעלע צו קאנען פערפאלקאמען א מיטעל ווי צונויפצוריידען זיך מיט מיין נייעם נאכבאר דזשאהני דייוויס. זייענדיג לפנים שטארק בעשעפטיגט אין אויפטהאן די נויטיגע צאהל ארבייט, פיהרען מיר א שטילען געשפּרעך צווישען זיך מיט די פינגער, מיט די אויגען און ווילעוויז מיט א בעוועגונג פון די ליפען. אום צו מאכען גרינגער דיעזע לעצטע מעטאדע, האב איך אנגע־הויבען איינגעוועהנען זיך צו קייען טאבאק. דאס האט מיר אויך נעגעבען א בעסערע געלעגענהייט צו קאנען אומטוישען זיך מיט איינדריקע מיט מיין נייעם העלפער, אן אלטער געפענגניס־פויגעל, וועלכער האט זיך מיר פארגעשטעלט אלס „באסטאנער רויטער". דאס האב איך צו פערדאנקען דעם אומשטאנד, וואס דער פערוואל־טער האט זיך צוריקגעקעהרט פון זיין וואקאציע. נעכטען האט ער בעזוכט דעם שאפּ. א מיליטעריש־אויסזעהענדער מאן, מיט א טוגענדהאפטע ווייסע בארד און שטאטליכע פיגור, קומט ער צו צו מיר אין בעגלייטונג פון סופּעראינטענדענט פון געפענגניס־פאב־ריקאציאן.

„איז דאס דער בעריהמטער ארעסטאנט?" האט ער געפרעגט מיט א לייכטען שמייכעל ארום זיין רויהען מויל.

„יא, קאפּיטאן, דאס איז בערקמאן, דער מאן וואס האט גע־שאסען אויף פריק'ען."

„איך בין דאמאלס געווען אין נעאפּאל. איך האב וועגען דיר געלעזען דאן אין די ענגלישע צייטונגען, בערקמאן. ווי פיהרט ער זיך אויף, סופּעראינטענדענט?"

„גוט".

„נו, ער האט זיך געדארפט גוט אויפפיהרען דרויסען".

אבער בעמערקענדיג א בארג פון ניט אויסגעקעהרטע זאקען, האט דער פערוואלטער געהייסען דעם אויפזעהער צו געבען מיר אן ארויסהעלפער, און אויף אזא'ן אופן איז דער „באסטאנער רוי־טער" צוגעשטעלט געווארען צו ארבייטען מיט מיר אויף מארגען.

מיין ארויסהעלפער נעהמט זיך דעם פערגניגען צו פערפאל־קאמען מיך אין דער קונסט צו ריידען אהן ליפען. א גרויסער שטיק טאבאק שטאפט אן זיין לינקע באק, די מויל עטוואס צו־עפענט און קרומלעך האט ער הנאה צו דערצעהלען „גייסטער געשיכטעס" אונטער די סאמע בליקען פון די בעאמטע. דער רויטער מאכט מיך בעקאנט מיט דער וועלט פון „אויפ'ן וועג", מיט דעם דאזיגען פרייען לעבען, וואס איז אזוי פול מיט אינטע־רעסאנטע און אוואנטוריסטישע בעגעבענהייטען, מיט פריידען און ליידען. אן אינטערעסאנטער כאראקטער, ווירקליך, וועלכער פרע־טענדירט וויציג „אראבצוקוקען אויף דער וועלט פון דער הימלישער הויכקייט פון אנגעפאסטען ציניזם."

„סטייטש, רויטער, קאנסט דאך ריידען א גוטען ענגליש", מאך איך איהם א לייכטען פארוואורף, „פאר וואס־זשע געברויכסטו אזא מארק שפראך? עס איז דאך פאר מיר שווערער דיך צו פער־שטעהן."

„איך קימער זיך ניט פאר דיין קלאסישער שפראך. איך קאן דאס געברויכען אלראיט. אבער גיב מיר בעסער דאס לשון. פערשטעהסט, איך בין ניט קיין לאטכער, דארף דאס אין זיך ניט האבען. כ'בין א י ע ג ג."

„וואס איז א יעגג, רויטער?"

„די בעלי־גאוה'דיגע וועלט פון פרעהליכע אידיאטען פאסט צו צו מענשען פון מיין שטאנד דעם טערמין ,טרעמפ'."

„א יעגג איז, הייסט עס, א טרעמפ. איך בין איבערראשט, אז אזא מענש ווי דו זאל וועלען פיהרען א לעבען פון א בראָ־דיאגע."

די געפענגנים־בלייכקייט פון מיין ארויסהעלפער בעגיסט זיך מיט א רויטקייט.

„דו ביזט אזוי דום, ווי די אלע איבעריגע", ענטפערט ער מיר מיט היץ, און איך בעמערק ווי זיינע ליפען בעוועגען זיך ווי

אין געוועהנליכען געשפּרעך. אַבער באַלד האָט ער זיך איבער־וועלטיגט און אַרום זיינע אויגען האָט זיך אַ שפּיעל געטהאָן אַ גוטמוטהיגער לאַך.

„מיין הערר", זאָגט ער מיט אַנגעשטעלטער גדלות. „דאָס מינדסטע וואָס איך קען זאָגען איז, אַז דו מאַכסט קיין אויסוואַהל ניט אין דיין טערמינאָלאָגיע. ניין, מיין הערר, גאָרניט. נו, הער זיך צו, דו ביזט אַ וואוילער קערל, אַבער דיין בילדונג איז זעהר טרויעריג פערנאַכלעסיגט געוואָרען. כאַפּסטו דעם געדאַנק? רוף מיך מעהר ניט מיט דיעזען נאָמען. דאָס איז בעליידיגענד. דאָס איז אַ גאַנץ אומזיסטע בעליידיגונג, מיין הערר. ווירקליך, איך מעג זאָגען ניט מורא האָבענדיג זיך צו ווידערשפּרעכען, אַז דיעזע בעליידיגונג איז העכסט איבערגעליידיגט. יאַ, מיין הערר, אַזוי בין איך. איך בין ניט קיין בראָדיאַגע, אַבער פערדאַמט ניט. מעק אויס דיעזען אונאַנשטענדיגען עפּיטעט פון דיין שפּראַך־רייכ־קייט, מיין הערר, ווען דו רעדסט צו דיין זעהר איבערגעבענעם. איך בין אַ יאַגג, מיט אַן אַ און אַ דאָפּעל גע, מיין הערר, פון דעם זעהר געעהרטען שטאַם פון די יאַגג־לייט. אַנדערע לעגען דאָס אויס מיט אַן ע — עגג, — אַבער איך שטעה דערויף, אַז דאָס דאַרף זיין מי טאַן אַ, וואָרום אַזוי איז גראַמאַטיקאַלישער, און אַזוי ווי דאָס אונפערגלייכליכע וואָרט האָט קיין בלוט־פערוואַנד־שאַפט מיט די פּרוכט פון אַ הוהן, טאָר דאָס ניט פערדאָרבען ווערען דורך אַ וואולגאַרע אויסלעגעכץ".

„וואָס איז דער אונטערשיעד צווישען אַ יעגג און אַ בראָ־דיאַגע?"

„דער גרעסטער אונטערשיעד אין דער וועלט. אַ בראָדיאַגע איז אַ נידעריגער שטאָדט־קלאָץ, וועמעס גייסטיגער האָריזאָנט, מיין הערר, דרעהט זיך אַרום דער הינטער־טיהר, מיט אַ דאַרער האַנד־אויסשטרעקונג אַלס צוציהונגס שווער־פּונקט. איהם פעהלט דער מוטה אַוועקצוואַרפען זיין געבירטיגען ווינקעלע און אַרומוואַנ־דערען אין דער וויטער וועלט אַלס פרייער און אונאַבהענגיגער דזשענטעלמען. דאָס איז אַבער דער יעגג, מיין קינד. ער וואַגט צו זיין און צו טהאָן, ניט קוקענדיג אויף קיינע פערבאָטען. ער לעבט; יאַ, ער לעבט — אויף דעם חשבון פון אַ וועלט מיט צאַפּערס, דאַנקע שעהן, מיין הערר. ווענען זיי איז ריכטיג גע־

זאָגט געוואָרען אין דעם נוטען ספר: „זיי זאָלען זיך מעהרען און פרוכפּערען ווי די זאַמד אויפ'ן ברעג פון ים", אָדער עפּעס אַזעלכע מינים בעדייטענדע ווערטער. אַ יעגג איז די סאַמע זאַלץ פון דער ערד. אַן אמת'ער בלוט-ריינער יעגג וועט ניט ערנידריגען זיך צו אַטהעמען דיזעלבע לופט, וואָס אַ שטאָדטישער בראַדיאַגע. נאָ, סעררי."

איך וויל איהם אַ פרעג טהאָן וועגען אַן ערקלעהרונג פון דעם נייעם טערמין, אָבער דאָס שנעלע, קורצע אָבהוסטען זיך פונ'ם „רויטען" וואָרנט מיך אויף דער געפאַהר. דער אויפזעהער קומט צו מיט שווערע, געמאָסטענע טריט, דער קאָפּ פערוואָרפען אויף צוריק, די הענד פערלייגט אויף הינטען — אַ זיכערער צייכען פון שטאַרקער זעלבסט-צופריעדענהייט.

וואָס מאַכסטו, רויטער?", גריסט ער מיין אַרויסהעלפער.

„זאָ-זאָ".

„ניט לאַנג געבליבען דרויסען, ווי?"

„צוויי מיט עפּעס."

„דאָס איז גענוג לאַנג פאַר אַזאַ ווי דו."

„אַה, איך ווייס ניט. איך בין שוין איין מאָל געבליבען דרויסען פאַר יאָהרען."

„יאָ, דו ביזט! ביזט דאָן געווען, דענק איך, אין קאָלאָמבוס *)."

„ניט אין אייער לעבען, מר. קאַססאַן. דאָס איז גאָר געווען אין סינג-סינג."

„האָ-האָ! דו ביזט אַלראַיט, רויטער. אָבער איהר וואָלט זיך גענדאַרפט אַביסעל אונטעריאָגען, יונגען. איך דענק אַריינשטעלען נאָך צעהן מאַשינען, אַלזאָ, זייט לעבעדיגער".

„ווען וועט מען אַריינשטעלען די מאַשינען, מר. קאַססאַן?"

„גאַנץ גיך, רויטער."

דער אויפזעהער געהט אָב און דער רויטער גיט מיר אַ שעפּצע:

„אַלעק, „גאַנץ גיך" איז אַקוראַט די צייט, ווען איך וועל זיך אָבזעגענען. צום טייפעל מיט זיין אַרבייט און מיט די נייע מאַ־

*) דאָס צוכטהויז פון קאָלאָמבוס, אָהייאָ.

שינען. איך בין נים אזא בריאה וואס ארביים. ער מיינט, אז איך בין א ניגער, וואס? ניין, מיין הערר, די וועלט איז מיר שול־דיג חיונה און געוועהנליך זעה איך דאס שוין צו קריגען, איך קאן וועטען דערויף. בלויז עזלען און ניגערם ארבייטען. איך בין א פרייער מענש; איך קאן לעבען פון שפאס, פערשטעהסט? איך ארביים קיינמאל נים ווען איך בין דרויסען, געה איך צום טייפעל, אויב איך וועל ארבייטען דא. איך בין דאך נים קיין אמטען־זוכער. צו וואס זאל איך ארבייטען, הא? קאנסטו מיר אפשר זאגען, צו וואס?"

„מיינסט צו ענטזאגען זיך דא פון ארביים?"

„ענטזאגען? איך? ניקס. דאס איז א הארבער ווארט. ניין, מיין הערר, איך ענטזאג זיך קיינמאל נים. זיי וועלען דיר דא דיין אויבער־שטיבעל אראבהאקען, אויב דו ענטזאגסט זיך צו אר־בייטען. איך מייד פשוט אוים, גאנץ ענטשיעדען און מיט א בע־שטימטען צוועק. ארביים איז אזא מין חולאת, מיין קינד. מען מוז זיין זעהר פארזיכטיג, מען זאל דערפון נים אנגעשטעקט ווע־רען. דאס איז א רעגולערע פעסט. דו האסט דאך קיין מאל נים געארביים, יא?"

דיעזע אונערווארטעטע ווענדונג האט מיך איבערראשט און איך האב געוואלט א שמייכעל טהאן, האב אבער דעם שמייכעל גלייך אונטערדריקט, זעהענדיג דעם צארענדיגען אויסדרוק אויף „רויטענ׳ס" פנים.

„קלאץ דו", האט ער א זשיפע געטהאן, „בעהאלט דעם פנים; דער שפיק שפירט דיר נאך. דו וועסט אונז אריינשלעפען אין גרוב אריין פאר מאכען אזא גרימאסע. וואס שמייכעלט זיך דיר, וואס?" האט ער פארגעווארפען מיר. „מיינסטו צו זאגען, אז דו האסט געארביים?"

„איך בין א זעצער, א שריפטזעצער", זאג איך איהם.

„לאז אב! דו ביזט אן אנארכיסט. איך האב דאס געלעזען אין די צייטונגען, מיין הערר. דיינע לייטע גלויבען נים אין אר־בייטען. ווילסט מאכען א צוטהיילונג. זאל זיין אזוי, איך האלט מיט דיר. ראקעפעלער האט נים דאס רעכט אויף דער גאנצער וועלט. איהם איז דאס נאך אויך ווייניג. ער וויל נאך א צאהם ארום דער וועלט."

„אנארכיסטען ווילען ניט מאכען קיין צוטהיילונג, רויטער. מען האט דיך פאלש אינפארמירט —“

„א, ניש'קשה, זאל זיין. איך האלט ניט פון אויסבעסערען די וועלט. זי איז גוט גענוג פאר צאפערס, און ווי די היילינע שריפט זאגט: „געבענשט זאלען זיין די וואס זעען ניט און ראיען ניט; אלעס זאלען זיי פערמאגען“. דאס זיינען קלוגע ווערטער, מיין בחור'ל. נאך א זאך, ניט דו, ניט איך ווערען דערלעבען צו זעהן אן ענדערונג, טא צו וואס זאלען מיר זיך דרעהען דעם ספאדיק פאר דעם? איך מוז אנשטרענגען מיין גאנצע חכמה אויסצודרעהען זיך פון ארבייטען. ס'איז א שאנדע צו ארבייטען, און עס האלט מיך שטארק בעשעפטיגט אויפצוהאלטען מיין עהרע און מיין זעלבסטווירדע. דו ווייסט אפשר, אדער דו ווייסט ניט, אז קאלאמבוס איז זעהר א פאסקודנער מיסטקאסטען. אבער דענקסטו דען, אז איך האב דארט אן ארבייט געטהאן? ניין, ניט איך, מיין הערר, א ניין!“

„האסטו אבער דען ניט געזאגט קאססאן'ען, אז דו ביזט געווען אין סינג־סינג, ניט אין קאלאמבוס?“

„האב'ך געזאגט. איז וואס דערפון? איך בין קיינמאל ניט געווען נעהענטער ווי אויף א שטח פון דרייסיג מייל פון ניו יארקער שטייג. דאס איז געווען טאקע א געזונד צו קאלאמבוס'ען, אבער דאס איז צווישען זיך גערעדט. די שפיקעס דארפען דערפון ניט געוואהר ווערען.“

„ווי זשע, רויטער, האסטו זיך געקליגט ניט צו ארבייטען אין קאלאמבוס?“

„געקליגט? דאס איז רעכט, מיין הערר. דאס איז א ווארט פון א זעהר גרויסער בעדייטונג; דאס ווארט שילדערט אקוראט מיינע בעשיידענע בעשטרעבונגען. דאס איז וואס איך האב געטהאן. און פאר א גוטען צוועק דערצו. קיין שטאך ארבייט. אי ווי? איך האב געהאט ביללי'ן מיט מיר, דאס איז מיין „קיד“, פערשטעהסטו מיך, און א פיינער בחור'ל איז ער געווען דערצו. איך האב איהם געלאזט ארויפציהען אויף מיר א דזשיגגער, האב דאס אנגעהאלטען פאר פיער יאהר. אט האסטו אויסדרויער און ארבייטזאמקייט, מיין הערר.“

„וואס מיינט דאס ‚ארויפציהען א דזשיגגער אויף‘?“

„א דזשינגער? נו, א דזשינגער איז —"

דער מיטאג־צייט פייף האט איבערגעריסען די ערקלעהרונג. מיט א פריינדליכען פינטעל מיט'ן אויג אין מיין ריכטונג, האט מיין ארויסהעלפער פערנומען א פלאץ אין דער רייהע. שווייגזאם מארשירען מיר צו די צעלען, די געמאסטענע פוס־טריט הילכען אב אין די געוועלבען פונ'ם געפענגניס־הויף.

.2

די געשפרעכען מיט דעם „באסטאנער רויטען", מיט דעם יונגען דייווים און צייטענווייז מיט אנדערע ארעסטאנטען, העלפען צו פערטרייבען די לאנגווייליע פון די ארבייטס־שטונדען. אבער אין דער איינזאמקייט פון דער צעללע, דורך די לאנגע ווינטער־אבענדען, איז מיין מח פערנומען מיט דער דרויסענדיגער וועלט. פריינד, די בעוועגונג, דער וואקסענדער אנטאגאניזם, די ביטערע שטרייטיגקייטען צווישען די מ א ס ט י א נ ע ר און די פערטייידיגער פון מיין טהאט — מיט דעם אלעם זיינען פול מיינע גע־דאנקען און מיינע טרוימען. דורך אויסגעטראכטע, אבער בע־דייטענדע נעמען, דורך רוסישע און דייטשע ווערטער פערקעהרט געשריעבען, און עהנליכע איינפעלע, לאזט מיך דאס מיידעל ווי־סען, וואס עס קומט פאר אין אונזערע קרייזען. איך פערגעטער, אבער ניט צוליעב עפעס פערזענליכעס, איהר פעסטקייט און קאמפף־לוסט פערטהיידיגענד מיין זאך געגען אלע אנגריפען. עס איז כמעט א שוואכקייט פון מיין זייט, אלס טעראריסט מיט רוסישע טראדיציעס, צו רעכענען איהר איבערגעבענהייט אלס עפעס וואס פערדיענט בעזונדערע אנערקענונג. זי איז א רעוואלוציאנערקע; איז דאך דאס איהר פליכט צו אונזער געמיינשאפטליכער זאך. מוטה, פולהארציגע טריישאפט איז אפילו זעהר א זעלטענהייט, — דאס איז אמת. זי, פעדיא און עטליכע אנדערע — אויסער זיי, ליידער, פעהלט די אלגעמיינע אפאזיציאן פון דער בעוועגונג גע־גען מאסט'ס האלטונג... אבער ידיעות פון קאמעראדען און פון אונבעקאנטע סימפאטיזירער זיינען די זריעה פון האפנונג, אז עס וועט קומען א רעאקציאן אין דעם קאמפיין פון דענונצירונגען. מיט גרויס פערגניגען מערק איך, ווי עס שטייגט די רעוואלוציא־נערע ריכטונג אין ראבערט רייצעל'ס צייטונג „דער ארעמער טייי־

פעל“. איך האָב איינגערעדט דעם גלח פון געפענגניס־קירכע, ער זאָל קריגען די ערלויבניס צו בעקומען ראָבערט רייצעל׳ס שאַרפ־זיניגע שריפט. אַלע אַנדערע פעריאָדישע שריפטען, וואָס ווערען מיר געשיקט, ווערען כסדר אַריינגעוואָרפען אין פּאַפּיער־קאָרב, לויט דעם בעפעהל פונ׳ם געהילפס־פערוואַלטער. ער האָט זיך ענטזאָגט צו מאַכען אַן אויסנאַהם אפילו מיט דעם זשורנאַל פון די „נאַיטס אָוו לייבאָר“. „דאָס איז אַן אַנאַרכיסטישע בראַנד־צייטונג“, האָט ער ערקלעהרט.

דאָס אַנקומען פון דעם „טייפעל“ איז אַ גרויסע פּאַסירונג. וואָס פאַר אַ פרייד דאָס איז געווען צו דערזעהן, ווי די צייטונג ליעגט זיך רוהיג צווישען די פּיסלער פון צעלע־טישעל! איך האָב צערטליך אויפגעהויבען דעם געווינשטען גאַסט און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט. דאָס איז אַ לעבעדיג וועזען, אַ שטראַהל פון וואַרעמקייט אין די טריבע אָבענדען. וואָס פאַר אַ טרייסטענדע בשורה ברענגט מיר רייטצעל איצט? וועלכע שעהנהייטען פון זיין רייכען גייסט זיינען בעהאַלטען היינט אין דער אַנטיקער דייטשער שריפט? מיט פערהייליגונג צועפען איך דאָס פערוויקעלטע פּאַפּיער. דער אונגעשניטענער בויגען צועפענט זיך אויף דער פערטער זייט, און דאָס בעגייסטערטע קאַמפּפס־ליעד פון האָפּ׳ס פּראָפּעצייהונג בעגריסט מיין בליק, —

ג ר ו ס א ן א ל ע ק ס אַ נ ד ע ר ב ע ר ק מ אַ ן!

טעג לאַנג קלינגט די מוזיק אין מיינע אויערען. וויעדער און וויעדער וויעדערהאָלט זיך דער שלוסריים פון גלויבען און שטאָלצען מוטה,

שאָן ריסטעט זיך דער פרייהייטס שאַאר
צור הייליגען ענטשיידונגס־שלאַכט;
עס ענדען „צוויי־און־צוואַנציג“ יאַהר
פיליכט אין א י י נ ע ר שטורמעסנאַכט!

אָבער אין אָבענד, ווען איך קעהר זיך צוריק אין מיין צעלע, לעגט אַוועק די ווירקליכקייט איהר שווערע האַנד אויף מיין האַרץ. דאָס שמעלקען פון ליכט פערשטאַרקט נאָך די מרה־שחורה׳דיגקייט, און איך זיץ אין טרויעריגע געדאַנקען וועגען דער קומענדער רייהע

פון אונענדליכע ביטערע טעג און אבענדען און נעכט... די פינס־טערניש זאמעלט זיך ארום ליכטעל, ווען איך זיץ אונבעוועגליך און קוק נאך זיין פערצווייפעלטען קאמפף פאר עקזיסטענץ. די אבשטארבענדע אגאניע, אהן איינדרוק און אומזיסט, זאגט מיר פאר מיין אייגענעם גורל, וואס איז אונפערמיידליך. שוואכער און בלייכער ווערט די שיין, שוואכער און מאטער — איין לעצטער ציטער און אלעס ווערט פערוויקעלט אין חושך.

דריי קלונגען. „אויסגעלאשען די ליכט!"

אך, מיין ליכט האט ניט געצויגען ביז דער ערלויבטער שטונדע...

די שטראמען זונען־ליכט אין דעם פיעל־פענסטערדיגען שאפ פערטרייבען די נאכט. אפשר האט מיין קליין ליכטעל מיט'ן מוט־היגען וויעדערשטאנד פערקירצט די הערשאפט פון פינסטערניש — ווער וויים? עס קאן זיין, אז דער מוטהיגער, אונגלייכער קאמפף האט אויפגעוועקט די זון פון איהר דרעמעל און האט פערשנעלערט דאס אנקומען פון טאג. דיעזע פאנטאזיע פאנגט מיך מיט איהר ווארעמער אומארמונג, ווען פלוצלונג רודערט מיך אויף מיין ארויס־העלפער:

„ע, וואס, שלעכט געשלאפען לעצטע נאכט? זעהסט אויס ווי א נעכטיגער, מיין בחור'ל."

זייענדיג איבערראשט פון מיין שווייגען, ווארענט ער מיך:

„יונגער מענש, האלט שטייף די אויבערשטע ליפ. קוק מיך נור אן! ערלויב מיר פארצושטעלען דיר, מיין הערר, א דזשענ־טעלמאן, וועלכער האט שוין געשפיעלט אויף די הויכע און אויף די נידעריגע סטרונעס פון לעבען, און איז שוין געוועזן פנים־אל־פנים מיט די אויסגעפלאכטענסטע נעץ־געוועבען פון אייזערנע גראטעס צווישען יארק און פריסקא. איז אימער ארויס זיעגרייך, מיין הערר, בלויז צו פערדאנקען דעם אומשטאנד וואס ער איז קלוג און האלט שטייף די אויבערשטע ליפ; פערשטעהסטו דעם עסק?"

„וואוהין קירעוועסטו, רויטער?"

„זיי געהען מיך איבערהטראנספארטירען אונטען, אין דיין רייהע, ווען איך ארבייט שוין אין דיין שאפ. כ'וויים ניט ווי לאנג איך וועל בעשליסען צו פערבלייבען, מיין הער, אין דיעזע

וואונדערליכען זאקען־פּאַלאַץ, אָבער איך זעה אַז לעבען דיינער איז אַ לײדיגע צעלע, וועל איך פּרובירען און זעהען צו לאַנדען דאָרט. פערשטעהסט, מיין יונג? איך וויל דיך לעהרנען צו זיין פּערנינפּטיג, מיין זוהן. איך וועל, אַזוי צו זאָגען, ווערען דיין וואָהלטהעטיגער אַפּעקון; וועל אַכטונג געבען אויף דיר און אויף דיין מאָראַל. יע, סער, דו ביזט איצט שוין מיין „קיד", פערשטעהסט?"

„וואָס הייסט, דיין קיד?"

„וואָס הייסט? געוויס, מיין קיד. דאָס איז וואָס איך מיין. האָסטו עפּעס דאַגעגען, מיין הערר, ווי עס פרעגען די געלעהרענטע פון געזעץ אינ'ם עהרווירדיגען געריכט פון דער בלינדער געטין. איך מאַך דיר אַ געוועט, אַז זי איז בלינד; בלינד ווי אַ סאָווע אין אַ זוניגען זומער־טאָג. אָבער ניט אין דיין פערדאַמט רויכערדיגער שטאָדט. די זון איז דאָ פערשעהמט. אָבער וויט אַוועק אין מיין קענטאַקי־היים, לעבען דעם סוואַני טייך, ס־וו־אַ־אַ־נ־י טייך — —"

„וואָרט, רויטער, דו ראַמאַנסירסט דאָך. דו האָסט מיר אָנגעהויבען צו זאָגען וועגען דעם, אַז איך בין דיין „קיד". ערקלעהר מיר דאָך וואָס דו מיינסט דערמיט?"

„ווירקליך, דו —", ער האַלט די ניט אויסגעקעהרטע זאַק הענגענדיג איבער'ן קלאָץ, קוקענדיג אויף מיר מיט האַלב צוגעמאַכטע, צינישע אויגען, און וועלכע עס קעמפּפט צווייפעל מיט פערוואונדערונג. אין זיין איבערראשונג האָט ער זיך פערגעסען אפילו צו זיין פאַרזיכטיג, און איך האָב איהם געוואָרענט, אַז דעם אויפזעהער'ס אויגען וואַכען.

„ווירקליך, אַלעקס; נו, פערדאַמט, איך האָב שוין עפּעס געזעהן אַזעלכע זאַכען אַרום דער וועלט, גאַנץ זונדערבאַרע זאַכען אויך, און מ י ד קאָן מען שוין ניט איבערראַשען, לאָמיך דיר זאָגען. אָבער ד ו איבערראַשסט מיך, אַלעקס; יאָ, מיין בחור'ל, דו טהוסט מיך איבערראַשען. האָב שוין אַזאַ שטוינענדען קלאַפּ ניט געהאַט, זינט איך האָב צום ערשטען מאָל בעגעגענט „סיגאַרעט דזשימי" אין אַיל סיטי. אונשולדיג, עה? נו, איז עס טאַקע אַזוי געווען. האָט קיין מאָל קיין גייסטער־געשיכטע ניט געהערט; אַלט געווען פערצעהן יאָהר בלויז דערצו. נו, האָב איך איהם אָבער געקראָגען אַלראַיט, אַלראַיט. אַצינד איז ער

פארפאקט דארט אויף פינף יאהר אין קענזאס, ארים קינד! ער איז טאקע געווען א סורפריז. אבער זינט דאן, מיין הערר, זיינען שוין גענוג רוישיגע כוואליעס פון לעבען אריינגעפלאסען אין דעם ברעג־לאזען ים פון צייט, יע, סער, און איך האב נאך ניט בעקומען קיינ־מאל אזא שטוינענדען קלאפ ווי דו האסט מיר איצט געגעבען. וואס רעדסטו, מענש, דאס איז דאך אזא זעץ אין פינפטען ריפ, ארויס־געשלאגען מיך פון מיין סאמע קענטעניס פון דער וועלט, מיין הערר. פערדאמט בין איך אויב איך וואלט דאס ווען גלויבען. זאג נור, ווי אלט ביזטו, אלעקס?"

„איך בין איבער צוויי און צוואנציג, רויטער. אבער וואס האט דאס צו טהאן מיט דעם, וואס איך האב דיך געפרעגט?"

„ס'האט זעהר און זעהר צו טהאן, מיין בחור'ל. דו ביזט צוויי און צוואנציג יאהר אלט און דו ווייסט ניט וואס א קיד איז! גריין, וואס? נו, מיין הערר, עס וואלט געווען שווער צו געפינען עפעס גלייכעס צו דיין אונצייטיגען פערשטאנד; איך וואלט גע־זאגט בעסער צו דיין אונרייפער נשמה, סיידען איך זאל דאס פערגלייכען מיט גרינע קארען אין פריהען זומער מאנד. ווייסטו וואס „מאנד" איז, אדער ניט?", גיט ער מיך אין מיטען א פרעג און זוכט צו אונטערדריקען זיין שמייכעל.

איך ווער אונגעדולדיג וואס ער זוכט אלץ אויסצומיידען א דירעקטען ענטפער. און דאך נעהמט זיך ביי מיר ניט קיין הארץ צו ווערען אויף איהם אין כעס. זיין פנים דריקט אוים א טיעפע איבערצייגונג פון וועלט־קלוגשאפט, די אויגען דריקען אוים שפאר־סיגען ציניזם און די ארט און ווייזע ווי ער מישט די מארק־שפראך פון א בראדיאגע מיט קלאסישען ענגליש — דאס אלעס ענט־וואפענט מיין אויפרעגונג. דערצו העלפט זיין פלאפלעריי צו פער־טרייבען די לאנגווייליגע שטונדען פון דער ארבייט; און אפשר קאן איך ערקונדיגען זיך פון דער ערפאהרונג פון אן אלטען ארעס־טאנט עפעס ניצליכע אויסקונפט וועגען מיינע פלענער צו אנט־לויפען.

„דערקענסטו א מאנד ווען דו זעהסט איהם?", פרעגט ער מיך.

„איך דענק אזוי."

„און איך מאך דיר א וועט, אז ניט. מיין הערר, איך קאן

שוין דערקענען, אַז דו ביזט איינגעטונקט אין דער טיעפסטער אונ־וויסענהייט אין בעצוג צו דער העכסטער וויסענשאַפט פון מאַנ־דאָלאָגיע. יאַ, מיין הערר, וויעדערשפּרעך ניט. לאָמיך ענטוויקלען פאַר דיין וואונדערבאַרען בליק די הימעלשע וויסענשאַפט מיט מאַנדאָלאָגיע. צום אַלעם ערשטען איז מאַדאָלאָגיע אויסשליסליך אַן אַריסטאָקראַטישע וויסענשאַפט. ניט פאַר די וואָס פּרעטענ־דירען אויף בראַד סטריט און פינפטע עוועניו. ניקסי. אָבער טאַקע פאַר דער איינציגער ריכטיגער אַריסטאָקראַטיע פונ׳ם ברייטען שליאַך, מיין הערר, פאַר די סאַמע אויבערשטע פון דער מענש־הייט, פאַר די יעגגמען, מיין בחור׳ל, פאַר דיין איבערגעבענסטען און זיין שטאַם. יע, סעררי!“

„איך הויב ניט אָן צו וויסען, וועגען וואָס דו רעדסט“.

„איך ווייס, אַז דו ווייסט ניט. דערפאַר וויל איך דאָך דיין ערציהער זיין, דו קינד. מאַנדאָלאָגיע, מיין מאַרקטוויינישע אונ־שולד, איז די אמת׳ע קריסטליכע וויסענשאַפט פון ליעבען דיין שכן, אויב ער איז נור אַ שעהנער אינגעלע. פערשטעהסטו שוין איצט?“

„ווי קענסטו ליעבען אַ אינגעל?“

„ביזטו ווירקליך אַזאַ גולם? דו ביזט ניט קיין רויהער יונג, איך קאָן דאָס זעהן.“

„הער, רויטער, ווען דו וואָלסט אויפהערען מיט דיין פער־שטעלטער שפּראַך און וואָלסט גערעדט איינפאַך, וואָלט איך בע־סער פערשטעהן.“

„איך האָב געמיינט, אַז דו ליעבסט קלאַסיקער. ווי קען אַ דזשענטעלמען מיט זעלבסטרעספּעקט מאַכען זיך פאַר דיר פער־שטענדליך? אָבער איך וועל פּרובירען. דו ליעבסט אַ אינגעל, ווי דו ליעבסט דאָס פּאַטיש־בעזוונגענע קעלבעל. פערשטעהסט? האָסטו ווען געלעזען בילי שעקספּיער? געדענקסטו דעם פּלאַץ „ער איז ניט קיין מאַן און אויך ניט קיין פרוי; ער איז „פּאַנק“. יאַ, בילי האָט געוואוסט. „פּאַנק“, דאָס איז אַ אינגעל, וואָס...“

„וואָס!“

„יע, סער, וואָס גיט זיך אָב צו אַ מאַן. נו האָבען מיר גע־רעדט פּשוט. פערשטאַנען איצט, אונשולד אויף יענער זייט?“

„איך גלויב ניט דאָס וואָס דו זאָגסט מיר, רויטער.“

„דו גלויבסט ניט? וואס, צום טייפעל, מיינסטו דו גלויבסט ניט? הער, גיב אכטונג!“

זיין אויפגערעגטער פנים האט מיך איבערראשט. אין זיין אויפרעגונג האט ער אזוי אויפגעהויבען זיין קול מיט א קוויטש, אז דאס האט געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון דעם אויפזעהער, וועלכער איז האסטיג צוגעקומען צו אונז.

„ווער רעדט דאס דא?“ האט ער געפאדערט קוקענדיג מיט פערדאכט אויף די שטריקער. „דאס רעדסטו, דייוויס?“

„נא, סער.“

„ווער־זשע דען?“

„דא קיינער ניט, מר. קאססאן.“

„יא, מען האט גערעדט. איך האב געהערט א געשריי.“

„א, דאס איז געווען איך“, ענטפערט דייוויס און גיט א קוק אויף מיר. „איך האב זיך אבגעשלאגען דעם עלענבויגען אן דער מאשין.“

„לאז מיר זעהן.“

דער אויפזעהער קוקט זיך צו צו דעם נאקעטען ארעם.

„ווע־ע־ל,“ זאגט ער „עס זעהט זיך קיין צייכען ניט.“

„עס האט וועה געטהאן, האב איך א געשריי געגעבען.“

דער אויפזעהער גיט זיך א קעהר צו מיין ארויסהעלפער:

„האט ער גערעדט, רויטער?“

„איך דענק ניט, אז ער האט, קעפטען.“

האבענדיג הנאה פון אזא טיטול, גיט קאססאן א שמייכעל צום רויטען און געהט אב ווארנענדיג דייוויס'ען: „לאמיר דיך ניט כאפען נאך א מאל ביי אזוינס, דו הערסט!“

פאר דעם גאנצען סוף פון טאג האבען די אויפזעהער בעזונדער וואכזאם אכטונג געגעבען אויף אונזער ווינקעל פון שאפ. אבער די בראזשגעריי פון די נייע שטריק־מאשינען האט „רויטען“ געגעבען מוטה אנצוהויבען ווייטער זיין געשפרעך.

„זיי קאנען אונז איצט ניט הערען“, האט ער געשעפצעט, „סיידען ווען זיי זיינען נאהענט לעבען אונז. אבער היט דיינע ליפען, יונג; די פערדאמטע בוילעס האבען שארפען לאמפען. און דו זאלסט מיך נאך אמאל אזוי ניט איבערשרעקען. ווארום ווען

דו רעדסט אזוי נאריש, מאכסטו אז איך זאל אין גאנצען פערגע־סען זיך. זעהסט, דיעזער קיד קומט גוט צוניץ; אפשר ניט? ווי רופט מען איהם? דזשאהני דייווים? יא, ער איז א קלוגער קיד. גאר אזוי ווי מיין אייגענער בילי, וועגען וועלכען איך האב דיר דערצעהלט. ער איז אויך ניט געווען קיין „פאנק", דאס זאל־סטו ניט פערגעסען. ער איז צו מיר געווען צוגעקלעפט ווי די קארע צו א בוים. הער נור, וואס האסטו דאס געזאגט אז דו גלויבסט מיר ניט, וואס איך האב אזוי געוויסענהאפט געשטרעבט אריינ־צושלאגען דיר אין קאפ? דו האסט נור געמאכט שפאס מיט מיר, וואס?"

„ניין, רויטער, איך האב דאס געמיינט גאנץ ערנסט. דו שפינסט אוים גייסטער־געשיכטעס, ווי דו רופסט עס אן. איך גלויב ניט אין די דאזיגע קיד ליעבשאפט."

„און פאר וואס גלויבסטו ניט?"

„פאר וואס? המ — ווייל איך גלויב ניט, אז דאס איז מעגליך."

„ו ו א ס איז ניט מעגליך?"

„דו ווייסט וואס איך מיין. איך דענק ניט, אז עס קאנען זיין אזעלכע אינטימע בעציהונגען צווישען פערזאנען פונ'ם זעלבען געשלעכט."

„הא, הא! אזוי מיינסטו? נו, אלעקס, דו ביזט דאך א גרעסערער דומקאפ איידער מען קאן מיינען אויף דיר קוקענדיג. דו גלויבסט ניט, אז דאס איז מעגליך, גלויבסט ניט, עה? דו גיב מיר נור עטוואס א געלעגענהייט, וועל איך דיר ווייזען."

„רויטער, דו זאלסט צו מיר אזוינס ניט ריידען", האב איך א זאג געטהאן מיט כעס, „אויב דו—"

„רוהיגער, רוהיגער, מיין בחור'ל", שלאגט ער מיך איבער גוטמוטהיג. „שפרינג ניט ארויף אויף דיין הויכען פערד. כ'האב קיין זאך ניט געמיינט, אלעקס. ביזט א גוטער יונג, אבער דו רעגסט מיך אויף מיט דיינע פעררוקטע רייד. דו זאגסט מיר, אז דאס איז אונמעגליך. מענש דו איינער, דאס געהט אן אין יעדער געפענגניס און אויפ'ן שליאך, אומעטום. גאט מיינער, ווען איך וואלט געהאט א שטיק געלד פאר יעדען מאל וואס איך האב זיך

בענוצט מיט א קיד, וואלט איך דאך געווען אזוי רייך ווי ראקע־פעלער, מיין הערר. יא, מיין בחור'ל.״

„דו ביזט זיך ווירקליך מודה, אז דו טהוסט אזעלכע שרעק־ליכע זאכען? ביזט אבשטויסענד. אבער איך גלויב עס דאך ניט, רויטער.״

„זיך מודה צום טייפעל! בין זיך אין קיין זאך ניט מודה. שרעקליך, אבשטויסענד! דו רעדסט אזוי ווי א מענש, וואס זיצט אין דער הויך אויף א בוים, דו הייליגער הימעל־וועכטער.״

„זיינגען קיין פרויען ניטא אויף דעם שליאך?״

„פשא! ווער וועט קוקען אויף א קעלבעל, ווען דו קאנסט קריגען א קיד? פרויען טויגען ניט. איך וואלט אויף זיי אפילו ביט א קוק געטהאן, ווען איך קען האבען מיין פריושאן *). אי, עס שיינט מיין הערר, אז דו האסט זיך ניט פערטיעפט אין די געהיימניסע פון מאנדאלאגיע און אז דו האסט ניט פערזוכט די זאפטיגע פרוכט פון דעם פערבאטענעם בוים פון —״

„אה, הער אויף!״

„נו, דו וועסט שוין וויסען בעסער איידער דיין געפענגניס־צייט וועט זיך ענדיגען, מיין פרומער זוהנדעלע.״

שוין עטליכע טעג ווי מיין ארויסהעלפער ערשיינט ניט אין שאפ איבער קראנקהייט. דער אויפזעהער זאגט מיר, אז דער דאקטאר האט איהם „ענטשולדיגט״. ער פעהלט מיר אלס אן ארויסהעלפער; די שטונדען ציהען זיך לאנג איבער דעם, וואס עס פעהלט דער רויטער אלס קאמפאניאן. און דאך בין איך צו־פריעדען וואס ער איז ניטא. זיין צינישע בעציהונג צו פרויען און צו געשלעכטליכער מאראל האט אין מיר ערוועקט א שנאה צו איהם. די ריידערייען וועגען אינגעל־ליעבשאפט זיינען אבשטוי־סענד פאר מיין נאטור. דער סאמע געדאנק פון אזא אונגאטיר־ליכע אויפפיהרונג רעבעלירט אין מיר און איז מיר דערווידער. אבער עס בערוהיגט מיך דער געדאנק, אז דעם רויטענס אינסינוא־ציאנען זיינען בלויז אויסגעטראכטע זאכען; מען דארף אזעלכעס ניט גלויבען. דער מענש, א דענקענדעס וועזען, קאן ניט זיין

*) א אינגעל א לעהרלינג ביי א ריכטיגען טרעמפ.

אזוי טיעף געזונקען. אפילו דער ניעדריגסטער אויסוואורף איז ניט פעהיג אויף אזא פערדארבענהייט. איך דארף זיך וועגען דעם ניט אזוי אויפרעגען. דער ארויסהעלפער איז א זונדערבארער קערל; ער מוז זיך דאס בלויז רייצען מיט מיר. אזעלכע זאכען זיינען אונגלויבליך; ווירקליך, איך דענק, אז זיי זיינען אונמעגליך. און אז זיי וואלטען אפילו מעגליך געווען, איז דאך אבער קיין מענש ניט פעהיג צו זיין אזוי פערברעכעריש. איך דארף דאך ניט ליידען פונ'ם „רויטענס" שפאסהאפטיגקייט, אום מיך צו בעאונרוהיגען.

קאפיטעל 11

דורכ'ן אונטערערדישען וועג

מערץ 4, 1893.

מיידעל און צווילינג.

איך שרייב מיט פערצווייפלונג אין הארצען. מען האט מיך געפיהרט קיין פיטסבורג אלס עדות אין דעם פראצעס פון נאלד און באוער. איך האב געהאפט אויף דער געלעגענהייט — איהר פערשטעהט, פריינד. דאס איז געווען א דינער פאדים, אבער איך האב זיך אנגעהאלטען פאר דעם ווי א פערצווייפעלטער, בערייט אלע האפנונגען דערויף צו לעגען. עס האט זיך אבער בעוויזען אלס א צובראכענע שטרוי. איצט בין איך צוריק דא, און איך וועל אפשר פון דאנען א לעבעדיגער ניט ארויס.

איך בין געווען ביטערליך ענטוישט, וואס איך האב אייך ניט געפונען אין געריכט. איך האב געשמאכט צו זעהן אייערע געזיכטער. אבער איהר זייט דארט ניט געווען, און אויך קיין אנדערער פון די ניו יארקער קאמעראדען. איך האב געוואוסט וואס דאס מיינט: איהר האט א שווערען קאמפף אום צו קאנען עקזיסטירען. ווען ניט, וואלט אפשר מעגליך געווען עפעס צו טהאן, אום צו הערשטעלען פריינדליכע בעציהונגען צווישען ראכמעטאוו און מר. געבאפ *). דאס וואלט געפאדערט קאסטען העכער פון דער מעגליכקייט פון אונזער קרייז; צו אנדערע קען מען זיך דאך ניט ווענדען אין דיעזער אנגעלעגענהייט. עס בלייבט קיין זאך ניט, ווי נור צו ווארטען ווי די זאך וועט זיך ענטוויקלען „איבּווענינ" — א שרעקליך לאנגזאמער פראצעס.

---

*) לייענענדיג פערקעהרט „פאבעג" — אין רוסיש „אנטלויפען".

דאס זיינען אלע האפנונגען וואס איך קען אייך געבען, טהייערע פריינד; איהר וועט דענקען, אז דאס איז א קנאפע האפנונג, אבער דאס איז דער איינציגער שטראהל, וואס האלט אין מיר אויף דאס ליכט פון לעבען אין די פינסטערסטע מאמענטען... איך האב ניט גערעבענט, אז מיין זיין דא וועט פיזיש אויף מיר אזא ווירקונג האבען (עס איז שוין איצט פינף מאנאטען) ביז מיין צוריקקומען פון געריכט. איך דענק, אז די אויפרעגונג פון זיין דרויסען האט מיר אזוי גאלוואניזירט... מיין קאפ האט געשווינדעלט; איך האב ניט געקענט צונויפנעהמען מיינע געדאנקען. א ווילדע האפנונג האט מיך אנגעכאפט — „פאבעג!" דער קלאנג פון'ם שטאהל, ווארום איך בין געווען צוגעקייטעלט צום וועכטער, איז פאר מיר געווען דער טויט־קלאנג... די אבגעוועהנטע קולות פון די גאסען, די מענשען און די הויכע שטימען אין געריכט, די סצענעס פון'ם משפט, אלעס האט מיך פערכאפט אין דעם מאמענט. מיר האט זיך אויסגעדוכט אזוי ווי איך וואלט געווען א זייטיגער צושויער, פעראינטערעסירט. אבער האב פערזענליך קיין שייכות ניט צו דאס ארומיגע; און דאס ארומיגע גופא האט מיר אויסגעזעהן אזוי ווייט, פון א פרעמדער וועלט, אין וועלכער איך האב ניט קיין טהייל. בלויז דערנאך, ווען איך האב זיך שוין איינגעפונען איינער אליין אין דער צעלע, האב איך דערפיהלט מיט אזא דריקענדער קראפט די גאנצע בעדייטונג פון דער פערלארענער געלעגענהייט.

אבער פאר וואס זאל איך אייך אזוי טרויעריג מאכען? אפשר איז דעריין פאראן א טרייסטענדע זייט איצט, ווען נאלד און באוער זיינען דא. איך האב זיי נאך ניט געזעהן, אבער זייער אנוועזענהייט אליין שוין, דער אומשטאנד, אז ערגעץ דא אינוועניג פון דיעזע וועגד געפינען זיך ק א מ ע ר א ד ע ן, מענער, וועלכע אזוי ווי איך ליידען פאר אן אידעאל — דיעזער געדאנק ענטהאלט שוין פאר מיר א טיעפע צופריעדענהייט. דאס מאכט מיין לאגע עהנליכער, ביז א געוויסען גראד, צו יענער סביבה פון פאליטישע ארעסטירטע אין אייראפא. ווי גרויס עס זאל ניט זיין דער עלענד און די יסורים פון זייער טעגליכען לעבען, די פאליטישע דארט — אפילו אין סיביר — אטהעמען די אטמאספערע פון סאלידאריטעט, פון אנערקענען איינער דעם צווייטען. וויפיעל מוטה און קראפט

עס מוז זיי געבען די בעגייסטערונג, וועלכע שטראמט ארויס פון דעם געמיינשאפטליכען קאמפף! די לאגע דא איז א גאנץ אנ־דערע. ביידע, די ארעסטאנטען און די בעאמטע, ווייסען ניט וואר־הין מיך צו „קלאסיפיצירען“. זיי האבען קיין מאל ניט געוואוסט פון פאליטישע געפאנגענע. אז איינער זאל אפפערען, אדער ריז־זיקירען מיט זיין לעבען אהן אויגענשיינליך פערזענליכע מאטיווען, איז א זאך, וועלכע זיי קענען גארניט בעגרייפען, און וואס זיי קענען גארניט גלויבען. דאס איז אזא מדבר פון ביטערקייט, וואס האלט מיך אלץ מעהר אין ארומכאפפען. ווי גערן וואלט איך זיך ביטען מיט אונזערע קאמעראדען אין סיביר.

די פריהערדיגע „פאדפאלנאיא“ איז אבגעלעגט געווארען אי־בער דעם גרויסען אונגליק וואס האט געטראפפען מיט מיין פריינד ווינגיע, וועגען וועלכען איך האב אייך פאריגען מאל געשריעבען. דיעזע טייבעל וועט ארויסגעפליגען ווערען דורך דעם מר. טיורעמ־שטשיק — אן אלטער סאלדאט, וועלכער סימפאטיזירט מיט ווינגיע. איך גלויב, אז זיי האבען געדיענט אין דעמזעלבען רעגי־מענט. ער איז א גוטער מענש, וואס האסט זיין אבשייליכע ארבייט. אבער ער האט א פאמיליע אין דער היים, א קראנקע פרוי — איהר ווייסט דאך די אלטע געשיכטע פון שוואכע קניע. איך האב געהאט פון איהם מיט א טאג פריהער א וואונק: מען שפירט איהם נאך; עס איז פאר איהם א געפאהר ווען מען דערזעהט איהם אין מיין צעלע, און אזוי ווייטער. דאס איז אלעס גאנץ אמת; אבער וואס ער מיינט דערמיט איז, אז א ביסעל געלד וואלט געווען ווילקאמען. איהר ווייסט ווי צו בענעהמען זיך אין דיעזער אנגעלעג־גענהייט. לאזט קיין סליאד ניט איבער.

איך הער די טריט פון די פיליץ־זוילען. דאס איז דער סאל־דאט. איך ווינש מיין פויגעלע א שנעלען גוד־באי.

סאשא.

קאפיטעל 12

„צוכטהויזבליטהען“

.1

א געדיכטער טומאן הויבט זיך אויף אויף דעם ברייטען בוזים פונ׳ם אהאיא. ער וויקעלט ארום די טייך־ברעגען אין זיין מיסטע־ריעזער אומארמונג, פערשלייערט בוים און פעלז מיט זיין דונקעלן מהוי און רייצט זיך אין זיין בייזקייט מיט דער זון. אין דעם הויז פון טויט פיהלט זיך דער קאלטער אטהעם, און אלעם איז שטיל און שווייגזאם אין די אייזערנע שטייגען.

נור וויילעווייז רייסט איבער די שטילקייט א קלאפען, ווי אויף מעטאל. איך הער זיך צו אויפמערקזאם. נעהענטער און בולט׳ער הערען זיך די קלאנגען, פארזיכטיג און קענטיג מיט אב־זיכט. ניט וועלענדיג דערמאן איך זיך אויף די מעטאדען פון צוגויפריידען זיך אין געפענגניס, וועלכע עס געברויכען די רוסישע פאליטישע, און איך זוך צו געפינען עפעס א געדאנק אינ׳ם קלא־פען. דאס ווערט קלעהרער וואס נעהענטער איך געה צו צו דער הינטערוואנד פון מיין צעלע, און באלד דערהער איך א שוואכען מורמלען אין וואטערקלאזעט. דוכט זיך דאס מיר, אדער האב איך טאקע געהערט מיין נאמען?

„האללאו!“ רוף איך זיך אב אין רעהר.

דאס קלאפען הערט גלייך אויף. איך הער א פערשטיקטע דומפע שטימע:

„דאס ביזטו, אלעק?“

„יע, ווער איז עס?“

„ס׳מאכט־ניט אויס. מוזט זיין א טויבער ניט צו הערען ווי כ׳רוף דיך די גאנצע צייט. שלעפ ארויס די וואטע פון דיינע אויערען“.

„איך האב ניט געוואוסט, אז מען קען אזוי ריידען".

„ניט געוואוסט, עה? נו, ווייסטו איצט. דאס זיינען פוסטע רעהרען, קיין שטעהענדע וואסער ניטא, פערשטעהסט? גוט צו ריידען. א, צו אל'די רוחות —"

די ווערטער ווערען פערלוירען אין דעם גארגלען פונ'ם לויפענדען וואסער. אויגענבליקליך ווערט דאס רוישען איינגעשטילט און דאס קלאפען געהט אן ווייטער. איך בייג זיך צו איבער'ן קלאזעט:

„העללא, העללא! איז דאס דו, אלעק?"

„טרעט אב פון ליניע, דו פלוידערענדער אידיאט!" שרייט עמיצער אריין אין רעהר.

„לעג זיך דארט אוועק!"

„העי, נעהם ארויס די פאסטקע פון לאך".

„הער אויף מיט די נארישקייטען, פערד־גנב!"

„העי, חברה, גענוג אייך שוין. דאס בין איך. דאס איז באב, פערד־גנב באב. איך רייד געשעפט. שווייג דארט, נו, הערסט צי ניט? ביזטו דאס, אלעק? יע? נו, הער זיך ניט צו שררות. ס'איז געוועזן דער משוגע'נער סלים, וואס האט געלאזט לויפען דאס וואסער".

„וועמען רופסטו, משוגע'נער, דו פערפלוכטער!" רייסט איבער א שטימע אין מיטען.

„אה, סלים, לעג דאס אוועק, הערסטו. ווער האט דיר געזאגט משוגע? העי, אלעק, ביזט דארט?"

„יעס, באב".

„אה, געכאפט שוין מיין נאמען ענדליך, הא? יע, איך בין עס, באב, פערד־גנב באב. מאך נור קיין טעות ניט ווען דו זעהסט מיך. איך בין דאס, באב דער גרויסער, דער פערד־גנב. קאנסטו מיך הערען? איז דאס דו, אלעק?"

„יעס, יעס".

„איז דאס געווים דו? כ'האב דיר וואס צו זאגען. וואס איז דיין נומער?"

„מיין נומער איז איי 7".

„דאס איז עס. וועלכע צעלע?"

„זעקס ,קיי'."

„און דאס בין איך, באב דער גרויסער, אין —“

„באב דער בלאז־זאק“, שלאגט איבער א באסאווע שטימע פון אויבען.“

„ווער פערשטומט, קורלי, איך בין דאך אויף דער ליניע. איך בין 6 עף, אלעק, די העכסטע לאזשע. רוף מיך אב צו יעדער צייט, איך בין דא; הא, הא! פערשטעהסט, דער וואסער־רעהר ציהט זיך פון ארויף ביז אראב און דו קענסט ריידען אזוי ווייט ווי דו ווילסט, אבער נאר אין דער זעלבער ליניע צעלען ווי דו ביזט, צעלע 6, פערשטעהסט? איצט, אויב דו ווילסט ריידען צו צעלע 14, צום קורצען, פערשטעהסט?—“

„צום קורצען? איך וויל ניט ריידען צו קיין קורצען. איך קען איהם ניט, באב“.

„יע, דו קענסט איהם. דו הער זיך בעסער צו וואס כ'זאג דיר, אלעק, וועסטו בעסער מאכען. איך רייד דאס, באב דער גרויסער, פערשטעהסט? זאג איך, אויב דו ווילסט א שמועס טהאן מיט'ן קורצען, זאג נור מיר. זאג ברודער באב און ער וועט מאכען די פערבינדונג אלראיט. כאפסטו זיך? ווייסטו שוין ווער ס'איז מר. קורצער?“

„ניין“.

„ברויכסטו צו וויסען. ס'איז קארל, קארל נאלד. נו, קענסטו איהם, צי ניין?“

„וואס!“ שריי איך אויס אן ערשטוינטער, „איז דאס אמת, באב? איז נאלד דארט אין דיין גאלערעע?“

„א זיכערע זאך, צעלע 14“.

„פאר וואס־זשע האסטו דאס מיר באלד ניט געזאגט? דו האסט דאך דערווייל פערשוועגדט צעהן מינוט אין ריידען. האסטו איהם געזעהן?“

„וואס איז מיט דיר די איילעניש, אלעק? דו קאנסט איהם ניט זעהן; ניט שוין אזוי גיך, יעדענפאלס, אפשר שפעטער אבי־סעל. וואס איז די כאפעניש, אלעק? דו האסט נאך גענוג צייט. היבשע עטליכע יאהר, דוכט זיך. הא־הא־הא!

„העי דארט, פערד־גנב, הער דאס אויף!“ דערקען איך קויר־לי'ס באסאווע שטימע. „פארוואס זאלסטו דעם קיד אבעסען דאס הארץ?“

„קיין שלעכטס ניט געמיינט, קוירלי“, ענטפערט איהם באב.
„איך האב זיך נור מיט איהם א שפיעל געטהאן א ביסעל“.
„איז הער דאס אויך!“
„האסט דאך קיין פאראיבעל ניט, אלעק, וואס?“ הער איך ווידער באב׳ס שטימע אין ווייטערע טענער. „איך האב דיר ניט געוואלט אבעסען דאס הארץ. כ׳בין דיינער א פריינד, אלעק, קאנסט וועטען דערויף. הערסט, איך האב עפעס פאר דיר פונ׳ם קורצען, איך מיין פון קארל, פערשטעהסט?“
„וואס האסטו פאר מיר, באב?“
„ניקס, דורך דער לאך איז ניט זיכער. איך בין דער קאפע־פונאנדער־טרעגער. איך וועל זיך א גנב׳ע טהאן אין דער פריה צו דיר, ווען איך געה טראגען דאס קענדעל מיט דעם שווארצען געטראנק. און איצט דזשיגארו *), דער „שרייפעל“ קומט“.

2.

די אנוועזענהייט פון מיינע קאמעראדען גיבען אריין בעדייטונג און אינטערעס אין מיין עקזיסטענץ. דאס האט מיר אריינגעבראכט א ווינטעל פון דער אטמאספערע פון מיין פריהערדיגער סביבה; דאס וועקט אויף די קברים, וואו עס ליעגט דער טויט פון מיין נשמה, און גיט אריין בענייטען לעבען און האפנונג.
דאס געהיימע אומטוישען זיך מעט די צעטעלעך גיט צו פארב צו דער אלטעגליכקייט. דאס איז ווי א פרישער וואסער־שטראם פון בארג, וואס ריזעלט דורך א שטעהענדער לוזשע. ביי דער ארבייט אין שאפ ווערען מיינע געדאנקען אנגעפילט מיט אונזער קארעספאנדענץ. ווידער אמאל און נאך אמאל טראכט איך איבער די ארגומענטען וואס אילוסטרירען פאר מיינע קאמעראדען די בעדייטונג פון מיין אטענטאט: זיי זיינען אויך גענייגט צו פערגרעסערען די וויכטיגקייט פונ׳ם ריין־פיזישען רעזולטאט. דער אויסטויש פון מיינונגען מאכט שטופענוויז רייפער אונזער פריהעריגע קורצע און אויבערפלעכליכע בעקאנטשאפט און מיר ווערען אינטימער. עפעס איז אזוינס אין קארל נאלד, וואס ציהט בעזונדער צו צו איהם: איך שפיר אין איהם א פערוואנד־

*) דזשיגגארו מיינט „גיב אכטונג“.

שאַפטליכען גייסט. זיין ספּאָנטאַנע אָפענהערציגקייט אַפּעלירט צו מיר; אין מיין הארצען רופט זיך אָב זיין פערדרוס איבער מאַסט׳ס אונפערצייהליכער האַלטונג. אָבער באוער׳ס בעהאַלטענער אַנטאַגאָניזם רעגט מיך אויף. דאָס ווייזט זיין פערצווייפעלטען אַנהאַלטען זיך אַן צושמעטערטען אַבגאָט. עס הויבט זיך אָבער אָן צו ווייזען אַ בעסערע פערשטענדניס. דער גרויסער גוטמוטהיגער דייטש האָט פערדיענט מיין רעספּעקט; ער האָט זיך בראַוו פערהאַלטען געגען דעם ריכטער׳ס גרימצאָרן און האָט בשום אופן ניט געוואָלט אַרויסגעבען דעם נאָמען פון דעם מאַן, וועלכער האָט איהם געהאָלפען פערשפּרייטען די אַנאַרכיסטישע פלוג־בלעטער צווישען די האָמסטעדער אַרבייטער. פון דער אנדערער זייט אַנערקענעןביידע, קאַרל און הענרי, מיין בעמיהען זיך אַלס עדות ריינצוואַשען זיי פון בעטהייליגונג אין מיין טהאַט. זייער פעראורטהיילונג, אַלס אויסגעשפּראָכענע אַנאַרכיסטען, איז געווען נאַטירליך אַ פאָראויס בעשטימטע זאַך, און עס פרעהט מיך אויסצוגעפינען, אַז קיינער פון מיינע צוויי חברים האָט גאָר אַנדערש ניט ערוואַרטעט ווי אַזאַ שיקזאַל. זיי האָבען ביידע אין דער ווירקליכקייט אויסגעדריקט זייער איבערראַשונג וואָס די מאַקסימום ראַבע פונ׳ם געזעץ איז ניט אַנגעווענדעט געוואָרען געגען זיי. זייער פילאָזאָפישעס בענעהמען זיך ווירקט אויף מיר אַנגענעהם. קאַרל זאָגט זאָגאַר אַרויס זיין צופריעדענהייט וואָס זיין פעראורטהיילונג אויף פינף יאָהר וועט איהם געבען די מעגליכקייט צו האָבען אַ אַברוה, וועלכע ער האָט שוין לאַנג געדאַרפט האָבען, נאָך די פיעלע יאָהרען פראַצע אין פאַבריק. איהם פערדריסט נור, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע וועט האָבען אַ פערלוסט, וואָס זי פערליערט אַ גוטען סטאָליער ווי הענרי, מיט וועמען ער רייצט זיך גוטמוטהיג, וואָס ער דאַרף נעביך געשיידען זיין פון זיין יונגער כלה.

די אָבענד־שטונדען האָבען אויפגעהערט צו ציהען זיך אַזוי לאַנגווייליג: אונזער איבערשרייבען זיך גיט פערגניגען און צייטפערטרייב. די צעטעלעך זיינען אויסגעוואַקסען אין גרויסע בריעף, וואָס פערפעסטיגען טעגליך אונזער פריינדשאַפט. מיר וועקסלען זיך איבער מיט אונזערע אנזיכטען, מיר טוישען אום איינדריקע

און דיסקוטירען געפענגניס שמועסעריי. איך לעהרען פון זיי די געשיכטע פון דער בעוועגונג אין דער צווילינג-שטאָדט, דעם פער-סאָנאל פון די אַנאַרכיסטישע קרייזען, און איך זאַמעל אַנעקדאָ-טען וועגען אלברעכט'ען, דעם פילאָזאָפישען אַלטען שוסטער, וועמעס קליינער שאָפּ אין אלעגהעני איז דער צענטער פון דער ראַדי-קאַלער אינטעליגענציא. מיט טיפען בעדויערען איז באָוער זיך שמערצליך מודה, אַז ער איז שיער-שיער ניט געוואָרען מיין תליון. מיין אונערוואַרטעטע ערשיינונג צווישען זיי, אַקוראַט אין דעם רעכטען ברען פונ'ם האָמסטעד קאַמפּף, האָט ערוועקט פערדאַכט ביי די קאַמעראַדען פון אלעגהעני. זיי האָבען געשיקט אַנפרעגען ביי מאָסט'ן, וועלכער האָט זיי געענטפערט מיט אַ וואָר-נונג געגען מיר. גאַנץ אונבעוואוסט פאַר מיר האָט באָוער פער-נומען דעמזעלבען צימער, אין וועלכען איך האָב געוואוינט אין נאָלד'ס הויז. אין די לאַנגע נאַכט-שטונדען איז ער געלעגען וואַ-כענדיג מיט אַן אַנגעלאָדענעם רעוואָלווער. ביי דעם ערשטען פערדעכטיגען צייכען פון מיין זייט, איז ער געווען ענטשלאָסען מיך צו טויטען.

דער פּערזענליכער כאַראַקטער פון אונזער קאָרעספּאָנדענץ ברייטעט זיך שטופּענוויז אויס אין אַ גרעסערען געביעט פון סאָציאַל-פּאָליטישע טהעאָריען, מעטאָדען פון אַגיטאַציאָן און אַנ-ווענדונג פון טאַקטיק. די לאַנגע און אָפט היציגע דיסקוסיאָנען פערכאַפּען אונזער גאַנצען אינטערעס. די דיקע צעטעלער פאָדער-רען אַ גרעסערע פּאָרזיכטיגקייט; די שווערקייט צו קריגען שרייב-מאַטעריאַל ווערט אַן ערנסטע מניעה. יעדער שטיקעל פּאַפּיער, וואָס מען קען קריגען, איז אויסגענוצט; ברעגען פון צייטונגען און זשורנאַלען ווערען פערשריבען מיט בלייפעדער; דערנאָך ווערט דאָס אַבגעריבען און דאָס אַבגעריבענע פּאַפּיער ווערט בעדעקט מיט דראָבנעם שריפט מיט טינט. אמאָל אפילו די שער-בלעטלעך פון אַ ביבליאָטעק-בוך ווערען געצוואונגען ארויסצוקריכען פון צווישען די טאָוולען אַזוי, אַז קיין סימן זאָל ניט בלייבען, אַז מען האָט זיי אויסגעריסען. דיעזער פּראָבלעם דראָהט אונז צו מאַכען אַ סוף צו אונזער קאָרעספּאָנדירען זיך, און דאָס פערשאַפט אונז עגמת נפש. אָבער די גייסטרייכקייט פון אונזער טרייען בריעף-טרעגער מיט זיינע שטאָלצע פערד-גנב'ישע איינפעלע, איז ווי גע-

וואקסען פאר אזעלכע אומשטענדען: באב ווערט אונזער קאמי־סיאנער און מאכט דעם בעזים־שאפ, וואו ער איז בעשעפטיגט, אלס דעם הויפט־קוואל פאר אונזערע שרייב־בעדערפניסען.

דער אונערוואַרטעטער צופלוס פילט אונז אן מיט פרייד. די גרויסע קוילען פאפיער, וואס דער „פערד־גנב“ קריגט פאר אונז שליסט אויס יעדע געפאהר פון א פאפיער־הונגער; די גלאטע, געלע וויקעל־פאפיער גיט אונז דעם וואוילטאג צו קענען געברויכען א גרעסערע און מעהר בולט'ע האנדשריפט. דיזע פלוצלונגע עשירות הויבט אן צו ערוועקען אמביציעזע פראיעקטען. מיר הויבען שוין אן צו ספעקולירען וועגען דער מעגליכקייט צו פערוואנדלען אונזער קארעספאנדענץ אין א זשורנאלטשיק און מיר צואווארימען זיך שוין איבער א ליסטע פון לעזער. עס דויערט ניט לאנג און די ערשטע אויסגאבע פון די „צוכטהויזבליטהען“ ווערט בעגריסט מיט אן ערמוטהיגונג פון אונזער איינצעלנעם אבאנענט, וועמעס בייטראג האט אונז איבערראשט אין דער פארם פון א גאנץ געלונגענער פאעמא אויף דעם ליידיגען בלאט פון דער אויסגאבע. זייענדיג דערפרעהט מיט אזא גליקליכען געווינס, האבען מיר איהם גלייך איינשטימיג געקרוינט אלס „מייסטער־זינגער“ מיט פולער הערשאפט איבער דעם דעפארטמענט פון פאעזיע.

באלד האבען מיר אנגעהויבען פלאנעווען א רייכערע אויסגאבע: די אויסערליכע גרויס פון דער אויסגאבע זאל בלייבען דיזעלביגע, דריי אינטשעס די ברייט און פינף די לענג, אבער די צאהל פון זייטען זאל פערגרעסערט ווערען; יעדע בעזונדערע אויסגאבע זאל האבען אן אנדער רעדאקטאר, כדי צו געבען איטליכען א גלייכע מעגליכקייט; די לעזער זאלען דיענען אלס מיטארביי־טענדע רעדאקטערע. די ערשיינונג פון די „בליטהען“ זאל רעגו־לירט ווערען לויט דער צייט וואס איז נויטיג צו פערפאלשטענדיגען דעם קרייז פון לעזער, וועמעס פערזאן עס דארף זיין פערמאסקירט דורך בעשטימטע בוכשטאבען, אום צו בעשיצען איהם פון אויפ־דעקונג. פון היינט אן וועט באוער, וועלכער איז פיזיש א גיגאנט, ווערען בעצייכענט „ג“; איך, אלס פון מיטעלען וואוקס, זאל ווערען בעצייכענט „מ“; און נאלד, דער קירצעסטער, זאל ווערען בעצייכענט „ק“. דער פאעט, וועמעס געשיכטע איז עפעס פער־

שלייערט אין געהיימנים, זאל קריגען די בעצייכנונג „ד“ פאר דיכטער. „מ“, „ק“ און „ג“ דארפען לויט דער רייהע זיין די הויפט־רעדאקטערע, וועמעס ארבייט דארף בעשטעהן אין אנהויב די „בליטהען“ אוועקלאזען אויף א גאנג, יעדער לעזער דארף ביישטראגען דאס זייניגע צו דער אויסגאבע ביז עס קומט אן צוריק צו דעם הויפט־רעדאקטאר, וועלכער לעזט איבער דאס בייגעטראגענע און קאמענטירט דערויף. אזוי וואקסט די אויסגאבע אין איהר איבערגעהן פון איינעם צום אנדערען און קומט אן צו דעם צווייטען מיטארבייטער, וועלכער איז שוין דער רעדאקטאר פון דער פאלגענדער אויסגאבע.

דיעזע אריגינעלע ארגאנזשירונג ווערט א קוואל פון פיעל פערגניגען און צייט־פערטרייב. דאס קליינע זשורנאלכעל איז רייך אין אינהאלט און פערשיעדענארטיג אין סטיל. די פערשיעדענהייט אין דער האנדשריפט מאכט די זאך נאך אינטערעסאנטער. אין דער ארענא פון דער קליינער אויסגאבע קומט פאר דער קאמפף צווישען די שטרייטענדע סאציאלע פילאזאפיען; דא געפינט זיך א פאליטישע אבהאנדלונג אין נאהענטע שכנות מיט א וויציגען אנעקדאט און א דיסערטאציע וועגען דער „נאטור פון זאכען“, איז דורכגעמישט מיט געפענגנים־שמועסען און פערזענליכע עראינערונגען. פונקען פון נאטירליכען הומאר און אונבעוואוסטע אויספיינען זיך מיט דער ארטאגראפיע — דאס אלעס גיט צו א בעזונדער חן צו די אונקאנווענציאנעלע עדיטאריעלס און בלאזט אריין אן אטהעם פון דזשאש ביללינגס אין די בלעטער מאנוסקריפט.

אבער עס שטעלט זיך נאך אין גיכען ארויס, אז דער ערפאלג פון די „צוכטהויזבליטהען“ איז א מין „פראנקענשטיין“, וועלכער בעדראהט דעם אורשפרינגליכען צוועק און דעם יסוד פון דעם זשורנאלכעל. די פאפולאריטעט פון דער געמיינשאפטליכער רעדאקטירונג וואקסט אויף די קאסטען פון איינינקייט און ריכטונג; דעם פאעט'ס ערשטוינענדע פעהיגקייט אין פערזען שאפען, צוזאמען מיט א רייכער פאנטאזיע פון א זשול ווערן, פערורזאכט אונז גרויס דאגה, אז זיין אונגעצאמטער פעגאסוס זאל ניט אריבערשפרינגען די גרעניצען פון אונזער פאפיער־פערמעגען. די שרעקליכע ווארנונג פון אונזער קאמיסיאנער, אז דאס צו האס־


Special Spring Edition
of the
L. Blüthen.

טיגע אויסנוצען פון זיין פאפיער־קוואל וועט איהם צווינגען צו סטרייקען, ווירקט ענטשלאסען אויף צוריקצוהאלטען זיך. מיר הויבען אן אויסארבייטען פלענער פאר פארזיכט און עקאנאמיע, ווען אונערווארטעט קומט א לייזונג פונ'ם פראבלעם דורך דער ערשיינונג פון צוויי האמסטעדער מענער.

3

די אנוועזענהייט פון יודזש. פ. דעמפסי און ראבערט דזשיי ביטטי, וועלכע זיינען פראמינענט אין דער ארגאניזאציאן פון די נאיטס און לייבאר, גיט א מעגליכקייט פאר פראפאגאנדא צווישען די ארבייטער, וואס שטעלען מיט זיך פאר דעם מעהר ראדיקאלען עלעמענט פון דער אמעריקאנער ארבייטערשאפט. זייענדיג בע־שולדיגט אין פערגיפטען די שפייז פון די סטרייק־ברעכערס אין די פאבריקען קומען זיי, דעמפסי און ביטטי, מיר פאר, אלס אן אונגעוועהנליכער טיפ פון מענשען. צי זיינען זיי שולדיג, צי זיינען זיי אונשולדיג, אבער די פילאזאפיע פון זייערע מעטאדען זיינען אין איינקלאנג מיט רעוואלוציאנערער טאקטיק. ארבייט קען קיין מאל ניט זיין אונגערעכט אין איהרע פאדערונגען: איז דען ארבייט ניט די שאפענדע קראפט פון אלע רייכטהימער אין דער וועלט? יעדע וואפע מעג געברויכט ווערען אום צוריקצוקעהרען צום בערויבטען פאלק זיין בערעכטיגטען אייגענטהום. איז דען ניט די טעראריזירונג פון סקעבעריי און ענדליך פון די קאפיטא־ליסטישע עקספלואטאטארס, א ווירקזאמער מיטעל צו העלפען דעם קאמפף? דעמפסי און ביטטי פערדיענען דארום אנערקענונג. זייענדיג מאראליש זיכער אין זייער שולד, רעספעקטיר איך זיי דערפאר נאך מעהר, אבוואהל עס פעררדריסט מיך, וואס זיי ווארפען פון זיך אב יעדע בעטהייליגונג אין דעם פלאן אויף צו פערניכ־טען לגמרי אלע סקעבס. דער סקעב איז אפילו אויך א מענש, דאס איז אמת, און וויל אויך לעבען. אבער א מענש זאל בעסער פער־הונגערען, איידער ווערען א פעררעטהער צו די אינטערעסען פון זיין קלאס. נאך א זאך, דער אינדיווידואום — אדער אפילו א צאהל אזעלכע — קען ניט איבערוועגען די אינטערעסען פון דער מענשהייט.

אונענדליכע גענדולד שפינט די פעדים, וואָס ברענגען אונז צונויף מיט די געפאַנגענע אַרבייטער־פיהרער. אין דעם אונאויפ־הערליכען דועל פון לעבענס־נויט געגען אונוויסענהייט און בייזקייט ווערט פאַרזיכט און איינפאַל פערשאַרפט דורך געפאַהר. די מינ־דעסטע אונפאַרזיכטיגקייט, די אונבעדייטענדסטע נאַכלעסיגקייט, מיינט אויפדעקונג, חורבן. אַבער אויסדויער און פערנינפטיגער צוועק בעזיעגען. דורך דער הילף פון דעם טרייען „פערד־גנב“ ווערען איינגעפיהרט פערבינדונגען מיט דעמפּסי און ביטטי. מיט דער קראַפט פון פעסטע איבערצייגונגען לעג איך פאר זיי פאַר מיינע אנשויאונגען, ריידענדיג וועגען דער היסטאָרישער ראָלע פון דעם א ט ע נ ט ע ט ע ר און די געזעלשאַפטליכע בעדייטונג פונ׳ם בעוואוסטזיניגען אינדיווידועלען פּראָטעסט. די דיסקוּר־סיאָן ווערט איבערגעהאַקט, די זאַך איז געוואָרען אזוי אינטערע־סאַנט, אַז מיין פּאַפּיער־קוואַל האָט זיך אויסגעשעפּט. איך בין אריינגעצויגען געוואָרען אין אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט עטליכע פּער־זאָן, וועמען איך פרוּף ענטפערען מיט פערזענליכע תשובות אויף פראַגען און אויף מיספערשטענדניסע וועגען מיין טהאַט. אַבער דיעזע מעטאָדע שטעלט זיך אַרויס אַלס אונמעגליך פאַר אונזערע מיטלען און „ק׳ ג. מ.“ בעשליסען ענדליך אַרויסצוגעבען אַן ענג־לישע אויסגאַבע פון די „צוכטהויזבליטהען“. דאָס דייטשע זשור־נאַלכעל ווערט אויפגעגעבען און אויף זיין פּלאַץ ערשיינט די ער־שטע אויסגאַבע פון „פּריזאָן בלאָססאָמס“.

קאפיטעל 13

דער יודאס

„אה, דארט, פראנט!" בעגריסט מיך מיין ארויסהעלפער אין שאפ. „וועסטו טראקטירען צוליעב דעם דאזיגען יום־טוב?"

„יע, רויטער, דא האסטו קיי־טאבאק, גיב א קיי", ענטפער איך מיט א שמייכעל, דערלאנגענדיג איהם דאס שטיק טאבאק.

זיינע אויגען פינטלען כיטרעוואטע בעקוקענדיג מיין איבער־געביטענעם דונקעל־גרויען אנצוג. דער גרעסטער טייל פונ'ם שטיק טאבאק שטאפט אַז זיין באק און ער ווארפט מיר צו דאס געבלי־בענע אריבער'ן טיש, בעמערקענדיג:

„דארף'ס ניט. נעהם זיך צוריק דיין מעלה־גרה און איך וועל זיך האלטען מיין עהרע, פערשטעהסטו זוהנדעלע. אַז אדעליגער פון מיין גדלות, מיין הערר, א נאטירליך געבארענער זעגלער אניף די גרויסע ימים פון געזעלשאפטליכען לעבען — כאפסטו דעם גע־דאנק, בחור'ל? א דזשענטעלמען זאג איך, וואס זיין שיפעל איז פערקראכען אין אזא טריקעניש... ווארט נור, קיד, וועגען וואס רייד איך דאס צום טייפעל? כאפט מיך דער רוח, אויב איך האב ניט פערגעסען —"

„איך בין זיכער, אַז איך וויים געווים ניט, רויטער".

„ווייסט שוין גאר גוט צו אל'די רוחות! באט מ י ר אַן קיי־טאבאק! יעזוס, איך שטארב פאר א טראפען משקה. אזא גרויס־ארטיגע געלעגענהייט פערדיענט אַז מען זאל עס בענעצען, מיין הערר. און הער דאך, אלעק, עס וועט ניט שאדען צו דיין שעהנ־קייט, אַז דו וועסט די ארבעל אביסעל אויסציהען. דו זעהסט אויס ווי א סטראשידלע אין די אונטערגעצויגענע הויזען. מעג ניט דער אלטער סאנדי זיין א קעניג פון שווינדלערס, הא?"

„ווענען מיינסטו, רויטער?"

„ווען מיין איך, אידיאָט דו איינער! ווען אַנדערש אַלס דעם פערוואַלטער, דעם געעהרטען קאַפּיטאַן עדוואַרד סאַנדי ראַיט, מיט רעספּעקט צו מעלדען, מיין העדר. אַ קאַפּיטאַן פון אַלטע פערפוילטע קיהנעלעך, דאָס איז ער. דו פרעג די שומרים, זיי וועלען דיר זאָגען. ער האָט דאָך אין זיין לעבען קיין מאָל קיין פּולווער ניט געשמעקט. אָט דאָ געפינט ער זיך שוין דעם גרעסטען טהייל פון זיין לעבען. אָבער עס זיינען פאַראַן אויפזעהער דאָ, וואָס דינען נאָך לענגער פון איהם, זיינען דאָ געבאָרען געוואָרען, דער רוח זאָל זיי כאַפּען, קאָנסט זיי פון דאַנען ניט ארויסשלעפּען מיט קיין דאַמפּף־מאַשינען אפילו. זיי קענען דיר אָבער דערצעהלען וועגען דעם קאַפּיטאַן. דער אַלטער סאַנדי האָט ניט געהאַט קיי צובראָכענעם פינפער ביי זיי נאָמען, ווען ער איז אהער אַנגעקומען, און איצט איז דיעזע גומענע קישקע שטיין־רייך. דיעזער מיסט־קאַסטען איז פאַר איהם אַ רעגולערע גאָלד־מינע. קריגען געהאַלט קריגט ער נור לויזיגע פינף טויזענד דאָלאר אַ יאָהר. האָט אַ גרויסע פאַמיליע, האַלט אַן קאַרעטען און דיענסטען, פערשטעהסט, און קען זיך נאָך פערגינען צו פאָהרען קיין אייראָפּא יעדען יאָהר, און האָט נאָך אַ היבשען הויפען אין באַנק אויך, און דאָס אַלעס פון די פינף טויזענדלעך אַ יאָהר נעבאָך. אַ גוטער פערוואַלטער, אפשר ניט? אַ שטענדיגער קירכען־געהער איז ער נאָך דערצו, פערפלוכט זאָל זיין פערפוילטע נשמה ווערען אין גיהנום!“

„איז ער טאַקע גאָר אַזוי שלעכט, רויטער?“

„צי איז ער? אַ היפּאָקריט אין געפּאָרבטע וואָל, דאָס איז וואָס ער איז. שפּיעלט די ראָלע פון אַ הומאַנעם נפש. ער האָט זעהר פיעל געהאַט צו זאָגען אין די צייטונגען פאַר וואָס ער גלויבט ניט אין אַזאַ ברוטאַלע בעשטראָפונג ווי י ע מ ס האָט בעקומען פון דעם האַמסטעדער קאָלאָנעל — ע — ווי איז זיין נאָמען?“

„קאָלאָנעל סטריטאָר, פון צעהנטען פּענסילוויינער רעגימענט“.

„יאָ, דאָס איז דער כלב. ער האָט אויפגעהאַנגען דעם סאָלדאַט יעמס פאַרביידע גראָבע פינגער ביז דער יונג איז שיער געשטאָרבען. פאַר גאָרניט דערצו. דו מוזט דאָך דאָס געדענקען, וואָס, ניין? יעמס האָט אויסגערופען דריי מאָל הורא פאַר דעם

מאַן וואָס האָט געשאָסען אין פּריק׳ען, און דערפאַר האָבען זיי איהם שיער ניט ערמאָרדעט און האָבען איהם אַרויסגעטריבען מיט בּאַראַבּאַנעם פון רעגימענט און מיט אַ האַלב־געגאָלטען קאָפּ“.

„דאָס איז געווען ערגער פון בּאַרבּאַריש“.

„און דיעזער פערדאַמטער סאַנדי האָט אין די צייטונגען געזוכט אַרויסצושטעלען זיך אַלס איינער וואָס גלויבּט ניט אין אַזעלכע זאַכען, און אַליין טהוט ער עס די גאַנצע צייט. דיעזער ליגנערישער מערדער. עס געהט ניט אַריבּער אַ טאָג, וואו מען זאָל איינעם ניט אַריינשליידערען אין דער גרוב. דאָס איז דער הומאַניטאַריער וואָס ער איז. איך ווער ווילד ווען איך טראַכט וועגען דעם. זעהסט דאָך, קיד, איך ווער זאָגאַר אַזוי אויפגערעגט, אַז איך פערגעס דאָס דו, יונגער הערר, ביזט געשטימט פאַר די זיסע סימפאָניעס פון קלאַסישען ענגליש. אַבּער ווען נור איך דאַרף ריידען וועגען דיעזער בּריאה פון אַ פערוואַלטער, פערגעס איך אויף דער נחת־רוח׳דיגער רוהיגקייט פון מיין גייסט, און מיין רוהיגער סטאָאיציזם קאָן זיך ניט פערגלייכען מיט דעם בּילד פון „געדולד שטעהענדיג אויף אַ מאָנומענט און שמייכלענדיג אין פּנים פון טרויער“. קוק נור אָן דיינע דונקעלע שמאַטעס. דו בּיזט מיר שוין בּעסער געפעלען אין די שטרייפען. זיי גיבּען דיר די בּגדים פון דעם נעגער, וואָס איז נעכטען אַרויס און אין בּוד פערשרייבּען זיי אויף דיר אַ שפּאָגעל נייעם אַנצוג. זעהסטו שוין וואו סאַנדי לעקט אָבּ אַ בּיינדעל, עה? הער נור, קיד, ווי לאַנג איז עס ווי דו בּיזט דאָ?“

„אַן אַכט מאָנאַטען אונגעפעהר, רויטער“.

„האָבּען זיי דיך אָבּגענאַרט אין צוויי מאָנאַט. זיי פאָלגען זייערע אייגענע איינפיהרונגען אפשר, מיינסטו? אַבּער גאָרניט! דו ווייסט, מיין טהייער שעפּעלע, אַז דו בּיזט בּערעכטיגט איבּערצובּייטען דיינע פערשיעדענפאַרביגע מלבּושים פון זעבּראַקאָליר נאָך דעם ווי דו פערבּרענגסט זעקס מאָנאַט אין דיעזען וואָהלטהעטיגען לאַגער־פּלאַץ. איך קען מיט דיר וועטען, אַז דער פרישער העכט וואָס זיצט דאָרט בּיים מאַשין, וועלכער איז אָנגעקומען אָהער ערשט מיט עטליכע טעג צוריק, אַז איהם וועט מען ניט לאָזען וואַרטען מעהר פון זעקס מאָנאַטען אויף זיינע שוואַרצע קליידער“.

איך גיב אַ בּליק אין דער ריכטונג פון דעם ניט לאַנג־אָנגע־

קומענעם. ער איז א שלאנקער מאן מיט א דונקעלן געזיכט און שנעלע לויפענדע אויגען. דער אויסדרוק פון ביטרער שולד איז אבשטויסענד.

„ווער איז דער מאן?" גיב איך שטילערהייט א פרעג דעם ארויסהעלפער.

„ער געפעלט דיר. וואס, ניט? ערלויב מיר, מיין הערר, פארצושטעלען דיר, די וואונדערליכע ארביים, פון זיין בעשעפער, א וויייד־מויליגע, פוטער־לויפענדיגע, האניג־זיסע, קרעצינע שפיעל־קאץ, א געלער הונד, א שמוציגע, גליטשיגע שלאנג, א קריכענדיגע זשאבע, ווענעם אנוועזענהייט אליין שוין, מיין הערר, איז א טויטליכע בעליידיגונג פאר א זיך־זעלבסט־רעספעקטירענדען מיטגליעד פון מיין שטאם, — מר. פעטריק גאלאגהער פון דער עהרוווירדיגער פינקערטאן פאמיליע".

„גאלאגהער?" האב איך א פרעג געטהאן ערשטוינט. „דער מסור, וואס האט גע'מסר'ט דעמפסי און ביטי?"

„דער סאמע זעלביגער. דער שמוציגער שפיאן, וואס האט אריינגעשטויסען דיזע מענשען אהער אויף זיבען יאהר. דעמפסי איז געווען א דומקאפ, אז ער האט זיך פערבונדען מיט אזעלכע יאשצערקעס ווי גאלאגהער און דייווידסאן. ער איז געווען מייסטער־ארבייטער אין דיסטריקט פון די נאיטס און לייבאר. פאר וואס האט ער ניט געקענט קריגען זיינע אייגענע מענשען אויף צו טהאן די מלאכה? נעהמט ער און דינגט אזעלכע שפיר־הינד, שיקט זיי אין די סקעב־פאבריקען, פערשטעהסטו, צו פערמישען א מאכל פאר די סטרייק־ברעכער און זאגט איהם אלעס אויס פון חדר, פערשטעהסט? דו האסט דאך מסתמא זיך שוין אריענטירט, מיין הערר, וועגען דער ענטוויקלונג פון די קאך־קונסט עקספערימענטען?"

„יעס. מען זאגט, אז מען האט אריינגעטהאן קראטאן אויל אינ'ם עסען און די סקעבס זיינען קראנק געווארען אויף דייעריא".

„קראנק געווארען? ניין, בחור'ל, פיעל פון זיי האבען גע־קראפירט. איך בין איבערראשט, מיין הערר, וואס דו געברויכסט אזא וואולגארע בעצייכענונג ווי דייעריא. דו בעליידיגסט מיין עסטעטישען געפיהל. די געלעהרענטע הערען, וועלכע גריבלען זיך אין די איינגעווייט פון דער ערד און פון מענשען, האבען צור־

געשריעבען די אורזאַכע פון דעם, וואָס די מענשליכע פערפליכטונגען צו דער נאַטור זיינען אַזוי פערגרעסערט געוואָרען פלוצלונג און וואָס די מיסטעריעזע און פערשוואונדערישע פּאָפּולאַריטעט פון די גאַרניט ריח־נחוח'דיגע ערטער האָט געקראָגען אַזאַ אַנציהונגס־קראַפט, אַז מען האָט אויטאָמאַטיש בעקומען די לויפעניש צו זיי — האָבען זיי דאָס צוגעשריעבען, מיין הערר, צו דעם פאַקט, וואָס מען האָט אַזוי פיעל לייזיגע בראָדיאַגעם אַריינגעפּאַקט אין שמוציגע וואוינונגען, אָדער צו דעם פאַקט, וואָס די אינגעווייט זיינען פעראיידעלט געוואָרען... עס וועט אפשר אַמאָל קומען אַ טאָג, מיין הערר, ווען עס וועט זיך ערהויבען אַ פּאָעט און וועט פערהערליכען אין דער שעהנקייט פון עפּישער שילדערונג די העלדישע צייט פון דעם מאָדערנעם „בול ראַן“ — און איך מוז דיר זאָגען, בחור'ל, אַז דאָס איז געווען אַזאַ מין „ראַנינג“, אַזאַ מין לויפעניש, געלאָפען און ווידער געלאָפען, פון אויבען און פון אונטען, — אָדער ווי אַ לירישער דיכטער וואָלט עס פערקערפּערען אין פערזען און בעזינגען די בעגייסטערטע טעג ווען קראַטאַן אויל איז געווען קעניג. אָבער, מיין הערר, ניט פאַר אייער ערגעבענסטען איז צו קריכען מיט זיינע הענד אין אַזעלכע האָניג־לעקער; און בפרט, מיין הערר, איז ביי מיר אַ כלל גדול פון דזשענטעלמענסקער אויפפיהרונג ניט צו קריכען מיט מיין שנויץ אין פרעמדע עסקים“.

„דעמפּסי קען זיין איז גאָר אונשולדיג, רויטער“.

„נו, אָבער די געשוואָרענע האָבען ניט אַזוי געטראַכט. נאָר מען קען ניט וויסען. בנאמנות, זאָג איך דיר, אַלעק, אַז דיעזער פערפוילטער סקעב גאַלאַגהער האָט געוואָרפען אַ בליכען קאָליר פון ענטשלאָסענהייט — אויב איך מעג באָרגען אַן אויסדרוק פון דעם אַלטען ביללי שעק'ס מאַרק־שפּראַך — אויף מיינע איבערציי־גונגען... דו ווייסט וואָס ער האָט נעכטען געטהאָן?“

„וואָס?“

„האָט געשיקט נאָך דעם אונטערזוכונגס־ריכטער און האָט זיך ווייטער מודה געווען“.

„ווירקליך? פון וואַנען ווייסטו דאָס?“

„אַ נאַכט־שומר, מיינער אַ בעזונדער פריינד, קיד. איך שטעה מיט איהם אויף אַ גוטען פוס, פערשטעהסט? און ער איז אַ קיי־לעכדיגער עם־הארץ, קען אפילו זיין אייגענעם נאָמען ניט אויס־

ליינען. קומט ער יעדען טאג נעהמען א ביסעל פון מיין בעשיי־דענעם אבער אונערשעפּליכען קוואל פון אינטעליגענץ, אום צו קענען אויסמאַכען זיינע רעפּאַרטען. כאַפּסטו זיך שוין? נעכטען האָב איך פון איהם געקראָגען א היבשע פּאַרציאָן, ערשטע קלאַסע, מוז איך דיר זאָגען: צוויי האַרט־געקאָכטע אייער און א האַלבע טאַמייטאַ, זאַפטיג און געשמאַק, מיין הערר. האָב איך דאָס הנאה געהאַט! ביי דיר לויפט שוין די סליונע פון מויל, עה, קיד? נו, אויב דו וועסט זיין גוט צו מיר, קענסטו אויך קריגען וואָס איך קריג. איך וועל מיט דיר מאַכען לחצאין. נו, שטעה דאָך ניט און קוק מיך אן ווי א הילצערנער אינדיאַנער. האָט מיין אונערוואַר־טעטע ענטדעקונג, וואָס איך האָב דיר אוים גרויסמוטהיגקייט אויסגעזאָגט, אבגענומען ביי דיר דעם לשון?"

דער ביטרער וואונק, מיט וועלכען ער האָט אונטערשטראָכען זיין אנבאָט און זיין אונערוואַרטעטע ערנסטקייט האָט אויף מיר זעהר אונאנגענעהם געווירקט. מיט געמאַכטער גלייכגילטיגקייט האָב איך זיך ענטזאָגט צו טהיילען מיט איהם זיינע דעליקאַטעסען.

„דו דאַרפסט די צוגעפּאַלענע גוטע קלייניגקייטען פאַר זיך אליין, רויטער. דו האָסט דאָך מיר אליין געזאָגט, אז דו ליידעסט פון אונפערדייאונג. אן ענדערונג אין דער דיעטע אמאָל אין א נאָווינע וועט דיר גוטעס טהאָן", ערקלעהר איך איהם. „אבער דו האָסט דאָך מיר ניט געענדיגט דערצעהלען וועגען גאַלאַגהער'ס נייעם וידוי".

„עה ,ביזטו א כיטראַק, אַלעק. אבער זאָל זיין, מיין בחור'ל, אפשר וועל איך פאַר דיר עפּעס אמאָל קענען טהאָן. איך בין דיינער א פריינד, אַלעק; מעגסט זיך אויף מיר פערלאָזען. אבער דיעזער הונד גאַלאַגהער, יאָ, ער האָט זיך נאָך אמאָל מודה געווען. פערפלוכט זאָל ער ווערען אויב דאָס איז שוין ניט א דריטען מאָל. האָסטו וועןן געהערט אזוינס? דער אויפזעהער האָט דאָס מיר אליין געזאָגט. איך מוז צוגעבען, אז די האַנדלונגען פון דיע־זען עהרווירדיגען דזשענטעלמאַן גיבען א מיש מיין קעפּעל קרוים; דאָס שטערט אפילו אזא רעכטדענקענדען יעגג ווי איך ניט צו קענען איינליגען אין די זאַנפטע אומאַרמונגען פונ'ם גאָט מאָר־פעאוס. וואָס בעצוועקט ער אייגענטליך דערמיט? זאָלען מיר אפשר געפינען א דיאַגנאָזע פאַר דער בעזונדער גייסטיגער מענס־

טרואַציע, אָדער — אָדער, וואָס איז אייער געלעהרטע מיינונג, מיין ליבטענדער קאָלעגע, הע? דריי נייע געשטענדניסע, איינע נאָך דער אנדערער, יעדע ווידערשפּרעכט די פריהעריגע. טרעפט דאָס דיר אין רעכטען פּינטעל, זוהנעניו?"

„אין זיין צווייטער געשטענדניס האָט ער צוריקגעצויגען זיינע בעשולדיגונגען געגען דעמפּסי. וואָס זשע ווערט געזאָגט אין זיין דריטער געשטענדניס, רויטער?"

„ער ציהט צוריק די צוריקציהונג, מיין בחור'ל. און טרעף, אַלעק, פאַר וואָס?"

„איך רעכען, אַז דערפאַר וואָס מען האָט איהם בעצאָהלט ער זאָל ווידערהאָלען זיינע ערשטע בעשולדיגונגען".

„ביזטו ניט ווייט פון טרעפען. נאָך דעם ווי דיזער שעהנער מענש פון אַ יודאָס האָט רייגגעוואַשען די אנגעקלאַגטע, האָט סאַנדי וועגען דעם געלאָזט וויסען די אַדוואָקאַטען ריעד און נאַקס. זיי זיינען שוין קלוגע חברה'לייט ניש'קשה. זיי זיינען דאָס די אַדוואָקאַטען פון קאַרנעגיע קאָמפּאַניע, וועלכע זיינען אַנגעשטעלט צו פּערטייטשען די מאַדאַם יוסטיציאַ, מיין הערר, אויף אַזאַ מין אופן — —"

„איך וויים, רויטער", שלאָג איך איהם איבער. „זיי זיינען דאָך די אַדוואָקאַטען, וועלכע האָבען מיך גע'משפּט. אפילו אין געריכט האָבען זיי אַנגעוויזען דעם אַנקלעגער ווי צו פיהרען די אַנקלאַגע, און זיי האָבען אָפּען איהם איינגעראָמט, וועלכע פראַגען ער זאָל שטעלען די עדות. ער איז געווען בלויז אַ פּעשקע אין זייערע הענד, זייערם אַ ווערקצייג. און עס האָט אַזוי לעכערליך גע־קלונגען ווען דיזער אַנקלעגער האָט געזאָגט די געשוואָרענע, אַז ער שטעהט ניט אין דער דיענסט פון אַ פּערזאָן אָדער פון אַ קאָר־פּאָראַציאָן, נור אַז ער האַנדעלט איינציג און אַליין אַלס אַ בעאַמ־טער פון דעם שטאַאַט, וועלכער האָט אויף זיך די הייליגע פליכט צו בעשיצען די אינטערעסען פון דעם שטאַאַט אין מיין אַנקלאַגע. און די גאַנצע צייט איז ער געווען בלויז אַ האַנד־ווערק ביי פריק'ס אַדוואָקאַטען".

„וואָרט אויף, קיד! דו גיסט מיר ניט קיין געלעגענהייט צו כאַפּען אַ וואָרט, ווען דו הויבסט אָן צו מאָלען. דו מיינסט, אַז דו שטעהסט עס אויף דער פּלאַטפאָרם און דרשנ'סט פאַר דיינע

לאנג־האריגע צוהערער? ניט מ י ך קענסטו בעקעהרען; מענ־סטו זשאלעווען דיין אטהעם, מענש דו איינער".

„איך וויל דיך גארניט בעקעהרען, רויטער. דו ביזט אינ־טעליגענט, אבער דו ביזט שוין א האפנונגסלאזע זאך. דו ביזט ניט פון אזא סארט, וואס זאלען קענען נוצליך זיין פאר דער זאך".

„זעהר צופריעדען וואס דו פערשטעהסט. דו האסט מיך אבגעמאסטען ניט שלעכט, עה? נו, מיין הייליגער בחור'ל, איך בין גראדע אקוראט דער מענש וואס קען דיענען פאר דער זאך; אבער פאר וואס פאר א זאך, פאר מ י ר אליין,; פאר מ י ר מיט א גרויסען „מ", פערשטעהסט? א מענש איז א נאר, ווען ער זארגט ניט פאר נומער איינס. איך זאג דאס דיר אפען, אלעק. וואס זיינען דיינע הויפט־פליהענדע פאנטאזיעם — אונטערדריקטע מענשהייט און דאס ליידענדע פאלק — פוסטע מעשיות! דו געהסט און רוקסט אריין דיין פערדאמטע האלז אין דער פעטליע פאר די סטרייקערס. אבער וואס האבען די דאזיגע לייט ווען עס איז געטהאן פאר דיר, עה? זאג מיר, וואס! זיי וועלען פאר דיר קיין האר ניט טהאן. האסט טאקע געפונען דעם מענשען. א י ך זאל הענגען פאר'ן פא־ל־ל־ק! די בהמות פערדיענען ניט מעהר וויפיעל זיי קריגען, דאס איז וואס א י ך זאג".

„איך וויל דיעזע פראגען מיט דיר ניט דיסקוטירען, רויטער. דו וועסט דאך קיין מאל ניט פערשטעהן סאי־ווי־סאי".

„מאך אן עק שוין. דו רעדסט ארוים אזוינס, אז מיין אנ־ערקענונג פון מיין אייגענעם איך טרייבט מיך אויסצוקעמפפען דאס אויף דעם עהרענפעלד, מיין הערר. אבער דער ווערטהלאזער גייסט פון גדלות איז פרעמד פאר מיין נאטור און דערפאר וועל איך בלייבען שטיל ווי א געלאסען שעפעלע, וואס פאסט אזוי פאר אן אמת'ן קריסט, און איך וועל פאלגען דעם געבאט פונ'ם גרויסען לעהרער אונטערצושטעלען די צווייטע באק פאר דעם שטיק קיי־טאבאק, וואס איך האב דיר געגעבען. גיב־זשע זיך א גריבעל אין קעשענע".

איך דערלאנג איהם דאס איבערגעבליבענע פון מיין טאבאק, זאגענדיג:

„דו האסט ווי געוועהנליך פערלארען דעם פאדעם פון אונזער געשפרעך, רויטער. דו האסט געזאגט, אז דער פערוואלטער האט

געשיקט נאָך קאַרנעגיע'ס אַדוואָקאַטען, נאָכדעם ווי גאַלאַגהער האָט צוריקגעצויגען זיין ערשטע געשטענדניס. איז וואָס האָבען זיי געטהאָן?"

„ווייס ניט וואָס זיי האָבען געטהאָן, אָבער איך האָב דיר געזאָגט, אַז דער שעפּסען־קאָפּ האָט געשיקט רופען דעם זעלביגען טאָג דעם דיסטריקט אַטוירני און האָט זיך אונטערגעשריבען אונ־טער אַ דריטער געשטענדניס. דעמפּסי איז דאָך געווען געקיצעלט צום טויט, ווייל —"

ער האָט פּלוצלונג איבערגעריסען די רייד. זיין שנעלער אָב־הוסטען זיך האָט מיך געוואָרענט אויף דער געפאַהר. דער פּערוואַלטער איז דער בעגלייטונג פון זיין געהילף און פון דעם אויפזעהער פון שאָפּ איז איצט אַרומגעגאַנגען אינספּעקטען דעם שאָפּ און האָט זיך אָבגעשטעלט לעבען יעדער מאַשין און צוגע־הערט זיך צו די בקשות פון אַרעסטאַנטען. זיינע יוגענדליך בליי־צענדע אויגען זיינען אַ שניידענדער קאָנטראַסט צו זיינע סאָלידע מאַניערען און צו זיינע געזיכטסציגע, וועלכע זיינען איינגעפאַסט אין אַ ראַהם פון גרוי־וויים. צוקומענדיג צו אונזער טיש גריסט ער אונז מיט אַ גנעדיגען שמייכעל:

„ווט־מאָרגען, יונגען".

ער וואַרפט אַ בליק אויף מיין אַרויסהעלפער און גיט אַ פרעג:

„דיין צייט ענדיגט זיך שוין אין גיכען, רויטער?"

„געווען שוין אַרויס און ווידער אַריין, קאַפּיטאַן", לאַכט דער בעאַמטער.

„יאָ, ער איז המ... המ... צוריק אין דער היים", זאָגט דער געהילפס־פּערוואַלטער סאַרקאַסטיש מיט זיין קוויטשיגען ווייבער־שען קול.

„דיר איז ניט געפעלען געווען דרויסען, רויטער?" שפּאַסט אָב דער פּערוואַלטער.

מיין אויסהעלפערס פּנים ווערט בעשאָטענט מיט אַ רויטקייט און ער גיט אַן ענטפער: „עס זיינען פאַראַן מעהר טכוירען דרוי־סען, אַלס דאָ אינווענינג".

דער קאַפּיטאַן גיט זיך אַ קרים. דער געהילפס־פּערוואַלטער גיט זיך אַ בייזער מיט'ן פינגער, אָבער דער פּערוואַלטער לאַכט לייכטליך און זעצט פאָר זיין אינספּעקציאָן ווייטער.

מיר ארבייטען שווייגזאם א ווילע. דער רויטער קוקט זיך ארום, זיינע אויגען פאלגען נאך די אוועקגעהענדע בעאמטע. און ענדליך גיט ער א שעפּצע:

„האסט געזעהן ווי איך בין איהם אריינגעפאהרען, אלעק? ער ווייס וועמען איך האב געמיינט. האסט געזעהן ווי דאס האט איהם א קאך געטהאן? איך האב געמיינט, אז ער וועט ארויס־פּלאצען. דאס האט איהם א ביסעל א ניכטער געטהאן. געזעהן זיינע לאנטערנעס, קיד?"

„יא, זעהר ליכטיגע אויגען".

„ליכטיגע אויגען ביי דיין באבען! בעשנוישקעט, אט וואס דאס איז. דו מיינסט, אז איך וואלט אזוי גלאט אבגעשניטען, ווען ער וואלט ניט געוועזען אנגעגאסען מיט'ן געוויסען שטאף? איך האב דאס דערקענט אויף איהם גלייך ווי איך האב נור א קוק געטהאן. איך קען דערקענען פון זיינע לייכטענדע שייבלעך און און דעם פרעהליכען שמייכעל, ווען ער פיהלט זיך אויפגעלעגט; איך ווייס שוין גוט די סמנים. ער פיהלט אלע מאל גוט, ווען ער איז אנגעגאסען. דאס איז די צייט ווען דו קענסט פון איהם וואס עס איז ארויסקריגען. דעם צווייטען מאל ווען דו וועסט איהם דערזעהן אזוי בעשנוישקעט גיב ביי איהם א בעט ער זאל אונז געבען נאך אן ארויסהעלפער. אז ניט וועלען מיר דאך דא דער־טרונקען ווערען אין דעם ים מיט זאקען.

„יא, מיר דארפען טאקע האבען מעהר הילף. פאר וואס האסטו ביי איהם ניט א בעט געטהאן?"

„איך? איך בעטען טובות ביי דעם פערפלוכטען שוויין? נור דאס ניט, קיין מאל ניט! קאנסט מיך ניט כאפּען חנפה'נענ־דיג די הויכע און מעכטיגע, מיין הערר, די געלעגענהייט איז —"

„גוט, רויטער. איך וועל איהם אודאי אויך ניט בעטען".

„קימערט דאס מיך ווי די וואנד. אלעס וואס מיך ארט, אלעק, און — נו, צווישען זיך גערעדט, קענען זיי אריינפּאסען זיי־ערע קאסטבארע שטרימפּע אין די אונערשעצטע שפּאלטען פון זיינע ברעגען, ווען איך מעג האבען מיין בעשיידענע מיינונג, מיין יונגער הערר, זיינען אזוי גרויסמוטהיג אין זייער אויסברייטונג, אז עס זאל ניט שאדען די האריגקייט פון א זאק,

ווען זי איז אויסגעקעהרט פון אינווייניג אַרויס, מיין הערר. כאַפּ־סטו דעם געדאַנק, מיין בחור'ל?"

„זעהר שווער, רויטער", ענטפער איך מיט אַ שמייכעל. „ווע־גען וואָס רעדסטו, ווירקליך? איך וואָלט וועלען דו זאָלסט ריידען איינפאַכער".

„דו וואָלסט וועלען, עה? און אפשר וואָלסטו דאָס גאָר ניט געוועלט. אַבער מיר מוזען דאָך קריגען הילף דאָ. איך וועל זיך דאָ ניט אַוועק'הרג'ענען אַרבייטענדיג ווי אַ ניגער. איך וועל דאָס דער ערשטער אויפגעבען. דענקסטו אַז — ס־ס־סס!"

דער אויפזעהער פון שאַפּ קעהרט זיך צוריק:

„פערפלוכט פרעך ביזטו, רויטער", גיט ער אַ געשריי אויף מיין אַרויסהעלפער. פאַרוואָס קענסטו ניט איינהאַלטען דיין צונג?"

„וואָס איז, מר. קאַססאַן, וואָס האָט פּאַסירט?"

„דו ווייסט שוין פערדאַמט גוט וואָס. דו האָסט דעם אַלטען אויפגעבראַכט, אַ שרעק. דו האָסט געדאַרפט פערשטעהן בעסער ווי צו פיהרען זיך. ער איז געווען ווייך ווי פּוטער, ביז וואַנען דו האָסט אָן עפּעס געטהאָן דיין פּאַסטקע. אַלעס איז שוין דערנאָך געגאַנגען מיט די פּוטער אַראָב. ער האָט אויסגעלאָזען צו מיר אַלע חלומות, פאַר וואָס לעבען אייך ליעגט אַזאַ באָרג. פאַר וואָס טראָגסטו שוין זיי ניט אַוועק צו די פּעטעלקע־מאַכער, בווירק?"

„זיי זיינען דאָך נאָך ניט איבערגעקעהרט געוואָרען", ענט־פער איך.

„וואָס זאָגסטו? נאָך ניט איבערגעקעהרט?" גיט ער זיך אַ קאָך מיט כעס. „וואָס־זשע טהוט איהר דאָ די גאַנצע צייט, וואָלט איך וועלען וויסען!"

„מיר טהוען מעהר איידער מיר וואָלטען געדאַרפט", גיט איהם דער „רויטער" אָן ענטפער שאַרף.

„האַלט'ס מויל און שנעלער געאַרבייט".

„מיט די פערפוילטע קרופּניק וואָס מען קאָרמעט אונז", מענה'ט מיין אַרויסהעלפער.

„דו בעסער האַלט ס'מויל, רויטער".

„דאַן גיט אונז וועניגסטענס אַן אַרויסהעלפער".

„איך וועל אייך געבען, ווי דען!"

עס גיט אַ פּייף צו מיטאָג.

קאפּיטעל 14

דער „דיפּ“.

פאַר אַ וואָך שוין ווי דער „רויטער“ קומט ניט צו דער אַר־בייט. מיינע אַלע אָנשטרענגונגען זיינען אומזיסט; איך קאָן זיך ניט ספּראַווען מיט דעם באַרג פון ניט אויסגעקעהרטע זאַכען, וועלכער ווערט אַלץ גרעסער. און דער אויפזעהער ווערט אַלץ מעהר אין כעס און טרייבט. אָבער מורא האָבענדיג, אַז די אינ־דוסטריעלע ראָד וועט זיך אויפהערען צו דרעהען, איז ער געצוואונ־גען צו געבען מיר אַן אַרויסהעלפער, אַ יונגער מענש מיט שאַרפע אויגען און אַ נערוועזער פערנעהמט דעם ליידיגען פּלאַץ.

„ער איז אַ ד י פּ“ *), ניט אַ שעפּצע דזשאָהני דייווים. „אַ בריטוועע“, זאָגט ער מיט אַ מין פערגעטערונג.

איך פיהל אַ ווידערליכקייט. איך בין נאָך קיינמאָל פריהער ניט געקומען אין פּערזענליכער בעריהרונג מיט אַ פּראָפעסיאָנעלען גנב און איך האָב נאַטירליך זעהר אַ קנאַפּע פאָרשטעלונג וועגען די־זען קלאַס. אָבער זיי זיינען דאָך ניט קיין פּראָדוצירער; הייסט עס, דאָס זיינען פּאַראַזיטען, וועלכע בערויבען אַבזיכטליך די געזעל־שאַפט, מעהרסטענס די אַרעמערע. קיין געמיינשאַפטליכעס קען ניט זיין צווישען מיר און אַזאַ מענשען.

דעם נייעם אַרויסהעלפערס זעלבסט־בעוואוסטע גדלות נעגען מיר רעגט מיך אויף. זיינע שטאָלצע מאַניערען מאַכען מיך נייי־גיעריג. עפּעס איז זיין גדלות׳דיגע בענעהמונג און זיין אונאָבהיני־גיגע, גאוה׳דיגע האַלטונג גאַרניט דאָס וואָס איך האָב איינגעלוויז

*) אַ קעשענע־גנב.

געהאט אלס בעגריעף ווענען א גנב! איך ערפינער זיך גאנץ גענוי ווענען דעם רויט־קאפינען קאליא, ווען א מורא׳דיגער זשאנדארם האט איהם ארויסגעפיהרט פון קלאס־צימער. ביי די גימנאזיסטען זיינען פערשוואונדען געווארען זייערע אנבייסענס, און קאליא האט זיך מודה געווען אין דער גנבה. מיר זיינען נאכגעלאפען נאך דעם ארעסטירטען, און ער האט געהאלטען אראבגעלאזען דעם קאפ און האט געציטערט, און אזוי בלייך איז ער געווען, אז איך וואלט געקענט איבערצעהלען יעדען זומער־שפריינקעלע אויף זיין פנים. ער איז שוין צוריק אין גימנאזיע מעהר ניט געקומען און איך פלעג אלץ טראכטען וואס איז פון איהם געווארען. דער שרעק אין זיינע אויגען האט מיך פערפאלגט אין מיינע חלומות, די ברוינע פלעקען אויף זיין שטערען פלעגען פאר מיר ערשיינען אלס פייערי־גע בוכשטאבען פון דעם רוסישען ווארט „וואר" *).

„דאס איז א קנאק", שלאגט איבער דעם ארויסהעלפערס שטי־מע מיין פערטראכטקייט. ער רעדט מיט א שעהן־מאדולירטען טאן און מיט א גוטען אקצענט. „איהר דארפט קיין מורא ניט האבען צו ריידען", זאגט ער מיר פאטראניזירענד.

„איך האב קיין מורא ניט", ענטפער איך איהם אב אויף אזא אינסינואציע. „וואס זאל איך עפעס פאר אייך מורא האבען?"

„ניט פאר מיר, נאר פאר דעם בעאמטען, מיין איך".

„איך האב פאר איהם אויך קיין מורא ניט".

„נו, לאמיר דאך ריידען וועגען עפעס, אויב אזוי. דאס וועט העלפען צו פערטרייבען די צייט, פערשטעהט איהר".

זיין מונטערע פריינדליכקייט פערגלעט מיין אויפגערעגטקייט. דער קאראקטער ענגליש, אלס א געגענזאץ צו מיין פריהערדיגען ארויסהעלפער, איבערראשט מיך".

„עס טהוט מיר לייד", זאגט ער ווייטער, „וואס זיי האבען אייך פעראורטהיילט אויף אזוי לאנג, מר. בערקמאן, אבער —"

„פון וואנען ווייסט איהר מיין נאמען?" שלאג איך איהם איבער, „איהר זייט דאך ערשט אנגעקומען".

„זיי רופען מיך ,בליץ על׳," ענטפערט ער מיט א מין שטאלץ. „איך בין דא אין גאנצען דריי טעג, אבער א מענש אין מיין פאך

---

*) א גנב.

קען אין אזא קורצער צייט גאנץ פיעל לערנען. מען האט מיר אנגעוויזען אויף אייך, ווי איך האב געבעטען".

„ווי רופט איהר אייער פאר? פאר וואס האט מען אייך אהער אריינגעזעצט?"

אויף א מאמענט איז ער אנטשוויגען געווארען. איך בין געווען איבערראשט נאכצוקוקען ווי זיין פנים איז רויטליך גע־ווארען.

„איהר זייט פון די תמ'עוואטע יאלדעס. א, ענטשולדיגט מיר, מר. בערקמאן", פעררעכט ער זיך אליין, „איך פאל אמאל אריין אין אונזער לשון, פערשטעהט איהר; איך האב געמיינט צו זאגען, אז מען קען לייכט זעהן, אז איהר זייט ניט נאהענט צום וועג... איך מיין, ניט בעקאנט מיט אזעלכע זאכען. איהר זאלט קיין מאל ניט פרעגען א מענשען פאר וואס ער זיצט דא".

„פאר וואס ניט?"

„נו, ווייל —"

„איהר שעהמט זיך".

„עס הויבט זיך גארניט אן. שעהם זיך וואס איך בין אריינ־געפאלען, קען זיין — איך מיין, וואס מען האט מיך געכאפט פאר דער האנד, ווייל דאס איז ניט קיין מעלה אין א חברה'מאנס רעפ. איך מיין רעפוטאציע, פערשטעהט איהר. אבער איך בין שטאלץ אויף די שטיקלעך ארבייט וואס איך האב געטהאן. איך בין גאנץ פלינק, פערשטעהט איהר מיך".

„אבער איהר ווילט ניט, אז מען זאל אייך פרעגען פאר וואס מען האט אייך אריינגעזעצט".

„נו, דאס זיינען ניט קיין גוטע מאניערען צו שטעלען אזעלכע פראגען".

„געגען דער עטהיק פון דער מלאכה, אפנים?"

„ווי סארקאסטיש מיר קענען זיין, מר. בערקמאן. אבער עס איז אמת. דאס איז געגען דער עטהיק. און דאס איז ניט א מלאכה, דאס איז א פראפעסיאן. אה, איהר מעגט זיך שמייכלען, אבער איך וואלט בעסער זיין א קעשעניק, א פראפעסיאנעלער, מיין איך, אלס צו זיין איינער פון אייערע פאבריק הענד".

„זיי זיינען עהרליך, אבער. זיי זיינען עהרליכע פראדוצי־רער, בעת איהר זייט א גנב".

„אה, א י ך פיהל קיין שטאָך ניט פון דעם וואָרט. איך בין שטאָלץ צו זיין אַ גנב, און וואָס נאָך מעהר, א י ך בין אַן ערשטע קלאַסע קעשעניק. זעהט איהר שוין? דער בעסטער „דיפ" אין יונייטעד־סטייטס".

„אַ קעשענע גנב? גנב'ענען ניקעלס ביי פּאַסאַזשירען אין די טראַמוואַיס און —"

„א י ך? זעהר פיעל, צום טייפעל, ווייסט א י ה ר װעגען דעם. רעכענט איהר מיך פאַר אַזא קליין פישעל, וואָס? איך ארבייט בלויז ביי די פערד־רייסעס".

„איהר רופט דאָס ארבייט?"

„געוויס. און פערדאַמט שווערע ארבייט דערצו. מען דאַרף דערצו האָבען מעהר מאָרך איידער אַ גאַנצע פאַבריק מיט אייערע עהרליכע פּראָדוצירער קענען דאָס פערמאָגען".

„און איהר קלויבט בעסער אויס דאָס, איידער עהרליכקייט?"

„איך? איך גיב אויס מעהר אויף האַנדשוה איידער אייערער אַ מוליער מאַכט אין אַ גאַנץ יאָהר. מיינט איהר, אַז איך בין אַזא דומקאָפּ צו שקלאַפּען אַ גאַנצע וואָך פאַר עטליכע דאָלאַרעס?"

„אָבער איהר זיצט דאָך אָב די מעהרסטע צייט פון אייער לע־בען אין געפענגניס".

„אַ נעכטיגער טאָג. אַן אמת גוטער חברה־מאַן האָט אַלע מאָל אָבגעשפּאָרט אַ ביסעל געלד פאַר יעסין־צייט — איך מיין, אַ ביסעל מזומן אויב מען פאַלט אריין — און אַ קלוגער אדוואָקאַט וועט מעהרסטענטהייל שוין ארויסשלעפּען; צורייבען די זאַך, פער־שטעהט איהר מיך. איך האָב נאָך קיין מאָל ניט בעגעגענט אַ פּאָ־ליציי־שפּיצעל, וועלכען מען קען ניט צורעכט מאַכען, אויב מען האָט נור געגוג ממתקים; און די מעהרסטע ריכטער אפילו אויך. נאַטירליך, אַמאָל פּאַסירט, אַז אפילו דער בעסטער פון אונז פאַלט אריין; אָבער דאָס טרעפט ניט אַזוי אָפט; דאָס אַלעס געהט אריין אינ'ם חשבון פונ'ם שפּיעל. דאָס גאַנצע לעבען איז דאָך אַזא מין שפּיעל, מר. בערקמאַן, און יעדער איינער האָט זיך זיין לאָפּקע".

„מיינט איהר, אַז עס זיינען גאָר ניטאָ קיין עהרליכע מענ־שען?" פרעג איך פערדריסליך.

„פּשׁשאַ! איך בין פונקט אַזוי עהרליך ווי ראָקעפעלער אָדער

קארנעגיע; ניט מעהר, דאס גענוג איז אויף זייער זייט. און איך ארבייט שווערער פון זיי, איך מאך אייך א וועט. איך דארף דאך עסען, אפשר ניט? נאטירליך", לעגט ער צו נאכדענקענדיג, „ווען איך וואלט געוואוסט אז איך בין זיכער מיט מיין ברויט און פוטער, אפשר —"

דער פערבייגעהענדער אויפזעהער גיט א שמייכעל דערזעהענ־דיג דעם בעוואוסטען קעשענע־גנב און גיט העפליך א פרעג:

„וואס מאכט מען עפעס, על?"

„גאר געהויבען, מר. קאססאן. איך האף, אז איהר פיהלט היינט גוט."

„ווי קיין מאל ניט בעסער, על".

„מיינער א פריינד פלעגט מיר אפט דערצעהלען וועגען אייך, מר. קאססאן".

„און ווער איז דאס?"

„בארני, דזשעק בארני".

„דזשעק בארני! א, ער האט דאך פאר מיר געארבייט אין דעם בעזים שאפ".

„יא. ער פלעגט מיר אפט זאגען: על, ווען דו וועסט ווען־עס־איז לאנדען אין ריווערסייד, זעה, פערגעס ניט דארט אבצוגעבען מיין בעסטען גרוס צו מר. קאססאן, צו מר. עד. קאססאן, זאגט ער, א פרעכטיגער קערל".

דער בעאמטער פיהלט זיך געשמייכעלט: „יא, איך האב איהם גוט בעהאנדעלט", זאגט ער און געהט ווייטער.

„איך האב געוואוסט, אז ער וועט דאס אראבשלינגען", גיט זיך מיין ארויסהעלפער א קרים נאך איהם. „עס איז אלע מאל בעסער צו זיין מיט זיי אויף דער רעכטער זייט", גיט ער א פינ־טעל מיט'ן אויג. „בארני האט מיר שוין וועגען איהם גאר גוט געזאגט. דער פערפוילטער שפיר־הונד אינ'ם מיסט־קאסטען. פער־שטעהט איהר, מר. בערקמאן — מעג איך אייך רופען אלעק? דאס איז קירצער — פערשטעהט איהר מיך, אלעק, איך מאך ביי זיך אב, אז איך מוז אלעם אויסגעפינען. עס איז זעהר פערנינפטיג צו קענען די הענקער. איך וויים שוין די גאנצע באנדע דא. דער דזשימי מעקפיין, דער געהילפס־פערוואלטער, איז אן אמת'ער רוצח. ער האט שוין איין מאן ערמארדעט. בארני האט מיר דערצעהלט

ווענען דעם די גאנצע געשיכטע; ער האט דאן נעהאט זיין חלק — איך מיין, איז אבגעזעסען דאן זיין שטראף. איהר זעהט, אלעק“, ראמט ער מיר איין פערטרויליך א סוד. „איך האב פיינד צו בענוצען די מארק־שפראך; דאס קלעפט זיך צו צו אזא ווי איך, און יעדער פאליציי־שפיצעל קען אייך שוין דערקענען אלס א זשוליק. פאר מיינע געשעפטען איז נויטיג צו ווייזען א שעהנעם אויסזעהן און צו געברויכען א גוטען ענגליש, דערפאר טאר איך ניט אריינפאלען אין דער געוועהנהייט צו ריידען די חברה־שפראך. האב איך אייך אנגעהויבען ווענען דעם וואס בארני האט מיר דער־צעהלט ווענען דעם געהילפס־פערוואלטער. ער האט ערמארדעט אן ארעסטאנט קאלטבלוטיג. דער ארעמער יונג איז ניט געווען ביים זינען, געווארען א ביסעל צודרומשקעט, פערשטעהט איהר מיך. איז ער איין אין דער פריה ארויסגעלאפען פון זיין צעלע מיט א שטוהל אין האנד און אנגעהויבען רעווען: „געוואלד! מארד! הרג'עט איהם!“ דער געהילפס־פערוואלטער איז אקוראט דאן פערביינענאנגען, כאפט ער ארוים זיין שיסערל — איך מיין דעם רעוואלווער, פערשטעהט איהר, און — קנאק־קנאק. ער האט דעם אונגליקליכען משוגענעם צולעכערט, אזוי פיעל קוילען האט ער אין איהם אריינגעשאסען, דער מערדער. אוועקגעלעגט א טויטען. מען האט איהם אפילו ניט גע'משפט דערפאר. דער פערוואלטער האט ערקלעהרט אין די צייטונגען, אז דאס איז נעטהאן געווארען אין זעלבסט־פערטהיידיגונג. א פערדאמטער ליגען. סאנדי ווייס אז עס איז א ליגען; אלע דא האבען געוואוסט אז דאס איז געווען א קאלטבלוטיגער מארד, אהן שום אורזאכע גאר. זיי זיינען אלע צוזאמען איין קייטעל, פערשטעהט איהר, איינער פערבונדען מיט דעם אנדערען. און דער אלטער פערוואלטער איז דער גרעסטער כאבארניק צווישען זיי אלע. און דער דאזיגער הימעל־שומר איז אויך אן ערשטע קלאסע זשוליק. האט איהר געהערט ווענען דעם קינד, וואס איז דא געבארען געווארען? נאך בעפאר אייער צייט. א מורא'דיגער סקאנדאל. זינט דאן מוז זיך מיט דעם הייליגען פרומאק נעפינען א וואך זונטאג, ווען ער פראוועט נאטעס־דיענסט אין דער פרויען־אבטהיילונג. און לאמיר אייך זאגען, אז מען דארף אויף איהם זעהר שטארק אכטונג געבען דאן“.

דאס פייפעל מאכט אן ענד צום געשפרעך.

קאפיטעל 15

דער דראַנג פון געשלעכט

זונטאג נאכט: מיין נייע צעלע אין דער אויבערשטער גאַ־לעריע איז הייס און שטיקענד; איך קען ניט שלאָפען. דורך די גראטעס זעה איך דעם אהאיא. די פולע לבנה הענגט איבער דעם טייך, באַרענדיג דאָס וואסער אין אַ ווייכען שיין. פון דעם וועל־דעל טראָגט זיך צו ווי אַ זיסעם וויעג־ליעד און די טייך־ברעגען זיינען מונטער מיט געלעכטערס. אַ מיידעל׳ס אָבקלאַנג, ווי אַ זילבער־גלעקעל, און שטימען רופען פון דער ווייט, אַזוי פרעהליך און נאָהענט איז דאָס לעבען, שרעקליך נאָהענט, רייצבאר נאָ־הענט — אָבער ארום מיר איז אַלעס שטיל און טויט.

טעג לאַנג ווי די ווייבליכע שטימע קלינגט אין מיינע אויי־ערען. דאָס האָט געקלונגען אזוי יוגענדליך און אזוי לעבהאַפט, אזוי צערטעלדיג הינציהענד. אַ שעהנהייט פון אַ מיידעל געוויס. וואָס פאַר אַ תענוג צו האַלטען מיין בליק אויף איהר! שוין אזוי פיעל מאָנאטען ווי ארום מיר איז ניט געווען די נאָהענטקייט פון אַ פרויענצימער; איך בענק אזוי נאָך די צאַרטע קלאַנגען פון אַ פרויען־שטימע, נאָך דער צערטליכער בעריהרונג. אין מיין געהי־רען טראָגט זיך אַלץ די שטימע ביים טייך, די זיסע טענער פלעכ־טען זיך איבער מיט די לוסטיגע געזאַנגען, מאָלען בילדער און טרוימערייען, ווען איך געה ארום הין און צוריק אין מיין צעלע אַ גערייצטער. זיי לעבען, זיי אָטהעמען! איך זעה די שלאַנקע פיגור מיט דעם שוועלענדען בוזים, דעם איידעלען ווייסען האַלז, דעם קינדערשען פּנים, מיט די גרויסע, זוכענדע אויגען. אַ, דאָס איז דאָך ליובאַ! מיין בלוט ווערט גערייצט גוואַלטיג, ליידענשאַפט־ליך ווען איך לעב ווידער אַמאָל דורך די זיס־רייצבארקייט פון

דער ערשטער בעריהרונג פון איהר מיידעל־ברוסט. ווי פערפיה־רעריש־אונשולדיג האָט געקלונגען די אונבעשיידענע איינלאַדונג אויף די סאַמעט־ליפּען, ווי רייצענד־זיס דיעזע פּלוצלונגקייט! מיר זיינען דאַן געווען אין ניו היווען. איינער צו איינעם האָבען מיר זיך צונויפגעקליבען דאָרט, ביז די קליינע ניו יאָרקער קאָמונע איז דאָרט געווען אין גאַנצען. נאָך מיר איז דאָס מיידעל געווען די ערשטע וואָס איז געקומען, וואָרום איך האָב זיך געפיהלט איינזאַם אין אַ פרעמדער שטאָדט, לאַנגווייליג אַרבייטענדיג אלס זעצער פון אַ פּראָווינציעלען וואָכענ־בלאַט; די אַבענדען זיינען געווען קאַלטע, אומעטיגע, אין אַ קאָנסערוואַטיווער סביבה. אַבער דאָס מיידעל האָט געבראַכט מיט זיך ליכט און זון־שיין, און נאָך דעם איז געקומען דער צווילינג און מאַניא. ליובאַ איז געבליבען אין ניו יאָרק; אַבער מאַניא, די טרייע נשמה, האָט געבענקט נאָך איהר שוועסטער, און ענדליך האָבען די דריי מיידלעך געאַרבייט צוזאַמען אין דער קאָרסעטען־פאַבריק. אין דער פרייער אַטמאָס־פערע האָבען זיך אַלע געפיהלט גליקליך און ליובאַ האָט זיך צו־בליהט אין שעהנער פרויען־רייפקייט. עפּעס איז אַרום איהר גע־ווען יענע טומאַנע אונבעשטימטהייט, וואָס האָט אין מיר אַרויס־גערופען אַ צערטליכע בענקשאַפט, אַ רייצענדען וואונש. איין מאָל — דאָס איז געווען מיט אַ יאָהר פריהער אין ניו יאָרק — האָב איך דערפיהלט אַ פּלוצלונגען חשק צו איהר. דאָס האָט מיך אַנ־געכאַפּט אונגעריכט, אָהן בעדענקען. איהר פאָטער האָט מיך איינגעלאַדען צו שפּיעלען מיט איהם אַ שאַך. ער דערצעהלט מיר, אַז ליובאַ איז געווען קראַנק. זי פיהלט שוין איצט בעסער און וואָלט געגרען זיין מיך זעהן. איך בין געזעסען אויפ'ן ברעג בעט שמועסענדיג מיט איהר אין דער שטיל, ווען איך האָב בעמערקט אַז די קישעלע האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער איהר קאָפּ. אַנבויגענדיג זיך האָב איך נים־ווּעלענדיג בעריהרט איהרע האָר, וואָס זיינען לויז געהאַנגען אויף דער זייט. דאָס ווייכע דונקעל־ברוין האָט מיך דורכציטערט. אַ מאָמענט ביך איך אַזוי געבליבען פערגאַפט און שטיל געדריקט די זיידענע וועלען צו מיינע ליפּען. די מאָמענטאַלע פערשעהמטקייט האָט זיך פערלאָרען אין דעם געפיהל פון פערהייליגונג פאַר דער מיידעל מיט די פּרעכטיגע האָר, וואָס האָט אַזוי איבערראַשט מיך און בעצויבערט, און אַ

טיעפע בענקשאפט האט מיך פלוצלונג אנגעכאפט בעת זי איז געלעגען אזוי רייצענד, פול מיט חן און שעהנקייט. און די גאנצע צייט וואס מיר האבען גערעדט זיינען מיינע בליקען געווען איינגעפרעסען אין איהר רייצענדער געשטאלט און איך האב מקנא געווען איהר צוקינפטיגען געליעבטען און געהאסט די פערשוועכונג פון היילינקייט. אבער ווי איך האב נור פערלאזען איהר געלעגער, איז פערשוואונדען יעדער צייכען פון לוסט, און די מאמענטאלע בעגייסטערונג איז פערגאנגען ווי א טרוים־בילד, וואס אנטרינט ביים זון־אויפגאנג. בלויז אן איבערגעהענדע, קוים בעמערקבארע אונרוהיגקייט איז געבליבען, ווי פון עפעס אונעררייכבארעס.

דערנאך איז געקומען דער אונפערגעסליכער מאמענט פון ניט געטרוימטען תענוג. מיר זיינען ערשט געקומען צוריק פון א פארשטעלונג פון „טאסקא", מיט סאראה בערנארד אין איהר אונפערגעסליכער ראלע. איך האב געדארפט דורכגעהן ליובא'ס צימער געהענדיג צום אויבערשטיבעל אינ'ם קליינעם הויז, וואו אונזער קאמונע האט געוואוינט. זי האט זיך שוין געלעגט שלאפען, האט אבער נאך ניט געשלאפען. איך האב זיך געזעצט אויפ'ן ברעג בעט און מיר האבען גערעדט וועגען דער פארשטעלונג. אין איהר האט געברענט די בעגייסטערונג פאר דער גרויסער טראגעדיסטין; דאן איז איהר אויסגעקומען צו מאכען עפעס א בעמערקונג וועגען דער שוישפילערינס „דעקאלטע".

„ווען אויף דער ביהנע ערשיינט א שעהנער ביוסט אויסגעבלויזט מאכט ניט אויס", האב איך בעמערקט, „אבער איך האב געהאט א צו־שטארקען בינאקל: זייערע נאקעטע בריסט האבען מיר אויסגעזעהען אזוי לויז און פליישיג. עס איז געווען אבשטויסענד".

„דענקסט איהר אז — מיינע זיינען שעהן?" האט זי א פרעג געטהאן פלוצלונג.

פאר א מאמענט בין איך געווען איבערראשט. אבער די פראגע האט געקלונגען אזוי רייצענד אונבעדענקט, אזוי בעגעהרענד אונשולדיג.

„איך האב קיין מאל — לאזט מיך אנקוקען", האב איך א זאג געטהאן אימפולסיוו.

„ניין, ניין!" האט זי אויסגעשריען מיט אויפגערעגטער בע־

שיידענהייט. „ניין, איך קען ניט, איך קען ניט!"

„איך וועל ניט קוקען, ליובא. איהר זעהט, איך מאַך צו די אויגען. בלויז אנריהרען".

„אַה, איך קען ניט! איך שעהם זיך! נור פון אויבען איבער דער דעקע, איך בעט אייך, סאשא", האָט זי זיך געבעטען ווען מיין האַנד האָט זיך בעזאָכט אונטערגע'גנב'עט אונטער דער דעקע. זי האָט פעסט פערצויגען ארום זיך דעם לאַקען און מיין האַנד איז געבליבען ביי איהר זייט. די בעריהרונג פון איהר פעסטער, רונ־דער ברוסט האָט מיך דורכגעדרונגען מיט אַ ברענענדער ליידענ־שאַפט. מורא האָבענדיג, אַז דאָס וועט אַרויסרופען פון איהר זייט מיידעלשען ווידערשטאַנד, האָב איך געזוכט צו בעהאַלטען מיין אויפגערעגטקייט און האָב פאָרזיכטיג און צערטליך אַבגעצוי־גען מיין האַנד.

„זיי זיינען פרעכטיג, ליובא", האָב איך געזאָגט קאָנטראָלי־רענדיג דאָס ציטערען פון מיין שטימע.

„האָט איהר זיי געזעהן, ווירקליך, סאשא?" די גרויסע אויגען האָבען געלויכטען מיט גליק.

„זיי זיינען גריכיש, טהייערסטע", און אַ ציה טהוענדיג דעם לאַקען האָב איך זי געקושט צווישען די בריסט.

„איך בין אַזוי גערען וואָס איך בין אַהער געקומען", האָט זי געזאָגט טרוימעריש.

„האָט איהר געפיהלט לאַנגוויילינג אין ניו יאָרק?"

„עס איז געווען שרעקליך, סאשא".

„געפעהלט אייך די ענדערונג?"

„אַ, איהר שלעכטער! ווייסט איהר דאָס ניט?"

„וואָס, ליובא?"

„איך האָב בעגעהרט ד י ך, טהייערסטער", איהרע אָרעמס האָבען מיך צערטליך אַרומגענומען.

איך בין געוואָרען צושראָקען. דאָס מיידעל, מיינע רעוואָלו־ציאָנערע פּלענער, אַלעס איז דורכגעלאָפען מיינע געדאַנקען און דער זעלבסט־פאַרוואורף האָט מיך געגליווערט. דער בלייכער פאַרב פון דאָס ערדייכטע האָט געוואָרפען זיין שאָטען אויף דער גע־רייצטקייט און איך בין געלענען קאַלט און רוהיג אויף ליובא'ס ברוסט. די דעקע האָט זיך אַראָבגעגליטשט און ווען איך האָב

זי געוואלט ארויפציהען, האט מיין האנד צופעליג א ריהר געטהאן איהר קניע.

„סאשא, ווי ערלויבסט איהר זיך!“ האט זי א געשריי געטהאן און איבערראשטע און האט זיך אוועקגעזעצט אנקוקענדיג מיך מיט צושראקענע אויגען.

„איך האב קיין זאך ניט געמיינט, ליובא. ווי אזוי האט האט איהר געקענט אזוי ד ע נ ק ע ן פון מיר?“ דאס האט מיך אזוי עמפערט.

מיין האנד האט זיך אבגעלאזען אויף איהר ברוסט. מיר זיינען געבליבען ליגען אין א שווייגזאמער פערלעגענהייט.

„עס ווערט שפעט, סאשא“, האט זי צערטליך צוגעצויגען מיין קאפ צו איהר בוזים.

„איין ווייליגקע נאך, טהייערע“. און ווידער האט דער כשוף פון דער מיידעל־ברוסט מיך פערכאפט און איך האב זי בעשאטען מיט ווילדע קושען און געפרעסט זי ליידענשאפטליך, וואהנזיניג. ביז זי האט אויסגעשריען פון שמערץ.

„דו מוזט געהן, טהייערער“.

„גוטע נאכט, ליובא“.

„גוטע נאכט, טהייערסטער. דו האסט מיך ניט געקושט, סאשענקא“.

איך האב געפיהלט איהרע אבגעצויגענע ליפען, ווען איך בין אוועק.

. . . .

אין די שלאפלאזע נאכט־שטונדען ווערט אלץ שטארקער און שטארקער דער דראנג פון געשלעכט סצענעס פון דער פערגאנגענ־הייט לעבען אין מיינע געדאנקען; די צעלע ווערט אנגעפילט מיט בעקאנטע פנים׳ער. עפיזאדען וואס זיינען שוין לאנג פערשטארבען אין די זכרונות לעבען ווידער אויף פאר מיר. זיי שווימען ארום פון די דונקעלסטע קאמערלעך פון מיין נשמה און בעוועגען זיך מיט אזא ווירקליכקייט, ווי פארטרעטען פון מיינע עלטערען פלעגען אויפלעבען אין די דונקעלע אימה׳דיגע נעכט פון מיין קינדהייט. די מונטערע מאשא שמייכעלט צו מיר פון איהר פענסטער פון יענער זייט גאס און מחנות מיידלעך געהען פערביי מיר מיט בעשיידען אראבגעלאזענע אויגען און דאן רופען זיי מיך פיין־

בריה׳דיג, מיט דינע פערשטעלטע שטימען. איך בין ווידער מיט מיינע שפּיעל־חברים, מיר געהען נאָך די גימנאַזיסטקעס אויף זייער וועג צום טייך. און מיר קייכען פון געלעכטער ווי זיי שרעקען זיך פאַר אונז און ווערען צוטומעלט, ווען זיי ענטדעקען די אויגען וואָס זיינען צוגעפּרעסט צו די לעכער, וואָס מיר פּלעגען אויסשנייר דען אין קופּאַלנע. עס פערדריסט מיך וואָס נאַדיאַ באָדט זיך אין איהר העמד, און אויס ראַכע טוקע איך זיך אַרונטער אונטער די ברעטער און שווים אַרוים אין מיטען פון די מיידלעך, וועלכע לויפען אַרוים צושראָקענע און פערשעהמטע אַרויפצוכאַפּען אויף זיך וואָס אַלס צודעק. אָבער איך ווער עמפּערט אויף וואַנקאַ׳ן, וועלכער רייצט זיך מיט די מיידלעך רופענדיג זיי „ציבאַ, ציבאַ *), באַ־אַאַ!“ און איך ברעך קאַליאַ׳ן אַז די ביינער פּאַר וואָס ער רופט די קליינע נוניאַ מיט פּאַסקודנע נעמען דורך דעם הויף פון גימנאַזיום, וואָרום איך ליעב זי געהיימניספול.

אָבער די בילדער פון דער שפּעטערער צייט קעהרען זיך וויע־דער און ווידער צוריק און די סצענעס פון דער יוגענד טרעטען צוריק אין זייערע דונקעלע ראַהמען. קלעהרער און אָפטער ער־שיינען סאָניאַ און ליובאַ, און די קליינע געליעבטע פון מיינע ער־שטע מאָנאַטען אין אמעריקא. וואָס פאַר אַ גאַנז דאָס איז געווען! זי וועט מיך ניט אומאַרעמען, וואָרום דאָס איז אַ גרויסע עבירה, סיידען מען איז פערהייראַט. אָבער ווי כיטרע זי פלעגט עס אַראַנ־זשירען אַזעלכע שפּיעלען, אין וועלכע מען קושט זיך, זונטאַגס, ווען מען פלעגט זיך צונויפקומען ביי איהר אין דערהיים, און זי איז דערביי געווען בעזונדערס צוגעלאָזען צו מיר! זי מוז שוין איצט זיין אַ פרוי, פערהייראַט, מיט אַ מאַן, מיט קינדער... שנעל פליהט זי פערביי, אפילו די עראינערונג בלויז פון איהר נאָמען ווערט צוגאַנגען אין דער גליהונג פון אַנאַרכיסטישע עמפּפינדונגען און אין דער ברענענדער בעגייסטערונג פון יענע טעג אין אָרטשאַרד סטריט. דאָרט פלאַמט אויף דאָס ליכט, וואָס שטראַהלט אַרוים די אונבעשטימטע בענקשאַפט פון מיינע רוסישע יוגענד־יאָהרען, און גיט אַ בעגייסטערענדע פערטייטשונג פאַר יענעם נעבעלהאַפט־

*) ציעג.

פולסירענדען אידעאליזם. דאס גיסט א בעלייבטענדע בערעכטי־גונג אויף מיין בלינדליך רעבעלישען גייסט. די טרויעריגע אב־קומעניש פון מיינע „גרינהארן" טעג בעקומט א נייע בעדייטונג. א, וואס פאר אן אונגליקליכע צייט דאס איז געווען, מיינע ערשטע יאהרען אין אמעריקא!... און דאך צואוויקעלט דאס וועב־שיפעלע פון דער צייט די שטאף פון לעבען אין דער נייער וועלט, מיט זיינע פריידען און הארץ־בעוועגונגען. איך שטעה אן עלענדער, פרעמדער, א צוטומולטער פון דעם רויש פון קעסעל־גארדען און דאך פעסט אין דער האפנונג און אין דעם מוטה ארויפצוארבייטען מיין שיק־זאל אין פרייהייט. דער צאר איז ווייט און די מורא פאר די פער־האסטע קאזאקען איז פערביי. ווי בעגייסטערענד פרייהייט איז! די סאמע לופט אטהעמט מיט בעגייסטערונג און קראפט, און מיט פערטרויטער אייפעריגקייט אומארעם איך דאס נייע לעבען. איך טרעט אריין אין די רייהען פון דער וועלטס פראדוצירער און בין שטאלץ מיט דער פולער מענליכקייט, וואס עהרענהאפטע ארבייט גיט. איך שטרייט אב די חוזק־מאכעריי פון מיין פאמיליע וועגען מיין ארצפטירטען לאנד — שטרייט דאס אב היציג. איך פיהל אן ערנידעריגונג אין דעם פארוואורף, אז איך האב בעליידיגט מיינע עלטערענס רעספעקטפולען נאמען דורך דעם, וואס איך בין געווארען „א שמוציגער בעל מלאכה". איך בעקעמפף זייער גאוה און נעהם נקמה פאר דער בעלידיגונג פון ארבייט דורך פיהרען א פערגלייך צווישען דער אלטער און דער נייער. זעהט דעם גלאנץ פון פרייהייט און פראספעריטעט, די אויפטהואונג פון א נאציאן וואס רעספעקטירט ארבייט!... דער וועב־שטוהל פון צייט האלט אין וועבען. עלענד און אהן פריינד ראנגעל איך זיך אין דעם נייעם לאנד. דאס לעבען אין טענעמענטס איז טרויעריג, דער שיקזאל פונ'ם ארבייטער איז א שווערער. ניטא קיין „רעס־פעקט פאר ארבייט". דאס ברויט פונ'ם סוועט־שאפ איז ביטער. אונטערדריקונג בעוואכט די גילדערנע פערשפרעכונגען, און שקלאפישע ברוטאליטעט איז דאס איינציגע פערדיענסט פון ער־פאלג. אזוי ווי די זיסע טענער פון א קלארנעט אין א וויסטען מדבר איז דאן דער רוף פונ'ם אידעאל. שטארק און ערוואכענד הערט זיך דער קאמפפס־געשריי פון דער רעוואלוציאן. ווי א בליץ־ליכט אין דער נאכט אזוי בעלייכט עס מיין זוכען אין דער פינס־

טערנים. מיין לעבען בעקומט אַ פולערע און נייערע בעדייטונג אין דעם קאַמפּף פאַר אַ וועלט־בעפרייאונג. פעדיא שטעהט אויך צו צו מיר און צוזאַמען זיינען מיר פערטרונקען אין דער מוזיק פון אַ נייער מענשהייט.

דאַס איז אַלץ ווייט, ווייט — און דאָך איז יעדע איינצעלהייט אַזוי בולט איינגעקריצט אין מיין זכרון. שנעל פליהען פערביי מיר דורך די יאָהרען פון פאַלשטענדיגען ווידמען זיך דער בעוועגונג, דאַס פרייוויליגע אונטערוואַרפען זיך צו אָרעמקייט און אָפּפער, די פיבערהאַפטע כוואַליע פון אַגיטאַציאָן אין דעם סליאָד פון דער שיקאַגאָער מאַרטירעריי, די אָבענדען פון היציגע דעבאַטען, די נעכט פון שטודירען מיט התמדה. און איבער אַלעם שוועבט דער גייסט פון די פרייטאַגס אין דעם קליינעם פערזאַמלונגס־לאָקאַל אין דער גהעטאָ, וואו דאָס הייפעל רוסישע עמיגראַנטען פערזאַמלען זיך; וואו מוטהיגע אָנקלאַגען ווערען דונערנד געשליידערט געגען דער טיראַניי און דער אונגערעכטיגקייט פון דאָס עקזיסטירענדע, און געפליגעלטע ווערטער פראָפּעציייהען וועגען דער נאָהענטער אָנקומפט פון אַ גלענצענדען מאָרגען. פרויען מיט פאַטשיילעס און מענער מיט לאַנגע רעק און פרומע בערד כאַפּען זיך אַריין אין האַל נאָכ'ן דאַוונען און הערען מיט אויסגעשטעלטע אויגען, זוכענדיג צו פערשטעהן דעם זונדערבאַרען אידיש. וועלכער איז אַזוי דורכגעמישט מיט פרעמדע ווערטער פון דער נייער תורה. ווי פרעהען זיך עס אונזערע הערצער און ווי גערען מיר זוכען צו ערמוטהיגען דעם צוטומעלטען פראַגע־שטעלער: „מיינט איהר ווירקליך, זאָל מיך גאָט ניט שטראָפען פאַר פאַר די רייד, אַז עס איז גאָר ניטאָ קיין אויבערשטער דאָרט אין הימעל?“... שפּעט אין דער נאָכט לייזט זיך אויף די פערזאַמלונג אין קליינע גרופּען, וועלכע היצען זיך וועגען דעם רעדנערס ווערטער. און דער בעזונדער קרייז קלייבט זיך צונויף ענדליך אין אַ ווינקעל. דער דונקעלער, קליינער טהע־צימער הילכט אָב מיט די הויכע שמועסען פון געלערענטקייט און וויץ, און וואָס שפּעטער עס ווערט, אַלץ מעהר ווערט מען היצגעריסען פון די שכל'דיגע דיסקוסיאָנען און ערהיצט פון די האַרציגע געשפּרעכען. דער וואַכזאַמער ווירט זוכט איינצושטילען דיפּלאָמאַטיש די שטרייטענדע

צדדים: „דזשענטעלמען, דזשענטעלמען, ששש!... די פאליציי־סטאציאן איז אקוראט איבערן וועג“. און עס טרעט איין א שטיל־קייט אין דעם קאמפף. די אויפגערעגטע געגנער קוקען בייזלעך אן איינער דעם אנדערען, און דערוויל הויבט אן דער עסטרייכי־שער סטודענט מיט זיין ווייכער שטימע צו דערצעהלען עפעס א געשיכטע פון זיינע פערזענליכע עראינערונגען, וואס איז, אגב־אורחא, ניט צוגעפאסט דא צו עפעס און איז אהן אן אנהויב, נאר זעהר שפאנענד. מיט פינקלענדע אויגען האלט ער אונז געשפאנט, דערצעהלענדיג פון זיין וואונדערליכער רייזע, דורכפיהרענדיג אונז דורך נעווסקי פראספעקט אין פעטערסבורג, פון דארט אויף קאוו־קאז, וואו עס שפיעלט זיך אב א בלוטיגער קאמפף פון די טשער־קעסען, אדער ער ציהט אונז אריין אין זיינעם א געפעהרליכען ראמאנסירען מיט אן אלבאנעזער שעהנהייט פון א מוסולמאנישען הארעם; ער ערקלעהרט די פילאזאפיע פון מאהאמעד, און באלד טראגט ער אונז אריבער פון דיעזער סצענע צו דעם טייך נילוס, וואו ער פיהרט א געיעג אויף א היפאפאטאמוס. און פלוצלונג רייסט ער איבער די געשיכטע און שטעלט אונז פאר א נייעם בעקאנטען פון דעם אבענד „מיין פרעכטיגען פריינד, דער קומענדער גרויסער איטאליענישער ווירטואזא, פון אדעס, דזשענטעלמען. ער וועט אונז אונטערהאלטען מיט אן אריע פון ט ר ו ב א ד ו ר“. אבער דער קרייז איז ניט אין קיין מוזיקאלישע שטימונג: עמיצער הויבט אן אבצושטרייטען דעם סטודענטס קענטעניס פון מוסולמאנישער פילאזאפיע, און דער צוויילינג גיט אנצוהערעניש, אז מען רעדט עפעס אונטער וועגען דעם עסטרייכער, אז ער האט צו נאהענטע בעקאנטשאפט מיט מיסיאנערען. עס הויבען זיך אויף פראטעס־טען און מען פאדערט אן ערקלעהרונג. דער סטודענט שטימט צו שמייכלענדיג, און ער איז שוין באלד אויף א נסיעה אין כינעזישען מעער, אין מיטען פון א זונדערבארען קאראוואן, וואס האנדעלט מיט טהע אין יאכטא און העלפט דערוויל א פאליטישען צו אנט־לויפען קיין וולאדיוואסטאק... די נאכט פערבלייבט בעפאר דעם זון־אויפגאנג, דער צוויילינג גענעצט, און איך בין צוקעלטערט מיט —

„קא־פעע! ווילסט קאפעע? העי, אויפגעשטאנען! האסט דען ניט געהערט דעם גלאק?“

קאַפּיטעל 16.

דעם פערוואַלטערס סטראַשונאַק

1.

די אונטערגעהענדע זון ווערט בלייך, פערצויגען מיט דעם שלייער פון אַ טומאַן. לאַנגזאַם פאַלט דער דונקעל-גרויער פּאַס איבער'ן שאַפּ און ציהט אויס זיין עגבערענדע לענג אַריבער דעם האַלב-טונקעלען הויף. די שאַטענהאַפטע וועלען נעהמען דורך דעם געדיכטע ווערענדען טומאַן, בעוועגען זיך ווי גייסטער און ווע־רען פערשלונגען אין דער צועפּענטער פינסטערניס פון דער צעלען־געביידע.

„אַלעק, אַלעק!" דערהער איך אַן אונרוהיגען שעפּצען אַהינ־טער מיר, „גיכער, פערשטעק דאָס. דער שומר געהט מיד אַרומ־טאַפּען".

עפּעס אַ האַרטע, קליינע זאַך ווערט אַריינגעוואָרפען אין מיין קעשענע. דער ווערטער וואָס איז פּאַראוים, שטעלט זיך אָב און בעקוקט מיט פערדאַכט די פערבייגעהענדע אַרעסטאַנטען.

„אויפגעלייזט די רייהען!"

דער אויפזעהער קומט צו מיר צו:

„מען דאַרף דיר האָבען אין אָפּיס, בערק".

דער פערוואַלטער, מיט פערזשמורעטע אויגען, מאַכט אַ בייזע גרימאַסע ווען מען פיהרט מיך אַריין.

„וואָס האָסטו ביי זיך?" גיט ער אַ פאָדער שטרענג.

„איך פערשטעה אייך ניט".

„יע, דו פערשטעהסט. האָסטו ביי זיך געלד?"

„ניין, איך האָב ניט".

„ווער שיקט עס פאַר דיר סעקרעטנע פּאָסט?"

„וועלכע פּאָסט?"

„דער בריעף, וואס איז געדרוקט געווען אין דעם אנארכיסטי־שען בלאט אין ניו יארק“.

עס ווערט מיר גרינגער אויפ'ן הארצען. דער בעטרעפענדער בריעף איז געגאנגען אויף אן אפיציעלען וועג.

„דאס איז דאך דורכגעגאנגען דורך דעם גלח'ס הענד“, ענטפער איך מוטהיג.

„ניט אמת. אזא בריעף וואלט קיין מאל ניט געקענט דורכ־געהן דורך מר. מילליגען. מר. קאססאן“, גיט ער זיך א ווענד צו דעם אויפזעהער, „ברענגט די צייטונג פון מיין שרייבטיש“.

דעם פערוואלטערס האנד ציטערט אנווייזענדיג דעם געצייר־בענטען פלאץ אין צייטונג:

„דא איז עס! דו רעדסט פון רעוואלוציאן, און קאמעראדען, און אנארכיזם. מר. מילליגען האט ד א ס קיין מאל ניט געזעהן בין איך זיכער. עס איז זעהר א שעהנע זאך ווען די צייטונגען דערצעהלען, אז דו רעדאגירסט — שטעל זיך פאר, פון געפענגניס — רעדאגירסטו אן אנארכיסטיש בלאט אין ניו יארק“.

„איהר קענט דאך ניט גלויבען אלעס וואס די צייטונגען זא־גען“, פראטעסטיר איך.

„הם, דיעזען מאל קען זיין הם, הם, אז די צייטונגען האבען רעכט“, מישט זיך אריין דער געהילפס־פערוואלטער. „זיי האבען דאך זיכער ניט אויסגעטראכט די געשיכטע סתם פון גארנישט“.

„גאנץ אפט אבער טהוען זיי דאס“, ענטפער איך צוריק. „האבען זיי אפשר ניט געשריעבען א מעשה, אז איך האב געזוכט אריבערצושפרינגען איבער דער וואנד — זי איז א דרייסיג פוס די הויך — און אז א שומר פון געפענגניס האט מיך געשאסען אין פוס?“

א שמייכעל לויפט אריבער דעם פערוואלטערס פנים. אימ־פולסיוו שיס איך ארויס:

„איז יענע געשיכטע אפשר געווען אן אונטערגעזאגטע?“

„שטיל!“ גיט דער פערוואלטער א דונער. „דו האסט ניט צו ריידען, סיידען ווען מען פרעגט דיך, געדענק דאס. מר. מעקפיין, זוכט איהם דורך, בעמיהט זיך“.

די לאנגע ביינערדיגע פינגער האבען לאנגזאם אנגעהויבען פויזען איבער מיין נאקען און מיינע אקסלען און אראפ צו מיינע

אַרעמס און קערפּער איינדריקענדיג מיינע עלענבויגענס, אַרומטאַ־פּענדיג מיינע פּיס, ניט דורכלאָזענדיג קיין פּונקט און האָט מיך ווי איינגעטונקט אין אַן אַטמאָספערע פון עפּעס קלעפּיגעס. זיינע גיעריגע בעריהרונגען עקלען מיך, אָבער איך פּרעה זיך ביי דעם געדאַנק, אַז איך בין זיכער; איך האָב ביי זיך קיין זאַך ניט, וואָס זאָל מיך אינקרימינירען.

פּלוצלונג לאָזען זיך די שלאַנגען־הענד אַריין אין מיינע קע־שענעס פון ראָק.

„הם, וואָס איז דאָס?" און ער וויקעלט אויף אַ קליינע רונדע זאַך. „אַ מעסער, קאַפּיטאַן".

„לאָמיך זעהען!" שריי איך אויס אַן איבערראַשטער.

„טרעט אָב!" בעפעהלט דער פערוואַלטער. „דיעזער מעסער איז גע'גנב'עט געוואָרען פון דעם שוה־שאַפּ. אויף וועמען האָסטו דאָס געוואָלט געברויכען?"

„הערר פערוואַלטער, איך האָב אפילו ניט געוואוסט, אַז דאָס געפינט זיך ביי מיר. עמיצער האָט דאָס אַריינגעוואָרפען צו מיר אין קעשענע, ווען מיר —"

„גענוג. דו ביזט ניט אַזוי קלוג, ווי דו מיינסט".

„דאָס איז אַ פערשווערונג!" שריי איך.

ער לעהנט זיך צוריק אין זיין פאָטעל, אַ מאָדנער שמייכעלע צושפּילט זיך אין זיינע אויגען.

„נו, וואָס האָסטו צו זאָגען?"

„דאָס איז אַן אָנגעשטעלטע זאַך".

„ערקלעהר וואָס דו מיינסט".

„עמיצער האָט דאָס אַריינגערוקט מיר אין קעשענע, ווען מיר זיינען געקומען —"

„אַה, דאָס האָבען מיר שוין געהערט. דאָס איז אַ צו שיטערע ערקלעהרונג".

„איהר האָט מיך אַרומגעזוכט צו געפינט זיך ביי מיר ניט קיין געלד און געהיימע בריעף —"

„נו, דאָס וועט זיין גענוג שוין. מר. מעקפּיין, וואָס איז די שטראָף פאַר בעזיצען די געפעהרליכע וואָפען?"

„דאָס איז דאָך ניט קיין וואָפען", שלאָג איך איהם איבער.

„דער קלינגעל פון מעסער איז בלויז אן אינטש מיט א האלב, און —"

„שטיל! איך האב דאך גערעדט צו מר. מעקפיין".

„המ, דריי טעג, קאפיטאן".

„פיהרט איהם ארונטער".

אינ'ם זאכען־צימער נעהמט מען פון מיר ארונטער מיין דונקעל גרויען אנצוג און מען טהוט מיך וויטער אן אין די אבשטויסענדע שטרייפען. אהן א ראק און אהן שיך פיהרט מען מיך דורך קארי־דארען און דורכגענגע, אראב א משופע'דיגע רייהע טרעפ, און איך ווער אריינגעווארפען אין קערקער־גרוב.

. . . .

דורכאויסיגער חושך. די שווארצקייט איז געדיכט־שווער — איך פיהל איהר האנד אויף מיין קאפ, אויף מיין פנים. איך וואג ניט א בעוועג צו טהאן זיך, טאמער טרעפט ניט מיין טריט און איך פאל אריין אין תהום. איך פיהל מיין האנד ביי מיינע אויגען — איך פיהל דעם ריהר פון מיינע ברעמען אויף דער האנד, אבער די פארם פון מיין האנד קען איך ניט זעהן. איך שטעה אונבע־וועגליך אויף איין פונקט און האב קיין חוש ניט פון קיין ריכטונג. די שוויגזאמקייט איז א מאוים'דיגע; עס דוכט זיך מיר, אז איך קען זי הערען. נור ווילעוויוז לאזט זיך הערען א סקראבסק פון שנעלע פיס, וואס רייסט פלוצלונג איבער די שטילקייט, און דאס גריזען פון די אונגעזעהענע טייך־מייז פערפאלגען די מאוים'דיגע איינזאמקייט.

לאנגזאם בלייכט די שווארצקייט, זי פליסט אב און שמעלצט; און פון דעם דונקעלן גרוי קוקט אויבען ארויס א וואנד; דער סילועט פון א טיהר ערהויבט זיך טונקעל פאר מיר אנגעבויגען ארויף־צו און וואס ווייטער אלץ קאמפאקטער און אונדורכדרינג־בארער.

די שטונדען ציהען זיך אונאונטערבראכען דאסועלביגע. קיין קלאנג גרייכט ניט צו מיר פון דער צעלען־געביידע. אין דער צום וואהנזין טרייבענדער שטילקייט און פינסטערניס איז פון מיר פערשוואונדען יעדער בעגריף פון צייט, סיידען איין מאל א טאג, ווען דאס שווערע בריאזגען פון שליסלען ווייזט מיר, אז עס איז

אין־דער־פריה: די גרוב איז ניט פערשלאסען און דער שווייגענ־
דער שומר דערלאנגט מיר א שטיקעל ברויט און א טאם וואסער.
די דאפעל־טיהר פאלט צונויף מיט א שווערקייט, די טרעפ ווערען
וועניגער זיכטבאר און שטארבען אב אין דער ווייטקייט, און וויע־
דער איז דורכאוים חושך אין דער גרוב.

חלשות פון טויט גנב׳עט זיך אריין אין מיין נשמה. די
פאדלאגע איז קאלט און קלעפיג, דאס גריזען הערט זיך אלץ נעהנ־
טער און שטארקער, און עס כאפט מיך אן אן אימה, אז די הונגע־
ריגע מייז זאלען ניט אנפאלען אויף מיינע נאקעטע פים. איך כאפ
אנשפארען זיך אן טיהר אין עטליכע מינוט פון אונבעוואוסטזיין,
און דערנאך הויב איך וויעדער אן צו טרעטען הין און צוריק זוכענ־
דיג צו בלייבען וואכענדיג און קלעהרענדיג אלץ צי איז דאס נאכט
אדער טאג, און שמאכטענדיג צו הערען דעם קלאנג פון א מענש־
ליכען קול.

פאלשטענדיג פערלאזען! אריינגעשליידערט געווארען אין
די שטיינערנע געדערים פון אבגרונד; דערווייטערט האט זיך די
מענשליכע וועלט, קיין סליאד ניט געלאזען הינטער זיך... שמאכ־
טענד שטרענג איך אן מיין געהער — בלויז דאס שטענדיגע מורא־
דיגע גריזען הערט זיך. אין פערצווייפלונג אומקלאמער איך די איי־
זערנע גראטעס — א דומפע עכא קלינגט אב פונ׳ם אייזען. מיינע
הענד נעהמען גוואלטיג רייסען די טיהר: „הא, דארט! איז עמי־
צער ערגעץ דא?“ אלעס שווייגט. אין מיין געהירען ראנגלען
זיך שטומע שרעקען און וועבען א קאשמאר פון אימה און פער־
צווייפלונג. דער שרעק פארמירט קאנוואולסיווע געדאנקען; זיי
ברויזען אויף א ווילדען שטורעם, שטילען זיך דערנאך איין, און
וויעדער לויפען זיי דורך צייט און רוים אין א שנעלער פערוואנד־
לונג פון זונדערבארע בעקאנטע סצענעס, וועלכע ערוואכען אין
מיין דרעמלענדען בעוואוסטזיין.

אויסגעמאטערט און פערווירט פאל איך צו צו דער וואנד.
עפעס גליטשיגעס קריכט אויף מיין פנים און איך ציה זיך אב מיט
שוידער, און וויעדער טרעט איך הין און צוריק אין דער צעלע. איך
פיהל קאלט און הונגעריג. האט מען מיך אין גאנצען פערגעסען?
דריי טעג האבען דאך שוין געמוזט אריבער, מעהר אלס דריי טעג.
האבען זיי מיך פערגעסען?...

דאס בריאזגען פון שליסלען ברענגט א ציטער פון פרייד אין הארצען. מיין קבר וועט זיך עפענען — אה, דערזעהן ליכט, ארייננאטהעמען ווידער לופט...

„בעאמטער, איז מיין צייט נאך ניט אריבער?"

„וואס איז מיט דיר די איילעניש? דו ביזט דא אין גאנצען ערשט אבגעווען איין טאג".

די טיהרען פאלען ווידער צונויף. מיט א זשערנעקייט עסט איך אויף דאס ברויט, אזוי קליין און דין, א ביסען בלויז. איין טאג נור! א פערצווייפלונג כאפט מיך ארום. אין אונמאכט פון אנגסט זינק איך צו דער ערד.

2.

די ענדערונג פון דעם קערקער אויף דער געוועהנליכער צעלע איז א גליקליכער איבערגאנג. דער אנבליק פון מענשליכע גע־שטאלטען גיט מיר אזוי פיעל גענעזונג, דער קלאנג פון מענשליכע שטימען איז זיסע מוזיק. איך פיהל, ווי איך וואלט ארויסגעריסען געווארען פון די לאפעס פון טויט, בעת איך האב פערלארען יעדע האפנונג — ביים סאמע ראנד פון קבר ארויסגעשלעפט מיך און צוריק געבראכט אין דער וועלט פון די לעבעדיגע. ווי ליכטיג די זון איז, ווי בשמים'דיג די לופט! מיט א זשעדנער לוסט ציה איך זיך אויס איבערן בעט. דאס ציך איז פערשמירט, די שטרוי שטעקט ארויס אין פלעצער, אבער עס איז דאך א תענוג דא אב־צורוהען, זייענדיג זיכער פון די מורא'דיגע טייך־מייז און אלערליי משונה'דיגע קריכעדיגע ברואים. דאס איז דאך שוין כמעט פריי־היים, ערלייזונג!

אבער איך כאפ זיך אויף אין דער פריה אין גרויסע יסורים. מיינע אויגען שמארצען זעהר; עס ברעכט מיר יעדער ביין; דריי טעג און נעכט בין איך געלעגען אויף נאקעטע שטיינער. וואס פאר אן אומזיסטע און אומנישטע הארטהערציגקייט אבצונעהמען פון מיר מיינע ברילען, מיט דעם אויסרייד, אז איך זאל מיט זיי ניט בעגעהן זעלבסטמארד. ווי ריהרענד דאס איז אזוי צו זארגען זיך פאר מיין זיכערהייט, אקוראט דעמאלט, ווען מען האט סתם גע־פונען צו וואס צוצובינדען זיך, כדי צו בעשטראפען מיך. עפעס א געהיימער מאטיוו האט דאך געמוזט זיין דערצו ביי דעם געפענגניס־

פערוואַלטער. אַבער וואָס קען דער מאָטיוו זיין? אפשר וועלען זיי מיך ניט האַלטען לאַנג אין דער צעלע. ווען איך וועל ווידער געהן צו דער אַרבייט, וועל איך שוין אויסגעפינען דעם אמת.

די טעג געהען פערביי אין אומזיסטער ערוואַרטונג. דאָס שטענדיגע פערשלאָסען זיין אין צעלע ווערט אונערטרעגליך. דאָס איבערפיהרען מיך אין דער „איינצעלנער" צעלע, וואָס איז פיעל ענגער איידער מיין פריהערדיגע, האָט פון מיר אַוועקגענומען דאָס ביסעל קאָמפאָרט. מיין ביבליאָטעק איז אויך פערשוואונדען צו־זאַמען מיט די בילדער, וואָס איך האָב געזאַמעלט אויף צו בעפּוצען די ווענד. די ווענד פון דער צעלע זיינען נאַקעט און טרויעריג; די גרויסע קאַרטע מיט מיאוס־געדרוקטע רעגעלען אויף דער אויפ־רעגענדער געקאַלכטער וואַנד גיט אַ קנאַפּע דערקוויקעניש. דער ענגער פּלאַץ מאַכט אונמעגליך שווער בעוועגונג צו האָבען; ביי יעדע צוויי טריט אויף דעם דריטען מוז מען זיך שוין אַ קעהר טהאָן אויף צוריק און דאָס פערוואַנדעלט דאָס געהן אין אַ מין רייהע פון קרעמפּפע. אַבער מען מוז דאָך געפינען עפּעס אַ מיטעל די צייט צו פערוויילען. איך טרעט הין און צוריק, צעהלענדיג די סעקונדען, וואָס נעהמט צעהן מאָל צו מאַכען די פּאָר טריט הין און צוריק. איך האָב געהערט, אַז פינף מייל איז אַ געזונדער שפּאַציר פאַר אַ טאָג. טאָך דעם חשבון דאַרף איך זיך 3,771 מאָל אויס־קעהרען אין דער צעלע הין און צוריק, וואָרום זי פערנעהמט אין דער לענג נור זיבען פוס. איך טהייל איין מיין שפּאַציר־גאַנג אין דריי טהיילען און לעג צו יעדען טהייל צו נאָך עטליכע מאָל, כדי צו מאַכען זיכערער פינף מייל. איך צעהל פאַרזיכטיג און עפּעס ווי אַ גרויסער אונגליק וואָלט מיך טרעפען, ווען דאָס ברומען פון גלאָק צומישט מיר מיינע צאָהלען. איך מוז אָנהויבען פון דאָס ניי.

דאָס איבערבייטען פונ'ם פּלאַץ האָט איבערגעריסען מיינע פערבינדונגען מיט מיינע קאָמעראַדען. איך האָב מורא פאַר דעם שיקזאַל פון די „צוכטהאוזבליטען": די שטרענגע בעוואַכונג מאַכט אונמעגליך צו בענייען די פערבינדונגען. מיין פּלאַץ איז אין אונטערשטען עטאַזש; מיין צעלע געפינט זיך אין גאַנצען עטליכע

פוס וויט פונ'ם בעאמטענס שרייב־טישעל לעבען דער הויף־טיהר.
וואכענדע אויגען זיינען שטענדיג אויף מיר אויסגעשטעלט; עס
איז אונמעגליך פאר וועלכען־ניט־איז ארעסטאנט צו ריידען מיט
מיר. דער עסען־טרעגער אליין נור קען מיר העלפען צונויפצוריי־
דען זיך מיט מיינע פריינד, אבער מען האט מיך געווארענט געגען
איהם; ער איז א מסור, וועלכער האט בעקומען זיין שטעלע דורך
שפיאנעווען די ארעסטאנטען. פון איהם קאן איך קיין הילף ניט
ערווארטען; אבער אפשר קען איך דאס אויספיהרען דורך דעם
קאפע־טרעגער.

איך פלאנעווע צו פרובירען מיט איהם ריידען, ערקונדיג איך
זיך אבער, אז ארעסטאנטען פון דער שטריקעריי־אבטהיילונג זיי־
צען איינגעשפארט אויף דער אויבערשטער גאלערעע. צונויפריי־
דענדיג זיך דורך דער מיסט־רעהר געפין איך אויס אלעס וואס האט
פאסירט פאר דער צייט, וואס איך בין געווען איינגעשפארט אין
קערקער־גרוב. די ארבייטער פון שאפ זיינען געווען אונצופריעדען
מיט די ניט־גענוגענדע פארציאנען, און דיזע אונצופריעדענהייט
האט זיך נאך פערשטארקט, ווען מען האט געבראכט צו פיהרען
א לאדונג פון צופוילטע פלייש. דער עיפוש דערפון האט זיך גע־
הערט אין גאנצען הויף און עטליכע פערזאן זיינען בעשטראפט
געווארען פאר מאכען ניט קיין קאמפלימענטארע בעמערקונגען
וועגען די שפייז. ווען מען האט נאך דערצו פערגרעסערט די אר־
בייט, האט דאס אלעמען נאך מעהר ערביטערט. די שטריקער און
פעטעלקעס־מאכער האבען שיער ניט רעבעלירט. צוויי מאל האט
מען שוין אין דיזען מאנאט פערגרעסערט די ארבייט. זיי האָ־
בען געשיקט צום געפענגניס־פערוואלטער בעטען, אז מען זאל
פערלייכטערען די ארבייט. אלס ענטפער דערויף האט ער געגעבען
א בעפעהל נאך מעהר ארבייט ארויפצולעגען אויף יעדען. דאן האָ־
בען אן אנצאהל ארעסטאנטען געסטרייקט. זיי זיינען געבליבען
אין זייערע צעלען און האבען ניט געוואלט געהן אין שאפ ארביי־
טען, סיידען מען וועט נאכגעבען זייער פאדערונג פון מעהר עסען
און וועניגער ארבייט. דער פערוואלטער האט מיט דער הילף פון
מוסרים אנגעפיהרט א שטילע אונטערזוכונג. איינציגווייז האט
מען געצוואונגען די אונגעהארכזאמע ארעסטאנטען צו אונטערגע־
בען זיך. דורך דעם פראצעס פון אויסשליסען די צאהל פון די,

וואס זיינען אויסער פערדאכט האבען די בעאמטע אזוי דורכגע־זיפט, אז מען מורמעלט שוין, דאס זיי ווייסען ווער די פעראנט־ווארטליכע זיינען פאר דער אויסנאהמיגער געשיכטע פון א סטרייק אין געפענגנים.

ארום די אויפזעהער איז אן אטמאספערע פון געהיימניספול־קייט. עטליכע מאל האב איך געפרובט זיי אריינציהען אין א געשפרעך, אבער די מינדעסטע אנדייטונג וועגען דעם סטרייק פערזיגעלט זייערע ליפען. איך פערשטעה ניט, פארוואס זיי קוקען עפעס אויף מיר אזוי זאנדערבאר, נאר עס שטעלט זיך פלוצלונג ארויס די אורזאכע.

3.

עס איז זונטאג מיטאג־צייט. דער עסען־טרעגער שטופט דעם מיטאג־וועגעל אין דער לענג פון דער רייהע צעלען. איך שטעה אין טיהר, פערטיג צו קריגען מיין מאלצייט. דער אויפזעהער גיט אויף מיר א קוק, דאן גיט ער א צייכען דעם עסען־טרעגער. דאס וועגעל ווערט געשטופט ווייטער פערביי מיין צעלע.

„בעאמטער", רוף איך אויס, „איהר האט דאך מיך אויסגע־געלאזען".

„האסט דערשמעקט דאס געקעכטס, יא?"

„וואו איז מיין מיטאג?"

„קריגסט ניט קיינעם".

דער ריח פון דעם געקאכטען מאכל, אויף וועלכען מען ווארט זשעדנע יעדען צווייטען זונטאג, דערגרייכט מיינע נאזלעכער און פערשארפט מיין הונגער. די גאנצע וואך האב איך קנאפ געגע־סען און געווארט האב איך אויף דיעזען מאכל, און איצט — איך פיהל ערנידעריגט און ווער בייז, וואס איך בין אזוי אונצערעמאניעל בערויבט געווארען פון דעם זעלטענעם מיטאג. א דערצארענטער גיב איך א האק מיט דער בלעכענער טאס אין טיהר, און נאך א מאל און נאך א מאל ביז עס ווערט איבער די גראטעס א שטארקע קלינגעריי.

א שומר לויפט צו צו מיר:

„הער אויף דיזע פערפלוכטע בראזגעריי", בעפעהלט ער מיר. „וואס טהוט זיך דאס מיט דיר?"

„איך האב ניט געקראגען קיין מיטאג“.

„יא, דו האסט געקראגען“.

„ניין, איך האב ניט געקראגען“.

„נו, מסתמא פערדיענסטו דאס ניט“.

ווי ער הויבט אן אוועקצוגעהן, גיט מיין קענדעל א קנאק אין טיהר — איינס, צוויי, דריי — —

„וואס ווילסטו צום טייפעל, הע?“

„איך וויל זעהן דעם פערוואלטער“.

„קאנסט איהם ניט זעהן, עס איז זונטאג“.

„קאפיטאן“, גיב איך איהם א זאג אנווייזענדיג אויף דער קאר־טע מיט רעגעלען אויף דער וואנד פון דער צעלע — „דא איז אן אויסצוג פון די סטאטוטען פון פענסילווייניא, וועלכער פאדערט, אז דער פערוואלטער פון געפענגניס מוז בעזוכען יעדען געפאנגע־נעם יעדען טאג —“

„עס מאכט נישט, נו“, שלאגט ער מיך איבער. „צו וואס דארפסטו זעהן דעם פערוואלטער?“

„איך וויל וויסען פאר וואס איך האב ניט בעקומען קיין מיטאג“.

„דיין נאמען איז ארויסגענומען פון דער ליסטע פאר די קו־מענדע פיער זונטאגס“.

„פאר וואס?“

„וועגען דעם וועסטו דארפען פרעגען דעם בעל־הבית. איך וועל איהם זאגען, אז דו ווילסט איהם זעהן“.

דער אויפזעהער קומט צוריק און זאגט מיר מיט א מין פער־טרויען, אז ער האט גע׳פועל׳ט ביי איהם אליין, אז ער זאל מיר געשטאטען אן אודיענץ. מען לאזט מיך אריין אין זיין קאנצעלא־ריע און איך געפין דעם פערוואלטער זיצענדיג ביי זיין שרייב־טיש, זיין פנים פלאמט פון כעס.

„וועגען דיר איז געמעלדעט, אז דו שטערסט די רוה“, גיט ער אויף מיר א געשריי.

„געגען איהם איז המ, המ, פאראן נאך אן אנקלאגע“, מישט זיך אריין דער געהילפס־פערוואלטער.

„צוויי אנקלאגען“, זאגט דער פערוואלטער. „פאר שטערען

די רוה און שטעלען פאדערונגען. ווי וואגסטו צו פאדער'ען?" ברומט ער. „ווייסטו וואו דו געפינסט זיך?"

„איך האב אייך געוואלט זעהן".

„עס איז ניט קיין פראגע וואס דו ווילסט אדער וואס דו ווילסט ניט. פערשטעה דאס גוט. דו דארפסט פאלגען די פער־ארדנונגען אהן שום טענות".

„די רעגעלען ווייזען אז, אז איהר דארפט בעזוכען —"

„שטום! וואס איז דיין פערלאנג?"

„איך וויל וויסען, פאר וואס פון מיר איז אבגענומען געווארען מיטאג־עסען".

„דאס איז ניט, הם, פאר ד י ר צו וויסען. עס איז גענוג, הם, הם, אז מ י ר ווייסען", גיט א זאג דער געהילפס־פערוואלטער.

„מר. מעקפיין", שלאגט איבער דער פערוואלטער. „איך וועל מיט איהם א רייד־טהאן גאנץ איינפאך. פון דיזען טאג אן", גיט ער זיך א ווענד צו מיר, „וועסטו זיין אויף א „פענסילווייניא דיעטע" פאר פיער וואכען. פאר דיעזער צייט וועט דיר ניט ערלויבט זיין קיינע צייטונגען און קיינע ביכער. איך וועל דיר געבען פרייע צייט נאכצודענקען וועגען דיין אויפפיהרונג. איך האב אונטערזוכט דיין אויפפיהרונג אין שאפ און איך בין געקומען צום שלוס, אז דו האסט עס דארט אויפגערייצט די אונאנגענעהמליכקייט. דו זאלסט מעהר קיין מעגליכקייט ניט האבען אויפצוהעצען די מענשען, ווען אפילו דו וועסט לעבען לענגער פון דיין שטראף־טערמין. אבער", דא מאכט ער א פויזע און גיט דערנאך בייז א סטראשע, „אבער דו מעגסט גאנץ גוט פערשטעהן דאס איצט, אזוי גוט ווי שפעטער, דיין לעבען איז ניט ווערטה די אונאנגענעהמליכקייטען וואס דו פערוראזאכסט אונז. נעהם זיך דאס גוט אריין אין זינען, וואס דאס זאל ניט קאסטען, וועט דאס זיין אויף ד י י ן חשבון. פאר דערווייל וועסטו בלייבען אין איינצעלהאפט, וואו דו וועסט ניט קענען אויסאיבען דיין שעדליכען איינפלוס. בעאמטער, נעהמט איהם אוועק צום „קארב".

קאַפּיטעל 17

די „קאָרב"-צעלע

פּיער וואַכען פון „פּענסילווייניאַ דיעטע" האָבען מיך רעדו־צירט צו אַ סקעלעט כמעט. אַ דינער שטיקעל ווייצען־ברויט און אַ טאָס ניט־זיסע שוואַרצע קאַפע איז מיין איינציגער מאָלצייט, און בלויז צוויי מאָל אין וואָך אַ מיטאָג פון גרינס־זופּ פון וועלכען עס ווערט אויסגעראַמט יעדער סליאַד פון פלייש. יעדען זונטאָג ברענגט מען מיך אין קאַנצעלאַריע אונטערזוכט צו ווערען פון אַ דאָקטאָר און אָבגעוואויגען צו ווערען. די גאַנצע וואָך קוק איך אוים אויף דעם קורצען מאָמענט אָבכאַפּען זיך פון דער שרעקליכער „קאָרב"-צעלע. דער אָנבליק פון אַ געשטרייפטען מענשען, וואָס רייניגט די פּאָדלאָגע, דער פריינדליכער שמייכעל פון אַ פּנים, וואָס גיט זיך בגנבה אַ הויב אַ קוק צו טהאָן אויף מיר, ווען איך גײה פערביי אין קאָרידאָר, דאָס זאָנדערבאַרע בלוי פון'ם הימעל, דער זים־שמעקענדער אַראָמאַט פון דעם אַפּריל'דיגען פריהמאָרגען — ווי שנעל דאָס איז אַלץ פערביי! אָבער די זיעבען טיעפע אָב־אָטהמונגען, וואָס איך גענים אויפ'ן וועג צו דער קאַנצעלאַריע און די זשעדנע צעהן אויף מיין וועג צוריק, דאָס גליהט אויף מיין בלוט מיט בענייטען לעבען. פאַר אַ מאָמענט גיט זיך אַ צאַפּעל מיין מאַרך מיט אַ פּלוצלונגען צופלוס פון געזונדער בערוישונג, און דאַן — ווייעדער אין קבר.

. . . .

די פיינונגען פון דעם „קאָרב" מאַכט וואַהנזיניג; די שטענ־דיגע דונקעלהייט מאַכט מיך בלינד. קיין ליכט און קיין לופט כמעט קומט צו מיר ניט צו דורך דער געדיכטער דראָט־נעץ וואָס בעדעקט די פערריגעלטע טיהר. דער עיפּוש'דיגער ריח איז שטי־

קענד; דאָס אומקלאָמערט מיין האַלז מיט אַ טויטענדער קראַפט. די ווענד צוקוועטשען מיך; מיט יעדען טאָג דריקען זיי זיך אַלץ נעהנטער צו מיר, ביז די גאַנצע צעלע פאַלט, דוכט זיך, צוזאַמען און איך פיהל זיך אַ צושמעטערטער אין דעם אָרון פון שטיין. פון יעדער זייט קוקען אויף מיר די געקאַלכטע זייטען, אָהן רחמנות, אָהן אויפהער, אין פולען בעוואוסטזיין, אַז זיי זיינען זיכער מיט זייער קרבן.

די פינסטערניס פון פערצווייפלונג קלייבט זיך טאָג נאָך טאָג; אַלץ שווערער דריקט די האַנד פון יאוש. דאָס קראַקען פון אַ וואָראָנע ביינאַכט פון יענער זייט טייך איז אַ טרויעריגער אָב־קלאַנג פון׳ם שוואַרצען ראָב וואָס וואַכט אין מיין האַרצען. די פענסטער־ראַמען אין פאָדער־קאָרידאָר קנאַקען און טרייסלען זיך פון׳ם בייזען ווינד, וויסט און וועה איז דער סליאָד פון טאָג — ווידער אַ טאָג, און נאָך אַ טאָג — —

שוואַך און אַפּאַטיש ליעג איך אויפ׳ן בעט. אַלץ ווייטער וויכט אָב די וועלט פון לעבען. נאָך דער נאַכט קומט דער טאָג, און לעבען האַלט זיך אין איין שאַפען, אָבער איך האָב קיין חלק ניט אין דער זאָרג און דער אַרבייט. ווי אַ פונק פון ברענענדען גוס־אויוועז, וואָס בליצט דורך אין חושך און ווערט אין איהם פערשלונגען, אַזוי בין איך אַרויסגעשליידערט געוואָרען אויף די ברעגען פון די פערגעסענע. קיין קלאַנג גרייכט צו מיר פון דער אינזעל־געפעננגנים, וואו עס קלאַפּט א י ה ר וואַרעם האַרץ, קיין שטראַהל פון האָפנונג דרינגט ניט דורך די גראַטעס פון עלענד. אָבער אויף דעם שוועל פון נירוואַנאַ הויבט זיך צוריק אַז דאָס לעבען; אין די סאַמע איינגעווייט פון יסורים שרייט עס אַרוים צ ו ז י י ן! פערפּאַלגונג גיט נאָהרונג פאַר דעם פלאַם פון וויע־דערשטאַנד און קרעפטיגט מיין ענטשלאָסענהייט. וואָלט איך גע־ווען אַ געוועהנליכער אַרעסטאַנט, וואָלט איך ניט געוואָלט אַריבער־טראָגען דיעזע יסורים. צוליעב וועלכען צוועק, און נאָך מיט מיין אונמעגליכען שטראָף־טערמין? אָבער מיינע אַנאַרכיסטישע אי־דעאַלען און טראַדיציעס רעבעלירען געגען דעם וואַמפּיר, וואָס פרעסט אַזוי גערן זיין קרבן. ניין, איך וועל ניט פערשענדען די הייליגע זאַך; איך וועל מיינע קאַמעראַדען ניט פעראורזאַכען

קיין שמערצען דורך אונטערגעבען זיך פון שוואכקייט! איך וועל זיך ראנגלען און וועל קעמפפען און וועל ניט ענטמוטהיגט ווערען פון דראהונגען אדער פון פייניגונג.

. . . .

קוים וואס איך קען געהן צו דער קאנצעלאריע פאר דאס וועכ־בענטליכע אבוועגען זיך. מיינע פיס בויגען זיך צוגעהענדיג צום וואג־שאל און איך בלייב אין אונמאכט. ווי דורך א טומאן זעה איך, ווי דער דאקטאר בויגט זיך אן איבער מיר, זיין קאפ פרעסט זיך צו מיין קערפער. ווי ניט איז קום איך צו צום „קארב“ און וואונדער זיך, ווי אזוי האב איך דאס ניט געפיהלט די קאלטע לופט. אפשר האבען זיי מיך ניט געפיהרט דורך דעם הויף — וועמעס שטימע איז עס, דעם קאפיטאנס? „וואס האט איהר געזאגט?“

„געהסט צוריק אין דיין אלטער צעלע. דו ביזט איצט אויף א פולער דיעטע“.

קאפיטעל 18

די איינצעל־האפט

.1

באקס „אוו“ 7,
אלעגהעני סיטי, פא.
25טען מערץ, 1894.

טהייערער פעריא:

דיעזער בריעף האט זיך עטוואס פערשפעטיגט; איבער געוויסע אורזאכען האב איך פערבייגעלאזען לעצטען מאנאט דעם פאסט־טאג. געפעננגנים־לעבען האט אויך די אראב׳ס און ארויף׳ס, און גראד איצט בין איך אויף די אראב זייט. מיר זיינען געווארענט אבצוהאלטען זיך פון דערמאנגען וועגען לאקאלע אנגעלעגענהייטען; איך קאן דיר דארום זאגען, אז איך געפין זיך אין איינצעלהאפט, אהן ארביים. איך ווייס ניט ווי לאנג איך וועל געהאלטען ווערען „פערשלאסען“. עס קען זיין א מאנאט, אדער א יאהר, אבער איך האף אז עס וועט ניט זיין דאס צווייטע.

מען האט מיר ניט ערלויבט צו ערהאלטען די זשורנאלען און די דעליקאטעסען וואס דו האסט געשיקט... מיר מעגען אויסשרייבען טעגליכע צייטונגען, און דו קענסט זיך לייכט פארשטעלען ווי רעליגיעז איך לעז זיי פון דעם אויבערשטען קאפ ביז דעם לעצטען ארווערטייזמענט. ביז צו א געוויסען גראד האלטען זיי מיך אין בעריהרונג מיט די לעבעדיגע... געבענשט זאלען זיין גוטענבערגס שאטענס! אין דער ביבליאטעק געפינען זיך הוגא און זאלא, אפילו גאגאל און טורגעניעוו. עס איז עפעס אזוי ווי ווען מען בעגעגענט אן אלטען פריינד אין א פרעמדען לאנד צו געפינען

אונזער אייגענעם באַזאַראָוום געשפּרעכען — אין ענגליש... בלאָס נאָך בלאָס צופּעפּענט זיך די פערגאַנגענהייט — די איינצעלהאַפט ווערט פערגעסען, די וועגד פערשווינדען און ווידער לויף איך אַרום מיט לעדער סטאָקינג אין'ם פּרימיטיווען וואַלד, אדער זאָרג צוזאַמען מיט'ן אַרעמען אליוועט טוויסט. אָבער „קאַפּיטאַנסקאַיאַ דאָטשקאַ" רעגט מיך אויף, און פּוגאַטשאָוו, די רעבעלישע נשמה, איז אַרויסגעקומען אַ קאַריקאַטור פון די אונ־גליקפערטע העגד פונ'ם איבערזעצער. און דאַן קומט טאַראָס בולבאַ — דאָס איז אונזער אייגענער טאַראָס, דער פורכטלאַזער קעמפּפער, דער שרעק פאַר'ן טערק און טאַטער? ווי קאָמיש איז דער אַלטער בראַווער העטמאַן, וואָס שטורעמט מיט חרמות געגען די פערהאַסטע מוסולמאַנער — אין לאַנגע דייטשע זאַצען! אַזן אויפגערעגטער און פערלעצטער קעהר איך זיך אויס מיט'ן רוקען געגען אַזאַ פּראָפאַנירונג און איך עפען אַ בוך פון פּאָעזיע. אָבער אַנשטאָט ראָבערט בוירנס, וואָס איך האָב געבעטען, געפין איך אַ באַנד פון וואָרדסוואָירט. קווייטען בליהען אויף זיינע בלעטער און רויזען קנאָספּען איז דער ריח פון זיינע ריטהמען, אָבער די ליידען פון דער וועלטס אַרבייט וועקען קיין סטרונע ניט אין זיין נשמה... וויסענשאַפט און ראָמאַן, געשיכטע און וואַנדערונג, רע־ליגיאַן און פילאָסאָפיע — אַלע קומען אַריין נאָך דער רייהע אין דער צעלע, ווי עס פאַלט אַמאָל אויס, וואָרום מען ערלויבט בלויז איין בוך אויף אַ מאָל און דאָס בעגרעניצט מיין אויסוואַהל. די וואַריאַציאָן פון לעזען גיט אַ רייכען מאַטעריאַל פאַר נאָכדענקען, און דאָס העלפט צו פערפאָלקאָמען מיין ענגליש. אָבער מאַנכער פּאַסאַזש אין די „אויסגעשטערנטע הימלען" ברענגט מיך פּלוצ־לונג אַראָב אויף דער ערדע, און די געגענוואַרט איז בעלויכטען מיט דעם דירעקטען חוש פון פערצווייפלונג. און די שמערצליכע פראַ־גע עגבערט מיין מח: וואָס איז די פּעולה פונ'ם גאַנצען שטודירען און לעהרנען? און צוריק — צו וואָס מאַטערען דיך מיט אַזאַ שטימונג.

ווען איך האָב אָנגעהויבען דעם בריעף האָב איך גאָרניט געהאַט אין זינען דאָס אַלעס צו זאָגען. אָבער פערפאַלען: מען מוז אָבגעבען חשבון פאַר'ן בלעטעל פּאַפּיער. דאַרום וועל איך דאָס דיר שיקען. אָבער איך וויים, טהייערער פריינד, אַז דיין

בעט איז אויך נים אויסגעבעט מיט בלומען. און דער ארעמער מאטראז ?

מיין פלאץ האט זיך געענדיגט.

אלעקס.

2.

די פערלענגערטע קייט פון טעג אין איינצעלהאפט שלעפט איהרע שווערע רינגען דורך אלע אנדערע צרות. די צעלע איז שטיקענד פון זומער־היץ; זעלטען גיט דאס פרישע ווינטעל פון טייך א גלעט מיין פנים. מיט דעם אויסרייך אז עס איז א צוג־ווינד פערמאכט דער אונפריינדליכער שומר די פענסטער פון קאָרידאר אנטקעגען מיין צעלע. קיין אטהעם פון לופט בעוועגט זיך נים. די בלייענע נאכט־שטונדען זיינען אונערטרעגליך איבער דעם שלעכטען גערוך פונ'ם שוויים און די גאזען פון א טויזענד קערפערס. שלאפלאז ווארף איך זיך ארום אויף דעם אויסגעריבענעם מאטראץ. די אבגעגניצעוועטקייט פון צייט און די שווערקייט פון די פיעלע ארעסטאנטען האבען דעם מאטראץ אין גאנצען געמאכט אונפאסיג פאר א געלעגער. אומזיסט בעט איך דעם קאפיטאן פאר נייע שטרוי; ער איגנארירט מיין געבעט, זאגענדיג: „טרייסעל דאס אביסעל אויף". איך האב אבער מורא צו ווידערהאלען דעם עקספערימענט; די וואלקענס שטויב דערשטיקען מיך; טעג לאנג בלייבט אין דער צעלע א געדיכטער טומאן פון דעם צושימעלטען שטויב. אונגעדולדיג דערווארט איך דעם אינדער־פריה; די הויף־טיהר וועט זיך עפענען פאר דער מארשירענדער רייהע ארעסטאנטען און די פרישע לופט וועט א בלאז טהאן פערביי מיין צעלע. איך וועל זיין גרייט אויפצונעהמען די טהייערע ערקוויקונג. וואס וועט מיר פאר דעם טאג לעבען געבען.

און ווען די טורמע וועט אויסברעכען איהר שטראם פון געשטרייפטע געפאנגענע און די שטילקייט וועט האלטען וואך, וועל איך אפשר געפינען א גינסטיגען מאמענט צו איבערטוישען זיך מיט גערוסען מיט דזשאהני דייווים. דיעזער יונגער ארעסטאנט איז אין איינצעלהאפט אין דער גאלעריע, וואס איז איבער מיר. דריי מאל האט ער געבעטען מען זאל איהם געבען א העכערע מאשין, ער זאל קענען ארויסגעבען מעהר ארבייט, האט מען איהם

ענטזאגט, און דער הויכגעוויקסיגער יונגער מענש מוז צונויפבויגען זיך צו ארבייטען איבער א נידריגען טיש און קען דארום ניט שאַ־פען אזוי פיעל, וויפיעל מען פאדערט פון איהם. מען האט איהם שוין עטליכע מאל אריינגעווארפען אין קערקער אלס א שטראף. לעצטע וואך האט מיט איהם געטראפען א בלוט־שטורץ; די גאנצע נאכט האט זיך געהערט זיין דומפער הוסט. זייענדיג פער־צווייפעלט פונ׳ם שרעק פאר שווינדזוכט, האט דזשאהני זיך ענט־זאגט צו געהן צוריק צו דער ארבייט. דער פערוואלטער האט גע־וויזען גוטהערציגקייט און האט איהם ערלויבט צו ארבייטען אויף זיין אמאליגער הויכער מאשין. אבער דער יונג איז געווארען איינ־געשפארט: ער איז ענטשלאסען ניט צו געהן צוריק ארבייטען אין דעם שאפ, וואו דער אויפזעהער האט איהם פעראורזאכט אזוי פיעל יסורים. די דיסציפלין פון געפענגניס נעהמט ניט אין אנ־בעטראכט די לאגע. יעדען מאנטאג ווערט רעגולאר ווידערהאלט די פייניגונג: מען ברענגט דעם יונג צו דעם געהילפס־פערוואל־טער און ער וויזט איהם אן צו געהן ארבייטען אין דער שטריקעריי־אבטהיילונג; דער יונג ענטזאגט זיך צו געהן און עס פאלגט קערקער. דערנאך זעצט מען דזשאהנין אריין אין איינצעלהאפט, אום נעקסטען מאנטאג זאל ער ווייטער פארגעבראכט ווערען פאר דעם געהילפס־פערוואלטער. עס קרענקט מיך וואס איך בין אונ־בעהילפליך און קען פאר איהם גארניט טהאן. זיין האלטונג איז א זעלבסטמערדערישע, אבער די מינדעסטע אנדייטונג אונטער־צוגעבען זיך רעגט איהם אויף שרעקליך: „איך וועל ליעבערשט שטארבען איידער אונטערגעבען זיך“, האט ער מיר געזאגט.

פון די שטילע געשפרעכען דורך דעם מיסט־רעהר האב איך זיך דערוואוסט די טרויעריגע געשיכטע פון זיין יונגען לעבען. ער איז ניינצעהן יאהר אלט און איז פעראורטהיילט אויף פינף יאהר. זיין פאטער, אן אייזענבאהן־אנגעשטעלטער, איז גע׳הרג׳עט גע־ווארען אין אן אייזענבאהן־קאליזיאן. דער פראצעס פאר שאדענ־ערזאץ האט זיך געצויגען פאר יאהרען און די אלמנה איז געבלי־בען הילפלאז און עלענד. פון זיין פערצעהנטען יאהר אן האט דער יונגער דזשאהני געדארפט ערנעהרען די גאנצע פאמיליע. צו לעצט האט ער געארבייט אלס א פוהרמאן אויף אן אבליפערונגס־וואגען, וואס דאס האט איהם אריינגעצויגען אין בעקאנטשאפט

מיט רויהע, אונגעהובעלטע חברים און ער האָט אַנגעהויבען צו שפּיעלען אין קאָרטען. איין מאָל איז ער געוואָרען קורץ אין צוועלף דאָלאַר פון זיין בעל־הבית'ס געלד. דאָס געזעץ־מיהלבעל האָט אַנגעהויבען צו מאַהלען, ביז מען האָט דזשאָהני אַנגעטהאַן אין די געשטרייפטע קליידער.

אומזיסט זוך איך זיך צו פערטיעפען אין'ם בוך פון ביבליא־טעק. לאָורא זשאַנ'ס געמישטע העלדען ערוועקען גאָרניט אין מיין הארצען; קאַרעלי'ס העכערע בעשעפּענישען, וואָס האָבען עסקים מיט מיסטעריעזע הימעלשע קרייזען זיינען פאַר מיר פרעמד און אונמענשליך. דאָ, אין דער צעלע איבער מיר, יאָמערט און קרעכצט אַ שרעקליכע טראַגעדיע פון דער ווירקליכקייט. וואָס פאַר אַ מאוים'דיגע זאַך דאָס איז, אַז די גאַנצע מאַכט פונ'ם קהל, די גאַנצע מאַשינעריע פון רעגירונג איז קאָנצענטרירט צו צושמעטע־רען דיעזען אונגליקליכען אטאָם! זינדלאָז שולדיג איז נאָך דערצו דער אונגליקליכער איינגעל. אַריינגעשלעפּט פון דעם קאָרטען־שפּי־לערישען גייסט פון דער צייט, אַן אונגליקליכער פּראָדוקט פון אַ פערדאָרבענער סביבה, איז זיין שיקזאַל פערזיגעלט געוואָרען אין אַ מאָמענט פון שוואַכקייט. און דאָך איז זיין אַבווייכונג פונ'ם וועג פון דער אַנגענומענער מאָראַל מעהר ניט ווי אַ שוואַכע אָב־שפּיגלונג פונ'ם לעבען פון די מענשען, וועלכע האָבען איהם פערד־אורטהיילט. די צבוע'צטוואָס פון אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט! דער סאַמע פונדאַמענט פון איהר עקזיסטענץ איז דאָך אויף דעם גרונד פון פערלייקענען יעדען פּרינציפּ פון רעכט און גערעכטיג־קייט. יעדער שטריך פון איהר פּנים איז אַ קאַריקאַטורע, אַ חוזק־מאַכעריי פון יעדער אַנדייטונג אויף אמת; דאָס גאַנצע לעבען פון דער מענשהייט איז דאָך נור אַ מין אָבלאַכונג פון דעם סאַמע נאָמען מענשהייט. פּאָליטישע הערשאַפט וואָס שטיצט זיך אויף גוואַלט און אויף יעזואיטיסטוואָ; אינדוסטריע וואָס זאַמעלט דעם שנים פון מענשליך בלוט; האַנדעל וואָס שטייגט אויף די חורבות פון מענליכקייט — אַזוי איז די מאָראַל פון דער ציוויליזאַציאָן. און אויבען אויף דיעזען מורא'דיגען פערדאָרבענעם בנין זיצט און רעגיערט דאָס געזעץ, און די רעליגיאָן וועבט איהר פּורכת פון קדושה און לאָקירט אָב רעכט און פערוואונדערט אונרעכט

און באט אן דעם אונטערטעניגליכען שיקזאל א הייליגע שירה: „דיין רצון זאל געשעהן!"

דזשאהני היט אב פרום צו געהן אין קלויסטער און טהוט תפילה, אז זיינע „זינד" זאלען פערגעבען ווערען. ער האט מיר דערצעהלט, אז דער פראקוראר איז געווען „זעהר הארטהערציג" געגען איהם. דער בלינדער מילב פיהלט נור דאס סאמע נאהענט־סטע, און איז ערביטערט געגען די פערזאנען, וואס זיינען דירעקט פעראנטווארטליך פאר זיין לאנגען שטראף־טערמין. אבער גרע־סערע מוחות פון איהם האבען נאך ניט אין גאנצען בעגריפען די אונגערעכטיגקייט פון דאס הערשענדע. אפילו מיין ליעבלינג ב ג י ר נ ס איז אויך הינטערשטעליג, ווי מעכטיג ער בעוועגט ניט מיין גייסט מיט זיין טיעפער סימפאטיע פאר די ארעמע און אונטערדריקטע. אבער „דעם מענשענס אונמענשליכקייט צו מענ־שען" איז ניט דאס לעצטע ווארט. דער אמת ליעגט פיעל טיע־פער. דאס איז די עקאנאמישע שקלאפעריי, דער ווילדער קאמפף פאר א שטיקעל ברויט, דאס האט פערוואנדעלט די מענשהייט אין וועלף און שעפסען. אונטער פרייהייט און קאמוניזם וואלט קיינער ניט געהאט דעם ווילען און די מאכט „צו מאכען אונצעהליגע טויזענדער יאמערען". געווים איז דאס סיסטעם און ניט די פער־זאן, דאס איז דער קוואל פון פערדארבענהייט און געזונקענהייט. די אומגעבונג פון מיין געפענגניס־הויז איז א גוטער בעוויז, ווי אזוי עס ווירקט די האנד פון מ י ד א ס, ועמעס פערפלוכטע בעריהרונג פערוואנדעלט אלעס אין ברוטאלער קנעכטשאפט פונ'ם גאט מאמאן. דער אונפעהיגער גראבער יונג זוכט דורך ברוטאלי־טעט ארויפצוארבייטען זיך; מיט א ווילדער הנאה קנאקט דער שאפ־אויפזעהער מיט דער בייטש, אום צו קריגען זיין לוין פון בלוט אין גאלד פערוואנדעלט. די אויסגעהונגערטע קערפערס אין שטרייפען, די געפייניגטע מוחות אין די קערקער־נעכט, די מענשען וואס ווערען בעגראבען אין איינצעלהאפט און אין „קארב" — וועלכע מענשליכע האנד וואלט זיך דאס אונטערשטעהן א דרעה צו טהאן דעם שליסעל, אום צו פערריגלען א נשמה אין אבסאלו־טער פינסטערניש, ווען ניט די מורא אליין צו האבען אן עהנליכען שיקזאל און פאר דעם שאטען וואס דאס וואָרפט אין פאראויס? דיעזער קאשמאר איז דאך נור א מעהר בולט'ער אבדרוק פון דער

דרויסען־וועלט — די גרעסערע טורמע מיט די ריגלען פון האָב־גיער, מיט דער בעוואַכונג פון׳ם הונגער.

מיין געהירען איז אַלץ בעשעפטיגט מיט דעם דרויסענדיגען לעבען — דאַס איז אַ ריזיגע אויפגאַבע אויפצוּוואַקען די גלייכגילטיגקייט, זי זאָל דערזעהן דעם עקעל פון איהר אייגענער יאַמערליכקייט. און דאַן, ווען דאָס פאָלק וואָלט נור בעגריפען די טיעפקייט פון זיין ערנידריגונג און וואָלט אויפגעקלעהרט ווע־רען מכח די מיטלען פאַר זיין ערלייזונג, מיט וואָס פאַר אַ הנאה זיי וואָלטען אומאַרעמען די אַנאַרכיע! שנעל און ענטשיעדען וואָלט געווען דער זיעג פון די אַרבייטער געגען דעם הייפעל פון זייערע פייניגער. אַ שטונדע פון קלאָהרקייט, פריי פון פאַראור־טהיילע און אָבערגלויבען און דער פאַקעל פון פרייהייט וואָלט אַרומפלאַמען די גאַנצע וועלט, און די פאַהן פון גלייכהייט און ברידערליכקייט וואָלט אויפגעפלאַנצט ווערען אויף די בערג פון אַ ווידערגעבאָרענע מענשהייט. אַה, ווען די וועלט וואָלט נור אַ קלעהר טהאָן איין קורצע ווייל, וואָלט פערשטעהן און וואָלט געוואָרען פריי!

ניט־ווילענדיג דערמאָן איך זיך אויף אַ תּלמוד׳ישע זאָגע: איין רגע פון „כולו זכאי״ — און משיח וואָלט געקומען אויף דער ערד. דיזער שעהנער פערשפּרעכען האָט מיך שטאַרק דערנומען אין די טעג פון מיין קינדהייט. דער גנעדיגער גאָט פאָדערט פון אונז אַזוי ווייניג, האָב איך זיך אַלץ געטראַכט. פאַר וואָס זאָלען מיר זיך ניט אָבהאַלטען פון זינד און שלעכטע מעשים פאַר בלויז איין „הרף־עין״? וואָכען־לאַנג בין איך אַרומגעגאַנגען אַ צונומע־נער פון פערדרוס אויף דעם עקשנות׳דיגען פאָלק ישראל, וואָס וויל ניט זיין גערעטעוועט; מיין בעגעהרענדער מח איז געווען שוואַנגער מיט פּראָיעקטען ווי אַזוי צו דערנעהנטערען די גאולה. ווי אַ הימעלשע אינספּיראַציאָן איז צו מיר אַנטפּלעקט געוואָרען די לייזונג: ווי נור עס וועט שלאָגען די מיטאָג־שטונדע, אין אַן אָבגעמאַכטען טאָג, זאָלען אַלע מענער און פרויען פון אידענטום איבער דער גאַנצער וועלט גלייך מתפלל זיין. אין איין בעשטימ־טען מאָמענט, אַלע מיט איין מאָל — און — משיח קומט! ווי שמערצליך איבערראַשט איך האָב געקוקט אויף מיין רבי׳ן, ווי ער

שאַקעלט מיט'ן קאָפּ. ווי איז מיין האַרץ דורכגענומען געוואָרען פון זיין גוטמוטהיגען שמייכעל! די קינדער פון ישראל קענען אויף אַזאַ אופן ניט דערלייזט ווערען — האָט ער מיט אַן אומעט געזאָגט. ניין, ניט אפילו אויף אַ גרעסערען אופן, אַז אונזער גאַנ־צעס פאָלק אין די ווייטסטע ווינקלען פון דער ערד זאָלען אפילו האָבען צייט צוצוגרייטען זיך צו דיעזען הייליגען מאָמענט. משיח וועט קומען, האָט דער גוטער רבי מיך געטרייסט. אַזוי איז אונזער הבטחה. „אָבער די שעה איז נאָך ניט געקומען, קיין מענש איז ניט בכח דוחק צו זיין דעם קץ".

מיט אַ געפיהל פון אויסניכטערענדער טרויעריגקייט טראַכט איך וועגען דער נייער האָפנונג, פון דעם רעוואָלוציאָנערען משיח. דער אַלטער רבי איז דאָך געווען אַ חכם: קיין מענש איז ניט בכח מקרב צו זיין די גאולה. פון דעם פאָלקס נויטען גופא, פון דעם מוטערלייב פון זיינע יסורים, מוז געבאָרען ווערען די שטונ־דע פון אויסלייזונג. די נויטווענדיגקייט אַליין מיט איהר אייזערנעם קנאָפּעל וועט אָנשפּאָרנען די פּער'חלש'טע אָרעמקייט צו מאַכען אַן אָנשטרענגונג און וועט אויפוועקען די לעבעדיגע טויטע. דער פּראָצעס איז אַ פּייניגליך לאַנגזאַמער, אָבער די געבורט פון אַ נייער מענשהייט קען ניט פערשנעלערט ווערען דורך אונגע־דולד. מיר מוזען וואַרטען אויף אונזער צייט און דערווייל פּאַר־בערייטען די אַרבייטער פאַר דעם גרויסען אויפשטאַנד. מען מוז נור אויסהיטען זיך פון די טעות'ען פון דער פערגאַנגענהייט; דער אוינענשיינליכער זיעג איז תמיד געווען גערויבט פון זיין פרוכט און איז פּאַראַליזירט געוואָרען אין אַ נידערלאַגע, דערפאַר ווייל דאָס פאָלק איז געפענטעט געוואָרען דורך זיין רעספּעקט פאַר אייגענטהום, דורך זיין אָבערגלויבען פאַר אויטאָריטעט און דורך זיין פערלאָזען זיך אויף פיהרער. דיעזע געשפּענסטער מוזען אָב־געוואָרפען ווערען און דער פאַקעל פון פערשטאַנד, וואָס צינדט אַן זיך אין דער פינסטערניש פון מענשליכע מוחות, נור אַזאַ אויפ־שטאַנד קען צורייסען די וואָלקענס פון נידערלאַגע אויפ'ן מיטען וועג און דערזעהן דעם גלאַנץ פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן און דעם דערנאָך.

.3

א שווערער קאַשמאַר בעאונרוהיגט מיין שלאָף. געמישטע קולות קלינגען אין מיינע אויערען און קלאַפּען מיר אין קאָפּ. איך כאַפּ זיך אויף פון אַן אונבעוואוסטען שרעק. דאָס געפּענגניס הוזשעט שטורעמדיג: אַ קראַך נאָך אַ קראַך דונערט דורך דעם קאָרידאָר; עס שטורעמט געגען די ווענט פון די צעללען, דאַן קייקעלט זיך עס דורך ווי אַ מורא'דיגער באַראבאַנען אין דער לענג פון די גאַלערעען און האַקט זיך מיט אַמאָל אָב.

מיט שרעק שפּרינג איך אויף אין בעט. אַלעס איז טויט־שטיל. איינגעהאַלטענערהייט קוק איך זיך אַרום. די צעללע איז איינגעהילט אין חושך און בלויז אַ שוואַכעס גאַז־ליכט שמינקעט אונזיכער אין קאָרידאָר. פּלוצלונג שניידט אַ געשריי דורך די שטילקייט און עס פּלאַצט אַרויס אַ גרילצענדער, ווילדער געלעכ־טער. און דאַן ווידער אַ מורא'דיגער דונער, אַ ווייַלע שטורמענדיג פון דער אויבערשטער צעללע און דערנאָך מורמלענדיג מיט אַ מין געפעהרליכקייט אין דער ווייטענס, און דאַן אָבשטאַרבענדיג מיט אַ ברום. און אַלעס ווערט צוריק שטיל, בלויז דער העלישער געלעכטער קלינגט דורך דער געביידע.

„דזשאַהני, דזשאַהני!" — רוף איך אין שרעק — „דזשאַהני!"

„דאָס קינד איז אין לאָך" — דערהערט זיך אַ הייזעריגער קול פון אָבטרעט — „דאָס איז פערד־גנב. ווער איז'ס? דו, אַלעק?"

„יאָ. וואָס איז דאָרט, באָב?"

„עמיצער ברעכט די בעל־הבית'ישקייט".

„ווער?"

„כ'ווייס ניט. אפשר סמיטי".

„וועלכער סמיטי, באָב?"

„דער משוגע'נער סמיטה, אין דער קרענקס רייהע. גיב אַכ־טונג, זיי קומען".

די שווערע טיהרען קרעכצען אויף זייערע זאַוויעסעס. ווי די שאָטענס גליטשען זיך דורך ריזיגע פיגורען פערביי מיין צעללע. זיי טרעטען באַזאַכט מיט די פילצענע זוילען, די לאַנגע קלאָבס שאַרכען ביי זייערע זייטען. הינטער זיי קומען אַנדערע, און דאַן

דער פערוואלטער. א גרויסער רעוואלווער פינקעלט אין זיין האנד. מיט איינגעהאלטענעם אטהעם הער איך זיך צו, וויסענדיג, אז אנדערע זיינען לעבען די טיהרען. פלוצלונג שניידט א יאמערן מיט א ווילדען געלעכטער דורך די נאכט; א קלינגעריי פון אייזען, א גוואלטיגער געשלעג, א דומפער קלאפ פון א פאלענדען קערפער, און אלעס ווערט שטיל. קלאנגלאז רודערט פערביי דאס ברויט־וועגעל, די גרויסע שאטענס זיינען אנגעבויגען איבער דעם קערפער וואס איז אויסגעצויגען אויף די ברעטער . . . .

. . . .

דער גלאק קלינגט צום אויפשטעהן. די מארגען־זונן בעלייכט מיט א שטראהל דעם בלוטיגען סליאד אין קארידאר. א מחנה מענער אנגעטהאן אין גרוי־און־שווארץ מארשירען אריין פון הויף און זיי שייערן אראב מיט וואסער און זאמד די רויט בעגאסענע ברוק־שטיינער.

איך דערוויס זיך, צו מיין בערוהיגונג, אז „משוגע׳נער סמיטי" איז ניט טויט. ער וועט קומען צו־זיך, פערזיכערט מען מיך. דער דאקטאר האט פארבאנדאזשירט דעם ארעסטאנט'ס וואונדען און דאן האט מען איהם, נאך אלץ אין אונבעוואוסטען צושטאנד, אריינגעשלעפט אין קארצער. ביסלעכווייז ערקונדיג איך זיך וועגען זיין געשיכטע. סמיטה איז געוועזן וואהנזיניג, צייטענווייז זעהר ברויזענד, זינט מען האט איהם איינגעשפארט אין געפענגניס. נאך מיט א יאהר פיער צוריק. זיין „שותף" בוירנס, איז אויך אראב פון זינען פון זארג איבער דעם וואס ער איז פעראורטיילט געווארן אויף פינף־און־צוואנציג יאהר. זיין וואהנזין האט אנגענומען אזא רעבעלירענדען אויסדרוק, אז די בעאמטע האבען בעשלאסען דאס מען דארף איהם אריינגעבען אין א משוגעים־הויז. אבער סמיטה בלייבט אלץ אין דער רייהע „צעללען פאר קרענקס", ווייל דער פערוואלטער האלט זיך ביי דאס זייניגע, אז סמיטה מאכט זיך דאס פאר משוגע, כדי ער זאל קאנען אנטלויפען.

4.

די זעלטענע שטיקלעך געשפרעכען מיט דעם אלטען זייגען עראייגניסע אין דער איינטאניגקייט פון דער איינצעל־האפט. אי־בער באב'ס קראנקהייט האב איך ניט קיינע פערבינדונגען מיט

מײנע פרײנד. דאָס געצװאונגענע לײדיג־געהן מאַכט די שטונדען שװער און טרויעריג, די טעג שלעפּען זיך אַלץ אויף אײן אופן. מיט אַ גוואַלטיגער אַנשטרענגונג פון װילען אונטערדריק איך די אויפשװימענדע געדאַנקען װעגען מײן לאַנגער פעראורטײלונג און איך זוך דורך לעזען צו פאַרגעסען זיך. באַנד נאָך באַנד געהט דורך מײנע הענט, ביז מײן געהירן װערט אָנגעהויפּט מיט די געדרוקטע װערטער. בלאַט נאָך בלאַט דעקלאַמיר איך דורך די געשיכטע פון דער הײליגער קירכע, די לעבענס־געשיכטע פון די פאַטערס און די הײליגע, אָדער איך לעז אויפ׳ן קול, אום צו הערן אַ מענשליכע שטימע, די מיטהאָלאָגיע פון גריכענלאַנד און פון אינדיען, מישענדיג דערמיט, פון אָבװעקסלונג װעגען, מאַנכע קאַפּיטלען פון מילל און ספּענסער. אָבער אין מיטען פון אַ פּערפּלאַנטערטען פּאַסאַזש אין „דאָס אונבאַװאוסטע“ אָדער אין סאַמע מיטען פון אַ שװערען מאַטהעמאַטישען פּראָבלעם, כאַפּ איך זיך, אַז מײן בלײפעדער צײכענט בעקאַנטע ציפערען: 22 מאָל 12 — 264. װאָס איז דאָס, װאונדער איך זיך. און באַלד זעץ איך פאָרט אין אַ מין האַלבען בעװאוסטזײן און ענדיג דעם חשבון:

264 מאָל 30 — 7,920 טעג.
7,920 מאָל 24 — 190,080 שטונדען.
190,080 מאָל 60 — 11,404,800 מינוטען.
11,404,800 מאָל 60 — 684,288,000 סעקונדען.

אָבער באַלד װער איך דערשראָקען פון דערמאָנען זיך, אַז מײן אויסרעכענונג איז דאָך נור געװען אויף דרײסיג טעג אין אַ מאָנאַט, און אין אַ יאָהר זײנען דאָך דאָ 365 טעג און מאַנכעס יאָהר זאָגאַר 366 טעג. און איך הויב װידער אָן צו חשבונ׳ען, כפל׳ענדיג 22 אויף 365, און איך כאַפּ זיך, אַז מיר שטעהט נאָך פאָר צו זײן אין אײנצעל־האַפט 700,000,000 סעקונדען. פון דעם אָפיציעלען קאַלענדאַר, װאָס איז לעבען די געדרוקטע רעגעלען, קוקט צו מיר אַרוים אַ טרויסט: גוטע אויפפיהרונג פערקירצט די צײט. אָבער איך בין דאָך שוין װידערהאָלט רעפּאָרטירט און בעשטראָפט געװאָרען — זײ װעלען געװיס מיך בעראויבען פון פערמילדערונג. זעהר פאָרזיכטיג הויב איך אָן אויסרעכענען די צײט װאָס װערט מיר אַראָבגענומען: אײן מאָנאַט פון דעם ערשטען יאָהר; אײן מאָנאַט פון צװײטען; צו צװײ מאָנאַט פון דעם

דריטען און פערטען; צו דריי מאָנאטען פון דעם פינפטען, זעקס־טען, זיבעטען, אכטען און נײַנטען; און צו פיער מאָנאט אויף יעדערן פון די ווייטערע יאָהרען. איך וועל דארום מוזען דיענען דאָ, אין דיזען פּלאַץ, פופצעהן יאָהר מיט דריי מאָנאט, און דאַן נאָך עלף מאָנאט אין ארבייטס־הויז. נו, בין איך שוין דאָ אָבגעוועזען צוויי יאָהר. בלייבען נאָך אַלץ פערצעהן יאָהר און צוויי מאָנאט, אָדער מעהר ווי 5,170 טעג. צושוידערט פון דיזע ציפערען, געה איך ארום אַן אויפגערעגטער הין און צוריק. עס איז האָפענונגס־לאָז! עס איז דאָך דום צו ערווארטען, אַז איך וועל איבערלעבען אַזאַ שטראָף, איבערהויפּט נאָך ווען דער פּעוואַלטער פערפאָלגט מיך אַזוי, און די קלענערע בעאַמטע טיראַניזירען.

געדאַנקען וועגען זעלבסטמאָרד און וועגען אַנטלויפען, משונה'־דיגע פאַנטאַזיעס פון אונפאָראויסגעזעהענע געשעהענישען אין דער וועלט אין אַלגעמיין, וואָס קאָנען פיהרען צו מיין בעפרייאונג, דאָס אַלעס מישט זיך אין קאָפּ און לאָזט מיך איבער אַן אָבגעשוואַכטען און אונגליקליכען. מיין אבסאָלוטע איזאָלירונג פאַרשפּרעכט מיר קיין ערלייזונג ניט; טעג פון קראַנקהייט און יסורים פילען מיך אַן מיט וועהמוטה. עס גיט מיר אַ שטאָך אין האַרצען, ווען איך באַמערק פּלוצלונג, ווי מיר קריכען אוים די האָאר פון קאָפּ. די סמנים פון קערפּערליכער אָבצעהרונג ערוועקען אין מיר דעם פּחד, אַז איך זאָל ניט גייסטיג צוזאַמענברעכען, פון זינען אראָב... מיך שוידערט אויף דיזער שרעקליכער געדאַנק, און איך ווער אויפגע־בראַכט אויף זיך, אויף יעדען פערבייגעהענדען אַרעסטאַנט, און מיין האַרץ איז פול מיט האַס געגען דעם פערוואַלטער, געגען די שומרים, געגען דעם ריכטער און געגען דער קערפּערלאָזער, פאָרמ־לאָזער, אָבער אונ'ברחמנות'דיגער זאַך — די וועלט.

אין די מאָנאטען פון צוריקקומענדער רוהיגקייט כאַפּ איך זיך צו צו פילאָזאָפיע, צו וויסענשאַפט מיט אַ גוואַלטיגער ענט־שלאָסענקייט, וועלכע קומט פון פּחד. אָבער דער געשפּענסט פון שרעק איז שטענדיג פאַר מיינע אויגען; ער פאָלגט מיר נאָך הין און צוריק אין דער צעללע, רייצט זיך מיט מיר מיט דעם ווילדען געלעכטער פון דעם „משוגע'נעם סמיטה“ אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, און מיט דעם ברומען און רעווען פון מיין שכן וואָס איז פּלוצלונג פון זינען אראָב.

קאַפּיטעל 19.

עראינערונג־געסט

אָפט שטעלט זיך אָב דער גייסטליכער פון געפענגנים לעבען מיין טיהר און רעדט צו מיר ערמוטהיגענדע ווערטער. איך פיהל זיך טיעף געריהרט פון זיין סימפּאַטיע, אָבער מיינע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פערבאָטען מיר אויסצודריקען מיינע געפיהלען: זייענדיג אַ שרייפעל אין דער מאַשינעריע פון אונטערדריקונג, קאָן ער נאָך אַננעהמען מיין דאַנקבאַרקייט פאַר אַ מין אונטערטעניגליכקייט פון דעם ארעסטאַנט. אָבער איך האָף, אַז ער פיהלט אין מיין איינפאַכען „איך דאַנק אייך" מיין דאַנקבאַרקייט. דאָס איז זעהר גוטהארציג פון זיין זייט וואָס ער לייהט מיר ביכער פון זיין אייגענער ביבליאָטהעק און צייטענווייז ערלויבט ער מיר אויך אַן עקסטראַ בויגען פּאַפּיער צו שרייבען. דאָס קאָרעספּאָנדירען מיט א י ה ר און מיט דעם צווילינג און דאָס צייטווייליגע אומטוישען זיך מיט צעטעלעך מיט מיינע קאַמעראַדען, זיינען די איינציגע פערבינדונגען, וואָס איך האָב מיט דער לעבעדיגער וועלט. איך פיהל זיך לעבענס־מיעד און אויסגעמאַטערט, בין גלייכגילטיג צו די געוועהנליכע פּאַסירונגען אין מיין עקזיסטענץ, וואָס רעגען אַזוי אויף די אַנדערע געפאַנגענע. דער „אַלטער סעמי" געפינט הונדערטע מעגליכקייטען אויסצוגיסען זיין האַרץ, ווערענדיג אַלץ נערוועזער, וואָס נעהענטער עס קומט צו זיין בעפרייאונג. דעם גאַנצען טאָג שלעפּט ער זיך פון איין צעללע צו דער אַנדערער, מאַכענדיג זיך ווי ער שייערט אַרום די ראַהמען פון די טיהרען אָדער שטויבט אָב די גראַטעס, און דערווייל רעדט ער מיט די וואָס געפינען זיך אין איינצעל־האַפט. גערולדיג הער איך פון איהם אוים די „נייעס", וואָס ער דערצעהלט, מיט די

ברייטע פּירושים, וואָס ער מאַכט וועגען דעם. און אין מיטען פון זיינע זידעל־ווערטער איבער די „פּוילע שפּייז" און וועגען די „מערדערשע גנבים" צולאַכט ער זיך מיט בעגייסטערונג וועגען דעם מאַהלצייט, וואָס ער וועט האָבען אין דעם טאָג ווען ער וועט אַרויס פריי, וועגען די פריינד פון געפענגנים, וועלכע ער וועט האָבען צו געדענקען. אָבער ער ווערט פערטראַכט, אַזוי גיך ווי ער דערמאָנט די פערבליבענע אין־דער־היים; די „אַלטע" איז געשטאָרבען פון האַרצוועהטאָג, די זיהן האָבען ניט געשריבען איהם קיין איין שורה שוין דריי יאָהר צייט. ער האָט מורא, אַז זיי האָבען פערקויפט דאָס שטיקעל פאָרם און האָבען זיך אַריבערגעקליבען אין שטאָדט. אָבער די שמחה, אַז עס קומט באַלד דער טאָג פון זיין בעפרייאונג, פערטרייבט די טרויעריגע געדאַנקען און ער פּלאַפּעלט מיט האָפנונג: „איך וועל זעהן, איך וועל זעהן" און קלייבט נחת וואָס ער איז נאָך „אַ לעבעדיגער און נאָך אַרבייטס־פעהיג פאַר אַ צייט". און פּלוצלונג רייסט ער איבער זיינע רייד און הויבט אָן דערצעהלען מיט אַלע איינצעלהייטען ווי „דער משוגע'נער דיק, נעביך" איז געפונען געוואָרען נעכטען אַז אויפגעהאָנגענער אין זיין צעלע, און ווי ער איז עס געווען דער ערשטער וואָס האָט דאָס ענטדעקט און געהאָלפען די שומרים אַראָבצונעהמען איהם פון דער תליה. און לעצטע וואָך איז ער אַליין געשטאַנען דערביי, ווען דער דאָקטאָר האָט געזוכט צו ברייגען צום לעבען צוריק „דעם קליינעם איטאַליענער", און ווען דער דאָקטאָר וואָלט נור מיט איין ווייליגקע פריהער צוריקגעקעהרט זיך פון טהעאַטער, וואָלט מען נאָך דעם „אָרעמען דזשאָו" געקאָנט ראַטעווען. „ער ליגט אַ גע'חלש'טער" און די בלוטצאַפּער לאָזען איהם אַזוי ליגען אין חלשות; „אויפ'ן דאָקטאָר, האָבען זיי געזאָגט, דאַרף מען וואַרטען. איך האָף, אַז זיי וועלען כאָטש מ י ך ניט ערמאָרדען", ערקלעהרט ער און שלעפּט זיך אַוועק.

די אָנוועזענהייט פון טויט ברייגגט אַרויף דעם געדאַנק פון נעהמען זיך דאָס לעבען. און שטאַרקער ווערט די ליעבע צום לעבען. אָבער די האָפנונג צו אַנטלויפען ווערט שוואַכער, וואָס מעהר איך ווער פיזיש אָבגעשוואַכט. איבער די אָפטע שטערונגען האָט „די בליטהען" געמוזט אויפהערען צו ערשיינען. דער

עקסצענטרישער פערװאַלטער האָט אַפּנים געהאַט גרױס פּחד פאַר אַן אַנאַרכיסטישער פאַרשװערונג: ספּעציעלע באַפעהלען זײנען אַרױסגעגעבען געװאָרען, אַז מען זאָל אױף „די דרײ" בעזונדער שטאַרק אַכטונג געבען. פאַרדעכטיגענדיג, אַז מיר קאָרעספּאָנדירן אין געהײם, און דאָך ניט זײענדיג אימשטאַנד צו געפינען אַ סליאַד דערפון, האָט די אַדמיניסטראַציע פון געפענגנים בעשלאָסען מען זאָל אונז צושײדען אַזױ, אַז עס זאָל קײן מעגליכקײט ניט זײן פאַר אונז צונױפצורײדען זיך. עס שײנט, אַז מיך װעט מען האַלטען אין אײנצעלהאַפט אױף אַ לאַנגער אומבאַשטימטער צײט. נאָלד'ן האָט מען אַבגעפיהרט אין דעם דרום־פליגעל פון געפענגנים, און באַוער'ן האָט מען אַרײנגעזעצט אין װײטסטער צעללע אױף דער אױבערשטער גאַלערעע אין דער צפון זײט. די טהײערע צײט־שריפט איז אַבגעלעגט געװאָרען, און בלױז די נעװאַנטקײט פונ'ם „פערד־גנב" מאַכט פאַר אונז מעגליך צו איבערװעקסלען זיך מיט צעטעלעך פון צײט צו צײט.

די לאַנגע װינטער־אַבענדען פערברײנג איך צװישען די פאַנ־טאַסטישע פאָרמען, װאָס װערן געמאָלט פון דער דונקלער ליכטעל־בעלײכטונג. איך טהײל אײן אין דרײ טהײלען דעם געפענגנים־טאָג צװישען זיבען אַזײגער אין דער פריה און נײן אין אָבענד, װידמענדיג צו פיער שטונדען פאַר באַװעגונג, פאַר ענגליש לעהר־נען און פאַר לעזען. די איבעריגע צװײ שטונדען געהען אַװעק אױף עסען און אױף „רײניגען". האָבענדיג אַרום זיך גראַמאַטי־קעס און װערטער־ביכער, װעלכע איך האָב אױסגעבאָרגט בײ דעם גײסטליכען פון געפענגנים, פערטיעף איך זיך אין שעקספּיערס אַ זאַץ, צוגליעדער יעדעס װאָרט, שטודירענדיג די אָבשטאַמונג פונ'ם װאָרט, זײן אױסבילדונג און אַנאַליזיר דעם אָנהױב און די ענדיגונג פונ'ם װאָרט. אין מאָמענטען געפין איך אַ בעזונדער פאַרגעניגען אין נאָכפאָרשען אַ פּשוט'ען אױסדרוק דורך אַלעם, װאָס די עקזיסטענץ פונ'ם װאָרט האָט דורכגעמאַכט פון זײן ליטױ־נישען אָדער גריכישען אורשפּרונג אָן. אין דער געשיכטע פון די פערשיעדענע דורכגעמאַכטע עפּאָכען זוך איך אױסצוגעפינען דעם פאָלק'ס לײדען און זײנע טראַגעדיעס צוזאַמען מיט דעם שיקזאַל פון דער װעלט. פילאָלאָגיע מיט דעם הינטערגרונד פון געשיכטע פיהרט מיך אַרײן אין די פעלדער פון מיטהאָלאָגיע און רעליגיאָן,

דורך די געדרעהטע וועגען פון מעטאפיזיק און פערשיעדענע פילא־זאפיען, צו ראציאנאליזם און עוואלוציאנס־וויסענשאפט.

פארגעסענדיג וועגען מיין סביבה, שפאציר איך ארום מיט סאקראטען, אנטלויף פון אטהענס מיט דיאגאראס דעם „אטהע־איסט" און הער זיך צו מיט בעגייסטערונג צו דער זיסער פלייטע פון אריאן; אדער צוזאמען מיט סועטאניוס געה איך פערביי די צוועלף צעזארס און וויין צוזאמען מיט די קריגס־געפאנגענע משכנות צום טריאומף פון דער אייביגער שטאדט. אבער ביים סאמע שוועל פון קלעאפאטרא'ס בודואר, דארפענדיג ארייגקומען מיט מארק אנטאניוס, שטויס איך זיך אן אויף דריי ריזיגע שקלא־פען מיט דעם באפעהל:

„איי" 7, הענט אין דער הויך! טרעט ארויס אונטערזוכט צו ווערן!"

טעג לאנג ציטערן מיינע אבגעשוואכטע נערוועז פון דעם שלאג. איך צווינג זיך מיט גוואלד אנצוכאפען דעם פאדים פון מיין לעבען צווישען די גייסטער פון דער פערגאנגענהייט. דאס פלאכע וואסער איז צומישט געווארן און די מיאזמען פון'ם זומפ הויבען זיך צו דער אויבערפלעכע און פילען אן מיין בעכער מיט דער ביטערקייט פון טויט.

די בעפרייאונג פון דעם „אלטען סעם" צוריהרט מיך ביז צום טיפסטען. פיעלע ארעסטאנטען זיינען געקומען און זיינען אוועק זינט איך געפין זיך דא; מיט מאנכע בין איך געקומען בלויז אין האנד־בעריהרונג, בעת זיי זיינען פערביי אין דער פינס־טערניס און זיינען פערשוואונדען, ניט איבערלאזענדיג הינטער זיך קיין סליאד אין מיין עקזיסטענץ. אבער אט דער אלטער פארמער, מיט זיינע שמייכלענדע אויגען און שטענדיגען אפטימיזם, איז מיר געווארען טהייער. ער האט מיט מיר געטהיילט זיינע האפ־נונגען און זיין מורא, האט געטהיילט מיט מיר זיין עקסטרא פאר־ציאן קארן־ברויט און האט געזוכט צו ערמונטערן מיך אויף זיין אייגענעם פראסטען אופן. עס פעהלט מיר זיין אנוועזענהייט. צו־זאמען מיט איהם איז אוועק פון מיר עפעס א שטיקעל פון מיין לעבען, איבערלאזענדיג א פוסטקייט, טרויעריגקייט און שמערצ־

ליכקייט. עס האט זיך מיר געדאכט ווי איך וואלט נאכפאלגען מיין פריינד דורך די טויערן פון געפענגנים, ארויס אין דאס פרייע, אין דעם רייצענדען „דרויסען", אין דעם צויבערליכען קרייז, וואס פארשפרעכט לעבען, פרייד און פרייהייט. ווי א שרעקליכער קאש־מאר פערשווינדען די דונקעלע ווענט, און בלויז א פינסטערער שא־טען באוועגט זיך אין מיין זכרון. די זונן גליהט בריליאנט אין די הימלען, לייכטע וואלקענדלעך שווימען אויף דעם אזשור און זיסע ריחות זיינען אומעטום ארום מיר. די גאנצע בענקשאפט פון מיין נשמה ערהויבט זיך מיט א גוואלטיגער ליידענשאפט און אין פלוצלונגען אנפאל פון שמחה גיב איך זיך א ווארף צו דער ערד, און וויין און קוש זי מיט א הייליגער תפילה...

דאס ליכטעל שמינקעלט, טוקעט זיך און געהט אויס. איך זיץ אין דער פינסטער. שווייגענדיג געהט אויף דער פארהאנג פון דער צייט. פאר מיין בליק שטעלט זיך פאר דער קליינער פלעט אין ניו יארק. דאס מיידעל קומט אהיים; די יוגענד־רויזען פער־בלייכען צווישען די שאטענס פון טויט. בלויז איהרע אויגען גלאנ־צען פעסטער און טיעפער, אן ארויסרופונג בליק אין איהר אומע־טיג געווארענעם פנים. ווי אויף אן אפענעם בלאט לעז איך די יסורים פון איהר געפענגנים־ערפאהרונג, די שארפע ליניען פון ענטשלאסענהייט... פאר מיר צוּוויקלען זיך די פריידען און ליי־דען פון אונזער געמיינשאפטליכער פערגאנגענהייט, און איך לעב ווידער אין דער אלטער אומגעבונג. די אונפארגעסליכע סצענע אין זאקס'ס קאפע איז פאר מיר אזוי בולט. דאס צימער איז קאלט אין דעם נאוועמבערדיגען פארנאכט, ווען איך קעהר צוריק פון דער ארבייט און פארנעהם מיין געוועהנליכען פלאץ. איינער נאך איינעם הויבען אן ארייננקומען די שטענדיגע געסט, און איך בין שוין אריין אין א היציגער דעבאטע מיט צוויי רוסישע אימיג־ראנטען, וואס זיצען ביים טיש אנטקעגען. די טיהר עפענט זיך און עס קומט אריין א יונגע פרוי. שעהן פערפלאכטען, מיט דעם ראבוסטען כח פון יוגענד, צולאזט זי אן אטמאספערע פון קראפט און לעבעדיגקייט. איך וואונדער זיך, ווער קאן דאס זיין די אריינ־געקומענע? פאר די צוויי יאהר וואס איך בין אין דער באוועגונג

איז מיר שוין בעקאנט דער גאנצער פערסאנאל פון די רעוואלוציאנערע קרייזען פון דער מעטראפאל. אבער דאס דאזיגע מיידעל שיינט צו זיין א פרעמדע; איך בין זיכער, אז איך האב זי קיין מאהל פריהער ניט באגעגענט אין אונזערע פערזאמלונגען. איך גיב א ריהר דעם פערבייגעהענדען ווירטה. ער גיט א שמייכעל פארשטעהנדיג מיין פראגע. „איהר ווילט וויסען ווער די יונגע דאמע איז?" — גיט ער א שעפטשע — „איך וועל זעהן, איך וועל זעהען". מאכט זיך גראד אז מיר קומט אויס צו זיצען לעבען איהר טיש. אהן יעדער אנשטרענגונג האלטען מירביידע באלד א געשפרעך ווי אלטע בעקאנטע. און איך ערקונדיג זיך, אז זי האט פערלאזען איהר היים אין ראטשעסטער אום צו אנטלויפען פון דער שטיקענדער פראווינציעלער לופט. זי איז א שניידערין און האפט צו געפינען ארבייט אין ניו יארק. מיר געפעהלט איהר איינפאכע, אפענע פערטרויליכקייט; דאסווארט „געגאסע" אויף איהרע ליפען נעהמט מיך דורך. זי איז אן אונזעריגע, הייסט עס. זייענדיג שטאלץ אויף אונזער באוועגונג, צושפרייט איך זיך וועגען דער טהעטיגקייט פון אונזער קרייז. עס זיינען פאראן זעהר וויכטיגע מיטינגס, וועלכע זי דארף בעזוכען, וועט זיך דארט באגעגנען מיט פיעלע פערזאנען. האסעלמאן גיט א קורס אין סאציאלאגיע; שולצע האלט פרעכטיגע לעקציעס. „האט איהר ווען געהערט מאסט'ן?" — גיב איך איהר פלוצלונג א פראגע — „ניין? א, איהר מוזט געהן הערען אונזער גרויסען אלטען. ער האלט מארגען א פארטראג; וועט איהר מיט מיר געהן?" מיט אונגעדולד ווארט איך אויף דעם מארגענדיגען אבענד און אייל זיך צו קומען אין דער קאפע. דרויסען איז פראסטיג און איך געה דורך די שמאלע פינסטערע גאסען היציג דיסקוטירענדיג מיט „געגאסין ראטשעסטער". די אלטע טראטוארען זיינען אויסגעקרימט און פלעצערווייז גליטשיג. ווען מיר שניידען דורך דילענסי סטריט גליטשט זיך דאס מיידעל אויס און פאלט שיער אום; איך כאפ זי אונטער בעצייטענס אז איהר קאפ זאל זיך ניט אבשלאגען אן די שטיינער. „איהר האט געראטעוועט מיין לעבען" גיט זי צו מיר א שמייכעל און איהרע אויגען טאנצען שטיפעריש... מיט א בעזונדער שטאלץ שטעל איך פאר מיין נייעם פריינד פאר דער

אינטעליגענציא פון דער גהעטא, צווישען די אימיגראנטען פון דער קאלאניע. אך, די פרייד פון לעבען... די גאנצע געשיכטע פון רעוואלוציאנערן רוסלאנד שפיגעלט זיך אב אין אונזערע קרייזען; יעדער שאטירונג פון טעמפעראמענטאלען ניהיליזם און פאליטי־שער אנשויאונג געפינט זיך דא. איך זעה הארטמאנען, ארום וועלכען עס איז אן אטמאספערע פון קאנספיראטיווער געהיימנים; לעבען איהם איז דער וועליקאראסס מיט דער גרויסער בארד אוןברייטען פנים; ער איז פון דעם עלטערן דור פון די נאראדאוואלצעם; און דארט איז שעוויטש, א גרויסע, ברייטע פיגור, דער טיפישער דוואריאנין, וואס האט פער־איינינט זיין גורל מיט דעם פראלעטאריאט. די ליניע צווישען פערשיעדענע גלויבענס איז דא ניט שארף געמערקט אין דער קא־לאניע: קאהאן איז צווישען אונז מיט זיין שטארקער שטימע און שפריצענדיג מיט אגרעסיווער לעבעדיגקייט; זאלאטאראוו, וועמעס בלייכער פנים פון א סטודענט איז בעזונדער לייכטענד; מיללער מיט זיין פאעטישער שעהן־ריידעריי, און זיין ברודער מיט דעם זאנדערבארען נאמען בראנדעס, וועלכער זעהט אוים שווינד־זיכטיג פון זיינע ערפאהרונגען אין אדעסער געפענגנים. טימער־מאן און אלעיניקאוו, רינקע און וויינשטיין — אלע פעראייניגט מיט בעגייסטערונג פאר דער אלגעמיינער זאך. טיפען פון טורגע־ניעוו'ס ווערק און טשערנישעווסקי'ס, פון דאסטאיעווסקי'ס און נעקראסאוו'ס פארקעהרען דא דורך דעם געמיש פון דער ווירק־ליכקייט, אינדיווידואליזירט אין פערשיעדענע שאטירונגען. און נאך אנדערע עלעמענטען זיינען דא אין דער קאלאניע, ארויסגע־שפריצטע פון די שטיל־זידענדע וואסערן פון צארענטום. שאטי־רונגען, וואס זיינען אין פראצעס פון פארמירען זיך, זייענדיג נאך אלץ געקנאטען אינ'ם מולטער פון אלטע טראדיציעס און א נייער סביבה. ווער וויים וואס עס וועט ארויסקומען פון אזא צוזאמענ־גוס, וואס וועט ווען עס איז אויסגעפורעמט ווערן פון דער קינסט־לער־האנד פון א נייעם טורגעניעוו?...

אפט ווערען מיינע שטונדען פון איינצעלהאפט בעלויכטען פון די בילדער פון דער פערגאנגענהייט. מיט די געניסטע איינ־

צעלהייטען לעב איך ווידער דורך די יאָהרען פון בעגייסטערטער פריינדשאַפט, וואָס האָט געהאַלטען דאָס מיידעל, דעם צווילינג און מיך ענג צוזאַמענגעבונדען דורך רעוואָלוציאָנערע בעגייסטערונג און אינטימער פּערזענליכער פריינדשאַפט. ווי פול מיט געשפּאַנט־קייט און מיט רייכע פאַרשפּרעכונגען איז דאָס לעבען דעמאָלט געווען, אין יענע ווייט־פערלאָפענע טעג, ווען נאָך די שווערע, ערנידריגענדע מאַטערענדע שטונדען אין פאַבריק, פלעג איך זיך איילען אַהיים, צו דעם קליינעם צימער אין סופאָלק סטריט. ענג און שמאָל, מיט דעם קליינעם טישעל און איינציגען שטוהל, איז דאָך דער שטייג־עהנליכער שלאָפצימער פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ הייליגער וואָהנונג פונ'ם שיקזאַל וואָס האָלט דאָס גלייב־געוויכט פון דער וועלטס וואָהלזיין. בלויז צוויי פלעגען קאָנען זיצען אויפ'ן בעטעל, דער דריטער אויפ'ן צובראָכענעם ביינקעל. און טאָמער איז עמיצער אריינגעקומען פלעגען מיר שטעהן, אָבער די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט דער גליהענדער האָפנונג פון אונזערע יונגע הערצער אין דעם פעסטען בעוואוסטזיין, אַז מיר איילען צו די טריט פון פאָרטשריט צום גלענצענדען פריה־מאָרגען.

די עראינערונגען פון דעם לעבען „דאָרט דרויסען" פאַרגרע־סערן די יסורים פון איינצעלהאַפט. די געדאַנקען ווערן געמאַ־טערט פון דער נוצלאָזיגקייט פון מיינע ליידען. מיין אויפגאַבע אין לעבען האָט זיך געענדיגט מיט דעם אַ ט ע נ ט אַ ט. וועלכע נוצען קאָן מיין ווייטערער לעבען ברייננגען? מיין פּראָ־פּאַגאַנדיסטישער ווערטה אַלס אַ לעבעדיגער ביישפּיעל פון קלאַ־סען אונגערעכטיגקייט און פּאָליטישער פערפאָלגונג איז ניט גע־נוג וויכטיג, אַז איך זאָל זיין מחויב פון דאָס וועגען צו עקזיסטירן. אַנטלויפען איז אַ זאַך דער אונמעגליכקייט אַזוי לאַנג ווי איך בלייב תמיד הינטער שלאָס און ריגעל, אַ געגענשטאַנד אונטער אַ שטענדיגער שמירה. פערבינדונגען מיט נאָלדן און באַוערן ווערען מיט יעדען טאָג אַלץ שווערער. מיין געזונד ווערט שוואַכער און שוואַכער; קוים וואָס איך געה. וואָס איז די נוצען פון אַזעלכע מאַטערניש און יסורים? וואָס איז די נוצען?...

אין אזעלכע מאמענטען שטעה איך אויף דעם ראנד פון יענער וועלט. עס איז בלויז אבגעלאזענקייט, וואס האלט אן דעם שוואכען פאדים פון לעבען, אדער אפשר איז עס נאטור׳ס געזעץ און דער איינגעבארענער גייסט פון ווידערשטאנד? ווען איך זאל ניט זיין אין דער מאכט פון דעם שונא, וואלט איך גאר אהן שום שהיות אריבערגעטראטען די מחיצה. אבער אלס א פיאנער פון דער הייליגער זאך מוז איך לעבען און קעמפען. אבער לעבען אהן טהעטיגקייט, אהן אינטערעס איז שוידערליך... איך בייגק נאך מיטגעפיהל, נאך צערטליכקייט. מיט א וועהטאג אין הארצען דערמאן איך מיינע קאמראדען, פריינד און דאס מיידעל. אלץ מעהר און מעהר איז מיין מוח פערנומען מיט די צארטע עראינערונגען. איך כאפ זיך אויף ביינאכט מיט א ליידענשאפטליכען באגעהר צו זעהן א זיסען פנים, צו פיהלען א ריהר פון א צארטע האנד. א ווילדער באגעהר פילט אן מיין וועזען נאך די פרויען וואס איך האב געקענט, ווען זיי לויפען פערביי מיין גייסטיגען בליק פון דער צייט אן פון מיין פריהעסטער יוגענד ביז דעם לעצטען קוש פון ווייבערשע ליפען. מיט א ציטער דערמאן איך זיך אן יעדען ליכטיגען בליק און צארטער שפראך. מיין הארץ הויבט אן שטארק צו קלאפען, ווען איך באגעגען די קליינע נאדיא אויפ׳ן וועג אין גימנאזיע, פרעטענדירענדיג אז איך זעה זי ניט. איך גיב זיך א קעהר הנאה צו האבען פון איהרע גאלדיגע לאקען און איך איבערראש זי בעת זי קוקט מיר נאך בגנבה. איך פארגעטער זי ביי זיך אין הארצען, אבער אין דערזעלבער צייט זאג איך זיך שטאלץ אב פון מיין חבר׳ס אנבאט אז ער וועט זי מיר פארשטעלען. ווי נאריש דאס איז פון מיר! און פון דעסטוועגען בין איך גאר ניט אזוי צוריקגעהאלטען, ווען איך ווארט אמאל אין א קאלטען ווינטער אבענד אויף אונזער שכנ׳ס דינסטמיידעל ווען זי וועט דורכגעהן דעם הויף; און ווי אונצערעמאניעל איך כאפ זי ארום! זי איז דאך ניט א ב א ר י ש נ י א, דארף איך מיינע געפיהלען ניט פארשטעלען. און זי איז אזוי פרימיטיוו; זי מאכט מיר פארוואורף, אז איך וויים זאכען, וואס „פאסט גאר ניט פאר א אינגעל" פון מיינע יאהרען. אבער זי קושט מיך ווידער אמאל און עס ערוועקט זיך ליידענשאפט פונ׳ם צערטלען פון דער גרוי־

סער, גראבער האנד... מיין פלאטאנישע געליעבטע פון עלדרידזש סטריט שטעהט פאר מיינע אויגען און עס לעבט אין מיר אויף יעדע ליידענשאפט פון מיינע ערשטע יאהרען אין ניו יארק... און פון דער ניו־הייווען צייט ערשיינט פאר מיר דאס בילד פון ליובא, וואס פערכאפט מיך מיט אזא אונאויסשפרעכענדער בענקשאפט נאך דאס אונדערגרייכבארע. און ווידער לעב איך דורך די ער־פאהרונג פון דער פערגאנגענהייט מיט ליידענשאפטליכער זיכט־בארקייט פון יעדער איינצעלהייט, מיט בילדער, וואס שמייכלען מיין עראטישען געשמאק און וועבען א נעץ פון סעקסועלער רייצ־בארקייט.